STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03183

LEBENS-BESHRAYBUNGEN FUN BERIHMTE MENER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק.

לעבענס-בעשרייבונגען

פון בעריהמטע מענער.

א זאמלונג פון ביאגראפיעס פון די גרעסטע
דענקער, פאעטען און שריפטשטעלער פון
דער אלטער און נייער צייט.

אין דריי בענדער.

באנד I

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.
ניו־יארק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאלטס-פערצייכניס.

	זייטע
לעססינג און מענדעלסאָהן — זייער לעבען און זייער טהע־טיגקייט — — — — — — — — — — — —	1
יצחק בער לעווינזאָהן — זיין ביאָגראפיע, זיינע ספרים, לעבען, שטרעבען און ווירקונג אויף זיין דור און זיינע נאכפאָלגער — — — — — — — — — — — —	187
דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן — זייער לעבען און טהע־טיגקייט אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון גלות שפאַניען — — — — — — — — — — —	263
מעיערבעער — דער אָפּערא־קעניג, זיין לעבען, זיינע אָפּערען און מוזיקאַלישע אויפטואונגען — — — — — — —	329

לעססינג און מענדעלססאהן

זייער לעבען און זייער טהעטיגקייט

פון פיליפּ קראנץ.

אינהאלטס פערצייכנים:

זייטע

לעססינג און מענדעלסאהן, איינלייטונג. 5

לעססינג

קאפיטעל

1 זיין פאמיליע, קינדערשע יאהרען און ערציהונג . . . 13
2 זיין סטודענטישער לעבען און אנפאנג אלס זשורנא־ליסט און דראמאטורג. „דער יונגע געלעהרטער“. . . 19
3 זיין ערשטע רייזע נאך בערלין 25
4 זיין בעקאנטשאפט און צאנקעריי מיט וואלטער'ן. — „דיא אידען“ און דער „פריי־גייסט“ 31
5 זיין שטודירען אין וויטענבערג און קריטישע שריפ־טען אין בערלין.—די טראגעדיע „סארא סאמפסאן“ 39
6 זיין קלעגליכע לאגע אין לייפציג און זיין רייזע אלס קאמפאניאן נאך האלאנד 46
7 זיין לעבען אלס שרייבער אין בערלין און זיין אפ־רייזע נאך ברעסלוי 51
8 זיין לעבען אין ברעסלוי 56
9 „מינא פאן בארנהעלם“ — „לאאוקאאן“ 62
10 „דיא האמבורגער דראמאטורגיע“ 67
11 זיין ליעבע און זיין רייזע נאך איטאליען 71
12 „עמיליע גאלאטי“ און דיא „פראגמענטען“ 75
13 דער טויט פון זיין פרוי און קינד 80
14 „נאטהאן דער ווייזע“ 83
15 זיין טויט און פלאץ אין דער וועלט געשיכטע . . . 98

משה מענדעלססאהן

		זייטע
	איינלייטונג. די לאגע פון אידען אין מענדעלסאָהן'ס צייט.	103
קאפיטעל		
1	מענדעלסאָהן'ס עלטערן און ערציהונג	106
2	מענדעלסאָהן'ס לעבען און לערנען אין בערלין . . .	109
3	מענדעלסאָהן'ס בעקאנטשאפט מיט לעססינג'ן און ערשטע שריפטען	116
"	מענדעלסאָהן אלס קונסט-קריטיקער	123
4	בוכהאלטער און זשורנאליסט	126
5	מענדעלסאָהן און פריעדריך דער גרויסער . . .	129
6	הייראטה — געקרוינט פון דיא בערלינער אקאדעמיע—דאנקבארקייט פון דער בערלינער קהילה	134
7	„פעדאָן"	137
8	דער ויכוח מיט דעם גלח לאפאטער	140
9	גערוועהלט אלס מיטגליעד פון דער בערלינער אקאדעמיע און אויסגעשטריכען פון קעניג—זיין קראנקהייט און רייזע נאך א קור-אָרט	146
10	מענדעלסאָהן און דיא עמאנציפאציאָן. דאהם און מיראבאָ	150
11	דיא איבערזעצונג פון חומש און דיא פערפאסערס פון „ביאור"	160
12	„ירושלים"	168
13	דיא „מאָרגענשטונדען"	179
14	מענדעלסאָהן'ס טויט און לויה	183

לעססינג און מענדעלססאָהן

איינלייטונג.

דיא נעמען פון לעססינג און מענדעלססאָהן זיינען אזוי ענג פערבונדען, אז מען קען ניט ריידען פון איינעם אָהנע צו דערמאָנען דעם אַנדערן. דאָס איז אָבער ניט אזוי צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען געוועזען פריינדע אין דעם בעסטען און שעהנסטען זינען פון דיזען וואָרט, זאָנדערן ווייל זיי האָבען זיך אויך צוזאַמענגעטראָפען אויף דעם זעלבען וועג אין זייער ליטערארישער טהעטיגקייט און האָבען צוזאַמען געקעמפפט פיר אויפקלערונג, פיר השכלה, פיר פרייע קריטיק, פיר פראָגרעס.

עס איז געוועזען א צופאַל, וואָס זיי זיינען גראַדע געבאָרן געוואָרן אין איין יאָהר און וואָס זיי האָבען זיך בעקענט אונטער אונגעפעהר דיא זעלבע אומשטענדען נאָך אַלס יונגע לייט אין בערלין, א צענטער פון דייטשע רענעסאַנס (אויפלעבונג) ארום יענער צייט; אָבער עס איז גאָר קיין צופאַל ניט געוועזען, וואָס דיזע צוויי פרייע גייסטער און מערקווירדיגע כאַראַקטערען זיינען שנעל געוואָרן אינטימע פריינד, ניט אַכטענדיג דערויף וואָס איינער איז געבאָרן געוואָרן א קריסט, איז ערצויגען געוואָרן צו ווערן א פּראָטעסטאַנטישער פריעסטער און איז געוועזען א פייערדיגער, לוסטיגער און שעהנער יונגער מאַן, און דער אַנדערער איז געבאָרן געוואָרן א איד, איז ערצויגען געוואָרן צו ווערן א רב און איז געוועזען א נידערשלאָגענער, איינגעהויקערטער און קרענקליכער יונגער מאַן.

אין יענער צייט, אין דער ערשטער העלפט פון 18־טען יאהר הונדערט, זיינען נאך אידען אבגעטהיילט געווען פון קריסטען דורך דעם מיטעלאלטערליכען אבגרונד פון אבערגלויבען און פאראורטהיילע. מען האט געקוקט אויף אידען, וויא אויף פערשאלטענע, און מען האט זיי געהאלטען איינגעשפארט אין דיא שרעקליכע גהעטאס. אמת, דיא פינסטערסטע צייטען פון מיטעלאלטער זיינען שוין פאריבער; אבער דיא פעסטונגען פון דיא פאראורטהיילע ארום דיא גהעטאס זיינען נאך גאנץ וויניג געריהרט געווארן, טראץ דעם גרויסען פראגרעס זייט דיא רענעסאנס־צייט אין איטאליען און פראנקרייך און טראץ דיא רעפארמאציאן אין דייטשלאנד. דיזע גייסטיגע פעסטונגען האבען מעהר אבגעטהיילט אידען פון קריסטען, וויא אלע אלטע אנטי־אידישע געזעצע, וועלכע זיינען נאך מעהר אדער וויניגער פערבליבען אין קראפט אין אלע אייראפאישע לענדער. פריינדשאפט צווישען א איד און א קריסט איז יעדענפאלס געווען א זעלטענע, מען מעג זאגאר זאגען, אן אונערהערטע זאך אין דייטשלאנד אין אנפאנג פון 18־טען יאהרהונדערט. מען האט טאקע בעדארפט זיין אזא פרייער גייסט, פול מיט פייערדיגען מוטה און קאמפף־לוסט, וויא לעססינג איז געווען זיין גאנצען לעבען, אום ניט נאר זיך צו בעפריינדען מיט אידען, זאנדערן ארויסצוטרעטען אויף דער ביהנע מיט אזא קאמעדיע וויא „דיא אידען" און ענדיגען מיט אזא דראמע וויא „נאטהאן דער ווייזע".

לעססינג איז אלט געווען צוואנציג יאהר, ווען ער האט אנגעשריעבען „דיא אידען", א קאמעדיע, וועלכע האט באלד ארויפגעצויגען אויף איהם דעם צארן פון יודענפיינדע און פינסטערלינגע אין דייטשלאנד. מען דענקט געוועהנליך, אז דיזער פרייעסטער דייטשער זשעני איז געווארן א פריינד פון אידען נאכדעם וויא ער האט זיך בעקאנט מיט דעם ארימען און אויסגעבויגענען מענדעלסאהן, אבער דער אמת איז, אז „דיא יודען" האט ער אנגעשריעבען ווען ער איז געווען אין לייפציג און האט נאך זיין אידישען פריינד אין דיא אויגען ניט געזעהען.

ארומדרעהענדיג זיך אין לייפציג צווישען שוישפילער, וועלכע זיינען דאן בעטראכט געווען אלס א פערשאלטענער קלאס מענשען

און אויף וועלכע מען האט יעדענפאלס געקוקט מיט פעראכטונג אין דייטשלאנד, האט ער אויך קענען געלערנט פיעלע אידען, מייסטענס דיא ארימסטע און אונגליקליכסטע — דיא הויזירער. ער האט שוין דאן געהאט דעם מוטה צו ערקלערן:

„ווען א איד בעטריגט, האט איהם דער קריסט פיליייכט זיעבען מאל פון ביין פעלע געצוואונגען דערצו. איך צווייפעל אויב עס געפינען זיך א סך קריסטען, וואס קענען זיך בעריהמען, אז זיי האבען אויפריכטיג געהאנדעלט מיט א אידען, און נאכדעם וואונדערט איהר זיך נאך, ווען ער צאהלט אייך צוריק מיט דער זעלבער מטבעה? אום טרייהייט און עהרליכקייט זאלען הערשען צווישען צוויי פעלקערשאפטען, מוזען ביידע דערצו גלייך בייטראגען. וויא זאל עס אבער זיין, ווען ביי איינעם איז עס א רעליגיאנס־פונקט און כמעט א מצוה דעם אנדערן צו פערפאלגען?“

פיעלע קריטיקער און בעוואוסטע טהעאלאגען האבען אזוי פעראכטעט און נידריג געהאלטען דאס גאנצע אידישע פאלק, אז זיי האבען זיך אויסגעלאכט פון לעססינג׳ס קאמעדיע און ערקלערט דאס צווישען אידען קען זיך גאר ניט געפינען אזא פערזאן, וויא ער האט עס פארגעשטעלט. נאר אין דער צייט, ווען מען האט איהם אזוי קריטיקירט, האט ער שוין געהאט פאר זיך א פיעל העכערן און בעסערן כאראקטער אין דער פערזאן פון זיין ארימען פריינד מענדעלססאהן, וועמען ער האט שפעטער טהיילווייז אידעאליזירט אין „נאטהאן דער ווייזע“.

ווען „דיא יודען“ האבען דערלעבט צו זעהען דיא ביהנע, און דיא קריטיקער זיינען ארויסגעטראטען געגען דעם עדעלמוטהיגען פערפאסער, האט מענדעלססאהן, וועלכער האט נאך דאן געלעבט וויא אן ארים־בחור, אזוי אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ אין א בריף צו דר. גומפערץ, איינעם פון דיא בעסטע און אויפגעקלערטעסטע אידען אין יענער צייט אין דייטשלאנד:

„דער געדאנקען (אז עס קען גאר ניט געבען אן עהרליכער איד) מאכט מיך רויט. איך בין ניט אין שטאנד אויסצודריקען אלעס וואס איך פיהל. וואס פאר אן ערניעדערונג פאר אונזער אונטערדריקטע נאציאן! וואס פאר איבערטריבענע פעראכטונג! דער קריסטליכער המון האט אונז שוין פון לאנג געהאלטען פאר אויסוואורפען פון דער נאטור, פאר געשווירען פון דער מענשליכער געזעלשאפט. נאר פון גע־

לעהרטע מענשען האָב איך ערוואַרטעט אַ בעסערן אורטהייל. אָבער וואָס פאַר טעות האָב איך געהאַט, ווען איך האָב גערעכענט, אַז יעדער קריסט־ ליכער שריפטשטעלער בעזיצט אַזוי פיעל אויפריכטיגקייט, וויא פיעל ער פאָרדערט פון אַנדערע. וויא קען גאָר אַ מענש, וועלכער האָט אין זיך אַ געפיהל פון וואַהרהייט און עהרליכקייט, אַפּלייקענען אפילו דיא ו ו אַ ה ר ש י י נ ל י כ ק י י ט, דאָס אַ גאַנצע נאַציאָן זאָל קענען אָנצייגען אויף איין איינציגען עהרליכען מיטגליעד ? און דערצו נאָך אַ נאַציאָן, פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען, וויא דער פערפאסער פון „די יודען“ דריקט זיך אויס, אַלע פּראָפעטען און דיא גרעסטע קעניגע ! . . . וואָס פאַר אַ בעליידיגונג ! מיר האָבען שוין גאָר קיין זיטליכקייט ניט ! יעדע שטרעבונג צו טוגענד איז פערשוואונדען אין אונזער פאָלק ! . . . אין דער ווירקליכקייט זיינען געוויסע טוגענ־ דען אַלגעמיינער ביי אידען וויא ביי קריסטען. זאָל מען נאָר נעהמען אין אַנבעטראַכט דעם געוואַלטיגען אָבשיי. וואָס אידען האָבען געגען אַ מאָרדטהאַט. מען וועט ניט קענען ברייגען איין איינציגען ביי־ שפּיעל, דאָס אַ איד האָט ערמאָרדעט אַ מענשען. וויא לייכט איז עס אָבער מאַנכע זאָנכט עהרליכע קריסטען אַוועקצורויבען דעם לעבען ביי אַ נעבענמענשען בלויז פאַר אַ שימפּף־וואָרט ? מען זאָגט, אַז דאָס קומט אוים פייגהייט ביי אידען. גוט ! ו ו ע ן פ י י ג ה י י ט פ ע ר ה י ט מ ע נ ש ע נ ב ל ו ט, ז אָ א י ז פ י י ג ה י י ט אַ ט ו ג ע נ ד.“

לעססינג איז אַרוים אַלס פערטהיידיגער פון אידען ניט בלויז אוים מיטלייד צו אַן אָונגליקליכען און אונטערדריקטען פאָלק, זאָנ־ דערן אויך, ווייל ער האָט איבערהויפּט געקעמפּפט פיר וואַהרהייט, אויפקלעהרונג, מענשליכקייט און פאָרטשריט. ער האָט גאַנץ גוט געפיהלט און פערשטאַנען, דאָס אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט פאָרגעשטעלט דיא אידען העכער, וויא אפילו דיא בעסערע קריס־ טען האָבען עס געקענט צוגעבען, האָט ער דערמיט אויך אַריינגע־ וואָרפען א באָמבע אין דער אַלטער פעסטונג פון פאָראורטהיילע און אבערגלויבען און געעפענט א וועג פאָר דיא פרייע קריטיק, פאַר דעם פרייען גייסט. דיא יודענפראַגע איז ביי איהם געוועזן נאָר א טהייל פון זיין אַלגעמיינעם קאַמפּף פיר אויפקלעהרונג—א קאַמפּף וועלכען ער האָט געפיהרט מיט העלדענמוטה און זעלבסטאויפּ־ אָפּפערונג ניט נאָר אין רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, זאָנדערן אויך אין ליטעראַטור און קונסט.

אין דיזער בעציהונג האט ער זיך בעזאנדערס שטארק אונטערשיידעט פון זיין אידישען פריינד. עס איז ריכטיג, אז מענדעלססאהן האט ארויסגערופען א גרויסע גייסטיגע בעוועגונג צווישען אידען; מען קען איהם רעכענען פאר דעם פאטער פון השכלה ביי אידען, אבער דאס איז געקומען ניט דורך דעם, ווייל ער איז געווען פון דער נאטור א מוטהיגער קעמפפער, זאנדערן אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען, וועגען װעלכע עס וועט דיא רעדע זיין אין זיין לעבענסבעשרייבונג. ניט אלע מאל האט ער אפילו געהאט דעם מוטה צו זאגען אפען זיינע מיינונגען, ווען ער איז צוגעשפארט געווארן צו דער וואנד פון דיא געגנער, ווען ער האט געמוזט ארויסטרעטען אלס פערטהיידיגער פון יודענטהום געגען קריסטענטהום, וויא אויך אלס פילאזאף געגען דיא אידישע געגנער פון השכלה. לעססינג אבער איז אליין געקראכען אין פייער, ער האט זיך ניט געשראקען פאר זיין אייגענע הויט און האט געשליידערט זיינע שארפע פיילען רעכטס און לינקס אין דיא רייהען פון רעאקציאנערען און פינסטערלינגע. איהם האט קיינער ניט בעדארפט אונטעריאגען, אויפמונטערן צום קאמפף — זיין פרייער און מוטהיגער גייסט האט איהם געטריבען בעגעגען דעם שונא אויף דער גאנצער ליניע פון אטאקע: אין פילאזאפיע אזוי וויא אין פאעזיע, אין רעליגיאן וויא אין קונסט־קריטיק, אין ליטעראטור וויא אין טהעאטער.

לעססינג איז געווען א טיעפער דענקער, א גרויסער דיכטער, א גרויסער געלעהרטער, א מוטהיגער און ערהאבענער קריטיקער און אזא גייסטרייכער שרייבער, וואס א גלייכען צו איהם איז שווער צו געפינען אין דייטשלאנד. זיין אונערזעטליכע דורשט צו קענטנים האט איהם נאך אלס אינגעל געיאגט צו לערנען וואס מעהר און זיך צוווארפען אויף אלע זייטען. ער האט שטודירט פילאזאפיע מיט אזא חשק וויא דיא גריכישע און לאטיינישע קלאסיקער, טהעאלאגיע וויא דייטשע ליטעראטור, פאעזיע וויא פרעמדע שפראכען. ער איז דארום אויך געווען איינער פון דיא בעלעזענסטע און געבילדעסטע מענשען פון זיין צייט.

דאס איז געווען א גייסטיגער ריעז, איינער פון דיא אלוועלט־

ליבע זשעניעז, וועלכע ווערען אזוי זעלטען געבארן און וועלכע האַבען א גרויסען איינפלוס אויף דיא ענטוויקלונג פון דער גאנצער מענשהייט. ער איז זיכער געשטאנען מיט עטליכע קעפּ העכער פאר זיין אידישען פריינד. מענדעלסאָהן, וועלכער האט איינפאך פערגעטערט זיין קריסטליכען פריינד, האט עס אליין גרויסמוטהיג אנערקענט. נאטירליך, מענדעלסאָהן האט געהאט א טהייערע קאפּ אויף זיינע שוואכע און אויסגעבויגענע פּלייצעס און איז געווען א טיעפער דענקער מיט אן ערדעלער נשמה; אבער מען מעג צווייפלען, אויב ער וואלט דערגרייכט צו אזא הויכע שטופע און אזוי בעריהמט געווארן אין דער וועלט אָהן לעססינג'ס אויפמונטערונג און איינפלוס. לעססינג האט געעפענט א וועג פאר דעם פערפאסער פון „פעדאָן" ניט נור דערמיט, וואס ער האט איהם אויפגעמונטערט צו שרייבען, פערדיכט זיינע גרייזען אין דער דייטשער שפּראך און גלייך געלאזט פערעפענטליכען זיין ערשטע שריפט, זאנדערן אויך ווייל מיט זיין גאנצע ליטעראַרישע טהעטיגקייט האט ער אויסגעלעגט א וועג פאר אידישע טאלענטען אין דער דייטשער ליטעראטור.

צוליעב דעם פערנעהמט אויך לעססינג א זעהר וויכטיגען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק. זיכער איז עס, אז קיין קריסט האט ניט געשפּיעלט אזא גרויסע ראלע וויא ער אין דער אידישער השכלה, דירעקט דורך זיינע אייגענע פּאָעטישע און קריטישע ווערק און אינדירעקט דורך זיין ווירקונג אויף דעם אלגעמיינען גייסטיגען פּראָגרעס, אויף דיא דייטשע ליטעראַטור און אויף מענדעלסאָהן'ס טהעטיגקייט.

„עס איז געווען א וויכטיגער מאָמענט, ווען דיא צוויי יונגע לייט, מענדעלסאָהן און לעססינג, האבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, שרייבט פּראָפעסאָר גרעטץ אין „דער געשיכטע פון אידען". וויא נאר זיי האבען געשלאָסען בעקאַנטשאַפט, האבען זיי אָנגעפאַנגען צו רעספּעקטירען און צו ליעבען איינער דעם אַנדערן. מענדעלסאָהן האט בעוואונדערט אין זיין קריסטליכען פריינד דיא לעבהאַפטיגקייט, דעם מוטה און זעלבסטענע בילדונג, דעם שטאַרקען און רייכען גייסט און אויך דיא קראַפט, וועלכע האַט איהם געמאַכט פעהיג צו טראָגען א נייע וועלט אויף זיינע ברייטע פּלייצעס; און לעססינג האט בעוואונדערט אין זיין אידישען

פריינד דיא ערהאַבענהייט פון געדאַנקען, דיא שטרעבונג צו וואַהר־ הייט און דיא פעסטקייט פון כאַראַקטער, וועלכע איז בעגרינדעט אויף אַ מאָראַלע נאַטור. לעססינג האָט געדיינקט, אַז מענדעלסזאָהן וועט „זיין אַ צווייטער ספּינאָזאַ, וואָס וועט ברייגגען עהרע זיין פאָלק“. מענדעלס־ סאָהן איז איינפאַך בעצויבערט געוועזען פון לעססינג׳ס פריינדשאַפט. ער האָט צוגעגעבען, אַז לעססינג׳ס אַ פריינדליכער בליק האָט געהאַט אַזאַ מאַכט אויף זיין גייסט, אַז אַלע זיינע זאָרגען פלעגען פערשווינדען. זיי האָבען געווירקט אייבער אויף דעם אַנדערן. לעססינג האָט ער־ וועקט אין זיין אידישען פריינד אַן אינטערעס צו שעהנע פאָרמען, צו פּאָעזי, פיינע ליטעראַטור, עסטהעטיק און קונסט ; דער לעצטער האָט דערפאַר געפיהרט זיין קריסטליכען פריינד צו ערנסטע פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען . . . . דיא טרייבקראַפט, וואָס מענדעלסזאָהן האָט גע־ קראָגען פון לעססינג׳ן, איז געוועזען אויסעראָרדענטליך פאַר איהם און פאַר דיא אידען. אָהן איבערטרייבונג קען מען זאָגען, אַז לעססינג׳ס איינפלוס איז געוועזען גרעסער אין דער פעראַדעלונג פון אידישען פאָלק, וויא אין דער ערהויבונג פון דייטשען פאָלק, ווייל דיא אידען זיינען געוועזען זשעדנער צו שטודירען און מעהר עמפּפינדליך צו קולטור. אַלעס וואָס מענדעלסזאָהן האָט געוואונען דורך זיין פערקעהר מיט לעססינג׳ן האָט געבראַכט נוצען דעם יודאַאיזמוס.“

מיר ווילען יעצט איבערגיין צו דער בעשרייבונג פון דעם לעבען און טהעטיגקייט פון דיעזע צוויי גרויסע מענער און פריינד. צוערשט ווילען מיר געבען דיא לעבענסבעשרייבונג פון דעם גע־ ניאלען דייטשען דיכטער און קריטיקער, ווייל ער פערנעהמט אַ העכערען און וויכטיגערען פּלאַטץ אין דער וועלט־געשיכטע, וויא זיין אידישער פריינד.

לעססינג

ערשטער קאפיטעל.

זיין פאמיליע, קינדערשע יאהרען און ערציהונג.

גאטטהאלד אפרים לעססינג איז געבארן געווארן דעם 22טען יאנואר 1729 יאהר אין דער שטאדט קאמענץ, וועלכע געפינט זיך אין דעם טהייל פון זאקסען, וואו עס זיינען ביז יעצט פערבליבען א טהייל פון דער אמאליגער סלאווישער בעפעלקערונג. וויא בעקאנט, האבען אין דיא מזרח־טהיילען פון דייטשלאנד געוואהנט א כך סלאווישע שטאמען, וועלכע זיינען ביסלעכווייז גערמאניזירט געווארן. אין דער צייט, ווען לעססינג איז געבארן געווארן, זיינען נאך גאנצע געגענדען בעזעצט געוועזן פון סלאווען, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען ווענדען. מען רעכענט אז זיינע עלטערן האבען געשטאמט פון דיא ווענדען. דערויף צייגט אויך אן זייער נאמען לעססיק, וועלכער איז שפעטער געענדערט געווארן אין לעססינג און וועלכער שטאמט פון דעם סלאווישען ווארט „לעסניק“ (ווואלדמעסטער). איינינגע דייטשע ביאגראפען פון דעם פערפאסער פון „נאטהאן דער וויזע“ האבען זיך געסטארעט צו בעווייזען, אז אפילו זיינע אורעלטערן זיינען געוועזן ריינע דייטשען, אהן אירגענד וועלכע בלוטמישונג מיט סלאווען, אבער דאס זיינען בויך־סברות, וועלכע זיינען נאר ארויסגערופען געווארן דורך אן ענגהערציגען נאציאנאליזמוס, דורך דיא פיינדשאפט פון דייטשען צו סלאווען. אבוואהל לעססינג'ס אורעלטערן זיינען גערמאניזירט געווארן נאך וויינינגסטענס מיט 150 יאהר פאר זיין געבורט, דאך פערדריסט עס פיעלע דייטשען, ווען זיי לעזען, אז זיין משפחה, קען זיין, איז אמאל געוועזן א סלאווישע.

פון דער אנדער זייט האבען זיך געפונען אזעלכע פערביסענע אנטיסעמיטען, וועלכע האבען זיך אנגעשטרענגט צו בעווייזען, אז וויינינגסטענס איינער פון זיינע אור־עלטערן איז געווען א איד. דאס האבען זיי געטאהן מיט דעם צוועק צו בעווייזען, אז זיין הייסע סימפאטהיע צו אידען איז ניט געקומען דורך זיין ליעבע צו דער מענשהייט איבערהויפט, זאנדערן וויל אין זיינע אדערן האט אויך געפלאסען אידישע בלוט.

יעדענפאלס, ווען מען זאל אנעהמען, אז זיינע אורעלטערן זיי־נען מיט יאהרהונדערטע צוריק געווען ווענדען, וואס עס איז וואהרשיינליך, איז עס אבער זיכער, אז נאך מיט דריי דורות פאר איהם זיינען שוין אייניגע מיטגליעדער פון זיין משפחה געווען לו־טעראנישע גייסטליכע. זיין זיידע איז געווען א בעוואוסטער דייט־שער פעדאגאג און פראטעסטאנטישער פאסטאר, וועלכער האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט דערמיט, וואס ער האט אנגעשריעבען א דיסערטאציע צו גונסטען פון רעליגיעזע פרייהייט — א זעלטענע ערשיינונג אין יענער צייט. זיין פאטער האט זיך פערשאפט א נא־מען אלס א געלערנטער פאסטאר, וואס האט ניט נאר פיעל שטו־דירט פילאזאפיע און טהעאלאגיע, זאנדערן אויך אריענטאלישע שפראכען, פראנצויזיש און ענגליש. ער האט זיך געקליבען צו זיין א פראפעסאר פון טהעאלאגיע אין וויטענבערגער אוניווערזיטעט, נאר ער האט זיך אבגעזאגט דערפון, ווען מען האט איהם איינגע־לאדען אלס פרעדיגער אין זיין געבורטסשטאדט קאמענץ.

זיינע קינדער האט ער געגעבען דיא בעסטע ערציהונג נאך זיינע מיטעל. ער איז אבער געבענשט געווארען מיט צעהן זיהן און אייז טאכטער, און אזוי וויא זיינע פערדיענסטען אלס גייסטליכער אין א קליינער שטעדטעל זיינען געווען גאנץ קליינע, האט דיא פאמיליע געלעבט אין דחקות. גאטטהאלד אפרים איז געווען זיין צווייטער זוהן. נאך אלס קינד האט ער ארויסגעצייגט זעלטענע פעהיגקייטען. זיין מוטער, א גאנץ איינפאכע פרוי און פרומע לוטעראנקע, האט שטרענג אויפגעפאסט איהרע קינדער זאלען זיין גוט און פרום. מען האט לעססינגען געצוואונגען צו זאגען תפילות, ווען ער האט נאך קוים געקענט אויסריידען דיא ווערטער. אויך האט מען איהם פריה־

צייטיג אָנגעפאנגען צו לערנען לעזען דעם פּראָטעסטאנטישען קאַטעכיזים. ווען ער איז אַלט געווען 5 יאָהר, האָט ער שוין געקענט לעזען דיא ביבעל.

דיא עלטערן האָבען געשטרעבט, אז ער זאָל ווערן א גוטער און געלערנטער פּאַסטאָר. צו דיעזען צוועק האָט דער פאָטער איהם גלייך אָנגעפאנגען צו שטאָפּען מיט רעליגיעזע ביכער גראדע וויא מען טהוט עס מיט אידישע אינגלעך אין חדר. דער פערפאסער פון „נאטהאן דער ווייזע" האָט אויף דיעזער ווייזע געקראָגען אזא שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג וויא זיין אידישער פריינד. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט מען איהם אויך געגעבען וועלטליכע בילדונג. דער פאָטער האָט איהם צוגעגרייט צו א סעמינאריע. מען האָט אויך געדונגען פאר איהם א לעהרער פון מאלעריי, ווייל ער האָט ארויסגעצייגט פעהיגקייטען צום צייכנען.

אין 1741 איז לעססינג ענדליך אָנגענומען געוואָרען אין דער בעוואוסטער סעמינאריע ארפאנעאום אלס סטיפענדיאט. זיין פאָטער האָט עטליכע יאהר געוואַרט אויף דיעזע געלעגענהייט צו געבען איהם דיא מעגליכקייט צו ווערן מיט דער צייט א געלערנטער גייסטליכער. ער איז ניט געווען אין שטאנד אויפצוהאלטען זיין זוהן אין א סעמינאריע און ער האָט דארום אָנגעפאנגען צו בעטען דעם קורפירסט פון זאקסען און דעם דירעקטאָר פון „ארפאנעאום" וועגען א סטיפענדיע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אזוי גוט צוגעגרייט זיין זוהן אז צו 8 יאָהר האָט ער אויסגעהאלטען דעם קאָנקורס־עקזאמען בעסער וויא פיעלע אנדערע עלטערע שילער.

דער „ארפאנעאום" איז דאַן געווען איינע פון דיא עלטעסטע און בעסטע שולען אין זאקסען. דיא שילער האָט מען געגעבען אזא בילדונג, וועלכע מען האָט געהאלטען נייטיג פאר גייסטליכע. דיא איינפיהרונגען זיינען געווען זעהר שטרענגע. דיא שילער האָבען געמוזט אויפשטיין האלב נאָך פינף אין דער פריה און זיך ארומוואשען לעבען א ברונען. יעדען זאָנטאג האָבען זיי געמוזט אָבזיצען 8 שטונדען אין קירכע. זעהר זעלטען האָט מען זיי ערלויבט ארויסצוגיין אויף דער ווייסער וועלט. געשפּייזט האָט מען זיי זעהר שלעכט. דיא לעהרע איז מייסטענס בעשטאנען אין לאטיין און גריכיש. אפילו

דיא ביבעל און לוטער׳ס קאטעכיזים האָט מען שטודירט אין לאַטיין. פילאָזאָפיע און בעזאָנדערס דיא פראַנצויזישע שפּראַך האָט מען בעטראַכטעט פאַר אַן אַפּיקורסות.

אין אַזאַ שולע און אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט זיך לעססינג געפיהלט זעהר ענג און שלעכט. ער האָט נאָכהער געשריעבען, דאָס זיצענדיג אויף דער שול־באַנק האָט ער שוין פערשטאַנען, וויא פיעל נוצלאָזע זאַכען מען לערנט אין שולען. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פלייס, שאַרפען פערשטאַנד און אַ זעלטענעם זכרון, אָבער, נאָך דיא בעריכטען פון דיא לעהרערס, האָט ער אויך אַרויסגעוויזען „חוצפה און עקשנות“. זעהר שנעל האָט ער אָנגעפאַנגען צו לעזען דיא בעסטע גריכישע ווערק, וועלכע זיינען איהם בעזאָנדערס געפעלען געוואָרען, און אונטער זייער איינפלוס האָט ער אויך אָנגעפאַנגען צו שרייבען געדיכטען און דראַמאַטישע סצענען. אייניגע פון דיא לעהרערס זיינען געווען פרייערע מענשען, בעזאָנדערס דער לעהרער פון מאַטהעמאַטיק, וועלכער האָט זעהר גוט געווירקט אויף דעם פלייסיגען און פעהיגען שילער. דיעזער לעהרער פלעגט זאָגען, אַז „אַ געלעהרטער וואָס קען ניט מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע, ווייס ניט מעהר פון אַן עם־הארץ“. לעססינג האָט דאָרום אויך אָנגעפאַנגען צו שטודירען מאַטהעמאַטיק.

ווען ער איז אָפּגעווען אַ יאָהר צוויי אין דיזער סעמינאַריע, האָט ער געשיקט צום געבורטסטאָג פון זיין פאָטער אַ בעגריסונגס־שריפט אונטער דעם נאָמען „איבער דיא גלייכהייט פון איין יאָהר צום אַנדערן“. דער 14־יעהריגער פּערפאַסער האָט שוין דאַן אַרויסגעוויזען אַ זעלטענעם שריפטשטעלערישען טאַלאַנט. דיעזע שריפט איז געווען אַ לעבהאַפטע אַנטוואָרט אויף זיין פאָטער׳ס שטענדיגע קלאָגען, דאָס דיא וועלט ווערט מיט יעדען יאָהר ערגער. דער יונגער פילאָזאָף האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון און ערקלערט אַזאַ מיינונג פאַר אַ „קינדערשען פאָראורטהייל“. „דיא גאָלדענע אַלטע צייטען, האָט ער מיט היץ געשריעבען, איז נאָר אַן איינבילדונג. וויא קען מען גאָר גלויבען, אַז טיעפע אונוויסענהייט, גראָבע לעבענספיהרונגען, ווילדע זיטען, אונבעאַרבייטע פעלדער און גערטנער, נאַקעטע קערפּערס, קלעגליכע הייזלעך און היילען, רויהע

און שלעכטע שפייז זאלען זיין דיא אמת'ע צייכענס פון דער גליק־ליכסטער צייט ?!"

צוויי יאהר נאכדעם האט ער אנגעפאנגען צו באמבארדירען זיין פאטער מיט ביטעס איהם ארויסצונעהמען פון דער סעמינאריע, וואו ער האט זיך איינפאך קיין ארט ניט געקענט געפינען. זיין פרייער גייסט, וועלכער האט זיך אלץ מעהר ענטוויקעלט אין איהם, האט איהם געיאגט הרויסען, אין דיא גרויסע און ברייטע וועלט. ער האט שוין געקענט דיא גאנצע טרוקענע לאטיינישע תורה פון דער סעמינאריע און ער האט ניט געקענט קוקען אהן עקעל אויף דיא שול־ביכער. זיין פראטעקכט געגען דיא לעהרנונג פון דער סע־מינאריע האט ער אויך אויסגעדריקט אין זיין ערשטע דראמאטישע ווערק, אין זיין בעריהמטע קאמעדיע „דער יונגער געלעהרטער." וועגען דיזע קאמעדיע האט ער שפעטער געשריעבען: „דאס איז געוועזען דער איינציגער סארט נאראנים וואס זיינען מיר דאן בעקאנט געוועזען. איך בין אויסגעוואקסען צווישען דיזען שימעל. איז עס דען ניט נאטירליך, דאס מיין ערשטע סאטירע איז ארויס געגען דיעזע דומקעפף ?"

אין דעם זעלבען 1645 יאהר, ווען ער האט אנגעפאנגען אפצו־לאכען פון דיא דאמאלדיגע יונגע געלעהרטע, וואס זייערע קעפ זיינען אנגעשטאפט געוועזען מיט אלטע לאטיינישע און גריכישע ווערק, אהן שום שייכות צום פראקטישען לעבען, האט עס אויך געטראפען, אז דיא גאנצע סעמינאריע איז פערכאפט געווארן פון דיא פריסישע סאלדאטען, וועלכע האבען זיך דאן אריינגעריסען אין זאקסען אויף דעם בעפעהל פון פריעדריך דעם גרויסען. דיא מלחמה צווישען עסטרייך און פרייסען האט זיך אבגערופען אויף דער שלעפעריגער שטעטעל, וואו דיא סעמינאריע האט זיך געפונען, נאר דיא פרייסען, וועלכע האבען בעראבעוועט דיא לעהרער און ארויפגעיאגט א שרעק אויף אלע איינוואהנער, האבען ניט געריהרט דיא שולע זעלבסט. דיא שילער האבען נאר געהאט א געלעגענהייט צו זעהען א ביסעל וואס מלחמה איז. נאך דיזער אונגעוועהנליכער קאבערייע איז לעססינג פעסטער צוגעשטאנען צו זיין פאטער איהם צו בעפרייען פון דער סעמינאריע. דער פאטער האט אבער נאכ־

נעגעבען דיא ביטעס פון זיין זוהן, ווען ער האט געפראגען פון דירעקטאר אין אנטווארט, אז לעססינג קען שוין דיא גאנצע תורה פון דער סעמינאריע. דער דירעקטאר האט זיך אזוי אויסגעדריקט וועגען איהם: „דאס איז א פערדעל וואס פארדעט א דאפעלטע פארציע. דיא לעקציאנען, וואס זיינען שווער פאר אנדערע, זיינען פאר איהם לייכט וויא א פעדערל.“

אין 1646 איז לעססינג ענדליך ארויס פון דער סעמינאריע. זיין פאטער איז געוועזן איבערצייגט אז ער וועט ווערן א בעריהמטער גייסטליכער; אבער דער 17־יעהריגער פערפאסער פון „יונגען געלעהרטען“ האט נאך געטרוימט פון דער ביהנע.

צווייטער קאפיטעל.

זיין סטודענטישער לעבען און אנפאנג אלס זשורנאליסט און דראמאטורג. „דער יונגע געלעהרטע".

אין לייפציג וואו לעססינג האט אנגעפאנגען צו שטודירען אין אוניווערזיטעט, האט זיך פאר איהם געעפענט א נייע וועלט. זיין פאטער האט אויסגעפיהרט, אז זיין געבורטדשטאדט זאל איהם געבען א סטיפענדיע. דארום האט לעססינג געקענט רוהיג שטודירען. נאר באלד האט ער זיך איבערצייגט, אז ער איז ניט געשאפען געווארן צו זיין א גייסטליכער אדער אפילו א פראפעסאר. וואס מעהר ער האט נאכגעטראכט וועגען זיין צוקונפט, איז איהם אלץ קלארער געווארען, דאס ער מוז זיך אויסקלייבען עפעס א וועג אין דער וועלט פון ליטעראטור און קונסט.

ער האט דיא ערשטע צייט פון דעסטוועגען געלערנט גאנץ פלייסיג. בעזאנדערס האבען איהם צוגעצויגען דיא לעקציעס פון צוויי פראפעסארען. איינער האט זיך אויסגעצייכענט אלס קענער פון דער נייער ליטעראטור און דער צווייטער איז בעריהמט געווען מיט זיינע קענטניסע אין דער רוימישער געשיכטע און גריכישער פאעזיע. ווען לעססינג איז נאך געווען אין דער סעמינאריע, האבען דיא לעהרער בעמערקט זיין נייגונג צו לערנען זייטיגע געגענשטאנדען, צו שטודירען ניט פיר א קאריערע, נאר אום וואס מעהר צו וויסען. זיי האבען איהם דערפאר געשטראפט און גע'טענה'ט, אז ער צו־ווארפט זיך אויף אלע זייטען און שטעלט זיך ניט אפ אויף דיא געגענשטאנדען, וועלכע זיינען בעזאנדערס נייטיג פאר א גייסטליכען. יעצט, ווען ער האט געהאט מעהר פרייהייט, האט ער זיך בעזאנדערס א נעהם געטאן צו לעבעדיגע שפראכען און צום טהעאטער. ער האט אויך בעשלאסען צו לערנען דיא מענשען און זייערע פיהרונגען ניט נאך ביכער, זאנדערן דורך בעקאנשאפט מיט פערטרעטער פון פערשיעדענע קלאסען און מיט זייער טאג־טעגליכען לעבען.

אום זיך אביסעל אויסצומענשלען, וויא ער האט געזאגט, האט ער אנגעפאנגען אויך צו לערנען רייטען, פעכטען און טאנצען. אין א קורצע צייט האט ער אין דיעזע קונסטען געמאכט אזעלכע פארט־שריטע, דאס ער האט ערשטוינט זיינע וועלטליכע חברים. ער איז אזוי געווארן א גאנצער קאוואליער און האט זיך שוין ניט געשעהמט צו צייגען זיך אין געזעלשאפטען וויא פריהער. בעזאנדערס האט ער בעזוכט טהעאטערס; זיי האבען איהם געצויגען וויא א מאגנעט.

גראדע האט זיך דאן געפונען אין לייפציג דיא טרופע פון דער טאלענטפאלער שוישפיעלערין נויבער. דיא דייטשע ביהנע איז דאן געשטאנען אויף א זעהר ניעדריגע שטופע. אין דיא גרעסטע טהע־אטערס האט מען געשפיעלט פראנצויזישע שטיקער אדער אזעלכע דייטשע שטיקער, וועלכע האבען שקלאוויש נאכגעאהמט דיא פראנ־צויזען. עכטע דייטשע דראמען און קאמעדיעס האבען דאן כמעט ניט עקזיסטירט. נאר לעססינג וועלכער איז אויך געווען א רעפאר־מאטאר פון דער דייטשער שפראך, האט באלד געשאפען א ריינע דייטשע קאמעדיע. דאס איז געווען זיין „יונגער געלעהרטער".

צוערשט איז ער ארויסגעטראטען אלס זשורנאליסט און פעליע־טאניסט אין א קליינער צייטונג, וועלכע איז געגרינדעט געווארן פון איינעם פון זיינע יונגע פריינד. דארטען האט ער אפגעדרוקט זיינע ערשטע געדיכטען, קאמישע קופלעטען, ערצעהלונגען און אויך א קליינע קאמעדיע, וועלכע איז געווען אזוי שוואך, דאס קיינער וואלט ניט געקענט פאראויס זאגען אין איהם דעם פערפאסער פון „מינא פאן בארנהעלם", „עמיליא גאלאטי", „נאטהאן דער וויזע" א. ז. וו. ער איז אויך דאן געווארן א קריטיקער. זיינע ערשטע פיילען האט ער א לאז געטאן אויף קלאפשטאק'ס „מעסיאדע". דיעזען קלאפ־שטאק האט מען דאן בעשאטען מיט שבחים און ערקלערט פאר א זשעני. לעססינג האט זיך אויסגעלאכט פון איהם מיט זיין ווערק וועלכע איז געשריעבען געווארן נאך דעם אלטען מוסטער מיט הויך־קלינגענדע פראזען. „ווער לויבט ניט קלאפשטאק'ן? נאר וויא פיעל לעזען איהם? האט לעססינג געפרעגט. ניין, מיר ווילען, אז מען זאל אונז ווייניגער לויבען און מעהר לעזען". ער האט זיך גאר ניט גע־שראקען צו אטאקירען אזא פערשריענע גרויסקייט און ערקלערען, אז

יענעם'ס ליעדער זיינען גלייך צום געזאנג פון זשאבעס אין בלאטע.

אלעס וואס ער פלעגט פערדיענען פון זיין שרייבען אין ציימונ־גען, פלעגט ער אויסגעבען אויף גיין אין טהעאטערס. מען רעכענט, אז צו דער צייט איז ער אזוי פערקאכט געווען אין דער דראמאטישער קונסט, דאס ער האט געוועלט ווערן א שוישפיעלער. אין דער זעלבער צייט האט ער אבער פלייסיג שטודירט אין אוניווערזיטעט, בעזאנ־דערס נאטור וויסענשאפטען און פילאזאפיע. ער האט אלץ ניט גע־וואוסט, וואס פאר א פראפעסיאן זיך אויסצוקלייבען. פון איין זייט האבען איהם געצויגען וויסענשאפטען, אז ער האט זאגאר גערעכענט צו שטודירען מעדיצין; פון דער אנדער זייט האט ער זיך געריסען צו ליטעראטור, קונסט און טהעאטער. צוזאמען מיט א געוויסען ווייסע, איינעם פון זיינע נעהענטסטע פריינד, האט ער אויך גענומען איבערזעצען פראנצויזישע און ענגלישע דראמעס, בלויז מיט דעם צוועק צו קריגען אומזיסט א גוטען זיץ אין טהעאטער.

זיין ערויסטרעטען אלס פערפאסער פון אן עכט דייטשע שטיק איז פארגעקומען אויף פאלגענדען אופן: איין אבענד אין 1747 האט ער זיך אין א געזעלשאפט אויסגעלאכט פון א קאמעדיע, וועלכע אלע האבען געלויבט. ווען מען האט איהם געזאגט, אז עס איז לייכטער צו קריטיקירען אנדערע וויא עפעס אליין צו פערפאסען, האט ער אויסגערופען: „איך וועל אייך צייגען, אז איך קען בעסער אנשרייבען!"

גלייך נאכדעם האט ער אנגעפאנגען נאכצוזוכען זיינע פריה־ערע שריפטען און צו טראכטען וועגען א פאסענדען סיוזשעט. ווען ער האט איבערגעלעזען זיין שריפט וועגען דעם „יונגען גע־לעהרטען," וואס ער האט אנגעשריבען זייענדיג אין דער סעמי־נאריע, האט ער זיך אנגעכאפט אן דעם פאר זיין פערשפראכענע קאמעדיע. גראדע האט עס געטראפען, אז דיא בערלינער אקאַ־דעמיע פון וויסענשאפטען האט געהאט צו בעשטימען דעם זעלבען יאהר א פרייז פאר דיא בעסטע אבהאנדלונג איבער א געוויסען פונקט (דיא זאָ־גענאנטע „מאנאדען") פון לייבניץ'ס פילאזאפיע. איינער פון דיא יונגע געלעהרטע אין לייפציג, וועלכער האט אויך געשיקט אן אבהאנדלונג נאך בערלין, האט זיך איבעראל פארויס

בעריהמט, אַז ער וועט זיכער קריעגען דעם בעשטימטען פּרייז, אָבער ער איז זעהר מיאוס דורכגעפאַלען.

לעססינג האָט זיך בענוצט מיט דיעזען פאַל זעהר געשיקט און גייסטרייך אין זיין קאָמעדיע דער „יונגער געלעהרטער“, אום צו מאַכען חוזק פון דער דאַמאָליגער סיסטעם פון בילדונג אין דייטשלאַנד. טהיילווייז האָט ער אָבגעמאָלען זיך זעלבסט און זיין פאָטער, ארויסשטעלענדיג נאָר דיא קאָמישע זייטען פון זייער לאַטיינישער לערנונג.

דאַמיס, דער העלד פון דער קאָמעדיע איז אַ יונגער מאַן, וואָס זיין קאָפּ איז נאָר אָנגעשטאָפּט מיט לאַטיינישע און גריכישע ביכער, וועלכע ער האָט זיין גאַנצען לעבען שטודירט אין פערשיעדענע שולען. מעהר וויא דיעזע אַלטע תורה, וועלכע האָט קיין שייכות מיט דעם פּראַקטישען לעבען, קען ער ניט, און ער איז אין דער גרויסער וועלט וויא אַ קליין קינד. אַפילו זיין נאַרישער דיענער פיהרט איהם פאַר׳ן נאָז. ווען ער שרייבט אַ מגילה צו קריעגען דעם פּרייז פון דער בערלינער אַקאַדעמיע, רעכענט ער אויס וואָס יעדערער פון דיא גריכישע און רוימישע פילאָזאָפען האָט געזאָגט וועגען דעם וואָרט „מאָנאַדען“ און מיינט אַז דערמיט האָט ער געשאַפען אַ גענ׳אַלעם ווערק, מיט וועלכע ער וועט איבערראַשען דיא גאַנצע וועלט. דיא נאַטור האָט איהם בעשאָנקען מיט גוטע פעהיגקייטען און אויך מיט אַ קלאָרען פערשטאַנד; אָבער אין דער שולע איז זיין קאָפּ אַזוי צודולט געוואָרען פון דיא גריכישע לאַטיינישע ביכער, אַז ער ווערט איינפאַך אַן אידיאָט אין לעבען און פערשטעהט זאָגאָר ניט, וואס דיא בערלינער אַקאַדעמיע האט פערלאַנגט, ווען זיא האָט בעשטימט איהר פּרייז.

ווען ער קריעגט פון זיין פריינד אין בערלין אַן גנטוואַרט, דאַס זיין דיסערטאַציע טויג אַזוי ווייט ניט, דאַס ער (דער פריינד) האָט איהר אַפילו ניט געוועלט דערלאַנגען דער אַקאַדעמיע, שרייט ער אויס אין פערצווייפלונג: „אָה, איהר נאַרישע דייטשען! איהר זייט גאָר ניט אין שטאַנד צו שעצען אַזעלכע געניאַלע ווערק. דערצו מוז מען אויך האָבען געניאַלע פעהיגקייטען. איהר וועט אימער פערבלייבען אין דער פינסטערנים פון באַרבאַריי, און

אייערע וויציגע שכנים (דיא פראנצויזען) וועלען זיך אויסלאכען פון אייך. אָבער איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אייך! פון יעצט אָן הער איך אויף צו זיין א דייטש. איך וועל באלד פערלאָזען מיין אונדאנקבארעס פאטערלאנד".

ער קען זיך גאָר ניט פארשטעלען אין זיין פערבלענדעניש, אז דיא וועלט פאָרדערט עפּעס מעהר, וויא א קענטשאפט פון דער גריכיש-רוימישער ליטעראטור, און ער האלט זיך פאר א ניט אנער־קענטען זשעניע. זיין פאָטער כריזאנדער זוכט אויך ארויסצוציי־גען, אז ער איז ניט אבי ווער, אז ער פערשטעהט אויך לאטיין — דערביי קומען פאר זעהר קאָמישע סצענען — אָבער ער האָט ניט פערלאָרען זיין פראקטישען פערשטאנד און ער זעהט, אז זיין זוהן איז א געלערנטער נאר. „דו און דיין האָמער זיינען א פּאָר דומ־קעפּ!", שרייט אויס אין איין ארט דער פאטער מיט כעס, ווען דער זוהן צולאָזט זיך אויף זיין שטייגער צו צייגען, אז ער גע־דענקט וואס ער האָט געלערנט אין שול. אָבער דאמים געפינט זיך גאָר ניט בעליידיגט. פערקעהרט, ער איז מלא שמחה מיט דעם פערגלייך. „איך און האָמער! שרייט ער אויס מיט פריידע. האָמער און איך? מיר ביידע? כע־כע־כע... אזוי גאָר, פאָטער! אָה, איך דאנקע, איך דאנקע... איך און האָמער! האָמער און איך!"

דיא קליגסטע פערזאָנען אין דער קאָמעדיע זיינען א דיענער און א דיענסטמיידעל. זיי מאכען אויף יעדען שריט חוזק פון דעם יונגען געלעהרטען. ליזעטע, דיא דיענסטמיידעל, איז א לעבעדיגע און וויציגע שטיפערקע; אָבער זיא איז ניט א דייטשער טיפּ. לעססינג האָט איהר פאָרגעשטעלט נאָך דעם מוסטער פון דעם געניאלען פראנצויזישען דראמאטורג מאליער. אין פיעלע אנדערע שטעלען זעהט מען, אז ער האָט נאָכגעמאכט מאָליער'ן און אויך דעם פאָטער פון קאָמעדיע, דעם אלטען גריכישען דראמאטורג אריסטאָפאן. אין אלגעמיינען אָבער האָט דער יונגער דיכטער און קריטיקער פאָרטרעפליך געשילדערט איינע פון דיא קאָמישע זייטען פון דייטשען לעבען. דאמים איז א טיפּ פון דיא יונגע גע־לעהרטע אין יענער צייט. וויא געזאָגט, האָט לעססינג טהיילווייז זיך אליין פאָרגעשטעלט און אָפּגעלאכט פון דער בילדונג, מיט

וועלכער מען האט איהם געמאטערט אין דער סעמינאריע. דערביי האט ער ארויסגעצייגט זיין שארפע און בייסענדע קריטיק וויא אויך טיעפען וויץ.

מיט א געדריקטע הארץ האט ער דערלאנגט זיין ערשטע דראמאטישע ווערק דיא שוישפיעלערין נויבער, און ניט קליין איז געוועזן זיין פריידע, ווען זיא האט אויסגעדריקט איהר ענטציקונג מיט דיעזער קאמעדיע און האט נאך ערקלעהרט, אז ער האט דער־מיט געמאכט דעם אנפאנג פון אן עכט דייטשע דראמאטישע קונסט. דער „יונגער געלעהרטער" איז גלייך אויפגעפיהרט געווארען און איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס בייפאל. אין לייפציג זיינען געוועזן גענוג יונגע געבילדעטע לייט, וועלכע זיינען עהנליך געוועזן צו דאמיס'ן. מען האט דיעזע קאמעדיע נאכהער געשפיעלט מיט גרויס ערפאלג אין גאנץ דייטשלאנד.

דריטער קאפיטעל.

זיין ערשטע רייזע נאך בערלין.

נאך דיעזען ערפאלג האט זיך לעססינג אין גאנצען אפגעגעבען צום טהעאטער. זיינע עלטערן זיינען אבער גאר ניט צופריעדען געוועזען דערמיט. זיי האבען נאך אלץ געהאפט, אז פון איהם וועט ארויסקומען א בעריהמטער גייסטליכער, און זיין פאטער האט איהם אנגעשריעבען א זעהר שארפען בריעף, אין וועלכען ער האט איהם געשטראפט און אויך געסטראשעט, אז דיא שטאדט קאמענץ וועט אויפהערען צו געבען איהם דיא סטיפענדיע, אויב ער וועט ניט אויפהערען זיך ארומצודרעהען מיט שוישפיעלערס און שוישפילערקעס און מיט אנדערע אזעלכע „אויסגעלאסענע“ מענשען. לעססינג איז אזוי אויפגעבראכט געווען פון דיעזען מוסר, דאס ער האט געוואלט אליין זיך אפזאגען פון דער סטיפענדיע און נאך שיקען צו אלע מיטגליעדער פון קאמענצער שטאטראטה אפישען פון זיין קאמעדיע; אבער זיינע פריינד האבען איהם אפגעהאלטען דערפון. ער האט געענדיגט דערמיט וואס ער האט געשיקט זיין פאטער א לאנגען בריעף, אין וועלכען ער האט געזוכט צו בעווייזען, אז אלע בעשולדיגונגען געגען איהם זיינען אונבעגרינדעט.

וויא קליינשטעטעלדיג זיינע עלטערן זיינען געווען, צייגט פאלגענדער קאמישער פאל. זיין מוטער האט איהם געשיקט אלס געשאנק א גרויסען שטרודעל לכבוד ווייהנאכטען. דער הענדלער וואס האט געבראכט דיעזע מתנה, האט אויך פערשפראכען אויסצוגעפינען, וויא לעססינג פיהרט זיך אויף אין לייפציג. ער האט געהאלטעןווארט מיט עכט דייטשער פינקטליכקייט און האט איבערגעגעבען, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, דאס ניט נאר שלעפט זיך לעססינג ארום מיט שוישפיעלערס און „שלעכטע חברה“, זאנדערן האט אויך אויפגעגעסען דער מוטער׳ס שטרודעל אין דער קאמפאניע פון שוישפיעלערס נאכדעם, וויא אלע האבען אויסגע־

טרונקען א רעכט ביסעל פלאשען וויין. דאס לעצטע האט גאר דערשלאגען זיין מוטער. זיא האט געקלאגט און געבראכען דיא הענד און ערקלעהרט, אז איהר זוהן איז א פערלארענער אויף דער וועלט און האט אויך פערזינדיגט יענע וועלט. זיא האט זיך אזוי אבגעגעסען דיא הארץ דערפון, אז לעססינג'ס פאטער האט בעשלאסען אנצושרייבען א בריף צו זיין זוהן מיט דער פאלשער בשורה, דאס זיין מוטער איז געפעהרליך קראנק און וויל איהם זעהען פאר איהר טויט. דער פאטער האט איהם דארום געבעטען צו לאזען אלעס אן א זייט און גלייך קומען.

לעססינג האט זיך אנגעשטויסען, אז מען נארט איהם אפ, נאר אזוי וויא ער האט ניט געוואוסט אויף זיכער, האט ער זיך גלייך א לאז געטהאן אין וועג, אבוואהל עס זיינען דאן געוועזען אויסערגעוועהנליך שטארקע פרעסט. ווען ער איז אנגעקומען א צובראכענער, האט איהם זיין מוטער בעגעגענט מיט דיעזע ווערטער: „וואָרום ביסטו געפאהרען אין אזא פראסט?" — „אבער, מיין טהייערע מוטער, איהר האט עס דאך געוועלט, האט ער געענטפערט. עס פרעהט מיך יעדענפאלס צו זעהען אייך געזונד."

אויף א קורצע צייט האבען זיי דאן געמאכט שלום. דיא עלטערן האבען געמוזט צוגעבען, אז פון איהם וועט שוין ניט ווערען א פאסטאר, און ער האט פערשפראכען צו שטודירען מעדיצין. א סך מוסר איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון אלע זיינע קרובים, אז ער זאל מעהר קיין קאמפאניע ניט פיהרען מיט שוישפיעלער. דיא קליינשטעטעלדיגע האבען זיך פארגעשטעלט שוישפיעלער עפעס אזוי וויא א פערקערפערונג פון טייוועל.

אין 1748 איז לעססינג אנגעקומען אין מעדיצינישען פאקולטעט. ער האט געהאלטען ווארט און זאגאר פלייסיג געלערענט, אבער זיין הארץ איז גאר ניט געלעגען אין מעדיצין. ער האט מעהר בעזוכט דעם טהעאטער, וויא דעם אוניווערזיטעט. ער האט אויך אנגעפאנגען צו שרייבען א טראגעדיע, אבער ער האט איהר ניט געענדיגט. ארום דער צייט האט ער אויך געקראגען דיא ערפאהרונג, אז ניט אלע שוישפיעלער מעג מען טרויען. פאר איינעם פון זיי האט ער גוט געזאגט. דיעזער שוישפיעלער איז אוועק נאך

וויען, פערגעסענדיג צו בעצאהלען זיינע חובות. לעססינג איז דורך דעם געוואָרען אזוי פערצווייפעלט, אז ער האט אליין געוואָלט אנפאנגען שפיעלען אויף דער ביהנע, אום צו קענען בעצאהלען דעם שוישפיעלער'ס חובות. ער האט אליין קוים געקענט דערקען זיינע אויסגאבען מיט זיין אָרימער סטיפענדיע, און דאָ האט ער נאָך געמוזט צאהלען א פעקעל מיט פרעמדע חובות. נאָר זיינע פריינד האבען איהם ארויסגעהאָלפען. דיעזער פאל האט אָבער אויך געפיהרט דערצו, אז ער האט בעשלאָסען אוועק צו פאהרען פון לייפציג. ער האט זיך געקליעבען נאָך בערלין, וואו זיין יוגענד־פריינד, א געוויסער מיליוס, א פריידיינקער און רעדאקטאָר פון צייטונגען, האט זיך בעזעצט; נאָר ער איז פערבליעבען אין וויטטענבערג. דאָרט האט ער זיך פערשריעבען אלס סטודענט פון מעדיצינישען פאקולטעט, נאָר שטודירט האט ער מעהר פילאָזאָפיע און זיך אָפגעגעבען צו שרייבען דראמען גראדע וויא אין לייפציג.

ווען ער וואָלט ניט געזוכט צופריעדען צו שטעלען זיין פאָטער, וואָלט ער וואהרשיינליך גאָר ניט אָנגעפאנגען צו שטודירען מעדיצין. ווייניגער פון אלעם האט ער גערעכענט צו ווערן א פראקטיצירענדער דאָקטאָר. ער האט נאָר שטודירט פיזיק, כעמיע און אנדערע נאטור־וויסענשאפטען, ווייל דאָס האט איהם אינטערעסירט, ווייל ער האט געשטרעבט צו קענען וואס מעהר. אָבער זיין הארץ איז געלעגען אין ליטעראטור, פאָעזיע און קונסט. ער האט דאן אָנגעפאנגען צו שרייבען עטליכע קאָמעדיעס פאַר דעם דירעקטאָר פון וויענער טהעאטער, וועלכע זיינען מייסטענס געבליעבען אונגעענדיגט, און האט אויך אָנגעשריעבען א סך געדיכטען, עפיגראמען און קריטישע בעמערקונגען, וועלכע זיינען שפעטער פערעפענטליכט געוואָרען.

זיין פינאנציעלע לאגע איז געווען א גאנץ טרויעריגע, דארום האט ער זיך א לאָז געטאָהן נאָך בערלין, וויא נאָר ער האט זיך דערוואוסט, אז זיין פריינד מיליוס איז געוואָרען דער רעדאקטאָר פון „רודיגער'ס צייטונג", וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז יעצט אונטער דעם נאָמען „פאָססישע צייטונג". אין א בריעף

צו זיין מוטער האט ער ערקלעהרט, אז קיין מאל האט ער זיך ניט געפיהלט אזוי אונגליקליך וויא אין וויטטענבערג, דען צו אלע צוות איז ער נאך קראנק געווארען און האט זיך אויך געהאט צו רעכענען מיט איינינע פון זיינע לייפציגער קרעדיטארען.

מיליוס האט איהם אויפגענומען מיט גרוים פריינדשאפט און געהאלפען, וויא וויט ער האט געקענט. אזוי וויא אויף צו להכעיס לעססינג'ס עלטערן, וועלכע האבען איהם בעשימפפט און פער־שאלטען אלס א פריידיינקער, האט מיליוס געשטעלט אויף דיא פיס זייער גנניאלען זוהן, וועמען זיי האבען ניט געוועלט העלפען דערפאר וואס ער האט זיי ניט געפאלגט און איז ניט געגאנגען אויף דעם אנגענומענעם און ברייט אויסגעלייגטען וועג צו מאכען א קאריערע. מיליוס האט דיא ערשטע זאך געקויפט נייע קליידער פאר זיין 20-יעהריגען פריינד, וועלכער איז נעבעך געווען אזוי אפגעריסען און אפגעשליסען אז ער האט זיך געשעהמט דיא אויגען צו ווייזען. נאכהער האט מיליוס איהם פערשאפט א פלאץ ביי דעם ארויסגעבער רודיגער אלס ביבליאטהעקער.

פאר דיעזע ארבייט האט לעססינג געקראגען מאהלצייטען און עטוואס געלט. דערצו האט מען איהם איבערגעגעבען צו שרייבען אין דער צייטונג רעצענזיעס איבער נייע ביכער. ער האט אזוי געמאכט וויא עס איז א לעבען און איז אויך געווען צופריעדען מיט דער ארבייט, דען ער האט געהאט דיא געלעגענהייט צו לעזען א סך נייע ביכער און צו וויסען וואס עס טהוט זיך אין דער ליטערא־רישער וועלט. אין דערזעלבער צייט האט ער זיך צוזאמענגעשרי־בען מיט דירעקטארס פון טהעאטערס און מיט בעוואוסטע שוי־שפיעלערס וועגען זיינע קאמעדיעס און דראמען, וועלכע ער האט אנגעפאנגען, אבער זעלטען געהאט דיא מעגליכקייט צו ענדיגען. גראדע וויא אין דער סעמינאריע האט ער זיך געווארפען אויף אלע זייטען, האט פיעל געלעזען, געלערנט און דא פערפאסט גע־דיכטען, דארט ערצעהלונגען, דא ווידער קריטיקען, קאמעדיעס, הומארעסקען, עפיגראמען א. ז. וו. דאס האט איהם אין אנפאנג זעהר פיעל געשטערט, דען ער האט ניט געוואוסט, צו וואס פריהער זיך צו נעהמען און וואס שנעלער צו ענדיגען. זיין גנניאלע קאפ

איז געווען פול מיט פלענער און גרויסע האפנונגען, אבער עס איז איהם אלץ ניט געלונגען צו פערפאסען עפעס אזעלכעס, וואס זאל איהם פערשאפען א גרויסען נאמען אין דער וועלט.

ווען זיינע עלטערן האבען זיך דערוואוסט, אז ער איז אוועק נאך בערלין אהן זייער צושטימונג, זיינען זיי געווען אויסער זיך פון ערגערניס. זיי האט ניט נאר געקרענקט, וואס ער איז בעפריינדעט מיט אזא גאטלאזען מענשען וויא מיליוס, זאנדערן אויך וואס ער פערבלייבט אין אזא גאטלאזער שטאדט, וויא בערלין האט דאן א שם געהאט. בערלין איז דאן געווען אין אלע הינזיכטען, אויסער אין מיליטערישער, א גאנץ אנדער שטאדט וויא יעצט. פרידריך דער גרויסער, דער אונבעשרענקטער הערשער פון פרייסען, האט געשטרעבט נאכצוטאנצען דיא פראנצויזען. ער האט אזוי פעראכטעט דיא דייטשע ליטעראטור, אז אין זיין ביבליאטהעק האט ער ניט געוואלט האבען קיין איינציגען דייטשען בוך. ער האט געברויכט דיא פראנצויזישע שפראך אין זיין הויף און אין זיינע שריפטען. דיא פראנצויזישע פילאזאפיע, דיא פראנצויזישע ליטעראטור, דיא פראנצויזישע דראמע, דיא פראנצויזישע קונסט האבען געהערשט אין בערלין אזוי וויא אין פאריז. אפילו דיא אקאדעמיע פון וויסענשאפטען אין בערלין איז מייסטענס בעשטאנען פון פראנצויזען.

אין יענער צייט איז פראנקרייך איבערהויפט געווען דיא גייסטיגע פיהרערין פון איירופא, נאר בעזאנדערס האט מען עס געפיהלט אין בערלין. אזוי וויא דיא פראנצויזישע פילאזאפען און שריפטשטעלער, בעזאנדערס וואלטער, דידערא און דיא זאגענאנטע ענציקלאפעדיסטען (דיא מיטארבייטער פון דער בעריהמטער ערשטער פראנצויזישער ענציקלאפעדיע) זיינען ניט נאר געווען מוטהיגע פריידיינקער, זאנדערן האבען בעקעמפפט און אויסגעלאכט דיא קריסטליכע רעליגיאן, האט מען דאס זעלבע געטהאן אין בערלין. עס איז דאן געווען אין דער מאדע צו מאכען חוזק פון גייסטליכע און צו ערקלערן, אז קריסטענטהום איז איינפאך אבערגלויבען. דער קעניג איז געווען א פערעהרער פון וואלטער און האט זיך אפען אויסגעגעבען פאר א פריידיינקער.

דאָרום האָבען לעססינג'ס פרומע עלטערן אַזוי געציטערט, וואָס ער האָט זיך בעזעצט אין בערלין. זיי האָבען איהם שטאַרק געשטראָפט אין זייערע בריף, און דער פאָטער האָט איהם שטרענג בעפוילען גלייך צו קומען צוריק אַהיים. אָבער דער יונגער פריי־גייסט האָט יעצט אין גאַנצען רעוואָלטירט. לעססינג האָט זיך פערטהיידיגט אין זיינע בריף געגען דיא בעשולדיגונגען פון דיא עלטערן און האָט זיך ענטשיעדען ענטזאַגט צו פערלאָזען בערלין, אָבוואָהל זיין מאַטעריעלע לאַגע איז נאָך א לאַנגע צייט גאָר ניט געווען א פרעהליכע.

פיערטער קאפיטעל.

זיין בעקאנטשאפט און צאנקערייי מיט וואָלטער'ן. — „דיא אידען“ און „דער פריי־גייסט“.

אין א קורצען צייט האט לעססינג געשלאָסען בעקאנטשאפט מיט פיעלע בעריהמטהייטען. אלס פאעט, זשורנאליסט און קריטיקער האט ער געפונען א וועג איבעראל; דערצו נאך האט ער בעזעסען פיעלע אנגענעהמע מעלות און איז איבערהויפט געווען א לעבהאפטער, לוסטיגער און אנציהענדער יונגער מאן. דיא וואס האבען איהם נעהנטער געקענט, האבען ניט ווילענדיג געמוזט צוגעבען, אז ער איז א יונגער מאן מיט אויסעראָרדענטליכע פעהיגקייטען און מיט א גרויסען טאלאנט.

ער האט אויך געהאט דיא זכיה בעקאנט צו ווערן מיט דעם קעניג פון דער ליטעראַרישער וועלט אין 18טען יאהרהונדערט, מיט וואָלטער'ן זעלבסט. דער געניאלער פראנצויזישער שרייבער, וועלכער האט געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אין זיין צייט און איז פערעהרט געוואָרן פון גרויס און קליין, פון קעניגע און אָרימע סטודענטען, האט זיך דאן געפונען אין בערלין, וואו פריעדריך דער גרויסער האט איהם אויפגענומען וויא א גאט. ער האט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון זיין בליץ־שטראַהלענדער און דונער־שלאגענדער קאריערע. לעססינג האט איהם אויך פערעהרט, אזוי וויא אלע דיינקענדע מענשען, און ער איז געווען איבערגליקליך, ווען ער האט געהאט דיא געלעגענהייט צוזאמענצוטרעפען זיך מיט איהם אין קעניגליכען פאלאץ; אָבער שליסליך האט ער מעהר וויא צרות ניט געהאט פון דיזער בעקאנטשאפט.

וויא גרויס און ערהאבען וואָלטער איז געווען אלס שריפטשטעלער, אזוי קליינליך און ניעדריג איז ער געווען אלס מענש. לייד־דער איז עס ניט זעלטען דער פאל, אז גרויסע פאעטען און שרייבערס זיינען געמיינע מענשען. בעזאָנדערס איז עס אזוי געווען

מיט וואלטער'ן, וועלכער האט, מעג מען זאגען, קיין גלייכען צו זיך אלס בייסענדער און גייסט־רייכער שרייבער. ער האט זעהר פיינט געהאט אידען, אבער ער איז זיכער געווען ערגער פאר דעם ניעדריגסטען פון אידישע וואוכערניקעס. זיין פיינדשאפט צו אידען האט געהאט פערזענליכע גרינדע. *) דער צופאל האט געוואלט אז גראדע צוליעב וואלטער'ס א צוזאמענשטויס מיט א אידישען מאקלער זאל לעססינג שליסען בעקאנטשאפט מיט דעם גרעסטען און גלענצענדסטען שטערן פון 18טען יאהרהונדערט.

דאס איז געשעהן אזוי. לעססינג האט זיך בעפריינדעט מיט דעם יונגען פראנצויזישען לעהרער רישיע דע־לואווען, וועלכער איז געווארן וואלטער'ס סעקרעטער. ווען וואלטער איז אזוי מיאוס אריינגעפאלען אין דער געשיכטע מיט א געוויסען הירש (מען ווייס ניט ביז'ן היינטיגען טאג אויף זיכער, ווער עס האט וועמען בעשווינדעלט: דער איד וואלטער'ן אדער וואלטער דעם אידען, נאר וואלטער האט יעדענפאלס ניט נאר פערכאפט בריליאנטען ביי הירש'ן און געפעלשט הירש'ס אונטערשריפט, זאנדערן האט נאך צוליעב דיזען סקאנדאל געמוזט פערלאזען פריעדריך דעם גרויסען'ס הויף), האט ער בעדארפט האבען איינעם, וואס זאל איבערזעצען געוויסע דאקומענטען אין דייטש פיר דעם פראצעס, וואס הירש האט אנגעפאנגען געגען איהם אין א בערלינער געריכט. זיין סעקרעטער האט איהם רעקאמענדירט לעססינג'ן אלס פעהיגען איבערזעצער, און וואלטער איז צופריעדען געווען.

נאר באלד נאכדעם וויא לעססינג האט געענדיגט די איבערזעצונג פון דיא דאקומנטען, וועלכע וואלטער האט געברויכט פיר זיין פערטהיידיגונג, האט ער זיך מיט איהם זעהר ערנסט צוקריעגט. לעססינג האט געקענט פיהלען אויף זיין אייגענע הויט וואס פאר א בייזע און ניעדריגע בעשעפענים דער גייסטיגער ריעז איז געווען. וואלטער'ס גרויסע היסטארישע ווערק „לודוויג דעם פיערצענטען'ס צייט" איז דאן ערשיענען, אבער נאך ניט פאר דעם אלגעמיינען פובליקום (דיא ערשטע קאפיעס זיינען אבגעדרוקט גע־

---

*) זעהט „וואלטער אלס מענש און דענקער" פון יעקב גארדין, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאנאלער ליברערי פובלישינג קאמפ.

װאָרען בלױז פאַר׳ן קעניג) װאָס האָט געװאָרט מיט אונגעדולד אויף דיעזען בוך װיא איבערהויפּט אויף אַלע שריפטען פון דעם געניאַלען פראַנצויז. רישיע דע־לאװוען האָט געליהען לעססינג׳ן אַ קאָפּיע פון דיעזען בוך מיט דער בעדינגונג, אַז ער זאָל עס קײנעם ניט װײזען. נאָר לעססינג האָט אײנפאַך אױס לײכטזיניג־קײט ניט ערפילט דיעזע בעדינגונג. אײנער פון זײנע פרײנד איז צוגעשטאַנען איהם צו געבען איבערלעזען דעם בוך, און ער האָט איהם ניט געקענט ענטזאָגען. דיעזער פרײנד האָט אויס אײטעלקײט געצײגט דעם בוך אין אַן אַריסטאָקראַטישען סאַלאָן, און דער סוף איז געװעזען, אַז אײנע פון װאָלטער׳ס פרײנדינען האָט זיך געפונען בעלײדיגט, װאָס זיא האָט ניט געקראָגען אַ קאָפּיע, װיא דער פער־פאַסער האָט עס איהר פערשפּראָכען. װען זיא האָט עס אױסגערעדט װאָלטער׳ן, איז ער זעהר אין כעס געװאָרן און האָט געהײסען זײן סעקרעטער גלײך צונעהמען בײ לעססינג׳ן דעם בוך. אָבער לעססינג איז גראַדע אָפּגעפאָהרען נאָך װיטטענבערג און האָט מיטגענומען דעם בוך, װײל ער האָט איהם אין בערלין ניט איבערגעלעזען ביז׳ן סוף.

װאָלטער, װעלכער האָט נאַטירליך געאורטהײלט מענשען נאָך זיך, האָט אַנדערש ניט געמײנט, אַז לעססינג האָט פערקאַפט דעם בוך, אום עס צו איבערזעצען אָדער איבערצודרוקען. דאַרום האָט ער אָנגעשריעבען אַ זעהר בעלײדיגענדען בריעף צו לעססינג׳ן, בעשולדיגענדיג איהם אײנפאַך אין גנבה. דער אָרימער יונגער שרײבער האָט בעזעסען אַ צו עדעלען און עהרליכען כאַראַקטער, אום איבער־הויפּט צו בעגעהן אַ געמײנעם אַקט. בײ איהם האָט זיך װאָרט ניט אָפּגעטהײלט פון טהאַט, ער איז אויך געװעזען עדעלמוטהיג גענוג צו לײדען פאַר זײנע אידעען. ער האָט גלײך צוריק געקעהרט דעם בוך, װיא נאָר ער האָט זיך דערװאוסט װאָס פאַר אַ געװדער דאָס האָט געמאַכט, און האָט אױך אָנגעשריעבען אַ זעהר בײסענדען ענטפער װאָלטער׳ן. אָבער װאָלטער האָט נאָכהער בײ יעדער געלעגענהײט געזוכט צו ערניעדעריגען לעססינג׳ן און האָט איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַ ניעדעריגען כאַראַקטער. מען בעהויפּטעט, אַז װאָלטער האָט איהם ניט אַנדערש גערופען װיא „לע סענזש“, (אין פראַנצױ־

זיש בעדייטעט עס : אפפע), אום דערמיט צו געבען אנצוהערע־
ניס, אז לעססינג האט געוועלט זיך בענוצען מיט זיין ווערק און
איהם נאכאהמען.

נאך מיט יאהרען שפעטער האבען איינינע פון לעססינג'ס
פיינד זיך בענוצט מיט וואלטער'ס רכילות, אום איהם צו שענדען.
לעססינג האט זיך אפגערעכענט דערפאר מיט בייסענדע עפיגרא־
מען אויף וואלטער'ס רעכנונג. וואס פאר א מיאוס'ער מענש וואל־
טער איז געווען, דאס האט לעססינג נאך געזעהען ווען ער האט
איבערזעצט וואלטער'ס דאקומענטען פיר דעם פראצעס מיט
הירש'ן.

א געוויסע צייט האט זיך לעססינג בעשעפטיגט ספעציעל מיט
איבערזעצונגען. ער האט אויסגעלערענט גענוג איטאליעניש און
שפאניש, אום אויך צו קענען איבערזעצען פון דיעזע שפראכען.
מיט זיינע אייגענע שריפטען האט ער נאך אזוי ווייניג אויסגענומען,
דאס פון איבערזעצונגען פלעגט ער מעהר פערדיענען. אבער זאגאר
אין דיעזע ארבייט האט ער זיך צרוואָרפען, האט פיעלעס אנגעפאנ־
גען און ווייניג געענדיגט.

ער האט אויך ניט אויפגעהערט צו שרייבען פיר'ן טהעאטער.
נאר אין בערלין איז אפילו ניט געווען א דייטשער טהעאטער.
מען האט דארטען בלויז געשפיעלט פראנצויזישע שטיקער אדער
איבערזעצונגען אין פראנצויזיש. דער קעניג האט פיינט געהאט
דיא דייטשע שפראך און האט גאר ניט געוואלט הערען פון א
דייטשען טהעאטער. אבער לעססינג האט געהאפט צו זעהען זיינע
שטיקער אויפגעפיהרט אין אנדערע שטעדט און ווייטער האט ער
זיי געשריעבען, ווייל דאס איז איהם געפעלען געוועזן און ווייל ער
האט געהאט אן איינגעבארענע נייגונג צו דער דראמאטישער
קונסט.

פון דיא פיעלע קאמעדיעס וועלכע ער האט אנגעפאנגען אין
לייפציג און וויטטענבערג, האט ער ארום 1749 געענדיגט „דיא
אידען" און „דער פרייגייסט". ביידע דיעזע קאמעדיעס פערדיענען
אז מען זאל וועגען זיי מעהר ריידען אפילו אין א קורצער ביאג־
ראפיע פון דעם גרויסען פערפאסער. פאר אידען איז נאטירליך

בעזאַנדערס אינטערעסאַנט זיין קאָמעדיע „דיא אידען“. דאָרום וועלען מיר זיך דאָ לענגער אָפּשטעלען אויף איהר.

וויא אידען האָבען דאָן געלעבט אין דייטשלאַנד וועלען מיר זעהען אין מענדעלסאָהן׳ס ביאָגראַפיע. דאָ וועט גענוג זיין צו בעמערקען, דאָס אפילו דער פריידיינקענדער פרייסישער קעניג האָט זיי ניט בעסער בעהאַנדעלט וויא אַנדערע מלכים, וועלכע האָבען אויף קיין פילאָזאָפיע ניט פּרעטענדירט און האָבען זיך ניט גע׳חבר׳ט מיט פראַנצויזישע פריידיינקער. אידען האָבען נור געקענט אריינקומען אין בערלין דורך דעם בראַנדענבורגער טהויער און דאָס אויך נור דאַן ווען זיי האָבען בעצאָהלט דעם בעשטימטען קאָפּ־שטייער. לעבען דיעזען טהויער איז געשטאַנען אַ וועכטער, וועלכער האָט גוט אויפגעפּאַסט, אַז דער קעניג זאָל אריינקריגען דיא בעשטימטע טאַקסע פון דיא אונגליקליכע אידען. יעדער קריסטליכער בויאַן האָט זיי געמעגט בעליידיגען אויף דער גרעבסטער ארט. מען האָט דאָרום בעדאַרפט האָבען ניט נאָר אַן עדעלע הארץ, זאָנדערן אויך פיעל מוטה, אום צו וואַגען פאַרשטעלען אידען אַלס מענשען אויף דער ביהנע, וויא דער 20־יעהריגער לעססינג האָט עס געטאָן. נאָך אַלס סטודענט אין לייפּציג האָט ער געפּאַסט דעם עדעלען בעשלוס צו פערטהיידיגען דיא פערפאָלגטע אידען. ער האָט דאַן אויסגעארבייט דעם פּלאַן פון דער קאָמעדיע „דיא אידען“, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען גערודער, ווען איהם איז שליעסליך געלונגען איהר ארויסצולאָזען אויף דער ווייסער וועלט.

מען מוז אָבער זאָגען, אַז ער האָט איהר פערפאַסט ניט וויא אַ דראַמאַטורג, זאָנדערן וויא אַ פּובליציסט, אַ פערטהיידיגער פון זיינע אידעען און אַ קעמפפער געגען פאָראורטהיילע. פּסיכאָלאָגיע און אפילו כאַראַקטער־שילדערונג איז דאָרטען ניט צו געפינען. מען זעהט גלייך אַז לעססינג האָט געוועלט אויסדריקען, וואָס ער האָט געהאַט אויפ׳ן האַרצען, דורך געשפּרעכען און אַ דראַמאַטישער פאָרמע.

דער העלד פון דיעזער קאָמעדיע איז אַ רייכער אידישער קויפמאַן, וועלכער ווערט פאַרגעשטעלט מיט אַלע מעגליכע

גוטע מעלות. גראדע טרעפט עס אז ער רעטעט פון טויט א דייט־שען באראן מיט זיין יונגע טאכטער. דיעזער באראן איז אייגענט־ליך א גאנץ גוטער מענש; אבער אידען האט ער סתם פיינט וויא געוועהנליך אלע קריסטען, וועלכע זיינען איינגעוויעגט אין אלטע פאראורטהיילע. ניט וויסענדיג אז זיין רעטער איז א איד, שלאגט דער באראן איהם פאר אויס דאנקבארקייט דיא האנד פון זיין טאכטער. דער רעטער ערקלעהרט אבער דאן ווער ער איז, און עס ענטוויקעלט זיך א פילאזאפישער געשפרעך וועגען רעליגיאן, אידען און טאלעראנץ. אלעס וואס לעססינג האט נאכגעדענקט וועגען דיא לאגע פון אידען, וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו בע־טראכטען אויף „דיא לייפציגער מעססען“ (דער בעריהמטער יריד), האט ער אריינגעלייגט אין זיין העלד'ס מויל. דער באראן וויעדערהאלט נאר דיא אלטע טענות געגען אידען. נאטירליך, עס קען שוין קיין ריידע ניט זיין וועגען א שידוך צווישען דעם באראן'ס טאכטער און א איד, אבער דער באראן ווערט אזוי גע־ריהרט פון דעם אידען'ס טענות אז ער הויבט איהם אן צו אכ־טען.

דאס איז אין קורצען דער גאנצער אינהאלט פון דיעזער קא־מעדיע, וועלכע האט יעצט נאר א היסטארישען אינטערעס, ווייל זיא צייגט דעם כאראקטער פון דעם פערפאסער און פון דער צייט, וועןץ ער האט איהר געשריעבען. אמת'ער לעבען פעהלט אין דיעזער קאמעדיע, וויא אין אלע אנדערע, וועלכע לעססינג האט געשריע־בען אין זיינע יונגע יאהרען אונטער דעם איינפלוס פון דער דא־מאלדיגער פראנצויזישער שולע, וועגען וועלכער מיר וועלען ריידען שפעטער. דיא העלדען פיהרען זעהר שעהנע און גייסטרייכע גע־שפרעכען, אבער אלץ מיט דעם פערפאסער'ס מויל. אלעס איז דאר־טען קינסטליך — דער אינהאלט, דיא פערזאנען, דיא סצענען און אפילו דיא מאנאלאגען.

נאר פון דעסטוועגען האבען אזעלכע געלערנטע יודענפיינדע וויא פראפעסאר מיכאעלים גאר ניט רעכט געהאט, ווען זיי האבען ערקלעהרט, אז אזא איד, וויא לעססינג האט פארגעשטעלט, קען גאר ניט עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט. אין דער צייט ווען

מען האט איהם אזוי קריטיקירט, האט לעססינג שוין געקענט אנ־צייגען אויף אזעלכע אידען, וויא דר. גומפערץ און משה מענדעל־סאהן, מיט וועלכע ער האט זיך בעפריינדעט.

זיין פאלעמיק מיט פראפעססאר מיכאעלים, וועלכער האט איהם אנערקענט פאר א גרויסען טאלענט, איז אויך זעהר אינ־טערעסאנט פאר יענער צייט. לעססינג האט דערביי ניט געזוכט צו פערטהיידיגען זיך אדער זיין פיעסע, נאר זייער ליבעראלע גע־דאנקען און א פריינדליכע שטעלונג צו אידען אין אלגעמיינען. אין דער צייט, ווען ער האט גרויסמוטהיג פערטהיידיגט דיא אידען, האט וואלטער זיי בעגאסען מיט גיפטיגע שמוץ איינפאך אוים פער־זענליכע ראכע.

„דער פרייגייסט“ איז אויך א זעהר שוואכע ווערק אין דרא־מאטישער הינזיכט. נאר פאר דעם הויפט העלד, דעם סקעפטיקער אדראסט, האט לעססינג געהאט א מוסטער אין דער פערזאן פון זיין פריינד מיליוס. לעססינג איז גראדע ארויסגעטרעטען געגען זיין פריינד׳ס מיינונג וועגען רעליגיאן און גייסטליכע. ער אליין איז אייגענטליך ניט געוועזן אן אטהעאיסט. יעדענפאלס האט ער ניט געקענט איינשטימען מיט מיליוס׳ן און אנדערע אזעלכע פריי־דיינקער, אז אלע גייסטליכע זיינען היפאקריטען און איינפאך שווינדלער, דען זיין אייגענער פאטער איז געוועזן א גאנץ עהרלי־כער פאסטאר און אויפריכטיגער פרומער קריסט. איידער ער האט געענדיגט זיין „פרייגייסט“, האט ער געלאזט וויסען זיין פאטער, אז ער שרייבט אזא קאמעדיע, מיט וועלכער דער פאטער וועט זיין צופריעדען.

דער אינהאלט פון „פרייגייסט“ איז אין קורצען פאלגענדער:

דער סקעפטיקער אדראסט טרעפט זיך צוזאמען מיט דעם יונגען און עהרליכען גייסטליכען טהעאפאן, וועלכער סטארעט זיך צו געווינען זיין אכטונג און איהם צו צייגען, אז ער האט א טעות אין זיינע שלעכטע מיינונגען וועגען גלחים. זיי זיינען פערליעבט אין צוויי שוועסטער, פון וועלכע איינע איז א לוסטיגע און לעב־האפטע, דיא אנדערע אן ערנסטע. אין אנפאנג איז פארגעשטעלט, אז דער סקעפטיקער איז דער חתן פון דער לוסטיגער מיידעל, און

דער גייסטליכער פון דער ערנסטער מיידעל; נאָר מיט דער צייט זעהען זיך אַלע פיער אַרום אַז זיי האָבען זיך שלעכט צוזאַמען געפּאָרט, און דיא חתנים בייטען זיך מיט דיא כלות און ווערען אויף פריינד. דיא דיענער און בעזאָנדערס דיא קאַמער־מיידעל ליזעטע פון דיא כלות שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דיא ליעבע אינטריגען און בעלעבען מיט זייערע קאָמישע רייד און האַנדלונגען דיא סצענען, וועלכע וואָלטען זאָנסט געווען צו לאַנגווייליג אַפילו אין לעזען.

דעם סיושעט האָט ער טהיילווייז גענומען פון אַ פראַנצויזישע קאָמעדיע, נאָר ער האָט איהם בעאַרבייט אויף זיין פאַסאָן און צוגעגעבען דעם פילאָזאָפישען טהייל, וועלכען ער האָט אייגענטליך געהאַט אין זינען בייַ'ן שרייבען. צו דער צייט און יאָהרענלאַנג שפּעטער, מען קען זאָגען, ביז ער האָט אָנגעפאַנגען צו שטודירען שעקספּיער'ס דראַמען, האָט לעססינג אייגענטליך ניט געזוכט פאַרצושטעלען דעם ווירקליכען לעבען אין זיינע קאָמעדיעם, זאָנדערן אויסצודריקען זיינע געדאַנקען און קריטישע בעטראַכטונגען אין אַ דראַמאַטישע פאָרמע. פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען זיינען איהם דאָן נאָך גאַנץ פרעמד געווען.

פינפטער קאפיטעל.

זיין שטודירען אין וויטענבערג און קריטישע שריפטען אין בערלין. — דיא טראגעדיע „סאראה סאמפסאן“.

אונגעפעהר דריי יאהר האט לעססינג פערבראכט אין בער־לין. אין דער צייט האט ער ביסלעכוויוז געקראגען א נאמען אלס א טאלענטפאלער יונגער שרייבער און אלס א שארפער קריטי־קער. איינינע פון דיא נייע ווערק, וועלכע ער האט געלעזען, אום צו געבען רעצענזיעס אין צייטונגען, האבען אויף איהם געהאט א גרויסען איינפלוס, ספעציעל זשאן זשאק רוססא'ס ווערק און אן איבערזעצונג פון שעקספיער'ס דראמע „יוליוס צעזאר“ אין דייטש (אונטער דעם איינפלוס פון „יוליוס צעזאר“ האט ער אנ־געפאנגען צו שרייבען א טראגעדיע אונטער דעם נאמען „הענצי“). זיינע רעצענזיעס האבען נאטירליך געמוזט זיין קורץ, נאר אין יעדער שורה איז געווען צו זעהען גרויס טאלענט, שארפזין און טיעפע קענטניס. מיט זיין קריטיק איבער קלאפשטאק'ס „מעסיא־דא“ האט ער איבערראשט דיא בעסטע פארשטעהער פון דייטש ליטעראטור און פאעזיע.

דאך האט ער צו ענדע פון 1751 יאהר בעשלאסען צו פער־לאזען אויף א צייט בערלין. ער האט זיך נעמליך ארומגעזעהען, אז ער מוז נאך פריהער ענדיגען זיינע שטודיען אין אן אוניווער־זיטעט, אום צו קענען בעססער פארטזעצען זיין קאריערע אלס שריפטשטעלער. אין בערלין איז ער געווען צו פיעל פערנומען און האט געהאט צו פיעל בעקאנטע, אום צו קענען רוהיג שטודירען, וויא ער האט עס געוואונשען. דארום איז ער ווידער אוועקגע־פאהרען נאך וויטענבערג, וואו איינער פון זיינע ברידער האט שטודירט טהעאלאגיע און וואו ער האט אין א יאהר ארום גע־קראגען א דיפלאם אויף "מאגיסטער פון פרייע קונסטען". דיזען יאהר האט ער גאנץ ווייניג געשריעבען, אבער ער האט אזוי פיעל געלעזען, צוגרייטענדיג זיך צו זיין דיסערטאציע, אז ער האט גע־

קענט זאָגען מיט רעכט, דאָס אין דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטהעק פון וויטענבערג איז ניט געווען איין בוך, וואָס ער האָט ווייניגסטענס ניט געהאַלטען אין האַנד.

זיין פאָטער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זוכען אַ שטעלע אַלס פּראָפעסאָר, אָבער דיא ביהנע פון אַן אוניווערזיטעט איז צו ענג געווען פאַר איהם, ער האָט געשטרעבט צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אויף דער וועלט־ביהנע. ער איז דאַרום צוריק אַוועק נאָך בערלין, וואו ער האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען צו ליטעראַטור און האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבען זיינע שריפטען אין בוך־פאָרם. יעצט איז ער שוין געווען אַ בעקאַנטער און אַנערקענטער שרייבער אין בערלין, ניט בלויז אַן אָרימער מעדיצינישער סטודענט אין צוריסענע קליידער, וויא ער איז דעם ערשטען מאָל אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָדט פון פּרייסען. רעדאַקטאָרס און אַרויסגעבער זיינען געווען זיינע פריינד, און פאָסס, איינער פון דיא בעוואוסטע בוכהענדלערס, האָט איהם פיעל געהאָלפען אַרויסצוגעבען זיינע ערשטע ווערק אין 6 בענדער.

פיעלע האָבען יעצט געזוכט זיין בעקאַנטשאַפט, און פיעלע סאַלאָנען זיינען געווען אָפען פאַר איהם. ער איז אויך געווען אַ טהעטיגער מיטגליעד אין ליטעראַרישע קלובען. אַט אין דיזער צייט האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט מאָזעס מענדעלסאָהן, וועלכער איז באַלד געוואָרן זיין בעסטער און נעהענטסטער פריינד. ביידע האָבען ליעב געהאַט צו שפּיעלען שאַך און דורך דיזען שפּיעל זיינען זיי צוערשט בעקאַנט געוואָרן. לעססינג, וועלכער איז ניט נאָר געווען אַ פרייער גייסט, זאָנדערן האָט אויך פיינט געהאַט דיא אָפיציעלע געלעהרטע, דיא ענגהערציגע פּראָפעסאָרען פון אוניווערזיטעטען, און האָט געהאַסט פאָראורטהיילע, האָט זיך זעהר פאַראינטערעסירט אין דעם בלייכען, קרענקליכען און אויסגעבויגענעם איד, וועלכער האָט געהאַט אַ זעהר אינטעליגענטעם געזיכט און האָט שוין צו דער צייט בעזעסען טיעפע קענטניסע אין פילאָזאָפיע.

וויא מיר וויסען עס שוין, האָט לעססינג געזוכט צו שליסען בעקאַנטשאַפט מיט שוישפּיעלער, הענדלערס, סאָלדאַטען און אידען, אום בעסער צו לערנען דאָס פאָלק. ער איז נאָך פריהער

בעקאנט געווען מיט דר. גומפערץ און מיט א געוויסען ניימאן, נאר קיינער פון זיי האט איהם ניט אזוי צוגעצויגען, וויא מענדעלסאהן, וועלכער האט דאן געלעבט וויא אן ארים־בחור און האט זיך אפילו געשעמט צו צייגען זיך אין א געזעלשאפט.

לעססינג'ס ליטעראַרישע טהעטיגקייט איז צו דער צייט בע־שטאנען מייסטענס אין קריטישע ארטיקלען אין דער „פאססישער צייטונג", וועלכע איז פערבונדען געוואָרן מיט זיין נאמען, און אין איבערזעצונגען, פון וועלכע ער האט נאך אלץ מעהר געלט געמאכט וויא פון זיינע אייגענע שריפטען. זיינע איבערזעצונגען זיינען בע־טראכטעט געווען פאר דיא בעסטע. ער האט איבעזעצט פון פיער שפראכען: פראנצויזיש, ענגליש, שפאניש און איטאליעניש. מיר קענען זיך ניט אפשטעלען אויף אלע שריפטען פון דיזען גייס־טיגען ריעז, דען דאס וואלט אונז אוועקגעפיהרט צו ווייט אין זייטיגע דרכים און וואלט אויך געפאָדערט דעם פלאץ פון א גאנץ גרויסען בוך. אין אלגעמיינען קען מען זאגען, אז ער האט דורכ־געלעזען און קריטיקירט אלע בעסטע ווערק פון זיין צייט און איז געוואָרן א בעריהמטער שרייבער, ווען ער איז נאך אלט געווען בלויז 24 יאהר. א גרויסער טאלענט, א פיינער געשמאק, א ליעבע צו קונסט און א זעלטענע געלערנטקייט אין אלטע און נייע ליטעראַ־טור, וויא אויך אין וויסענשאפטען — דאס אלעס איז געווען פער־בונדען אין איהם און האט געבראכט פראכטפאלע און ערקוויקענדע פריכטע.

מיר וועלען יעצט נאר בעריהרען דיא וויכטיגסטע פאסירונגען אין זיין פיעל געפרופטען לעבען און אנצייגען אויף זיינע גרעסטע און וויכטיגסטע ווערק.

אום צו צייגען, וויא ערהליך און אויפריכטיג ער איז געווען אין זיינע רעצענזיעס און קריטיקען, וויא ערנסט ער האט געמיינט ווען ער האט אפילו פיינט געהאט דיא פערפאסער, וויא ווייניג ער האט געטריבען פערזענליכקייטען אין זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט, וועלען מיר ברייגען פאלגענדען פאל.

צווישען דיא ערשטע ביכער, וועלכע ער האט בעדאַרפט רע־צענזירען, ווען ער איז געקומען דעם צווייטען מאל נאך בערלין,

האָט זיך אויך געפונען וואָלטער'ס ערצעהלונג „אמאליע אָדער דער הערצאָג דע־פוא". אין זיין הארצען זיינען נאָך אָפען געווען דיא וואונדען, וועלכע וואָלטער האָט איהם געמאכט מיט פאלשע בעשול־דיגונגען. מיר ווייסען אויך, אז לעססינג האָט געהאסט וואָלטער'ן אלס מענש זינט דער סקאנדאל־געשיכטע מיט הירש'ן און אז ער האָט ניט ווייניג בייסענדע עפּיגראַמען געשריעבען אויף וואָלטער'ס רעכנונג. דאָך האָט ער מיט בעגייסטערונג געלויבט וואָלטער'ס נייעם ווערק.

„וואס פאר א פּאָעט!" האָט לעססינג געשריעבען וועגען וואָלטער'ן. „אין זיין אלטער בעזיצט ער דעם פייער פון יוגענד, אזוי וויא אין זיין יוגענד האָט ער שוין ארויסגעצייגט דיא צייטיגע קריטיק פון אלטער. וואס עס בעוועגט איהם, בעוועגט דיא וועלט; וואס עס געפעהלט איהם, געפעהלט אלעמען. זיין גליקליכער גע־שמאק איז דער געשמאק פון דער וועלט".

פון לעססינג'ס אייגענע שעפּפונגען איז דיא בעסטע און וויכ־טיגסטע צו דער צייט געווען דיא טראגעדיע „מיסס סאראה סאמפּסאָן". אום צו ענדיגען דיזע טראגעדיע, איז ער אוועקגע־פאָהרען אויף 7 וואָכען נאָך פּאָטסדאם, וואו אפילו זיינע נעהענט־סטע פריינד האָבען איהם ניט געקענט אויסגעפינען. ער האָט איהר פערפאסט אונטער דעם איינפלוס פון ריטשארדסאָן און אנדערע שרייבערס פון דער זאָ־גענאנטער „סענטימענטאלער שולע". זיינע פריהערע דראמאטישע ווערק האָט ער געשריעבען נאָך דעם מוסטער פון דער פראנצויזישער שולע, וועלכע איז דאן געווען דורכגעדרונ־גען מיט דעם זאָ־גענאנטען „פסוידאָ־קלאסיציזמוס" (דער וואָרט „פסוידאָ" בעדייטעט : פאלש).

אין פראנקרייך און אויך אין ענגלאנד ביז דעם אָנפאָנג פון 18־טען יאָהרהונדערט איז איינגעפיהרט געוואָרן נאָכצומאכען דיא אלט־גריכישע דראמאטורגען. דאס איז געווען איינער פון דיא רע־זולטאטען פון דעם גרויסען איינפלוס פון דער גריכיש־רוימישער ליטעראטור און פילאָזאָפיע — וואָס מען רופט מיט איין וואָרט: „קלאסיציזמוס" — אויף דיא אייראָפּעאישע פעלקער זייט דיא רענעסאנס־צייט אין איטאליען און פראנקרייך. מען האָט זיך

געהאלטען אן דעם אלטען מנהג, אז דיא העלדען אין א דראמא דארפען זיין מענשען פון דעם אריסטאקראטישען קלאס. נור אייניגע ענגלישע דראמאטורגען האבען ביסלעכווייז איינגעפיהרט ארויסצופיהרען אויף דער ביהנע העלדען פון מיטעלען קלאס. זיי האבען געלאזען אן א זייט דיא מלכים, פירסטען, קריעגס-פיהרער א. ז. וו. וועלכע דיא פערפאסער פון דיא פסוידא-קלאסישע דראמעס האבען שטענדיג פארגעשטעלט, געברויכענדיג דערביי הויך-קלינגענדע פראזען, און האבען געלאזט ריידען געוועהנליכע מענשען אין א געוועהנליכער שפראך. דיזע פערפאסערס האבען אבער אויך ניט געזוכט פארצושטעלען דעם לעבען וויא ער איז, זאנדערן האבען געוועהנליך אויסגעקליבען פאטהעטישע (ריהרענדע) סצענעס, אום צו ווירקען אויף דעם סענטימענט (געפיהל) פון דיא צוהערער. דארום האט עס דיזע שולע געקראגען דעם נאמען: סענטימענטאלע.

אין אלגעמיינען קען מען זאגען, אז דיא סענטימענטאלע דראמאטישע שולע איז געוועזען דער אנפאנג פון דער רעאליסטישער דראמאטישער שולע.

לעססינג האט מיט גרויס אינטערעס שטודירט דיא עטליכע ענגלישע און פראנצויזישע דראמאטישע ווערק פון דער דאמאלס נייער שולע און האט דאן אנגעשריעבען א קריטישע בעטראכטונג „איבער דיא ריהרענדע אדער טרערענגיסענדע דראמע“. ער האט אנגעצייגט אויף דיא אונטערשיעדע צווישען דיא פסוידא-קלאסישע און סענטימענטאלע שולען און האט ערקלערט, אז ניט יעדע „ריהרענדע“ דראמע פערדיענט דעם נאמען „וויינענדע“, און אז מען מעג פערבינדען ריהרענדעס און קאמישעס אין א דראמאטישע ווערק, דען אזוי טרעפט עס אויך אין לעבען. „דער פראנצויז“, האט ער געשריעבען, „איז א בעשעפעניס, וואס וויל אימער זיך ארויסווייזען העכער וויא ער איז; דער ענגלענדער איז אזא בעשעפעניש וואס וויל ארונטערשלעפען אלעס גרויסעס צו זיין דורכשניטמאס“. דארום איז דעם פראנצויז ניט אנגענעהם געוועזען צו זעהן זיך אבגעלאכט אין א קאמעדיע, וועהרענד דעם ענגלענדער איז ניט געפעלען געוועזען צו זעהען שטענדיג נאר קעניגע און אריסטאקראטען אין העלדישע סצענען. דיא ענגלענדער האבען נאך געוואלט צייגען,

אז גרויסע ליידענשאפטען און ערהאבענע געדאנקען קען מען אויך טרעפען אין פאלק, וויינינגסטענס אין דעם האנדעלס־קלאס.

זיין אבהאנדלונג איבער דיא סענטימענטאלע דראמאטישע שולע איז געווען דער אנפאנג פון א גרויסע קריטישהיסטארישע ווערק, וואס ער האט זיך געקליבען צו שרייבען איבער „דיא געשיכטע פון טהעאטער אין אלע צייטען ביי אלע פעלקער“. ער האט געוואלט איינפיהרען דיא סענטימענטאלע שולע אין דייטשען טהעאטער און צו דעם צוועק האט ער פערפאסט דיא טראגעדיע „סאראה סאמפסאן“, וועלכע מוזווירקליך ארויסרופען טרערען ביי נערוועזע מענשען. דיזע טראגעדיע איז אויפגעפיהרט געווארן מיט גרויס ערפאלג. נאך דער ערשטער פארשטעלונג האט לעססינג געשריעבען צו זיינעם א פריינד: „דאס פובליקום איז פיער שטונדען נאכאנאנד געזעסען וויא א סטאטוע און האט זיך בעגאסען מיט טרערען“. אזוי איז עס טאקע געווען, אבוואהל ביי א קריטישע בעטראכטונג זעהט מען גלייך, אז פיעלעס איז איבערטריעבען און שטימט גאר ניט מיט דער ווירקליכקייט. לעססינג, וועלכער האט שטענדיג געדיכטעט נאך זיינע טהעארעטישע בעטראכטונגען און נאך דיא אנגענומענע רעגעלען פון דיא שולען, וואס האבען איהם בעאיינפלוסט אין געוויסע צייטען, האט אין דיזען פאל געוועלט אנשרייבען אזא דראמאטישע ווערק, וואס זאל ריהרען דיא צוהערער ביז טרערען, און דאס איז איהם גראדע זעהר געלונגען.

אין זיין נאכאהמונג איז ער געגאנגען אזוי ווייט, אז דיא האנדלונג קומט פאר אין ענגלאנד און דיא העלדען זיינען ענגלענדער, פון וועלכע איינינגע זיינען ערהנליך צו דיא פערזאנען פון ריטשארדסאן׳ס דראמעס. סאראה סאמפסאן איז דיא טאכטער פון אן ענגלישען גייסטליכען, וועלכע אנטלויפט מיט איהר ליעבהאבער מעלעפאנט. זיא בעט איהם חתונה צו האבען מיט איהר, אום צו רעטען איהר עהרע און צו בערוהיגען איהר פאטער. ער האט איהר אפילו זעהר ליעב, אבער ער האט פיינט דאס לעבען פון פערהייראטעטע מאן און ער זוכט פערשיעדענע תירוצים אפצולייגען דיא חופה. דערצו נאך האט ער פריהער געהאט א געליעבטע, א שעהנע און ליידענשאפטליכע פרוי מיט דעם נאמען מארוואוד, וועלכע

האט פון איהם געהאט א טאכטער. זיא איז שטערבליך פערליעבט אין איהם און פערפאלגט איהם פאר זיין ליעבע צו אן אנדערע. זיא זוכט פערשיעדענע מיטעל צו געווינען זיין ליעבע און צולעצט פרובירט זיא צו ווירקען אויף זיין פאטערליעבע. זיא ברייננט זייער טאכטער און רייסט ביי איהם ארויס א פערשפרעכען, אז ער וועט קומען צו איהר. אבער וויא נאר ער געהט ארויס, האט ער חרטה. זיא וויל איהם דאן דערשטעכען, אבער ער רייסט ארויס דעם שפיעז און צווינגט איהר אפצופאהרען נאך לאנדאן און איהם איבערגעבען זייער טאכטער.

פאר איהר אפרייזע בעט זי ערלויבניס צו זעהען איהר געגנערין. ער גיט עס נאך, און דער סוף איז, אז זיא פערגיפטעט סאראה סאמפסאן. מעלעפאנט דערשטעכט זיך דאן אויס פערצווייפלונג מיט דעם זעלבען שפיעז, מיט וועלכען מארוואוד האט איהם געוועלט דערשטעכען.

פיעלע סצענען זיינען זעהר דראמאטישע און ריהרענדע אפילו ווען מען לעזט דיזע טראגעדיע, נאר דיא הויפט כאראקטערען זיינען זעהר שוואך און אבערפלעכליך פארגעשטעלט. בעזאנדערס ניט ריכטיג איז דער הויפט העלד מעלעפאנט, דען עס איז אונמעגליך אנצונעהמען, אז א מאן וואס איז אזוי פערליעבט, אז ער בעגעהט זעלבסטמארד, זאל אנווענדען געמיינע מיטעל און דערצעהלען ליגענס, אום ניט חתונה צו האבען מיט זיין געליעבטע.

אין „סאראה סאמפסאן“ זעהט מען ניט נאר נאכאהמונג, נאטירליך מיט א גרויסען אייגענעם טאלענט, זאנדערן אויך דיא שוואכקייט פון די פסיכאלאגישע בעטראכטונגען, וויא אין אלע זיינע ערשטע דראמאטישע ווערק. זיא איז אין אלגעמיינען פערפאסט געווארן ניט פארצושטעלען דעם לעבען וויא ער איז אדער קען זיין אונטער נאטירליכע אומשטענדען, זאנדערן אום איבערצוגעבען א נייע טהעאריע וועגען דראמאטישע קונסט.

זעקסטער קאפיטעל.

זיין קלעגליכע לאגע אין לייפציג און זיין רייזע אלס קאמפאניאן נאך האלאנד.

טראָץ דעם ערפאָלג פון „סאראה סאמפסאן“ האט לעססינג זעהר קלעגליך געלעבט אין בערלין. אפילו דיא בעסטע שרייבערס האבען דאן קוים געקענט מאכען א לעבען פון זייער פעדער אין דייטשלאנד. לעססינג איז זעהר געשעצט געווען אלס שריפטשטעלער, און זיינע שריפטען זיינען פיעל געלעזען געוואָרן; אבער דאך האט ער פערהעלטניסמעסיג גאנץ וועניג פערדיענט. זיינער א פריינד האט גראדע געעפענט א טהעאטער אין לייפציג, און לעססינג, וועלכער האט בעשלאָסען זיך אין גאנצען אפצוגעבען צו שרייבען דראמעס נאך דעם ערפאָלג פון „סאראה סאמפסאן“, האט זיך בערעכענט, אז ער האט גאר ניט צו פערלירען אין בערלין און אז ער וואט בעסער קענען אויספיהרען זיינע שטרעבונגען אין לייפציג.

ענדע 1755 איז ער פלוצלונג אוועק פון בערלין נאך לייפציג וואו ער האט געהאט דעם פערגניגען זיך צוזאמענצוטרעפען מיט אלטע פריינד. זיינע בריף צו מאזעס מענדעלסאהן און ניקאלאאי, זיינע אינטימסטע פריינד אין בערלין, צייגען, אז ער האט זיך דאן געפיהלט זעהר גוט, פול מיט האפנונגען; אבער פון זיין שרייבען האט ער דאך אזוי וועניג פערדיענט, דאס ער האט אפילו אנגענומען דעם פארשלאג צו פאהרען אלס לעהרער פון א רייכען בחור, וואס מען האט געשיקט זעהען א ביסעל דיא וועלט. ער האט דאן זעהר אפט בעזוכט טהעאטערס און זיך ארומגעטראגען מיט פיעלע פלענער; אבער ער האט אפילו איין גאנצע שטיק ניט אנגעשריעבען. ווען ער וואלט געהאט דיא געדולד אויסצופיהרען א הונדערטעל פון זיינע פלענער, וואלט ער אנגעשריעבען בערג. ער פלעגט זיך נעהמען צו דער ארבייט זעהר ענערגיש און שרייבען זעהר שנעל, נאך באלד פלעגט ער מיעד ווערן און פעליערען דיא געדולד צו

ענדיגען. ער פלעגט דארום שיקען גלייך צום דרוקער, וואס ער פלעגט אנשרייבען, אום צו זיין געצוואונגען צו ענדיגען; אבער דאס האט אויך ניט אלע מאל געהאלפען. ניט זעלטען פלעגט ער האבען אונאנגענעהמקייטען צוליעב דעם מיט דיא ארויסגעבערס. יעדענפאלס, וואס אנבעלאנגט צו פינקטליכקייט, איז ער גאר קיין דייטש ניט געוועזן.

אונטער דעם איינפלוס פון דעם איטאליענישען דראמאטורג גאלדאני, וועמעס צאהלרייכע ווערק ער האט זעהר פלייסיג געלעזען, ווען ער איז אנגעקומען אין לייפציג, האט ער אנגעפאנגען צו שרייבען דיא קאמעדיע „דיא גליקליכע יורש׳טע“; אבער ווען צוויי בויגען זיינען שוין אפגעדרוקט געווארן, האט ער זיך ענטזאגט צו שרייבען ווייטער, ניט אכטענדיג אויף אלע ביטעס פון דיא ארויס־געבער. דיזע קאמעדיע איז אזוי געבליבען אונגעענדיגט.

ארום דער צייט האט זיך איהם געמאכט א ווירקליך גוטע געלעגענהייט צו בעפריעדיגען זיין יוגענדליכען וואונש צו רייזען איבער דער וועלט און צו זיין פערזארגט מיט חיונה. א רייכער יונגער מאן מיט דעם נאמען ווינקלער האט געזוכט א פאסענדען קאמפאנ־יאן צו רייזען מיט איהם איבער האלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און איטאליען. מען האט איהם רעקאמענדירט לעססינג׳ן, וועלכער האט געקענט פיעלע שפראכען, און ער האט זיך נאך דער ערשטער בעקאנטשאפט איבערצייגט, אז קיין בעסערן קאמפאניאן קען ער גאר ניט ווינשען צו האבען. לעססינג האט מיט פריידע אנגענומען דעם פארשלאג. זיינע אייגענע פערדיענסטען אלס שרייבער האבען איהם אויף קיין פאל ניט ערלויבט צו מאכען רייזען. אין א בריף צו מענדעלסזאהן׳ען אין דעצעמבער 1755, דריקט ער אויס זיין פריידע מיט דיזער וויכטיגער פאסירונג אין זיין לעבען. „ניט אין אן אונ־גליקליכע שטונדע האב איך פערלאזען בערלין,“ האט ער געשריבען. „איהר ווייסט פון פראפעסאר זולצער׳ס פארשלאג וועגען א רייזע נאך אויסלאנד. דערפון וועט גאר ניט ארויסקומען, ווייל איך האב אנגענומען אן אנדער פארשלאג, ניט דער ערך א בעסערן און פאר־טהיילהאפטערן. איך וועל יעצט פאהרען ניט אלס א לעהרער, ניט מיט אן אינגעל, וואס וועט מיך בעלעסטיגען, און ניט נאך דיא

פאַרשריפטען און פלענער פון זיינע עלטערן, זאָנדערן אלס קאָמפּאַניאָן פון אַ מאַן, וואָס האָט דעם וואונש און די מעגליכקייט צו מאַכען די רייזע אַזוי ניצליך און אנגענעהם פיר מיר, וויא ווען איך וואָלט געפאַהרען אויף מיין אייגענער רעכנונג."

אין דער אויפרעגונג וועגען זיין פאָרשטעהענדע רייזע האָט ער דערווייל גאָר ניט געשריעבען. ער איז צוערשט אוועק נאָך דרעזדען, אום צו בעזוכען דעם דאָרטיגען גרויסען מוזעאום און צוגרייטען זיך צו קענען שעצען די קונסט-ווערק, וואָס ער האָט גערעכענט צו זעהען אין פרעמדע לענדער. אַזוי האָט ער פערבראַכט דעם גאַנצען ווינטער און אין פריהלינג פון 1756 איז ער אוועק מיט ווינקלער'ן נאָך האָלאַנד. אויף'ן וועג האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין פיעלע דייטשע שטעדט, דאַרונטער אויך אין וואָלפענביטעל, וואו לעססינג האָט זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט דער דאָרטיגער בעריהמטער ביבליאָטהעק און וואו ער האָט שפּעטער געקראָגען די שטעלע אלס ביבליאָטהעקאַר.

נאָר זייער רייזע איז באַלד אונטערבראָכען געוואָרן דורך אַ פּאַסירונג, וועלכע האָט אַרויסגערופען גרויסע ענדערונגען אין איירָאפּאַ. דאָס איז געווען דער אויסברוך פון דער מלחמה, וועלכע איז פערצייכענט אין דער וועלטגעשיכטע אונטער דעם נאָמען „די זיעבעניעהריגע". פריעדריך דער גרויסער האָט איהר אָנגעפאַנגען מיט אַ פּלעצליכע אַטאַקע אויף זאַקסען. לייפּציג איז פערנומען געוואָרן פון פּרייסישע סאָלדאַטען אַ פּאָאָר טעג נאָכדעם, וויא זיי זיינען אַריבער דעם גרענעץ פון זאַקסען. די נאַכריכט דערפון האָבען אונזערעביידע רייזענדע ערהאַלטען, ווען זיי האָבען זיך געפונען אין אַמסטערדאַם און זיך געקליבען אַרומרייזען איבער האָלאַנד. ווינקלער'ס הויז איז בעזעצט געוואָרן פון פּרייסישע אָפיצירען, און דאָס האָט איהם אַזוי צורודערט, אַז ער האָט בעשלאָסען גלייך צו פאָהרען צוריק אַהיים. לעססינג האָט איהם נאַטירליך געמוזט נאָכפאָלגען. דעם ווינטער האָט ער פערבראַכט אין ווינקלער'ס הויז און האָט זיך געטרייסט, אַז דעם קומענדען פריהלינג וועט ער פאָרטזעצען די אונטערבראָכענע רייזע.

אָבער די מלחמה האָט אויך געפיהרט צו אַ קריעג צווישען

איהם און זיין בעל־הבית. דאָס איז געקומען דורך זייערע פערשיידענע פּאָליטישע מיינונגען. אַלע זאַקסען, דאַרונטער אויך ווינקלער, זיינען געווען פיינדליך צו דיא פּרייסען. וואָס לענגער דיא דיא פּרייסישע סאָלדאַטען זיינען דאָרטען פערבליבען, אַלץ מעהר האָבען דיא איינוואָהנער פון לייפּציג זיי געהאַסט. לעססינג אָבער איז געווען בעגייסטערט פאַר דעם פּרייסישען קעניג, אין וועמען ער האָט געזעהן אַ פיהרער צו פעראייניגען דייטשלאַנד. ער האָט עס ניט נאָר אָפען אַרויסגעזאָגט, זאָנדערן האָט זיך אויך בעפריינדעט מיט פּרייסישע אָפיצירען און פלעגט זיי וויא אויף צו להכעיס פאָרשטעלען זיינע זאַקסישע חברים. דאָס האָט שליסליך אַזוי דערעסען ווינקלער'ן, וועלכער האָט געהאַסט דיא פּרייסען, אַז ער האָט איהם געהייסען פערלאָזען זיין הויז און פאַר איין גאַנג זיך אויך ענטזאַגט צו בעצאָהלען איהם אַ געוויסע סומע נאָך זייער קאָנטראַקט.

לעססינג איז דורך דעם אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ער האָט פערלאַנגט דורך'ן געריכט דיא אויספיהרונג פון קאָנטראַקט. דיעזער פּראָצעס האָט געדויערט אַ יאָהר אַכט און האָט זיך געענדיגט צו גונסטען פון דעם אַנקלעגער, אָבער דיא קאָסטען פון פּראָצעס האָבען כמעט אין גאַנצען פערצעהרט דיא סומע, וואָס לעססינג האָט געקראָגען. זיין לאַגע אין לייפּציג איז נאָך דעם קריעג מיט ווינקלער'ן געווען זעהר אַ טרויעריגע. ער האָט זיך ווידער געמוזט נעהמען צו איבערזעצונגען, אום צו האָבען מיט וואָס איבערצוקומען אַ טאָג. דיא אַרויסגעבערס האָבען זיך בענוצט מיט זיין אָרימקייט, אום איהם צו עקספּלואַטירען. וועגען דעם בוכהענדלער ניקאָלאַאי האָבען שילער און געטהע אָנגעשריעבען: „דערמאָן נאָר ניט לעססינג'ן: דיעזער גוטער מאַן האָט פיעל געליטען, און אין זיין מערטירער־קראַנץ ביזטו געווען אַ שטעכעדיגער דאָרן".

צו זיין גליק איז אין פריהלינג פון 1757 געקומען אין לייפּציג דער פּרייסישער מאַיאָר פאָן קלייסט, מיט וועמען ער האָט זיך נאָך בעפריינדעט אין בערלין. דיעזער אָפיציר איז געווען אַ זעהר געבילדעטער און גוטהערציגער מענש און האָט זעהר ליעב געקראָגען דעם אָרימען און לוסטיגען דיכטער. ער האָט געפיהרט בע־

קאנטשאפט מיט ליטעראטען און האט אליין אויך געשריבען פאַ־עזיען, אבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען א גוטער סאלדאט און איז זאגאר בעגייסטערט געווען פאר דעם מיליטערישען דיענסט. לעססינג האט איהם שפעטער אונשטערבליך געמאכט אין זיין דראמא „מינא פאן בארנהעלם“. זיי זיינען געווארן הייסע פריינד אין לייפציג. דער מאיאר האט געזוכט או העלפען דעם ארימען שרייבער, וועלכען ער האט הויך געשעצט און אויפריכטיג געליעבט. א פאאר מאל האט ער פרובירט קריעגען א פלאץ אין דעם פריי־סישען הויף פאר זיין פריינד, אבער ער האט גאר ניט געקענט אויספיהרען.

ווען ניט זיין פראצעס מיט ווינקלער'ן און זיין פריינדשאפט מיט מאיאר פאן קלייסט, וואלט לעססינג ניט פערבליבען אין לייפציג, וואו עס איז צו דער צייט אפילו קיין טהעאטער ניט געווען, אז ער זאל קענען פאר איהם שרייבען שטיקער. אין 1758 איז דער מאיאר געשיקט געווארן דיענען אין אן אנדער ארט. אין א בריף צו זיינעם א פריינד האט דער מאיאר ערקלערט, דאס ער פיהלט זיך אזוי וויא האלב־טויט נאך זיין שיידונג מיט לעססינג'ן, צו וועלכען ער האט זיך אזוי צוגעוואהנט און צוגעבונדען. ער האט אויך אנגעזאגט, אז אין פאל ער וועט געטויטעט ווערן אין א שלאכט, זאל מען צוטהיילען 200 טהאלער צווישען זיינע פריינד לעססינג און ראמלער. „אדער, האט ער צוגעזעצט, גיט זיי דאס געלד יעצט, און ווען איך וועל בלייבען לעבען, זאלען זיי עס מיר אבגעבען, ווען זיי וועלען ווערען רייך“.

אהן דיזען עדעלמוטהיגען מאיאר האט לעססינג ניט געוואלט פערבלייבען א טאג אין לייפציג און האט זיך וויעדער בעגעבען נאך בערלין.

זיעבעטער קאפיטעל.

זיין לעבען אלס שרייבער אין בערלין און זיין אפרייזע נאך ברעסלוי.

מיט הערצליכע פריידע איז לעססינג אויפגענומען געוואָרן פון זיינע פיעלע פריינד און בעזאָנדערס נאטירליך פון מענדעלססאָהן, זיי פלעגען זיך טעגליך צוזאמענטרעפען און פיהרען געשפרעכען און דיסקוסיאָנען איבער פאָליטיק, פילאָזאָפיע און מייסטענס איבער ליטעראַטור און קונסט. אבוואָהל לעססינג האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט צו זיין דער גרינדער פון א ליטעראַרישע שוהלע, איז ער דאָך געוועזן דער צענטער פון א געוויסען קרייז פון פריידיינקענדע שרייבערס. וואו נאָר ער האָט זיך געפונען האָט מען זיך ניט געקענט לאַנגווייליגען. „זיין געשפרעך, האָט מענדעלססאָהן געשריעבען אין א בריעף, איז געוועזן א רייכער פאָנטאַן, פון וועלכען מען האָט געשעפּט אָהן אויפהער נייע אידעען וועגען דאס שעהנע און גוטע“.

ער האָט זיך אָבער גאָר ניט גוט און פרעהליך געפיהלט אין דיזער צייט. ער האָט געביינקט נאָך דעם מאַיאָר פאָן קלייסט און זיך געערגערט וועגען זיין פראָצעס מיט ווינקלער'ן. דערצו נאָך האָט ער זיך געפונען אין זעהר געענגטע אומשטענדען, וויא געוועהנליך. דאס איז יעצט געקומען ניט אַזוי דורך דעם, וואס ער האָט ניט געקענט קריגען גוט בעצאָהלט פיר זיינע שריפטען, ווי דורך דעם, וואָס ער האָט פיעלעס אָנגעפאַנגען און וועניג געענדיגט און וואָס ער איז געוועזן זעהר ניט רעגעלמעסיג אין זיין לעבען און שרייבען. ער איז ניט געשאַפען געוואָרן פאַר א רעגעלמעסיגען לעבען. ער האָט ליעב געהאַט צו זיין אַזוי פריי און זאָרגלאָז וויא א ציגיינער אָדער, וויא מען רופט עס אויף דעם ליטעראַרישען לשון, א „באָהעמער“. טראָץ דעם, וואס איהם איז שוין געוואָרן 30 יאָהר און וואָס ער האָט געוואונען א גרויסען נאמען אלס דיכטער און קריטיקער, האָט ער זיך נאָך אלץ געפיהרט וויא א לוסטיגער סטו־

דענט, וועלכער קימערט זיך גאר ניט וועגען דעם וואס מארגען וועט זיין.

אין דיזער בעציהונג איז ער געווען אן אויסנאהמע צווישען דיא דייטשע שרייבערס און אפילו צווישען זיינע נעהנטסטע פריינד, וועלכע זיינען אלע געווען פראקטישע, פינקטליכע און סטאטעצנע מענשען. זיי האבען ניט זעלטען געליטען פון זיין אונ־פינקטליכקייט, אבער האבען איהם בעוואונדערט פאר זיין ריזיגען גייסט און געליעבט וויא א שטיפענדיגען, אבער גוטהערציגען און מוטהיגען אינגעל. היינריך היינע האט וועגען איהם געשריעבען: „אין דער גאנצער געשיכטע פון ליטעראטור ליעב איך לעססינג'ן מעהר פון אנדערע שרייבערס". דאס איז נאטירליך, דען היינע איז אויך געווען א גייסטרייכער „באהעמער".

ראמלער, איינער פון לעססינג'ס נעהנטסטע פריינד, האט זיך זעהר געערגערט וועגען זיין אונפינקטליכקייט. זיי האבען צו־זאמען געוואלט ארויסגעבען א טהייל פון דיא סאטירישע שריפ־טען פון דעם שריפטשטעלער לאגאו, וועלכער האט געלעבט אין זיעבענצעהנטען יאהרהונדערט. לעססינג האט געזאלט אנשרייבען דיא הקדמה, נאר, וויא געווענליך, האט ער עס ניט געמאכט אין צייט. ראמלער האט געשווארען, אז ער וועט קיין מאל ניט אונ־טערנעהמען עפעס מיט לעססינג'ן, סיידען זיין פריינד וועט פריהער האבען אלעס אנגעשריעבען. דאך האט ראמלער ניט געקענט זיין אין כעס אויף איהם. „איז דאס ניט א קריינקונג פאר מיר, א פינקטליכען מאן?" האט ער געשריעבען, „דאך קען איך ניט בייז ווערען אויף אונזער פריינד, דען ער האלט שטענדיג צעהן אייזענס אין פייער אויף איין מאל".

אין דער צייט, ווען זיינע פריינד פלעגען אויספיהרען זייערע אונטערנעהמונגען און רעגעלמעסיג ארבייטען, פלעגט ער זיך ארומדרייהען און פערבלייבען אין ווינקעלערס. נאר דערפאר ווען ער פלעגט עפעס אנשרייבען, פלעגט ער זיי אלעמען לאזען הינטער זיך און גלענצען מיט זיין טאלאנט. דיא הקדמה צו לאַ־גאו'ס שריפטען האט ער אויך ענדליך אנגעשריעבען און דורך דעם האט דיזער פערגעסענער שרייבער אפגעלעבט.

מייסטענס פלעגט ער שרייבען אין אזא צושטאנד פון נויט און אויפרעגונג, וועןן אנדערע קענען געוועהנליך ניט פערפאסען עפּעס רעכטעס. נאָך אזא אויפרעגונג פלעגט ער פערלירען דעם חשק צו שרייבען און פלעגט זיך סתם ארומדרייהען און ארומטראָגען מיט פלענער. גראדע אין דיא ערגסטע מינוטען פון זיין לעבען פלעגט זיין מוזע אויפפלאַקערן. ער האָט דאן געזוכט צו פערגעסען זיינע צרות אין פיעבערהאַפטער ליטעראַרישער טהעטיגקייט. אזוי איז אויך געווען, ווען ער האָט געקראָגען דיא נאַכריכט, דאס דער מאיאָר פאָן קלייסט האָט טאקע געטראָפען דעם טויט אויף א שלאַכטפעלד. ער האָט זיך א נעהם געטאָהן צו שטודירען דיא טראַגעדיעס פון סאָפאָקלעס און האָט אָנגעפאנגען צו שרייבען א קריטישע בעטראַכטונג איבער דיא ווערק פון דיזען געניאַלען אַלט־גריכישען דראמאטישען דיכטער; אָבער ער האָט עס ניט געענדיגט. דער טויט פון זיין מיליטערישען פריינד האָט נאָך מעהר פער־שטארקט זיין שטייגענדע אונצופריעדענהייט מיט דער זיעבען־יעהריגער מלחמה, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אזוי פיעל צרות אויף דער וועלט, און מיט דעם פרייסישען קעניג, וועלכער האָט זיך גאָר ניט פילאָזאָפיש געפיהרט אין קריעג. ער האָט געקוקט אויף דיא מלחמה וויא אויף א בארבאריי און א נוצלאָזע בלוטפערגיסונג. אויב ער האָט פריהער געהאט ענג־פאטריאָטישע געפיהלען, האט ער זיי שנעל פערלאָרען.

פיליינט האט ער אָנפאנגס בעטראַכטעט אלס זיין פאטערלאנד גאַנץ דייטשלאנד, וועלכע איז נאָך דאן צוטהיילט און צוברעקעלט געווען. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז ער האָט זיך אויסגעניכ־טערט פון זיין פריהערע בעגייסטערונג פאר פרייסען און פריעדריך דעם גרויסען. עס איז איהם מיאוס געוואָרן צו הערען דיא טענות פון דיא פרייסישע פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט געקי־מערט וועגען דיא בלוטפערגיסונגען און פערוויסטונגען דורך דעם קריעג, און ער האָט דארום געשריעבען וועגען דיא מלחמה־ליעדער פון דעם מאָרד־פאטריאָטישען פאָעט גלעים: „דער פאטריאָט דער־שטיקט צופיעל דעם פאָעט. פיליינט איז אין מיר דער פאטריאָט נאָך אויך ניט אין גאנצען דערשטיקט, אָבער איך קען ניט לויבען

אזא פאטריאט, וואס זאל מיר לערנען צו פערגעסען, אז איך דארף זיין א בירגער פון דער וועלט.... עס איז פיליכט א שאנדע פאר מיר, נאר איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב קיין אידעע וועגען ליעבע צום פאטערלאנד און אז דיזע ליעבע שיינט מיר אין בעסטען פאל א העלדישע שוואכקייט אהן וועלכע איך קען זיך גאנץ גוט בעגיין".

זיינע געגנער זיינען צוליעב דעם אנגעפאלען אויף איהם, און פיעלע דייטשען קענען עס איהם נאך יעצט ניט פערגעבען; אבער אין זיין ליטערארישע טהעטיגקייט איז ער דאך געוועזן און פער־בליעבען א דייטש. ער האט יעדענפאלס אויפגעטאהן פאר דיא ענטוויקלונג פון דיא דייטשע שפראך און ליטעראטור וויא אויך פאר'ן דייטשען פאלק פיעל מעהר וויא אלע פערביסענע דייטשע פאטריאטען צוזאמענגענומען. ער האט ניט געקענט זיין אן ענג־הערציגער פאטריאט, דען זיין הארץ האט איהם געצויגען צו דער גאנצער מענשהייט, צו קאסמאפאליטיזמוס. ער איז געוועזן א וועלט־מענש, אהן האס צו אירגענד וועלכען פאלק, און מיט זיין מארך און פעדער האט ער געדיענט דער גאנצער מענשהייט

נאר זיין טהעטיגקייט אין בערלין איז אונטערבראכען געווארן דורך דיא מלחמה. ער האט איבערהויפט ניט געקענט בלייבען לאנג אויף איין ארט. דאס איז געלעגען אין זיין נערוועזען כא־ראקטער, אין זיין שטרעבונג צו ענדערונגען און נייעס. עס איז איהם מיאוס געווארן צו בלייבען אין בערלין, וואו מיליטאריזמוס און ענגער פאטריאטיזמוס האבען געהערשט. זיין געזונד איז אויך געוועזן ניט אם בעסטען. ער האט דארום אנגעפאנגען צו זוכען א געלעגענהייט צו ענדערן זיין לעבען אין אן אנדער ארט, אז ער זאל ניט געצוואונגען זיין צו שרייבען, אום צו פערדיענען א שטיקעל ברויט. דיא נויטווענדיגקייט צו מאכען א לעבען פון דער פעדער האט איהם געטריעבען צו מאכען איבערזעצונגען און צו שרייבען פאר צייטונגען אנשטאט צו שאפען דאס, וואס עס איז איהם געלעגען אם הערצען און וואס ער האט בעטראכטעט אלס ריינע קונסט. ער האט זיך געפיהלט ערניעדריגט, וואס ער האט

געמוזט זיך נעהמען צו דער פעדער צוליעב דיא קלעגליכע חיונה, ניט אלס א פרייע פויגעל.

גראדע האט ער געהאט מזל דיזען מאל. צווישען דיא פריי־סישע אפיצירען, מיט וועלכע ער האט זיך צוזאמענגעטראפען ביי מאיאר פאן קלייסט אין לייפציג, איז אויך געוועזן א געוויסער טויענצין, וועלכער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט ביי דער פערטהיידיגונג פון ברעסלוי, דאס דער פריישישער קעניג האט איהם געמאכט פאר א גענעראל און פאר א גובערנאטאר פון ברעסלוי. ווען דיא רוסיש־עסטרייכישע ארמעע האט פערנומען בערלין, און לעססינג האט זיך געפונען אין פערלעגענהייט, האט ער ערהאלטען אן איינלאדונג פון גענעראל טויענצין צו קומען צו איהם און ווערן זיין סעקרעטער. אבוואהל ער האט געפיהלט, אז דאס איז ניט א פאסענדער אמט פיר איהם, האט ער דאך ניט לאנג געטראכט און אנגענומען דעם פארשלאג. אין נאוועמבער 1760 האט ער צום דריטען מאל פערלאזען בערלין אפילו ניט געזעגענענדיג זיך מיט זיינע פריינד. א וואך נאך זיין אנקומען אין ברעסלוי, האט ער געשריעבען צו זיין פריינד ראמלער אין בערלין: „איהר זייט וואהרשיינליך ערשטוינט וועגען מיין בעשלוס. איך וויל אייך זאגען דעם אמת, איך בין אליין אויך ערשטוינט, וויינינגסטענס א פיערטעל שטונדע יעדען טאג“. נאכדעם וויא ער האט איהם געטרייסט, אז עס וועט ניט לאנג ניט דויערן און אז ער וועט נאך קומען צוריק, האט ער געשלאסען מיט דיא ווערטער: „איהר קענט דאך מיך, אויב מען קען מיך ניט ליבען, קען מען מיך וויינינגסטענס ענטשולדיגען“.

אכטער קאפיטעל.

זיין לעבען אין ברעסלוי.

אין ברעסלוי האט לעססינג אנגעפאנגען צו פיהרען אזא לעבען, אז זיינע פריינדע זיינען געוועזן אויסער זיך פון ערגערניס און הארצקלעמעניס. מען קען ניט זאגען, אז ער האט גאר ניט געשריעבען דיא פינף יאהר, וואס ער האט פערבראכט אין ברעסלוי; אבער דעם גרעסטען טהייל פון זיין פרייע צייט האט ער אבגעגעבען צו א לוסטיגען לעבען און זאגאר צו קארטען־שפיעל. ער האט זיך אליין ניט ארומגעזעהן, וויא ער איז אריינגעשלעפט געווארן אין א לעבען, וועלכער האט גאנץ ווייניג געפאסט פאר איהם און האט אויך געבראכט זיין שוואכע געזונד.

ער האט געהאט א געלעגענהייט צו ווערן א רייכער מאן, אויב ער וואלט ניט געווען אן עהרליכער מאן. פריעדריך דער גרויסער, וועלכער האט זיך שטארק גענויטיגט אין געלט צו פיהרען זיינע מלחמות, האט אויך געהייסען שלאגען מטבעות, וואס זייער אמת'ער ווערטה איז געווען פיעל ניעדריגער וויא דער אנגעצייכענטער. ער האט געצוואונגען אנצונעהמען דיזע געפעלשטע מאנעטען פאר כשר'ע. גענעראל טויענצין האט געהאט אויפצופאסען אויף דיזע רעגירונגס־פעלשונג און האט דערביי געמאכט ניט ווייניגער וויא 120 טויזענד טהאלער. אלס סעקרעטער פון דעם מיליטערישען גובערנאטאר האט לעססינג נאטירליך געוואוסט פון אלע איינצעלהייטען פון דיזען רויבערישען געשעפט, וואס איז אין מיטעלאלטער און שפעטער פראקטיצירט געווארן פון פיעלע רעגירונגען. ווען ער וואלט עס נאר וועלען, וואלט ער אויך געקענט „פערדיענען“ דערביי א שעהנע פאאר טויזענד טהאלער. דיא מאכערס פון דיא געפעלשטע מאנעטען (טראץ זיין פריינדשאפט צו אידען, האט דער קעניג איבערגעגעבען דיזען געשעפט צו צוויי בערלינער אידען) האבען פארגעשלאגען גוטע בעלוינונג ניט נאר לעססינג'ן, זאנדערן אויך זיין פריינד מענדעלסזאהן; אבער ביידע האבען זיך ענט־

זאגט דערפון. פיעלע שווינדעל און פערברעכען זיינען בעגאנגען געווארן פאר לעססינג׳ס אויגען, אבער ער אליין איז ארויס ריין און עהרליך, אזא ארימאן וויא ווען ער איז געקומען.

זיין געהאלט האט ער אויסגעגעבען ניט בלויז פאר זיך, זאנדערן אויך פאר זיינע עלטערן, וועלכע ער פלעגט מיט פריידע העלפען, ווען ער האט נאר געהאט דיא קלענסטע מעגליכקייט. שפארען און קלייבען איז גאר ניט געוועזען אין זיין נאטור. ער פלעגט אפט שליידערן מיט געלט, ווען ער האט געהאט טהאלערס אין קעשענע. ווען א בעקאנטע דאמע האט איהם אויסגערעט, ווארום ער שפארט ניט, האט ער געענטפערט: „איך וועל אימער האבען געלט, זאלאנג עס וועלען בלייבען אט דיא דריי פינגער און אט דאס", דערביי האט ער אנגעצייגט אויף דיא פינגער צום שרייבען און אויף זיין שטערן. א סך געלט האט ער דאן אויסגעגעבען אויף איינקויפען ביכער. דערביי איז ער געוועזען אזוי ניט בערעכענט, דאס ניט איין מאל האט ער געמוזט בארגען אדער פערזעצען זאכען, אום צו שיקען געלט זיינע עלטערן.

ער האט דאן געהאט דיענער, נאר אזוי וויא ער האט זיך געהאלטען מיט זיי פראסט און ברידערליך, פלעגען זיי איהם קריעכען אויף׳ן קאפ. ער האט דארום פארגעשטעלט אין זיינע קאמעדיעס דיענער, וועלכע פאלגען ניט זייערע ווירטהען און פיהרען זיך נאך זייערע קאפריזען. איינער פון זיינע דיענער האט איהם בע׳גנב׳עט און איז פערשוואונדען. ווען מען האט נאכהער איבערגעגעבען לעססינג׳ן, אז דיזער דיענער האט ערגעץ געעפענט א קראם מיט זיין געלט, האט ער גוטמוטהיג געענטפערט: „נו, ער האט וויניגסטענס גוט פערברויכט מיין געלט". מען דערצעהלט, אז ווען ער פלעגט האבען געלט, פלעגט ער האלטען אין קעשענע גאלדענע מאנעטען צוזאמען מיט מינץ און א מאל דערלאנגען על פי טעות א גאלדענע שטיק א בעטלער. ווען עס פלעגט טרעפען, אז א בעטלער האט איהם צוריק געגעבען דיא גאלדענע מאנעטע, פלעגט ער זיך וואונדערן, וואס אויף דער וועלט גיבט עס נאך עהרליכע לייט, און פלעגט איהם הייסען נעהמען דאס געלד־שטיק וואס „גאט אליין האט איהם צוגעשיקט".

ער פלעגט מייסטענס פערקעהרען אין דער געזעלשאפט פון אפיציערען און שוישפיעלער. כמעט יעדען אבענד פלעגט ער זיך געפינען אין א טהעאטער און נאכהער פלעגט ער זיך ארומשלע־פען אין קאפעס און ווינקעלערס, וויא אן עבטער „באהעם" (אויף אמעריקאניש גערעט: א „טרעמפ"). שלאפען פלעגט ער גיין, ווען א סך בירגער פלעגען זיך שוין קלייבען אויפצושטיין. דער פראסטער בעקער, אין וועמעס הויז ער האט דאן קווארטירט, איז אזוי אויפגעבראכט געווארען אויף איהם צוליעב דיעזען אונרע־געלמעסיגען לעבען, אז ער האט אנגעפאנגען צו באקען לעקעכלעך אין דער פארמע פון א נאכטוועכטער מיט דער אונטערשריפט: „גאטטהאלד אפרים לעססינג". דאס איז געווען דעם בעקער'ס איינפאל פטור צו ווערען פון אזא אונבעקוועמען קווארטיראנט, און דאס איז איהם אויך געלונגען, דען לעססינג האט זיך דאן אריבער־געצויגען אויף אן אנדער קווארטיר.

נאך דאס ערגסטע איז געווען וואס לעססינג איז געווארען א פערקאכטער קארטענשפיעלער. אום צו האבען גרעסערע אויפרע־גונג פלעגט ער שפיעלען אזוי גרויס, אז איין מאל האט איהם אפילו גענעראל טויענציץ געמאכט פארווירפע. אבער ער האט געענטפערט: „איך שפיעל בכיון אזוי ליידענשאפטליך, ווייל א שטארקע אויפ־רעגונג ברענגט אין בעוועגונג מיין אבגעשטעלטע מאשינע. דאס בעפרייט מיך פון דיא פיזישע שמערצען, וועלכע איך לייד אפט".

ווען זיינע בערלינער פריינדע האבען זיך דערוואוסט דערפון, האבען זיי געמיינט, אז ער איז שוין א פערלארענער מענש און האבען איהם געשטראפט אין זייערע בריעף. מענדעלסזאהן האט נאך געברויכט אזא מיטעל אפצוהאלטען זיין פריינד פון דיעזען געפעהרליכען וועג. ער האט איהם צוגעשיקט אן עקזעמפלאר פון זיינע פילאזאפישע ווערק מיט א געדרוקטע ווידמונג צו איהם, אין וועלכער עס איז צווישען אנדערעם געשטאנען, אז דער פיעל גע־ליעבטער שרייבער איז געווארען א „שטומער גאט, וואס הערט ניט, רעדט ניט, פיהלט ניט, זעהט ניט — נאר וואס טהוט ער? ער שפיעלט."

דאס האט שרעקליך אויפגערודערט לעססינג'ן; אבער מענ־

דעלססאָהן האָט איהם באַלד אין אַ בריעף בערוהיגט, אַז דיעזע ווידמונג איז נאָר אָפּגעדרוקט געוואָרען אין עטליכע עקזעמפּלארען, וועלכע זיינען צוטהיילט געוואָרען צווישען זייערע אינטימסטע פריינד. לעססינג אַליין האָט זיך ניט געשווינט אין זיינע בריעף. „מיט טיעפען בעדויערן מוז איך צוגעבען, האָט ער געשריעבען, אַז איך בין אונגליקליך . . . מיין בעסטער פריינד, אייער לעססינג איז אַ פערלאָרענער! ביסלעכווייז וועט איהר גאָר ניט וויסען פון איהם, ער אַליין אויך ניט. אַה, מיין צייט, מיין צייט, אַלעס וואָס איך בעזיץ — דאָס צו אָפּפערן אויף אַזאַ שטייגער, איך וויים אַליין ניט פאַר וועלכע זאַכען! הונדערט מאָל האָב איך שוין געטראַכט זיך אַרויסצורייסען פון דיעזען קרייז . . .“ נאָר אַזעלכע בריעף האָט ער געשריעבען אין מינוטען, ווען ער האָט זיך בעזאָנדערס שלעכט געפיהלט. אַ פערלאָרענער איז ער זיכער ניט געווען. עס איז אמת, אַז ער האָט ניט געהאַט גענוג ענערגיע זיך אָפּצורייסען פון קאָרטענטיש און צו לעבען רעגעלמעסיג, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט פערלאָרען זיין טיעפען אינטערעס אין דער גייסטיגער וועלט און האָט אויך ניט אויפגעהערט צו שטודירען און צו שרייבען.

אין דער צייט, ווען זיינע פריינד האָבען זיך געשראָקען פאַר זיין צוקונפט און איהם געשטראָפט, האָט ער געלעזען דיא ווערק פון דידעראָ, שטודירט ספּינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע און אויך אָנגעפאַנגען צוויי פון זיינע בעסטע ווערק: דיא דראַמע „מינא פאָן בארנהעלם“ און זיין גרויסע קריטישע ווערק „לאַאָקאָאָן“. ער האָט פערהעלטניסמעסיג גאַנץ ווייניג געשריעבען אין ברעסלוי; אָבער דערפאַר האָט ער ניט בעדאַרפט זאָרגען וועגען חיונה און געהאַט דיא מעגליכקייט צו שרייבען וואָס איהם איז געפעלען געוואָרען, צו שאַפען פיר דיא ריינע קונסט. טראָץ אַלע זיינע חטאים און גרויסען צייטפערלוסט איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז אין ברעסלוי האָט זיין מוזע אויפגעבליהט און שפּעטער געבראַכט גרויסאַרטיגע פריכטע. דער אַלטער לאַטיינישער שפּריכוואָרט, אַז „דיא מוזען פאָדערן פרייע צייט און איינזאַמקייט פון דעם דיכטער“ האָט זיך אויך אַרויסגעצייגט ריכטיג וועגען לעססינג׳ן.

אין דער צייט, ווען ער האט געלעבט אין ברעסלוי, האט מען איהם פארגעשלאגען דיא שטעלע פון א פראפעסאר פון עלאקווענציע אין קעניגסבערג, וואו דער פילאזאף קאנט וואלט געווען זיין קאלעגע; אבער אזוי וויא איינע פון דיא פפליכטען פון דיעזען אמט איז געווען צו האלטען יעדען יאהר א רעדע לכבוד דעם קעניג, האט ער דעריבער גאר ניט געוועלט הערען דערפון.

עטליכע מאל האט ער בעגלייטעט דעם גובערנאטאר, ווען מען האט בעדארפט מאכען אפיציעלע רייזען. אין 1763, ווען דיא זיעבעניעהריגע מלחמה האט זיך געענדיגט, האט ער בעדארפט, אלס סעקרעטער, פערפאסען און ארויסלאזען דיא פראקלאמאציאן וועגען פריעדען צו דיא איינוואהנער פון ברעסלוי. איין מאל האט ער אויך בעגלייטעט גענעראל טויעניץ ביז פאטסדאם און ער האט זיך דערמיט בענוצט צו בעזוכען זיינע פריינדע אין בערלין.

נאך דער מלחמה האט ער געהאט וועניגער אפיציעלע ארבייט און האט געקענט אבגעבען פיעל מעהר צייט צו ליטעראטור. דאס איז געווען איינער פון דיא פרוכטבארסטע פעריאדען אין זיין לעבען; נאר אין מיטען דערינען איז ער קראנק געווארען. ער האט געארבייט מיט אזא אויפרעגונג צו ענדיגען „מינא פאן בארנהעלם“, אז ער האט געכאפט א פיעבער, וועלכער האט איהם לאנג געקוועלט. דאס איז געווען אין זומער 1764. ווען ער האט זיך א ביסעל ערהאלט, האט ער געשריעבען צו זיין פריינד ראמלער: „איך בין אזוי וויא פון דאס נייע געבארען געווארען. יעצט האט זיך אנגעפאנגען א נייער פעריאד אין מיין לעבען. איך וועל א געלאסענער מאן און איך האף, אז דיא היציקריינק האט ארויסגעיאגט דיא לעצטע סמנים פון מיינע יוגענדליכע נארישקייטען. דיא גליקליכע קראנקהייט!“ אבער אין אן אנדער בריעף, וואס ער האט געשריעבען מיט א וואך שפעטער, האט ער זיך בעקלאגט, דאס דיא קראנקהייט האט זיך אפגערופען שווער אויף זיין געמיטה און דאס ער קען שוין ניט ארבייטען וויא פריהער. „פאר מיין קראנקהייט, האט ער געשריעבען צו ראמלער'ן, בין איך געווען אזוי אויפגעלייגט צו ארבייטען, וויא דאס האט זעלטען מיט מיר געטראפען. איך קען נאך אלץ ניט קומען צו זיך. איך ברען מיט אונגעדולד צו ענ-

דיגען מיין „מינא פאן בארנהעלם“. איך וואלט זעהר ניט וועלען שרייבען דיעזע שטיק מיט האלבע קרעפטען.“

עטליכע מאנאט שפעטער איז דער גובערנאטאר טויענצין געווארען געפעהרליך קראנק, און לעססינג, וועמען עס האט שוין איבערהויפט דערעסען צו בלייבען אין ברעסלוי און וועלכער האט געוועלט מאכען א רייזע נאך איטאליען און גריכענלאנד, האט בעשלאסען זיך אפצוזאגען פון זיין שטעלע. צו זיין פאטער, וועלכער איז געווען זעהר צופריעדען, וואס ער פערנעהמט א רעגיערונגס־שטעלע און פערדיענט גענוג צו העלפען דיא פאמיליע, האט ער וועגען דעם געשריעבען אזוי: „איהר ווייסט דאך, אז איך האב קיין מאל ניט גערעכענט לאנג אנצוהאלטען מיין פלאץ און אז איך האב ניט אויפגעגעבען מיין אלטען פלאן פון לעבען. איך מוז אייך זאגען, אז איך בין יעצט מעהר וויא ווען עס איז ענטשלאסען ניט אנצונעהמען אירגענד וועלכע בעשעפטיגונג, וואס איז ניט צוגעפאסט צו מיר, וואס איז ניט פאלקאמען נאך מיינע שטרעבונגען. א העלפט פון מיין לעבען איז שוין פאריבער, און איך זעה קיין גרונד ניט, ווארום איך זאל זיך מאכען פאר א שקלאוו אין דער קורצער צייט, וואס מיר איז נאך געבליעבען צו לעבען. איך מוז דאס אייך שרייבען, טהייערער פאטער, אז איהר זאלט ניט שטוינען, אויב איהר וועט מיך זעהען אין א קורצער צייט ארום גאנץ ווייט פון דעם, וואס מען רופט א שטענדיגער פלאץ.“

ער האט דאן געטרוימט, אז ער וועט האבען דיא מעגליכקייט צו פערברייננגען כאטש א קורצע צייט אין איטאליען און גריכענלאנד, אום צו בעטראכטען דיא איבערגעבליעבענע ווערק פון דער אלטער קונסט; אבער אין 1765, ווען ער האט בעשלאסען זיך צו געזעגענען מיט ברעסלוי, האט ער זיך געפונען אין אזא געענגטער לאגע, דאס איהם איז נאר געבליעבען ווידער זיך צוריק צו קעהרען נאך בערלין.

נײנטער קאפּיטעל.

„מינא פאָן בארנהעלם“ — „לאאָקאָאָן“.

װען לעססינג איז צום פערטען מאָל אָנגעקומען אין דער פּרײ־סישער הױפּטשטאָדט, האָט ער געהאַט אַ שטיקעל האָפנונג צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ דירעקטאָר פון דער קעניגליכער ביבליאָטהעק. אײניגע פון זײנע פרײנד און פערעהרער האָבען איהם װאַרעם רעקאָמענדירט צום קעניג און פאָרגעשטעלט אַלס אײנעם פון די געלעהרטעסטע און בעלעזענסטע מענער אין דײטשלאַנד; אָבער פּריעדריך האָט געקראָגען אַ שלעכטע מײנונג פון איהם דורך דעם שטרײט מיט װאָלטער'ן און האָט זיך ענטזאָגט איהם צו געבען דעם פּלאַץ.

לעססינג האָט זיך דערפון װײניג אָבגעגעסען די האַרץ, אָבװאָהל די שטעלע פון אַ ביבליאָטהעקאַר איז איהם געפעלען געװען און ער װאָלט געקענט רוהיג פאָרטזעצען זײנע ליטעראַרישע אונטערנעהמונגען. געקרײנקט האָט איהם נאָר, װאָס ער האָט װיע־דער געמוזט שרײבען, אום צו מאַכען אַ לעבען. אין דער צײט, װען ער פלעגט מוזען ענדיגען אַ בעשטעלטע ארבײט, פלעגט ער גאָר װעלען שרײבען עפּעס אַנדערעס אָדער גאָר זיך אָפּרוהען, און דאָס האָט זעהר שלעכט געװירקט אויף איהם און זײן געמיטה. נאָר באַלד האָט ער געהאַט דעם פערגניגען צו זעהען, אז ער האָט זיך ניט גענאַרט, װען ער האָט בעטראַכט „מינא פאָן בארנהעלם“ פאַר זײן בעסטע דראַמאַטישע װערק. דיעזע קאָמעדיע, װעלכע מען קען אויך רופען דראַמע, האָט געהאַט אַ ריעזען ערפאָלג אין בערלין און נאָכהער אין גאַנץ דײטשלאַנד.

מען קען זאָגען, אז דיעזעס מאָל האָט ער געשאַפען אַן אמת'ע נאַציאָנאַלע דראַמע. יעדענפאַלס איז ער שױן געװען זעלבסט־שטענדיג. אויב דער גניאַלער פראַנצױז דידעראָ האָט געהאַט אַן אײנפלוס אויף איהם אין דער צײט, װען ער האָט געהאַט אויס־געאַרבײט דעם פּלאַן פון „מינא פאָן בארנהעלם“, איז עס נאָר גע־

ווען, אז ער זאל זוכען ארום זיך, אין ווירקליכען לעבען, דיא פערזאנען. אין דער גאנצער שטיק, וועלכע האט געהאט אזא גרוי־סען און טיעפען איינפלוס אויף דיא מאדערנע דראמאטישע קונסט, קען מען שוין ניט געפינען נאכאהמונגען וויא אין זיינע פריהערע דראמאטישע ווערק.

דער אינהאלט איז פערבונדען מיט דער זיעבעניעהריגער מלחמה, וועלכע ער האט געקענט גוט בעטראכטען, ווען ער איז גע־ווען אין לייפציג און ברעסלוי. דער העלד איז מאיאר טעללהיים, וועלכער ליידעט דורך זיין גרויסמוטה אין דער צייט פון קריעג און איז טהיילווייז קאפירט נאך מאיאר פאן קלייסט, דעם פערפא־סער׳ס עדעלען פריינד. דיא העלדין, מינא פאן בארנהעלם, איז אן אדעליגע פריילין, וועלכע האט זיך פערליעבט אין דעם מאיאר צו־ליעב זיינע אן עדעלע האנדלונג אלס קאמאנדירענדער אפיציער. א צופאל, וועלכער האט געטראפען אין א האטעל פון ברעסלוי, וואו א כלה האט אויפגעזוכט איהר חתן, א פערוואונדעטען אפיציער, האט געגעבען לעססינג׳ן דעם פלאן פון דער אינטריגע. אלע פער־זאנען פון דיעזער קאמעדיע, אפילו דיא דיענערס און דיא קאמער־מיידלעך, זיינען ריכטיג פארגעשטעלט אלס טיפען.

דאס בעסטע, וואס מען קען יעצט זאגען וועגען דיעזע קא־מעדיע, איז וואס זיא ווערט נאך געשפיעלט און וועט לאנג ניט אראפ פון דער ביהנע. זיא איז א קלאסישע ווערק פון דייטשער ליטעראטור. געטהע האט פערגליכען „מינא פאן בארנהעלם“ מיט א מארגען־שטערן.

אין דער זעלבער צייט איז לעססינג אויך ארוים מיט א קרי־טישע ווערק וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג ניט נאר אין דייטשלאנד, זאנדערן אויך אין דער גאנצער וועלט. דאס איז „לאאקאאן“, וועלכער איז ליידער אויך געבליעבען ניט געענדיגט. דארט האט ער אויסגעדריקט זיינע מיינונגען איבער פאעזיע און איהרע בעציהונגען צו מאלעריי און סקולפטור. ער האט דערביי ארויסגעוויזען ניט נאר זעלטענע קענטניסע, זאנדערן אויך א הויכען קונסט־געפיהל, א טיעפען פערשטאנד אין קונסטווערק.

דער נאמען „לאאקאאן“ קומט פון דעם, וואס לעססינג האט

אנגעפאנגען זיינע קריטישע בעטראכטונגען איבער קונסט מיט דער בעריהמטער אלט־גריכישער סקולפטור־גרופע, וועלכע שטעלט פאר דיא מעשה וועגען דעם טראיאנער פריעסט לאאקאאן מיט זיינע צוויי זיהן, וויא זיי ווערען צוקוועטשט פון ריזיגע שלאנגען. (דיזע סטאטוע איז געפונען געווארען אין 1506 און געפינט זיך יעצט אין וואטיקאנער מוזעאום). דיא טראגישע געשיכטע פון לאאקאאן איז איבערגעגעבען אין דער בעריהמטער פאעמע „ענעאיד“ פון דעם אלט־רוימישען פאעט ווירגיל. לעססינג האט זיך געשטעלט דיא טיעפזיניגע פראגע, ווארום דער גריכישער סקולפטאר האט פאר־געשטעלט לאאקאאן'ס שרעקליכען טויט ניט אזוי, וויא ער וואלט דערביי געשריען פון ווייטאג און וויא דער רוימישער דיכטער האט עס געשילדערט. אום צו ענטפערן אויף דיעזער פראגע האט לעססינג בעטראכט דיא בעציהונגען צווישען פאעזיע און דיא פ ל א ס ט י ש ע קונסטען, דאס הייסט: מאלעריי און סקולפטור, און האט דערביי קריטיקירט דיא פריהערע לעהרען וועגען דיא שעה־נע קונסטען. פיעלע קונסט־קריטיקער האבען צוזאמענגעמישט פאעזיע מיט מאלעריי. איינינע האבען בעהויפטעט, אז א פאעט דארף מען בעזאנדערס שעצען נאך דעם, וויא פיעל בילדער ער קען מיט זיינע שילדערונגען געבען א מאלער. לעססינג איז ארויסגע־טראטען געגען דיעזע מיינונגען אזוי ענטשיעדען, וויא דידעראָ אין זיינע „געדאנקען איבער מאלעריי, סקולפטור, ארכיטעקטור און פאעזיע“. דיעזעביידע טיעפע און אריגינעלע דענקער פון אכט־צעהנטען יאהרהונדערט, דיעזע צוויי פרייע גייסטער און עהרליכע קעמפפער פאר אויפקלעהרונג האבען זיך אויך צוזאמענגעטראפען אין זייערע מיינונגען איבער קונסט.

דיא געדאנקען, וועלכע זיי האבען אויסגעדריקט אין זייערע קריטישע ווערק, זיינען, זא צו זאגען, איינגעקערפערט געווארען אין דיא נעכסטע דורות. זיי האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון דער מאדערנער קונסט־קריטיק. איבערגעבען זייערע געדאנקען הייסט איבערגעבען דאס, וואס מען קען געפינען אין לעהר־ביכער איבער עסטהעטיק. דער שלוס, צו וועלכע לעססינג איז געקומען נאך זיינע קריטישע נאכפארשונגען וועגען דיא סקולפטור־גרופע

לאָאָקאָאָן, איז אַז דער סקולפּטאָר האָט זיך געמוזט רעכענען אין זיין אַרבייט מיט דיא געזעצען פון שעהנהייט ביי דיא אַלטע גריכען. אַ סקולפּטאָר און אַ מאַלער דאַרפען פריהער פאַר אַלץ האָבען אין זינען דיא שעהנהייט. אין פּאָעזיע קען מען בעשרייבען, וויא אַ מענש האָט זיך געדרעהט אין שרעקליכע קאָנוואולסיעס און האָט געשריען פון ווייטאָג; אין סקולפּטור אָבער וועט עס אויסזעהען זעהר העסליך און וועט אַרויסרופען עקעל. דיא אַלטע גריעכען האָבען איבערהויפּט געפאָדערט שעהנע פּאָזען אין קונסט־ווערק. אין אייניגע ערטער פון גריכענלאַנד איז זאָגאַר געזעצליך פערבאָטען געוועזען פאַרצושטעלען אבשטויסענדע סצענען. דאַרום האָט דער סקולפּטאָר פאַרגעשטעלט לאָאָקאָאָן׳ס טויט שעהנער וויא דער פּאָעט.

„דער סקולפּטאָר, ערקלערט לעססינג, האָט געשטרעבט צו דערגרייכען דיא העכסטע שעהנהייט, וועלכע איז נאָר מעגליך ביי פיזישע שמערצען. עס איז אונמעגליך צו פעראייניגען שעהנהייט מיט אַן אויסדרוק פון אַ שרעקליכען פיזישען ווייטאָג. מען האָט דאַרום געמוזט לייכטער מאַכען דיעזען אויסדרוק. דעם וועה־געשריי האָט מען געמוזט אומענדערן אין אַ זיפץ, אָבער ניט דאַריבער, ווייל אַ געשריי איז גערעכענט געוועזען פאַר אַ צייכען פון קליינמוטה, זאָנדערן ווייל דורך דעם וואָלט ד אָ ס ג ע ז י כ ט מ י א ו ס ג ע װ אָ ר ע ן. פּרובירט נאָר זיך פאָרשטעלען אין אייערע געדאַנקען, אַז לאָאָקאָאָן׳ס מויל איז אָפען און אַז וועה־געשרייען רייסען זיך אַרויס פון דיעזען מויל — וואָס וועט דאַן זיין? פריהער האָט איהר געזעהען אַ קונסט־ווערק, וואָס האָט אַרויסגערופען ביי אייך מיטלייד, ווייל איהר האָט גלייכצייטיג געזעהען שעהנהייט און ליידען; יעצט אָבער איז עס שוין אַן אָבשטויסענדע זאַך, פון וועלכע איהר קעהרט זיך אָפּ, ווייל דיא בעטראַכטונג פון ווייטאָג רופט אַרויס אַן אונאַנגענעהמעס געפיהל, און דער מאַנגעל אין שעהנהייט ביי דעם ליידענדען וואַנדעלט ניט אום דיעזען געפיהל אין אַ וואַרעמען געפיהל פון מיטלייד.“

לעססינג לייקענט דערביי ניט, אַז דער קינסטלער דאַרף ריכטיג פאָרשטעלען דיא נאַטור; ער טרעט ניט אַרויס אין גאַנצען געגען

דיא רעאליסטישע שולע; אָבער ער ערקלערט, אז א קונסט־ווערק דאַרף דאָך ניט זיין אַ פּינקטליכע קאָפּיע פון דער נאטור. ער ענ־דיגט מיט דיא ווערטער: „וואהרהייט און אויסדרוק — דאָס איז דער ערשטער געזעץ פון קונסט".

ווען ער האָט געשריעבען זיין אונשטערבליכען „לאָאָקאָאָן", האָט ער זיך בעזאָנדערס בעראטהען מיט מענדעלססאָהן'ען, וועל־כער איז ניט נאָר געווען א פילאָזאָף, זאָנדערן אויך א שעצער פון קונסט. לעססינג האָט בעזאָנדערס געשעצט מענדעלססאָהן'ס ווייט־געהענדען און טיעפען פילאָזאָפישען בליק. וויא עס ווערט אנגע־צייגט ווערען אין מענדעלססאָהן'ס לעבענס בעשרייבונג, האָט דער אָרים־בחור פון דעסוי געקראָגען א זעהר פיינעם געשמאַק אין דער שעהנער ליטעראטור און אין קונסט־זאכען דורך זיין פריינדשאפט מיט לעססינג'ן און דורך זיינע שטודיען פון שפּראכען. מענדעלס־סאָהן איז זעלבסטשטענדיג געקומען צו פיעלע געדאנקען, וועלכע לעססינג האָט אזוי גלענצענד ענטוויקעלט אין „לאָאָקאָאָן". דאָס קען מען אויך שליסען פון מענדעלססאָהן'ס אָבהאנדלונג איבער „דיא קוועלען פון שעהנע קונסטען".

ווען לעססינג האָט שוין געהאָט געענדיגט דעם ערשטען טהייל פון „לאָאָקאָאָן", איז ערשיענען ווינקעלמאַן'ס „געשיכטע דער אַל־טער קונסט", און אזוי וויא ער האָט הויך געשעצט דיעזען געלעהר־טען, האָט ער ערקלערט, אז ער וועט אָפּלייגען זיינע קריטישע בע־טראכטונגען ביז ער וועט איבערלעזען דיעזען בוך. נאָר אזוי וויא ער האָט נאכהער געהאָט צו שרייבען פיעלע אנדערע זאכען און אויך צו פיהרען אַ קאמפּף וועגען רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, האָט ער שוין ליידער זיין „לאָאָקאָאָן" ניט געענדיגט.

נאָר דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעגעבען אין דעם ערשטען טהייל פון דיזען קריטישען ווערק, האָט ער כשר פערדיענט דעם נאָמען רעפאָרמאטאָר אין עסטהעטיק און בעזאָנדערס אין דראַ־מאטורגיע.

צעהנטע קאפיטעל.

„דיא האמבורגער דראמאטורגיע“.

אין 1757 האט לעססינג אנגעפאנגען זיין פרוכטבארע טהע־טיגקייט אלס דירעקטאר פון א טהעאטער, אלס דראמאטורג און קריטיקער אין האמבורג. אויסער דעם וואס ער האט פיינט געקראגען דיא פרייסישע הויפטשטאדט, האט ער זיך געפונען אין זעהר געענגטע אומשטענדען און האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל אונטערנעהמען. „איך בין געשטאנען לויידיג אויף דעם מארק, האט ער שפעטער געשריעבען וועגען דער צייט; אבער קיינער האט מיך ניט געוועלט דינגען, ווייל קיינער האט ניט געוואוסט וואס פאר א נוצען מען קען האבען פון מיר“. דארום האט ער זיך מיט ביידע הענד אנגעכאפט אן דעם פארשלאג פון א געוויסען לעווען, וועלכער איז געווען א שרייבער און האט צוזאמען מיט עטליכע האמבורגער בירגער זיך גענומען צו גרינדען דארט א שטענדיגען טהעאטער. דיזער לעווען האט אין זיינע שריפטען געצייגט, אז דער דייטשער טהעאטער איז דאן געשטאנען אזוי ניעדריג, ווייל דיא שוישפיע־לערס האבען געהאט צו וואנדערן פון איין ארט אין אן אנדערן און ווייל מען האט ניט איינגעפיהרט שטענדיגע טהעאטערס, וואס זאלען זיין אונטערשטיצט פון שטעט אדער פון רעגירונגען. ער האט דארום אויסגעארבייט א פלאן צו גרינדען א „נאציאנאלען טהע־אטער“ אין האמבורג און ער האט זיך געווענדעט צו לעססינג'ן אלס אן עהרליכען מאן און בעוואוסטען דראמאטורג און קריטיקער.

לעססינג האט געהאט צו שרייבען שטיקער פאר דיזען טהע־אטער און אויך צו געבען זיין מיינונג איבער אנדערע שטיקער און איבערהויפט צו זארגען, אז אלעס זאל צוגיין וויא געהעריג. דער־פאר האט מען איהם אנגעבאטען סך הכל 800 טהאלער, וואס עס צייגט אם בעסטען, וויא וויניג אפילו בעריהמטע שרייבערס האבען דאן פערדיענט אין דייטשלאנד. צו זיין ברודער קארל, וועלכער איז געווען זיין ערשטער ביאגראף, האט ער געשריעבען, אז ער נעהמט

אָן דיזע שטעלע ניט צוליעב דאָס געלט, זאָנדערן אין דיא אינטערעסען פון דער דראַמאַטישער קונסט. ער האָט אָנגענומען אַלע בעדינגונגען מיט אויסנאַהמע פון דער, אַז ער מוז צושטעלען יעדען יאָהר אַ בעשטימטע צאָהל שטיקער. דיא ראָלע פון אַ געדונגענעם פערפאַסער, וואָס זאָל זיין געצוואונגען נאָך אַ קאָנטראַקט צו באַקען שטיקער, איז איהם געווען ווידערווערטיג. ער וואָלט אויך ניט געווען אין שטאַנד דאָס אויסצופיהרען. ער האָט דיא גרינדערס פון דעם „נאַציאָנאַלען טהעאַטער" נאָר אָפּגעגעבען זיין פערטיגע קאָמעדיע „מינא פאָן בארנהעלם".

ניט לייכט איז איהם אָנגעקומען אריבערצופאָהרען פון בערלין נאָך האַמבורג. ער איז געווען איבער'ן קאָפּ אין חובות און האָט געמוזט פערקויפען זיין ביבליאָטהעק, אום צו קענען פערלאָזען בערלין. ער האָט גערעכענט, אַז פאַר דיא ביכער, וועלכע האָבען איהם אָבגעקאָסט אַ פערמעגען אין ברעסלוי, וועט ער וויינינגסטענס קריעגען 600 טהאַלער; אָבער מעהר וויא אַ דריטעל פון דיזער סומע האָט ער ניט בעקומען, ווייל ער איז איבערהויפּט געווען אונפּראַקטיש און איז אויך בעגנב'עט געוואָרן פון אַ דיענער.

דער „נאַציאָנאַלער טהעאַטער" אין האַמבורג האָט ניט לאַנג עקזיסטירט, טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען פון לעווען און לעססינג צו געבען גוטע שטיקער. דיא אונטערנעהמונג האָט ניט געהאַט אַ פעסטען באָדען, ווייל דיא רייכע דייטשען פלעגען ניט קומען אין טהעאַטער און דאָס פאָלק האָט ניט פערשטאַנען און ניט געשעצט גוטע שטיקער. לעססינג איז דאַרום ווידער געווען אויף צרות אין פינאַנציעלער הינזיכט. נאָר זיין „האַמבורגער דראַמאַטורגיע", אַ קריטישע צייטשריפט, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען, ווען דער „נאַציאָנאַלער טהעאַטער" איז ערעפענט געוואָרן, האָט ער נאָך פאָרטגעזעצט ביז 1769. דאָרט האָט ער אין פולסטען גלאַנץ ארויסגעצייגט זיין טאַלענט אַלס קונסטקריטיקער. ער האָט נאַטירליך זיך ערוואָרבען ניט ווייניג פיינד מיט זיינע רעצענזיעס און קריטישע בעטראַכטונגען; אָבער ער איז זיך מוטהיג געגאַנגען זיין וועג אין נאָמען פון ריינע קונסט, וויא ער האָט עס פערשטאַנען.

מען קען זאָגען, אַז מיט זיין „האַמבורגער דראַמאַטורגיע"

האָט ער געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער דייטשער דראַמע, וועלכע איז געקרוינט געוואָרן מיט דיא ווערק פון שילער און געטהע. ער איז אַרויסגעטראָטען ניט נאָר געגען דיא פסוידאָ־קלאַסישע שולע, זאָנדערן געגען דיא פראַנצויזישע דראַמע וועלכע האָט דאַן גע־הערשט אויך אין דייטשלאַנד. געגען דיא פראַנצויזישע שולע מיט איהרע קינסטליכע אויפבויאונגען און פוסטע קלאַנגען האָט ער אַרויסגעשטעלט שעקספּיער׳ס דראַמאַטישע ווערק. איינע פון לעס־סינג׳ס גרויסע פערדיענסטען און אויפטואונגען איז געווען וואָס ער האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט דיא דייטשען אויף שעקספּיער׳ן. דיזער גרעסטער דראַמאַטורג, דיזער זעלטענער זשעניע, וועלכער וועט אייביג גלאַנצען אין דער וועלט־ליטעראַטור און וועלכער האָט קיין גלייכען ניט צו זיך, איז וויניג בעקאַנט געווען און נאָך וויניגער געשעצט געוועזן אין יענער צייט אפילו אין זיין פאַטערלאַנד. מיט זיין שאַרפע קריטישע אויג האָט לעססינג געזעהען שעקספּיר׳ס גרויסקייט אַלס דראַמאַטורג און האָט עס געצייגט אין זיינע קריטישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט אויך בעוויזען, וויא וויית וואָלטער, דער גרעסטער דראַמאַטורג אין יענער צייט, איז געשטאַנען ניעדריגער פאַר שעקספּיר׳ן. לעססינג איז געוועזן עהרליך און אונפּאַרטייאיש צו אַנערקענען וואָלטער׳ס גרויס־קייט; אָבער דורך אַ גרינדליכען פערגלייך פון וואָלטער׳ס „זאַ־אירא" מיט שעקספּיר׳ס „אָטהעלאָ" און „ראָמעאָ און דזשוליעט" האָט ער בעוויזען, וויא קליין דער ערשטער איז לעבען דעם צווייטען.

ער האָט אויך ענטוויקעלט אַריסטאָטעל׳ס געדאַנקען וועגען טראַגעדיעס. אַריסטאָטעל האָט נעמליך ערקלערט, אַז אין אַ טראַ־געדיע דאַרף מען ניט פאָרשטעלען אין גאַנצען פערדאָרבענע און שלעכטע מענשען און אויך ניט אַזעלכע, וואָס זאָלען נאָר האָבען גוטע מדות. דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף האָט גאַנץ ריכטיג ערקלערט, אַז דער צוועק פון אַ טראַגעדיע איז צו ערוועקען מיטלייד און פחד ביי דיא צוהערער און אַז דיזען צוועק קען מען נאָר דאַן דערגרייכען, ווען מען שטעלט פאַר מענשען מיט מענשליכע שוואַכ־קייטען. אַריסטאָטעל האָט אויך אָנגעצייגט, אַז אין אַ טראַגעדיע דאַרף מען ניט פאָרשטעלען, וויא אַן עהרליכער מענש איז אונגליק־

ליך אהן שום שולד פון זיין זייט. דאס קען טרעפען אין לעבען, זאגט ער, אבער דאס טויג ניט אלס סיוזשעט פאר א דראמע. לעססינג האט זיך בענוצט מיט דיא אויספיהרונג פון דעם גריכישען פילאזאף אין זיין שארפער קריטיק איבער דיא בעסטע פראנצויזישע דראמא־טורגען, וויא קארנעיל און ראסין.

ווענגען זיך זעלבסט און זיינע דיכטונגען האט לעססינג מיט כאראקטעריסטישער אפענהערציגקייט ערקלערט: „איך בין ניט א שוישפיעלער און ניט א פאעט. עס איז אמת, אז אפט גיט מען מיר אפ דעם כבוד און מען ערקלערט מיך פאר א דיכטער. אבער אזעלכע פערשטעהען מיך ניט. פון דיא עטליכע דראמאטישע פראבעס, וועלכע איך האב געמאכט, קען מען נאך ניט ציהען אזעלכע גרויסע שליסע. ניט יעדער וואס האלט אין האנד א פינזעל און מישט פארבען, פערדיענט דעם נאמען מאלער... איך פיהל ניט אין זיך אזא לעבעדיגען קוואל, וואס פליסט מיט זיין אייגענער קראפט און שלאגט פון זיך ארויס איי־גענע, ריינע, פרישע און רייכע שטראמען; איך מוז פון זיך ארויס־קוועטשען מיט פרעסען און פאמפען. איך וואלט געווען אזוי ארים, אזוי קאלט, אזוי קורצזיכטיג, וויא עס איז זיך גאר שווער פארצו־שטעלען, ווען איך וואלט ניט געשעפט פון פרעמדע אוצרות, ווען איך וואלט זיך ניט אנגעווארעמט ביי א פרעמדען פייער און ניט פערשטארקט מיין ראיה דורך דיא זעה־גלעזער פון קונסט. דארום ערגערט עס מיך שטענדיג, ווען איך הער בעהויפטונגען, אז קריטיק איז שעדליך, אז זיא דערשטיקט א זשעניע“.

לעססינג האט אלזא גאנץ גוט פערשטאנען, אז ער איז מעהר דענקער און קריטיקער, וויא שעפפער און פאעט; אבער ער איז שוין געווען צו שטרענג צו זיך: ווען ער וואלט גאר קיין אייגענע שעפפונגס־קראפט ניט געהאט, וואלט ער ניט געקענט פערפאסען אזעלכע גרויסע דראמאטישע ווערק וויא „נאטהאן דער ווייזע“ און „מינא פאן בארנהעלם“. ער האט געשאפען לאנגזאם, אפט מיט מאטערנעס אונטער אן אויסווערטיגען דרוק, נאכדעם וויא ער האט זיך גוט אנגעטרונקען אין א פרעמדען קוואל; אבער דערפאר האט ער געגעבען טהייערע פערלען.

עלפטער קאפיטעל.

זיין ליעבע און זיין רייזע נאך איטאליען.

אבוואהל ער האט גאנץ ווייניג געמאכט פון זיין שרייבען אין האמבורג דאך האט ער זיך געפיהלט בעסער אין דיזער פרייער און לעבעדיגער האנדעלס־שטאדט, וויא אין בערלין. איבעראל האט מען איהם אויפגענומען פריינדליך און מיט גרויס אכטונג. כבוד האט ער געהאט מעהר, וויא ער האט עס זיך געוואונשען. ער איז שוין פון אלע זייטען אנערקענט געווען פאר דעם גרעסטען און גלענצענדסטען שרייבער אין דייטשלאנד. זיינע שריפטען זיינען אלץ מעהר און אין אלץ ווייטערע קרייזען געלעזען געווארן. דאך וואלט ער וואהרשיינליך אוועקגעפאהרען נאך איטאליען, וואוהין עס האט איהם שטענדיג געצויגען, ווען דיא ליעבע צו א פרוי וואלט זיך ניט אריינגעמישט. ער איז שוין געווען נאהענט צום פיערטען צעהנדליג יאהרען, ווען ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער האט זיך גאנץ ערנסט איינגעליעבט אין א פעהייראטעטע פרוי. צווישען זיינע פיעלע בעקאנטע אין האמבורג איז אויך געווען א געבילדעטער פאבריקאנט מיט דעם נאמען קעניג, וועמעס הויז איז געווען אפען פאר ליטעראטען. זיין פרוי האט שוין געהאט פיער קינדער, אבער זיא האט נאך ניט פערלארען איהר יוגענדליכע פרישקייט. זיא איז געווען א זעהר קלוגע, געבילדעטע און לעבהאפטע דאמע, און לעססינג האט איהר זעהר געאכטעט איידער ער האט דערפיהלט, אז ער האט איהר אויך ליעב.

דיזער געפיהל, קען מען זאגען, איז געווען פאר איהם א נייעס. עס שיינט מערקווירדיג, זאגאר אונגלויבליך, דאס אזא לוסטיגער, נערוועזער, גייסטרייכער מאן, וואס האט זיך נאך אלס סטודענט ארומגעדרעהט מיט שוישפיעלער, וואס האט ליעב געהאט „ווין און געזאנג", האט ניט ארויסגעוויזען אויך א ליעבע צו „ווייב". אבער עס איז א פאקט, אז ניט נאר ווייס מען ניט פון זיינע ראמאנען אין יוגענד, אויב ער האט וועלכע איבערהויפט געהאט,

זאַנדערן אַז זיין ערשטע ערנסטע ליעבע איז געװעזן צו דער בעיאַה־רענטער דאַמע עװאַ קעניג אין אַן אַלטער, װען ער האָט שוין געקענט האָבען קינדער װאָס זאָלען פיהרען ליעבעס.

אין 1769 איז איהר מאַן פלוצלונג געשטאָרבען אין װענעדיג, װאוהין ער איז אַװעק געפאָהרען צוליעב זיינע געשעפטען. לעססינג האָט פון דעסטװעגען צװיי יאָהר גאָר ניט געזאָגט װעגען זיין ליעבע צו דער אלמנה, ביז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיא איז צו איהם ניט גלייכגילטיג. ער האָט איהר דאַן פאָרגעשלאָגען זיין האַנד און האַרץ; אָבער זיא האָט איהם געבעטען צו װאַרטען ביז זיא װעט ברייגען אין אָרדנונג דיא געשעפטען און רעכנונגען פון איהר מאַן. זיא האָט געװאוסט אַז לעססינג איז ניט אַ גרויסער פערדיע־נער און זיא האָט מורא געהאַט, אַז צוליעב איהרע פינאַנציעלע אַנ־געלעגענהייטען װעט ער געשטערט װערן אין זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט.

אום צו קענען פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען האָט לעססינג אָנ־גענומען דיא שטעלע פון אַ ביבליאָטהעקאַר אין דער װאָלפענביטעל ביבליאָטהעק, װעלכע האָט געהערט צו דער פרינצליכער הויז פון ברונסװיק. איינער פון זיינע פריינד האָט איהם רעקאָמענדירט צו דעם קרוין־פרינץ פון ברוינסװיק, װעלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און קונסט. דאָס געהאַלט איז געװעזן קליין, סך הכל 600 טהאַלער אַ יאָהר; אָבער אויסער דעם װאָס פאַר דעם אָרימען שריפטשטעלער איז דאָס געװעזן אַ סך, האָט ער נאָך געקראָגען זעהר גוטע בעדינגונגען. מען האָט איהם נעמליך געגעבען צװיי העלפערס, זאָ דאָס ער האָט געהאַט גענוג פרייע צייט צו לעזען און צו שרייבען — אַלעס װאָס ער האָט געװאונשען. זיין הויפט־אויפגאַבע איז געװעזן צו אונטערזוכען, װאָס פאַר װערטהפאָלע היסטאָרישע ביכער און מאַנוסקריפטען עס האָבען זיך געפונען אין דיזער בעריהמטער ביבליאָטהעק, װעלכע איז געגרינדעט געװאָרען אין 17טען יאָהרהונדערט און אין װעלכער מען האָט צוזאַמענגעקליע־בען מיט דער צייט אַ זעהר טהייערע קאָלעקציאָן פון ביבעלס און מאַנוסקריפטען. דער גרויסער פילאָזאָף לייבניץ איז אויך אַ געװיסע צייט דאָרט געװעזן ביבליאָטהעקאַר.

לעססינג וואָלט געקענט דאָרטען לעבען רוהיג און זאָגאר צו־פריעדען, ווען ער וואָלט ניט געהאַט צו צאָהלען זיינע אייגענע שולדען אין האַמבורג און דיא שולדען פון זיין פאָטער, וועלכער איז אַרום דער צייט געשטאָרבען. זיין מוטער און אויך דיא איינגערע ברידער האָבען איהם באָמבאַרדירט מיט בריף ער זאָל זיי העלפען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו אַרבייטען וואָס מעהר, אום צו קענען ערפילען זייערע ביטעס. דאָס האָט זיך שנעל אָבגערופען אויף זיין געזונד, און ער האָט אָנגעהייבען שטאַרק צו ליידען פון נערוועז און האָט אויך אָפט געקראַגען שפאַזמען. פון זיינע בריף צו זיין גע־ליעבטע עווא קעניג און צו זיין ברודער קאַרל זעהט מען אַז ער האָט זיך געפיהלט זעהר נידערשלאָגען און אונגליקליך. „פון אַלע אונגליקליכע, האָט ער געשריעבען צו זיין ברודער, שיינט מיר, איז דער אונגליקליכסטער דער יעניגער, וועלכער איז געצוואונגען צו אַרבייטען מיט'ן קאָפּ אפילו דאַן ווען ער פיהלט ניט, אַז ער האָט אַ קאָפּ. אפילו דיזען בריף שרייב איך אזוי וויא אין שלאָף... איך זעה קיינעם ניט און געה ניט אַרויס פון מיין צימער...."

אויך האָט ער ניט געקענט פערטראָגען דיא איינזאַמקייט אין דער קליינער שטאָט. אייניגע פון זיינע אינטימסטע פריינד, דאָ־רונטער אויך מענדעלסזאָהן, האָבען איהם בעזוכט; אָבער דאָס איז ניט גענוג געוועזען פאַר אַ מאַן, וואָס איז צוגעוואָהנט געוועזען צו אַ קאָכעדיגען און לוסטיגען לעבען אין גרויסע שטעדט און צענטערס פון ציוויליזאַציאָן. נאָר ער וואָלט דאָס אַלעס געדולדיג אַריבער־געטראָגען, ווען ער וואָלט געהאַט זיין היים־געליעבטע עווא קעניג לעבען זיך. זיא האָט איהם געצוואונגען צו וואַרטען 4 יאָהר. אפילו ווען זיא האָט שוין געבראַכט אין אָרדנונג דיא געשעפטען פון איהר מאַן און איז געוועזען פערזיכערט מיט אַ יעהרליכע איינ־קונפט פון 500 טהאַלער, האָט זיא דאָך אַלץ אָבגעלייגט דיא חתונה. ער האָט עס ענדליך ניט אויסגעהאַלטען און איז אין 1775 אַוועק געפאָהרען צו איהר אין וויען, וואו ער האָט ביי איהר אַרויסגע־קראָגען דעם פערשפּרעך חתונה צו האָבען מיט איהם דעם נעכ־סטען יאָהר, וואס עס איז אויך געשעהן.

זייענדיג אין וויען, האָט ער געהאַט דיא געלעגענהייט צו

שפרעכען מיט דער קייזערין מאריע טערעזא, וועלכע האט איהם הויך געשעצט אלס א דראמאטורג. דארט האט איהם אויך גע־גליקט ענדליך אויסצופיהרען זיין אלטען הייסען וואונש צו בעזוכען איטאליען. איינער פון דיא בראונשווייגער פרינצען האט איהם מיטגענומען אלס א קאמפאניאן אויף זיין רייזע נאך איטאליען. נאר לעססינג האט ווייניג נוצען און פערגניגען געהאט פון דיזער רייזע, ווייל דער פרינץ איז געוועזען זעהר א קאפריזנער, פלעגט אהן שום טאלק וואנדערן הין און צוריק, זעהר זעלטען זיך אפשטעלענדיג אויף איין ארט. דיא גאנצע רייזע האט ניט לאנג געדויערט. דערפאר האט לעססינג ניט נאר געקראגען א גרעסערע בעלוינונג וויא מען האט איהם פערשפראכען, זאנדערן אויך דעם טיטול האפ־ראטה אין בראונשווייג, א טיטול וואס ער האט נעביך געגען זיין ווילען געמוזט אננעהמען.

צוועלפטער קאפיטעל.

„עמיליע גאלאטי“ און דיא „פראגמענטען“.

ניט אומזיסט האט ער פערבראכט דיא צייט אין דער וואלפענביטלער ביבליאטהעק. טראץ אלע קרענקונגען און שטער־רונגען, האט ער ניט נאר פיעל געלעזען און געשריעבען קריטישע און פאלעמישע ארטיקלען, זאנדערן האט אויך געשאפען דיא טראגעדיע „עמיליע גאלאטי“, פאר וועלכע זיינע פערעהרער האבען איהם פערגליכען מיט שעקספיר'ן. דעם פלאן פון דיזער טראגעדיע האט ער נאך אויסגעארבייט אין לייפציג און האט זיך עטליכע מאל גענומען איהר אנצושרייבען אין בערלין און אין האמבורג, וואו ער האט איהר געוואלט אויפפיהרען אין „נאציאנאלען טהעאטער“. אבער ער האט אלץ ניט געקענט ענדיגען ביז ער האט זיך אנגע־שטרענגט אין וואלפענביטעל אין 1772.

דיא האנדלונג פון דיזער טראגעדיע קומט פאר אין איטאליען. דער סיוזשעט איז אין קורצען דיא ליעבע פון א פרינץ צו א מיידעל, וועלכע דארף חתונה האבען מיט אן אנדערן. אין דעם טאג פון דער חתונה ווערט דער חתן בעפאלען פון באנדיטען, וועלכע ווערן געדונגען פון דעם פרינץ'ס נידערטרעכטיגען קאמערהערר מארינעלי און וועלכע ערמארדען איהם. דער פרינץ זוכט נאכהער צו פערפיהרען דיא כלה; אבער דאס געלינגט איהם ניט, דען איהר פאטער דערשטעכט איהר אוים פערצווייפלונג אין דער צייט, ווען זיא וויל זיך אליין דערשטעכען. דער סיוזשעט איז אן און פיר זיך א מעלאדראמאטישער; אבער דיא בעארבייטונג פון דיא סצענען און דיא כאראקטעריסטיק פון דיא פערזאנען איז אזוי מייסטערהאפט, אז דיא טראגעדיע האט געהאט א גרויסען איינ־פלוס אויף דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון דער דייטשער דראמע און בעזאנדערס אויף שיללער'ן.

פערפאסט האט ער דיזע טראגעדיע, אום צו צייגען א ביי־שפיעל, וויא מען דארף שרייבען טראגעדיעס נאך דיא לעהרען

וועלכע ער האט ענטוויקעלט אין זיין „האמבורגער דראמאטורגיע". וויא עס איז אויך בעמערקט געווען, זיינען ביי איהם קונסט קריטיק און דיכטונג געגאנגען האנד אין האנד, נאר דאס האט זיך בעזאנ־דערס ארויסגעוויזען אין „עמיליע גאלאטי".

זיין טהעטיגקייט אין וואלפענביטעל איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אין א גאנץ אנדער ריכטונג וויא פאעזיע, דראמע און אפילו קריטיק. ער איז אויך ארויסגעטראטען אלס פרייער דענקער אין רעליגיעזע פראגען און אלס געגנער פון דיא אנגענומענע קריסטליכע טהעאלאגיע. אבוואהל ער האט שטודירט אין א סעמי־נאריע און האט איבערהויפט געקראגען א רעליגיעזע ערציהונג אין דער הויז פון זיין פאטער, א פרומען גייסטליכען, האט ער זיך דאך גאנץ ווייניג בעשעפטיגט מיט טהעאלאגיע (חכמת האלהות) און איבערהויפט מיט רעליגיעזע פראגען. נאר צופעליג האט ער זיך א פאאר מאל בעריהרט דיא קריסטליכע לעהרע. אבער ער האט דאך פיעל געלעזען איבער רעליגיאן אין אלגעמיין און דיא קריסט־ליכע בעזאנדערס און ער האט עס זעהר גוט ארויסגעצייגט, ווען איהם איז אויסגעקומען צו פאלעמיזירען מיט גייסטליכע און ספע־ציעל מיט א געוויסען געצע.

דיא אורזאכע פון דיעזען שטרייט, וועלכער האט אויפגערו־דערט דיא מוחות ניט בלויז אין דייטשלאנד, איז געווען א ווערק פון דעם פראפעסאר ר י י מ א ר ו ס, וועלכער איז בעוואוסט געווען אלס א גרויסער געלעהרטער און קענער פון אריענטאלישע שפראכען. דיעזער פראפעסאר איז געווען א שטילער מענש און האט ניט געהאט דעם מוטה ארויסצוטרעטען מיט זיינע אפי־קורס'ישע געדאנקען, ווען ער האט געלעבט. נאך זיין טויט איז געבליעבען א ווערק אונטער דעם נאמען „אפאלאגיע אדער שוץ־שריפט פיר דיא פערנינפטיגע פערעהרער פון גאט". אין דיעזער „אפאלאגיע" האט ער פערטהיידיגט דיא לעהרע, אז דיא וועלט ווערט רעגיערט פון אייביגע געזעצע און אז עס קען פאלגליך קיין נסים ניט זיין. דערביי האט ער שארף קריטיקירט דיא ביבעל און בעזאנדערס דיא קריסטליכע לעהרען.

ווען לעססינג איז געווען אין האמבורג האט ער זיך בעפריינ־

דעם מיט דער פאמיליע פון דיעזען פראפעסאר. עליזע, א טאכטער פון פראפעסאר ריימארוס, וועלכער האט פערעהרט לעססינג'ן, האט איהם אין 1770 איבערגעגעבען א קאפיע פון דער „אפאלאגיע" אדער פילייכט דיא אריגינעלע שריפט. ווען ער האט צייט געהאט אויפמערקזאם איבערצולעזען דיעזע טיעף־קריטישע און הויך־געלעהרטע שריפט, האט ער בעשלאסען איהר צו פערעפענטליכען, אבוואהל ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער וועט פערזענליך ליידען דורך דעם. ער האט זיך בענוצט דערמיט, וואס אלס דירעקטאר פון דער וואלפענביטלער ביבליאטהעק האט ער דאס רעכט געהאט צו פערעפענטליכען אלטע שריפטען אהן א צענזור. ער האט אנפאנגס געזוכט א פערלעגער, וואס זאל האבען מוטה געננג ארויסצוגעבען ריימארוס'עס ווערק. ווען ער איז געוועזען אין בערלין האט ער זיך בעראטהען מיט מענדעלססאהן'ען וועגען דיא פערעפענטליכונג פון דיעזע אפיקורס'ישע שריפט. מענדעלססאהן, וועלכער האט זיך שטענדיג געשראקען אנצופאנגען אן אפענעם קאמפף מיט גייסטליכע און איבערהויפט מיט דער קריסטליכער קירכע, האט איהם געבעטען דאס ניט צו טאן. ער האט מורא געהאט, אז זיין עדעלער פריינד וועט דורך דעם ליידען. אבער לעססינג האט זיך גאר ניט געקימערט וועגען זיין פערזאן, ער האט נאר אין אויג געהאט דיא אינטערעסען פון וואהרהייט און אויפקלערונג.

דארום, ווען ער האט אפילו אין בערלין, וואו דער קעניג זעלבסט איז געוועזען א פריידיינקער, ניט געפונען א פערלעגער פאר ריימארוס'עס „אפאלאגיע", האט ער מיטגענומען דעם מאנוסקריפט נאך וואלפענביטעל און אנגעפאנגען ארויסצוגעבען דאס ווערק קאפיטעלעכווייז כלומרש'ט אלס אן אלטע שריפט פון אן אונבעקאנטען שרייבער. ער האט עס א נאמען געגעבען „פראגמענטען (שטיקלעך) פון אן אנאנימען (אונבעקאנטען) שרייבער". דאס האט ער געטאן, אום אפצונארען דיא צענזור, וועלכע וואלט אויף קיין פאל ניט דורכגעלאזען ריימארוס'עס ווערק. אין זיינע בעמערקונגען צום ערשטען „פראגמענט" האט ער ערקלערט, אז ער האט קיין אהנונג ניט, ווער דער פערפאסער איז, און האט אנגע־

וויזען אויף א געוויסען לאָרענץ שמידט, וועלכער איז מיט יאָהרען צוריק געשטאָרבען אין וואָלפענבימעל, אלס דעם מעגליכען פערפאַסער.

אין 1777, ווען ער האָט ארויסגעגעבען פינף „פראַגמענטען" מיט א מאָל, האָט אויסגעבראָכען א שטורם צווישען די גייסטליכע. פון אלע זייטען האָבען זיי זיך א נעהם געטהאָן אָפצושטרייטען די ערקלערונגען און אויספיהרונגען פון דעם „אונבעקאַנטען שרייבער" און זיינען פאַר איין גאַנג ארויסגעטראָטען געגען דעם ארויסגעבער. אייניגע האָבען בעהויפּטעט, אַז לעססינג אליין איז דער פערפאַסער פון די „פראַגמענטען" און האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם ניט לאָזען זיי ווייטער ארויסגעבען. דער וויכטיגסטער געגנער איז געוועזען דער האַמבורגער פאַסטאָר געצע.

דיעזער פאַסטאָר האָט ניט נאָר געזוכט צו פערטהיידיגען די אנגענומענע קריסטליכע לעהרען, זאָנדערן האָט אויך פער'מסר'ט די „פראַגמענטען" אלס א גאָטלאָזעס ווערק, וואָס איז געפעהרליך פאַר די זיכערהייט פון שטאַאט. דאָס האָט געצוואונגען לעסינג'ן ארויסצוטרעטען געגען דעם פאַסטאָר. דער גייסטרייכער קריטיקער האָט פאָלעמיזירט מיט היץ און האָט אזוי צוגעשפּאַרט צום וואַנט דעם פאַסטאָר, אַז דער לעצטער האָט מיט די הילפע פון די גייסטליכע אין וואָלפענבימעל גענומען פאָדערן ביי דער רעגיערונג, דאָס מען זאָל ניט ערלויבען לעססינג'ן ארויסצוגעבען די „פראַגמענטען" אָהן די ערלויבניס פון א צענזאָר.

דער ברונסוויקער פּרינץ האָט געמוזט נאָכגעבען די פאָדערונג פון די גייסטליכע, און לעססינג האָט אין 1778 געקראָגען א בעפעהל מעהר ניט צו דרוקען די „פראַגמענטען" אָהן דער בעוויליגונג פון דער צענזור. אלס גרונד פון דיעזען בעפעהל איז אנגעגעבען געוואָרען, דאָס לעססינג האָט ניט געקראָגען אַן ערלויבניס צו פערעפענטליכען אַזעלכע שריפטען פון דער וואָלפענביטלער ביבליאָטהעק, וועלכע זיינען פיינדליך צו דער קריסטליכער רעליגיאָן. דערצו נאָך האָט די רעגיערונג קאָנפיסצירט דעם בוך, אין וועלכען עס זיינען צוזאַמען אָפּגעדרוקט געוועזען די פריהערע „פראַגמענטען".

מיט דיעזען פערבאָט איז לעססינג העכסט צופריעדען געווען, ווייל ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז דורך דעם וועט רייכאַ־רוס׳עס ווערק פיעל מעהר געלעזען ווערען. אַזוי איז עס אויך גע־ווען. אין זאַקסען האָט מען אונטער שווערע שטראָפען פערבאָטען צו פערקויפען דיא געדרוקטע „פראַגמענטען“. לעססינג האָט זיך אָבער ניט געשראָקען פאַר דעם פערבאָט. ער איז געווען ענט־שלאָסען פאָרטצוזעצען זיין קאַמפף מיט דיא גייסטליכע, ווען ער זאָל אפילו פערלירען זיין שטעלע און געצוואונגען זיין אויף דיא עלטערע יאָהרען (ער איז שוין געווען איבער פופציג יאָהר אַלט), ווען ער איז נאָך געווען זעהר שוואַך און קרענקליך, צו לעבען בלויז פון זיין פעדער. ער איז דארום מוטהיג אַרויסגעטראָטען מיט אַ שריפט אונטער דעם נאָמען: „אַ נויטווענדיגע אנטוואָרט אויף אַ זעהר פוסטע פראַגע פון האַמבורגער פאַסטאָר געצע“. ווען דיא אנטוואָרט איז אפגעדרוקט געוואָרען, האָט מען איהם אויפגעפאָר־דערט צו קומען צו אַ פערהער פון גלחים וועגען דעם, אָבער ער האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם און האָט באַלד געלאָזט דרוקען אין האַמבורג אַ צווייטע „נויטווענדיגע אַנטוואָרט“.

אַזוי וויא געצע האָט זיך אַרומגעזעהען, דאָס ער וועט גאָר ניט אויספיהרען געגען לעססינג׳ן מיט דער פעדער און אפילו מיט מסירות, האָט ער שוין מעהר ניט געענטפערט. דארום האָבען אויך אַנדערע געגנער צו רוהע געלאָזען דעם שאַרפען און גייסטרייכען קריטיקער. לעססינג האָט זיך ניט אַרויסגעוויזען אַלס אַן אַטהעאיסט, אַלס כופר בעיקר (אַזעלכער איז ער אייגענטליך קיין מאָל ניט געווען; אויף דיא עלטערע יאָהרען איז ער געוואָרען אַ ספינאָזיסט, צו מענדעלססאָהן׳ס גרעסטע ערגערניס, וויא מיר וועלען עס זעהען); ער האָט אויך אָפען ניט געלייקענט נסים און אַנטפּלעקונגען און האָט געלאָזען אָן אַ זייט דיא פראַגע וועגען איי־בערנאַטירליכעס; אָבער זיינע אַרגומענטען האָבען דאָך געטראָפען אין ציעל, געוועקט דעם פרייען גייסט און אַרויסגערופען צוויי־פעל אין דיא מוחות פון גלויביגע. גראַדע מיט זיין מעססיגקייט איז ער געווען געפעהרליך פאַר דיא גלחים און דיא אָרטהאָדאָק־סיע.

דרייצעהנטער קאפיטעל.

דער טויט פון זיין פרוי און קינד.

ווען לעססינג וואלט געווען אן אבערגלויביגער מענש, וואלט ער געקענט זאגען, אז ער איז געבארען געווארען אין א בייזער שעה, דען דער שלים־מזל האט זיך שטענדיג נאך איהם נאכגע־שלעפט. גראדע ארום דער צייט, ווען ער האט ענדליך געקענט חתונה האבען מיט זיין געליעבטע, זיינען זיינע פינאנציעלע אומ־שטענדען געווען בעסער וויא ווען עס איז פריהער. אויסער זיין שטעלע אלס דירעקטאר פון דער וואלפענביטעל ביבליאטהעק, איז ער אויך ערנאנט געווארען אלס א מיטגליעד פון דער מאנהיימער אקאדעמיע פון וויסענשאפטען. אויסער כבוד האט דיעזע אויס־וואהל איהם געבראכט 500 טהאלער פענסיע א יאהר.

מען קען זאגען, אז איין יאהר פון זיין פיעל־געפרופטען לעבען האט ער זיך געפיהלט גליקליך און אויך פערבראכט גליקליך. דאס איז געווען דער ערשטער יאהר נאך זיין חתונה מיט עווא קעניג, וועלכע איז בעוואונדערט געווארען פון אלע בעקאנטע פאר איהר שכל, גוטהערציגקייט און גאסטפריינדליכקייט. ער האט איהר אזוי שטארק געליעבט, אז דיעזע ליעבע איז אויך איבערגעגאנגען אויף איהרע פיער קינדער פון דעם ערשטען מאן. זיין געהאלט צו־זאמען מיט איהר יעהרליכע איינקונפט האבען זיי ערלויבט צו לע־בען אין קאמפארט. זיינע אייגענע בריעף, וויא אויך דיא בריעף פון זיינע פריינדע, וועלכע האבען איהם צו דער צייט בעזוכט אין וואלפענביטעל (צווישען זיי אויך מענדעלסזאהן) צייגען, אז ער האט געפיהרט אן אידעאלען גליקליכען פאמיליען־לעבען.

אבער דער שלים־מזל האט זיך באלד וויעדער אריינגעמישט, און לעססינג איז מיט איין קלאפ ארונטערגעשליידערט געווארען פון דעם העכסטען שפיץ פון זיין גליקזעליגען לעבען אין אן אב־גרונד פון הארצווייטאג און פערצווייפלונג. דאס איז געקומען דורך דעם טויט פון זיין פרוי, נאכדעם, וויא זיא האט איהם געשאנקען

א זוהן, וועלכער האט בלויז געלעבט עטליכע שטונדען. דאס האט פאסירט אין יאנואר 1788, עטליכע וואכען נאך מענדעלס־סאהן׳ס בעזוך. וואס לעססינג האט דאן געפיהלט, קען מען אור־טהיילען פון זיין בריעף צו זיין פריינד עשענבורג.

„איך בענוץ מיך מיט דעם מאמענט, ווען מיין פרוי ליעגט גאנץ בעוואוסטלאז, אום אייך צו דאנקען פאר אייער הערצליכע סימפאטיע. מיין פרייד איז געווען אזוי קורץ! אך, מיין ארימער זוהן! וויא שווער עס איז מיר געווען איהם צו פערלירען. ער איז געווען אזא חכם, אזא חכם! מיינט ניט, אז אין דיא עט־ליכע שטונדען פון מיין פאטער־ראלע בין איך געווארען אזא נאריי־שער פאפא. ניין, איך וויים וואס איך זאג — האט ער דען ניט ארויסגעוויזען חכמה, וואס ער האט ניט געוועלט ארויסקומען אויף דער וועלט ביז מען האט איהם ארויסגעשלעפט מיט אייזערנע צוואנגען? איז עס דען ניט א צייכען פון שכל, דאס ער האט ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך אפגעטראגען פון דער וועלט? אבער דער קליינער מזיק שלעפט אויך מיט זיין מוטער . . . איך האב ווייניג האפנונג, אז זיא וועט בלייבען מיט מיר... איך האב געוועלט לעבען וויא אנדערע מענשען, אבער דאס איז מיר שלעכט געלונגען . . .“

א גאנצע וואך האט זיא געשוועבט צווישען לעבען און טויט, און לעססינג׳ס הארץ האט געקלאפט א שטונדע מיט שוואכע האפ־נונג און לאנגע נעכט מיט פערצווייפלונג. באלד נאך איהר טויט האט ער געשיקט זיין פריינד עשענבורג פאלגענדען בריעף, וועלכער דריקט אויס קורץ און שארף זיין ביטערע הארץ מיט א בייסענדע איראניע: „מיין פרוי איז געשטארבען, איך האב אויך דורכגע־מאכט דיעזע פראבע. עס פרעהט מיך, וואס איך וועל שוין ווייטער ניט דורכמאכען אזעלכע פראבעס. דיעזער געדאנקען מאכט מיך רוהיג. עס פרעהט מיך אויך, וואס איך בין זיכער אין אייער סימפאטיע און אין דער סימפאטיע פון אונזערע פריינד.“

וואס פאר א טיעפע וואונד אין הארצען ער האט געקראגען דורך דיעזע טראגישע ענדע פון זיין קורצען גליק — סך הכל פיער־צעהן מאנאט פאמיליען־לעבען — דאס האט מען באלד געקענט

זעהען אויף זיין פנים. אין עטליכע וואכען איז ער אלט געווארען, דיא אויגען האבען פערלארען זייער פריהערן גלאנץ, דער שמייכעל איז פערשוואונדען פון זיינע ליפען, און זיין קערפער איז איינגע־בויגען געווארען. מען האט איהם שוין ניט געזעהען לוסטיג און פול מיט לעבהאפטיגקייט און וויץ. א גאנצען יאהר האט ער זיך בעקלאגט אין בריעף צו זיינע פריינד אויף הארצקלעמענעס, מיד־קייט. „איך בין אייגענטליך ניט קראנק, האט ער געשריעבען, איך בין בלויז ניט געזונד“. אין איינעם פון זיינע בריעף צו זיין ברודער קארל האט ער געשריעבען: „איך האב מורא, אז דוא וועסט מיך שוין קיין מאל ניט זעהען, וויא אונזער פריינד מאזעס (מענדעלססאהן) האט מיך געפונען: אזוי רוהיג, אזוי צופריעדען אין מיינע פיער וואנט . . .“

דער קאמפף וועלכען ער איז געצוואונגען געוועזן צו פיהרען מיט דיא גייסטליכע וועגען דיא „וואלפענביטלער פראגמאנטען“, האט איהם א ביסעל בערוהיגט. אין איין בריעף, עטליכע טעג נאך זיין פרוי'ס טויט, האט ער ערקלעהרט, אז אנשטאט צו נעהמען אפיום, אום איינצושלעפערן, לעזט ער טהעאלאגישע ביכער, און דאס מאכט איהם ערטרעגליכער דעם לעבען. זיין פאלעמיק מיט דעם פאסטאר געצע, וועלכע איז אלץ שארפער געווארען, האט איהם אויפגעמונטערט און אויפגעלעבט; נאר אין גאנצען האט ער זיך שוין ניט ערהאלט. איהם איז ניט לאנג געבליעבען צו לעבען. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פיהלען אזוי שלעכט, אז ער פלעגט בלייבען אין אונמאכט. דאך האט ער זיך אנגעשטרענגט ניט נאר צו פערטהיידיגען זיינע מיינונגען וועגען דיא קריסטליכע רעליגיאן און ריימארוס'עס מערקווירדיגע קריטישע ווערק, זאנדערן אויף אנצו־שרייבען א דראמע, אום צו דערלאנגען א קלאפ זיינע געגנער פון אן אנדער זייט. דיעזע דראמע איז געוועזן זיין לעצטע און בעסטע קרוינונגס־ווערק. דאס איז „נאטהאן דער ווייזע“. ווען ער וואלט מעהר ניט אנגעשריעבען וויא דיעזע דראמע, וואלט ער זיך אויך אונשטערבליך געמאכט.

פיערצעהנטער קאפיטעל.

„נאטהאן דער ווייזע".

אין 1788, אין רעכטען פייער פון זיין שטרייט מיט פאסטאר געצע, איז ער געפאלען אויף דעם פלאן צו פערפאסען א דראמע, וועלכע זאל אין דער זעלבער צייט אפשפיעגלען זיינע רעליגיעזע און פילאזאפישע געדאנקען און אויך אריינדרינגען אין דיא מאסען, וועלכע לעזען ניט טעאלאגישע און פילאזאפישע ווערק. ער האט דאן געשריעבען צו זיין ברודער: „א משוגענער געדאנקען איז מיר לעצטע נאכט אריינגעקומען. פיעלע יאהרען צוריק האב איך זיך ארומגעטראגען מיט א פלאן פון א פיעסע, וואס איהר אינהאלט איז געווען עהנליך צו דיא יעצטיגע ויכוחים (ער האט דא געמיינט זיין שטרייט מיט דיא גלחים וועגען דיא „פראגמענטען"), פון וועלכע איך האב דאן נאטירליך ניט געטרוימט. אויב דוא און מאזעס (מענדעלססאהן) וועלען צושטימען, וועל איך אבדרוקען דיא דראמע אויף סובסקריפציאנען... איך דענק, אז איך האב אויסגעפונען א זעהר אינטערעסאנטען סיוזשעט פיר מיין דראמע, און אלעס צוזאמען וועט ניט נאר זיין זעהר לעזבאר, זאנדערן איך וועל נאך זיכער אפשפיעלען דיא גייסטליכע א שפיצעל, וואס וועט זיי פיעל מעהר ערגערן וויא דיא צעהן „פראגמענטען".

דיעזע דראמע איז „נאטהען דער ווייזע". וויא וויים מען קען שליסען פון א פאאר בריעף צו זיין ברודער, האט זיך לעסינג ארומגעטראגען מיט דעם געדאנקען וועגען אזא דראמאטיש־פילאזאפישע ווערק, וויא „נאטהאן דער ווייזע", וויינינגסטענס דריי יאהר פריהער איידער ער האט איהר אנגעשריעבען. „מיין נאטהאן", האט ער געשריעבען, איז א שטיק, וואס איך האב געוואונשען צו ענדיגען מיט א יאהר דריי צוריק, ווען איך בין צוריק געקומען

פון מיינע רייזען. איך האב עס יעצט אבגעפרישט, ווייל איך האב בערעכענט, אז נאך עטליכע קליינע ענדערונגען אין דעם פלאן וועל איך קענען אנפאלען אויף דעם שונא פון אן אנדער זייט". צו עליזע ריימארוס האט ער דאן געשריעבען: „איך מוז פרובירען, אויב זיי (דיא גייסטליכע) וועלען מיר לאזען פרעדיגען אונגע־שטערט וועניגסטענס פון מיין אלטען בעל־אמת, דיא ביהנע".

דיעזע פראבע איז איהם גלענצענד געלונגען, נאך בעסער וויא ער האט עס געהאפט, דען ער האט געשאפען א מייסטער־ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור, א דראמע, וועלכע וועט וואהר־שיינליך קיין מאל ניט אראבגיין פון דער ביהנע, און א טיעף־זיני־ניגע און עדעלע פילאזאפישע ווערק. א קורצע צייט נאך לעססינג'ס טויט האט מענדעלסאהן גאנץ ריכטיג בעמערקט אין א בריעף צו לעססינג'ס ברודער קארל: „דער ביאגראף פון אייער ברודער מעג זאגען: לעססינג האט אנגעשריעבען „נאטהאן דער וועיזע" און איז געשטארבען".

אין דיעזער מערקווירדיגער דראמע, וועלכע האט געהאט א טיעפען איינפלוס אויף דער מענשהייט און האט אויך ניט וועניג געווירקט אז מען זאל בעטראכטען דיא אידען וויא גלייכבערעכ־טיגטע מענשען, האט לעססינג זיך ארויסגעוויעזען אין זיין גאנ־צער גרויסקייט אלס דראמאטורג, קונסט־קריטיקער און פילאזאף. וואס אנבעלאנגט צו אידען, קען מען זאגען וועגען דיעזען עדעלס־טען דייטש, אז ער האט אנגעפאנגען און געענדיגט זיין דראמא־טישע קאריערע אלס זייער טרייער פריינד. נאר וואס פאר אן אונ־טערשייד אין אינהאלט און איבערהויפט אין דער קונסט צווי־שען זיין יוגענד־ווערק „דיא אידען" און זיין לעצטע ווערק „נא־טהאן דער וועיזע"! דרייסיג יאהר טהיילען זיי אפ, אבער אין דיע־זער צייט האט דער געניאלער פערפאסער אונגעהייער פיעל גע־לערנט און דורכגעמאכט א שווערען און ביטערן קאמפף אין זיין פיעל געפלאגטען לעבען.

אן אויספיהרליכע קריטישע בעטראכטונג פון „נאטהאן דער וועיזע" פארדערט א גאנצען בוך, דען דיעזע דראמע איז ענג פער־בונדען מיט לעססינג'ס וועלט־אנשויאונג און זיין גאנצע ליטערא־

רישע טהעטיגקייט*). דאָ מוזען מיר זיך בעגנוגענען מיט א קורצען איבערבליק.

פאַר זיין דראַמע האָט לעססינג אויסגעקליבען דיא ריכטיגע צייט און דעם פאַסענדסטען אָרט. דיא האַנדלונג קומט פאָר אין ירושלים אין דער צייט פון דעם פיערטען קרייץ־צוג צו ענדע פון צוועלפטען יאָהר־הונדערט ווען דער בעריהמטער סולטאַן סאַלאדין איז געווען דער הערשער פון דער הייליגער שטאָדט און דער ענג־לישער קעניג ריטשארד, גענאַנט „לייב־הארץ“, און דער פראַנ־צויזישער קעניג פיליפ אָגוסט האָבען געפיהרט מלחמה מיט דיא מאהאָמעדאַנער צו פערנעהמען פאַלעסטינע. דיא צענטראַל־פיגור פון דער דראַמע איז נאַטהאַן, א אידישער קויפמאַן, וואָס האָט שרעקליך געליטען פון דעם פאַנאַטיזמוס פון דיא קריסטען, וועל־כע האָבען זיך געריסען צו ערלייזען דעם קבר פון זייער גאָט. מיט 18 יאָהר איידער דיא האַנדלונג פון דער דראַמע פאַנגט זיך אָן, האָט ער אין איין שוידערליכער שטונדע פערלאָרען זיין פרוי און זיינע 7 זיהן. דיא קריסטען, וועלכע זיינען בעפאַלען דיא שטאָדט, וואו נאַטהאַן'ס פאַמיליע האָט געוואָהנט, האָבען אויסגעשלאַכטעט דאָרט אַלע אידען. אָהן ערבאַרמען האָבען זיי אויסגעשאָכטען אפילו אידישע קינדער און פרויען, דארונטער אויך נאַטהאַן'ס גאַנצע פאַמיליע. ער איז געבליעבען עלענד וויא א שטיין. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער געטרויערט, געקלאָגט און געשוואָרען ראַ־כע צו צו אַלע קריסטען. אָבער זיינע בעסערע געפיהלען און זיין פער־שטאַנד האָבען בעזיעגט דיא ניעדעריגע אינסטינקטען. ער איז געבליבען א פילאָזאָף מיט א עדעלע הארץ, פול מיט ליעבע צו גאָט און צו מענשען.

זיין עדעלע הארץ האָט ער ארויסגעצייגט אויף דעם פערטען טאָג נאָך דער שוידערליכער אויסשלאַכטונג פון זיין פאַמיליע. גראַ־דע האָט עס געטראָפען, דאָס א רייטער האָט צו איהם געבראַכט

*) דיא לעזער וואָס קענען גוט דייטש און ווילען גרינדליך פער־שטיין „נאַטהאַן דער ווייזע“ רעקאָמענדירען מיר צו לעזען די קריטישע אַנאַליזען פון קונאָ פישער און דאַוויד שטראַוסס.

א קליין קינד, דיא טאָכטער פון זיין פריינד, דעם דייטשען ריטער וואָלף פאָן פילנעק, וועלכער האָט איהם גערעטעט פון טויט און וועלכער איז פערבליבען אין דער שטאָדט עזה, וואָס איז אטאַקירט געוואָרען פון דיא סאַראַצינען, סאַלאַדין׳ס סאָלדאַטען. דעם ריטער׳ס פרוי איז געשטאָרבען אין קינדבעט, און דער פערצווייפעלטער ריטער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין עדעלען אידישען פריינד און האָט צו איהם געשיקט זיין טאָכטער מיט א ביטע איהר אויפצוהאָדעווען. נאַטהאַן האָט דאן אין גאנצען פערגעסען אָן זיינע שבועות צו נעהמען ראַכע פון קריסטען. ער האָט עדעלמוטהיג ערפילט דיא בקשה פון זיין קריסטליכען פיינד, וועלכער איז גע־טויטעט געוואָרען ביי דער פערטהיידיגונג פון דער פעסטונג אין עזה. ער האָט אַריינגעטראָגען דאָס קינד אין זיין הויז, האָט עס א קוש געטאָן און מיט א הערצרייסענדען יאָמער אויסגעשריען:
„גאָט! פאַר זיעבען האָסטו מיר חאָטשע געגעבען איינע!“

ער האָט איהר א נאָמען געגעבען רעכא און האָט איהר ער־צויגען אזוי, אז זיא זאָל ניט געהערען צו א בעשטימטער רעליגיאָן, נאָר זאָל זיין גוט, ריין און עדעלמוטהיג. זיא וואַקסט אויס א רייצענדע מיידעל מיט דיא בעסטע מעלות. זיא ווייס גאָר ניט פון איהר אָבשטאַמונג. זיא בעטראַכט איהם אלס איהר פאטער און האָט איהם ניט נאָר צערטליך ליעב, נאָר פערגעטערט איהם פאַר זיין גוטסקייט און עדעלמוטה. אין איהרע אויגען איז ער דיא פערקערפערונג פון דיא העכסטע אידעאַלען פון מענשען.

דיא האַנדלונג פון דער דראַמע פאַנגט זיך אָן, ווען נאַטהאַן קעהרט זיך אום מיט א רייכען קאַראַוואַן נאָך איינע פון זיינע האַנדעלס־רייזען. רעכא׳ס קריסטליכע מאַמקע דאַיאַ זאָגט איהם אָן דיא טרויעריגע בשורה, אז זיין הויז איז אָבגעברענט געוואָרען. דאָס קימערט איהם ניט אזוי פיעל, וויא ווען ער דערוויסט זיך, אז זיין טהייערע רעכא איז קוים גערעטעט געוואָרען פון דיא פלאַמען. א יונגער ריטער האָט איהר אַרויסגעשלעפט פון דער ברענענדער הויז; אָבער זיא האָט זיך איינגעבילדעט, אז איהר רעטער איז ניט אַנדערס געוועזען וויא א מלאך. דיא מאַמקע ווייס, אז דער רע־טער איז א ריטער מיט דעם נאָמען קורד פאָן שטראַופען, וועלכער

איז געפאנגען געווארען פון דיא סאראצינען, נאר איז בעגנאדיגט געווארען פון דעם סולטאן סאלאדין, ווייל ער איז מערקווירדיג עהנליך געוועזען צום סולטאן'ס פערשטארבענעם ברודער אסאדי, אבער זיא האט געלאזען דיא מיידעל טרוימען וועגען א געטליכען רעטער און וועגען נסים. ווען נאטהאן דערהערט עס, פאנגט ער אן צו פילאזאפירען וועגען נסים און צו ערקלערען דיא גאנצע מעשה אויף א נאטירליכען וועג. ער סטארעט זיך צו ערקלערען דער איינ־געבילדעטער און ראמאנטישער מיידעל, וויא נאריש עס איז צו זוכען וואונדער, ווען דיא נאטירליכע פאסירונגען זיינען אויך גע־נוג זאנדערבאר און געהיימניספאל. אום אין גאנצען צו פעריאגען איהרע איינבילדונגען, רופט ער אויס: „אה, איהר גרויזאמע טרוימערינען! פיעללייכט איז גאר דיעזער מלאך טויט אדער קראנק". דאס ווירקט גלייך אויף דער מיידעל און זיא ווערט זעהר אונרו־היג, טאמער איז איהר רעטער ווירקליך קראנק אדער אונגליקליך. ווען נאטהאן זעהט, אז ער האט צושטערט איהר איינבילדונג, בע־רוהיגט ער איהר מיט דיא ווערטער: „רעכא! איך ברייננ דיר א רפואה און ניט א גיפט.... נעהם זיך דאס אין קאפ אריין, אז עס איז פיעל לייכטער צו טרוימען פרום, וויא עפעס גוטעס צו טאן"...

אין דער צייט, ווען דיזער געשפרעך ווערט געפיהרט, שפא־צירט דער ריטער ארום אונטער פאלם־בוימער לעבען נאטהאן'ס הויז. ער איז א פייערדיגער יונגער מאן, בראוו און פול מיט רי־טערליכער עהרע. ער איז ניט גאר קיין פאנאטיקער, זאנדערן זאגאר א פריידיינקענדער, וואס עס איז א זעלטענהייט אין יענע פאנא־טישע צייטען; אבער דאך האט ער איינגעזויגען אין זיך אלע פאראורטהיילע געגען אידען. ער פעראכטעט אזוי טיעף דיא אידען, דאס ער וויל גאר ניט הערען, ווען דאיא קומט צו איהם צו און גיט איהם איבער, אז נאטהאן וויל איהם זעהען און דאנקען דער־פאר, וואס ער האט גערעטעט זיין טאכטער. ער ענטפערט מיט אונגעדולד, אז מען זאל איהם לאזען צורוה און אז דיא גאנצע אנגעלעגענהייט האט ניט ערוועקט אין איהם דעם מינדעסטען אינטערעס.

אין דעם צווייטען אקט, ווען נאטהאן זעלבסט געהט בעדאנקען

דעם ריטער און טרעפט איהם אונטער דיא פּאַלם־בוימער, קומט פּאַר צווישען זיי אַ מערקווירדיגער געשפּרעך, אין וועלכען עס שפּיגלען זיך בעזאָנדערס אָפּ לעססינג׳ס אַנזיכטען איבער רעלי־גיאָן און מענשליכקייט. דער ריטער שטויסט איהם אָפּ אָנפאַנגס אויס פעראַכטונג צו אידען איבערהויפּט, אָבער יעדער וואָרט פון דעם עדעלמוטהיגען איד מאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף איהם. דער ריטער רעדט ווערטער, וועלכע ער בעדיינקט ניט, ער צייגט ארויס פיעל ליידענשאַפט און וויינינג פערשטאַנד אין זיינע מיי־נונגען וועגען אידען; אָבער ניט ווילענדיג מוז ער זיך בויגען פאר דיא פערנונפט פון דעם אַלטען און פיעל־געפּרופטען נאַטהאַן. ענדליך, ווען דער ריטער שרייט אויס, אַז ער פעראַכטעט דיא אידען, וויל זיי האַלטען זיך פאַר אתה־בחרתנו׳ניקעס, קריעגט ער אַזאַ אַנטוואָרט: „פעראַכטעט מיין פאָלק וויא פיעל איהר ווילט, אָבער בערעכענט, אַז מיר האָבען ניט אויסגעקליעבען אונזער פאָלק. זיינען מיר דען אונזער פאָלק? וואָס איז אַ פאָלק? זיינען דען קריסטען און אידען פריהער קריסטען און אידען איידער זיי זיינען מענ־שען?“ דער ריטער האָט ניט וואָס צו ענטפערן דערויף און דער־לאַנגט נאַטהאַנען זיין האַנד אַלס מענש און פריינד. נאַטהאַן׳ס וויזהייט און גוטסקייט האָבען בעזיעגט דיא ווילדע פאָראורטהיילע פון דעם ליידענשאַפטליכען און שטאָלצען ריטער.

זייער וויטערער געשפּרעך ווערט אונטערבראָכען דורך דיא מאַמקע דאַיאַ, וועלכע קומט צולויפען אָהן אָטהעם און מיט שרעק אָנזאָגען איהר הערר, אַז דער סולטאַן סאַלאַדין רופט איהם צו זיך אין פּאַלאַץ. ווען נאַטהאַן קלייבט זיך אין וועג, קומט צו איהם זיין פריינד אַל־האַפי, אַ פילאָזאָפישער דערוויש, וועלכער איז גע־וואָרען סאַלאַדין׳ס שאַצמייסטער. דיזער דערוויש האָט אַלץ גע־טרוימט צו בעזוכען דיא הייליגע וואַסערן פון טייך גאַנגעס אין אינדיען, און אין דער צייט, ווען ער ערקלערט זיין אידישען פריינד, אַז ער האָט אומזאָנסט געזוכט צו ווירקען אויף דעם סולטאַן צו לאָזען נאַטהאַנען צורוה, מעלדעט ער איהם אויך מיט פריידע, דאָס ער קען יעצט אויספיהרען זיין וואונש צו פאָהרען נאָך אינדיען און שלאָגט איהם אויך פאָר צו מאַכען דיא רייזע מיט איהם צוזאַ־

מען, דען ער איז זיכער, אז דער סולטאן וועט שוין געפינען אן אויסרייד אוועקצונעהמען נאטהאן'ס פערמעגען. אבער נאטהאן שרעקט זיך ניט און ענטזאגט זיך צו פערלאזען זיין פאטערלאנד. ווען אל־האפי געהט אוועק, בעמערקט נאטהאן וועגען איהם: „ווילד, גוט, עדעל — וויא זאל איך איהם רופען? דער אמת'ער בעטלער איז אויך דער אמת'ער קעניג."

לעססינג שטעלט פאר דעם בעריהמטען סולטאן פון דיא סאראצינען פיעל בעסער און עדעלער, וויא דיעזער פייערדיגער קעמפפער נעגען דיא קריסטען איז געוועזן אין דער ווירקליכקייט. דיא אורזאכע, ווארום סאלאדין הופט פלוצלונג צו זיך דעם אלטען אידישען קויפמאן, ווערט ערקלערט אין א בעזונדערער סצענע, ווען דיזער הערשער ווערט פארגעשטעלט שפיעלענדיג שאך מיט זיין שוועסטער סיטאה און פערליערט, ווייל ער איז צוטראגען. ער הייסט זיין שאצמייסטער אל־האפי בעצאהלען דער שוועסטער טויזענד דינארען, אבער ער קריעגט דיא אנטווארט, דאס ניט נאר ער האט ניט מיט וואס צו צאהלען, זאנדערן דאס ער האט נאך געמוזט בארגען ביי איהר געלט פאר דיא געוועהנליכע הוצאות פון קעניגליכען הויף. סאלאדין, וועלכער ווארט אויף געלט פון מצרים, שלאגט פאר זיין שאצמייסטער צו בארגען דערווייל ביי אן אנדערן און ניט ביי זיין שוועסטער. זיא צייגט אן אויף נאטהאנען, פון וועמעס חכמה און רייכטהום זיא האט געהערט. אל־האפי וויל ארויסדריהען זיין אידישען פריינד פון דער געפאהר, אבער סיטאה דערצעהלט אזוי פיעל פון נאטהאנען, דאס סאלאדין ווערט איינפאך נייגעריג איהם צו זעהען און הייסט איהם בריינגען.

אין דער מערקווירדיגער סצענע, ווען נאטהאן ערשיינט פאר דעם סולטאן, האט זיך לעססינג בענוצט מיט איינער פון באקאטשיא'ס בעריהמטע געשיכטען, נעמליך מיט דער מעשה וועגען דעם אלעקסאנדרינער איד מלכי צדק מיט דיא דריי רינגען. דיא מעשה וועגען דיא דריי רינגען אין בעצוג אויף דיא דריי רעליגיאנען, דיא אידישע, קריסטליכע און מאהאמעדאנישע, איז אלגעמיין בעקאנט און דארום וועלען מיר איהר דא ניט ווידערהאלען. מיר וועלען נאר בעמערקען, אז דיזע אלטע קלוגע מעשה, וועלכע איז

טאקע העכסט וואהרשיינליך צו־ערשט דערצעהלט געווארען ערגעץ פון א אידישען חכם און איז פערשריעבען געוואָרען פון דעם גרויסען איטאליענער באָקאטשיאָ אין זיין וועלטבעריהמטען „דעקאמעראָן," האט עס געגעבען לעססינג'ן דעם גרונד - פּלאַן פון זיין דראמע.

לעססינג האָט אין איינינע פונקטען געענדערט דיזע מעשה. דעם אידען האָט ער פאָרגעשטעלט ניט אַלס א האבזיכטיגען און קארגען מאַן, וויא אין באָקאטשיאָ'ס מעשה, נאָר אין דער עדעלער פּערזאָן פון נאטהאן. ווען סאלאַדין ווענדעט זיך צו נאטהאנען מיט דער פראגע: „וועלכער גלויבען, וועלכע תורה האָט אייך ערהויבען?" קריעגט ער דיא אנטוואָרט: „סולטאַן, איך בין א איד." — „און איך בין א מוסולמאן," רופט זיך אָפּ סאלאדין. „דער קריסט איז צווישען אונז. פון דיזע דריי רעליגיאָנען קען נור איינע זיין דיא ריכטיגע. א מאַן וויא איהר בלייבט ניט שטיין, וואו דער צופאל פון געבורט האָט איהם אריינגעוואָרפען. אויב ער בלייבט דאָרטען, איז עס, ווייל ער האָט עס אויסגעקליבען, ווייל ער האָט פערנינפטיג געאורטהיילט. גוט, טהיילט מיט מיר אייערע געדאנקען; לאָזט מיר הערען אייערע מיינונגען, ווייל איך אליין האָב קיין צייט געהאט זיך צו גריבלען אין דיזע ענינים."

סאלאַדין גיט איהם צייט נאָכצודענקען, און נאטהאן זוכט צו־ערשט אן ערקלערונג, ווארום סאלאדין האָט איהם גערופען צו זיך און געשטעלט אזא שווערע און אויך געפעהרליכע פראגע. „איך האָב געמיינט, זאָגט ער צו זיך, אז דער סולטאַן וועט פערלאנגען געלט; אָבער ער פאָדערט גאָר דיא וואהרהייט, און אזא ריינע און קלינגענדע אזוי וויא זיא וואָלט געווען א מטבע." ער וויל ניט גלויבען, אז דער סולטאַן האָט אויסגעלייגט פאר איהם א נעץ; אָבער דאָס שיינט איהם דאָך וואהרשיינליך: „וואָס איז דען צו ניעדעריג פאר א פרינץ?" פרעגט ער, און ער זאָגט צו זיך: „איך מוז זיין פאָרזיכטיג. אָבער וויא? זיך ארויסגעבען פאר א פאנאטיקער וועט ניט טויגען. זיך ארויסגעבען גאָר ניט וויא א איד, וועט נאָך זיין ערגער, דען ער וועט קענען פרעגען, אויב איך בין ניט א איד, ווא־רום זאָל איך ניט ווערען א מוסולמאנער. אָבער איך האָב אן אויס־

וועג! דאָס קען מיך רעטען! מיט געשיכטעלעך אונטערהאַלט מען ניט בלויז קינדער. ער קומט—זאָל ער קומען."

און ווען סאַלאַדין קומט נאָך אַן אַנטוואָרט, דערצעהלט איהם נאַטהאַן אַ קלוג אַ דראַמאַטיש די מעשה מיט דיא דריי רינגען. ער צייגט מיט אַזאַ דראַמאַטישער קראַפט, אַז דער ריכטיגער רינג איז פערלאָרען געגאַנגען און אַז אַלע דריי רינגען זיינען נאָכגעמאַכטע, דאָס סאַלאַדין אונטערברעכט איהם מיט אַן אויסגעשריי: „הערליך, הערליך!"

נאַטהאַן ענדיגט מיט דיא ווערטער פון דעם ריכטער צו וועלכען דיא דריי ברידער מיט דיא דריי רינגען האָבען זיך געווענדעט צו ענטשיידען, ווער פון זיי עס האָט דעם ריכטיגען רינג: „אויב יעדערער פון אייך האָט דעם רינג פון זיין פאָטער, זאָל יעדערער גלויבען, אַז זיין רינג איז דער ריכטיגער. עס איז מעגליך, אַז אייער פאָטער האָט ניט געוואָלט מעהר דולדען דיא טיראַניי פון איין איינ־ציגען רינג אין זיין הויז. עס איז יעדענפאַלס זיכער, אַז ער האָט אייך אַלעמען גליך געליעבט, דען ער האָט ניט געוואָלט אונטער־דריקען צוויי צו גונסטען פון איינעם. זאָל יעצט יעדערער פון אייך נאָכפאָלגען זיין ביישפיעל אין עהרליכע און אונפּאַרטייאישע ליעבע! זאָל יעדערער פון אייך שטרעבען אַרויסצוצייגען דיא מאַכט פון זיין רינג!... און ווען דיא מאַכט פון דיא רינגען וועט זיך אַרויסצייגען אין אייערע קינד'ס קינדער, לאַד איך אייך איין טויזענ־דער יאָהרען אַרום צו ערשיינען פאַר מיין געריכט, דאַן וועט אַ קליגערער פאַר מיר פערנעהמען דעם ריכטער־שטוהל און וועט ריידען. יעצט געהט!"

און ווען נאַטהאַן ווענדעט זיך צום סולטאַן און זאָגט: „סאַלאַדין, אויב איהר פיהלט, אַז איהר זייט דער פערשפּראָכענער קליגע־רער ריכטער"... שרייט דער סולטאַן אויס: „איך — שטויב! איך — גאָרנישט! נאַטהאַן! נאַטהאַן! דיא טויזענדער יאָהרען פון דיין ריכטער זיינען נאָך ניט פאַריבער... געה, געה, אָבער זיי מיין פריינד!"

און ווער קען אין אמת'ן זיין דער ריכטער? ווער קען ענט־שיידען, אויב דיא אָדער יענע רעליגיאָן איז דיא ריכטיגע? ווער

האַט אויסגעפונען דעם ריכטיגען רינג? דיא טיעפזינניגע ווערטער, וואָס לעססינג האָט אריינגעלייגט אין נאַטהאַן'ס מויל, זיינען געוועזן און וועלען אימער פערבלייבען אַ מעכטיגער צורוף צו טאָלעראַנץ, צו פערגעבונג, צו פריעדען און ליעבע צווישען מענשען.

אין דער צייט ווען נאַטהאַן האָט זיך מיט זיין מעשה וועגען דיא דריי רינגען ארויסגעדרעהט פון אַ געפעהרליכער לאַגע און האָט עס אזוי ווייט געבראַכט, אַז סאַלאַדין האָט בעדויערט זיינע פריהערע שלעכטע אבזיכטען, האָט דער יונגער ריטער בעזוכט זיין הויז און געזעהען דיא שעהנע רעכאַ. זיא האָט איהם בעצויבערט פון ערשטען בליק. ווען נאַטהאַן פרעגט איהם נאָכהער, וואָס פאַר אַן איינדרוק רעכאַ האָט געמאַכט אויף איהם, קען ער ניט בעהאַלטען זיין ליעבע צו איהר און אַרומנעהמענדיג דעם אַלטען, שרייט ער אוים: „מיין פאָטער!“ דער ריטער דיינקט ניט אַנדערס, אַז רעכאַ איז נאַטהאַן'ס טאָכטער; אָבער דיא מאַמקע דאַיאַ ווייס דעם סוד. ניט איין מאָל האָט זיא בעאונרוהיגט נאַטהאַנען מיט סטראַשונקעס, דאָס זיא וועט דערצעהלען, אַז ער ערציהט אַ קריסטליכע מיידעל אַלס אַ אידישע טאָכטער. זיא וויל זעהר, אַז דער ריטער זאָל חתונה האָבען מיט רעכאַ'ן, און זיא דערצעהלט איהם דארום, וויא רעכאַ איז אריינגעפאַלען אין נאַטהאַן'ס הענד. דאָס רעגט איהם אויף, ער ווערט אין כעס אויף נאַטהאַנען, האַלט איהם זאָגאַר פאַר אַ בעטריגער. אַנשטאָט צו בעגלייטען נאַטהאַנען צום סולטאַן'ס פאַלאַץ, וויא ער האָט עס פערשפּראָכען, איז ער אוועק צום פּאַטריאַרך פון ירושלים פרעגען אַן עצה. דיזער פרינץ פון דער קריסטליכער קירכע איז פאָרגעשטעלט אַלס אַ טיפּ פון פאַנאַטישע און בלוטדורשטיגע גלחים. ער פיהלט זיך נאָר גוט, ווען ער קען פערפאָלגען און וויניגסטענס סטראַשענען צו ברענען און בראָטען אַלע דיא יעניגע, וואָס גלויבען ניט וויא ער. ווען דער ריטער שטעלט איהם אין אַלגעמיינען, אָהנע נעמען, דיא פראַגע וועגען אַ אידען, וואָס ערציהט אַ קריסטליכעס קינד ניט דוקא אין אידישען גלויבען, נאָר איבערהויפּט אָהן אַ בעשטימטע פאָרמעלע רעליגיאָן, ווערט דער קירכען־פאָטער אויסער זיך פון צאָרן און האַס. דער געדאַנקען פון אַזאַ פאַל שיינט איהם שרעקליך. אויב עס עקזיסטירט נאָר אַזאַ איד,

שרייט ער, מוז מען איהם אהן צערעמאניעס פערברענען. אויף אלע טענות פון דעם ריטער ענטפערט ער קורץ און שרעקליך: „דער יודע ווירד פערבראנט!“ מיט גרוים צארן שרייט ער אוים, אז ער וועט זיך ווענדען צום סולטאן און פערלאנגען גערעכטיגקייט לויט דעם אפמאך, אז קריסטען מוזען בעשיצט ווערען. „איך וועל לייכט איבערצייגען דעם סולטאן, ברומט ער, וויא געפעהרליך עס איז פאר דיא עקזיסטענץ פון א שטאאט צו גלויבען אין גאר ניט. אלע מענשליכע פערבינדונגען ווערען אבגעהאקט און צוריסען, אויב מענשען ווערען אונגלויביג.“

דער בלינדער פאנאטיזמוס פון דעם פאטריארך האט ארויסגערופען ביי דעם יונגען ריטער א געפיהל פון אונצופרידענהייט און עקעל. וויא הימעלווייט איז דיעזע רעליגיעזע ענגהערציגקייט, דיזע בלוט־דורשטיגקייט פון דעם קירכען־פאטער ביז צו נאטהאן'ס ערעלמוטה, טאלעראנץ און פילאזאפיע! דער ריטער היילט זיך צו פערלאזען דעם פאנאטישען פאטריארך. דער לעצטער שיקט אבער גלייך א גלח צו אונטערזוכען דעם „שרעקליכען“ פאל. דיזער גלח דערמאנט זיך, אז מיט 18 יאהר צוריק האט ער געבראכט צו נאטהאן'ען א קריסטליכע מיידעלע, פון וועלכער ער האט זייט דאן גאר ניט געהערט. ער געהט דארום אוועק צו נאטהאנען נאכפרעגען, און דאן קומט פאר איינע פון דיא ריהרענדסטע סצענען אין דער דראמע. נאטהאן, וועלכער ציטערט, אז מען וועט ביי איהם אוועקנעהמען זיין היים־געליעבטע רעכא, זיין לעצטען אוצר, דערצעהלט דעם גלח, וויא זיינע קינדער זיינען אויסגעשלאכטעט געווארען, וואס ער האט געפיהלט און וויא ער האט אויפגענומען דאס קינד פון זיין קריסטליכען פריינד. דער גלח, וועלכער איז פון דער נאטור א גוט הערציגער מענש, ווערט אזוי געריהרט, אז ער שרייט אוים: „נאטהאן, נאטהאן! דו ביסט א קריסט! ניט אנדערש וויא א קריסט! קיין מאל איז ניט געווען א בעסערער קריסט!“

נאטהאן ענטפערט איהם מיט דיעזע טיעפזינניגע ווערטער: „דאס וואס עס מאכט מיך פאר א קריסט אין אייערע אויגען, דאס מאכט אייך פאר א איד אין מיינע אויגען.“

דיא דראמא ענטוויקעלט זיך ווייטער אויף א מעלאדראמא־

טישען, זאגאר א פאנטאסטישען וועג. עס קומט גאר אויס, אז דער ריטער איז רעבא׳ס ברודער און אז ביידע זיינען זיי דיא קינדער פון סאלאדין׳ס ברודער, וועלכער האט זיך פערליעבט אין א קריסט־ליכער מיידעל, איז אוועק נאך דייטשלאנד, וואו ער האט זיך בע־קעהרט צום קריסטענטהום! נאכהער איז דיזער געטויפטער מוסול־מאן אוועק צוזאמען מיט אנדערע ריטער ערלייזען יעזוס׳עס קבר און האט געקעמפפט נעגען זיין ברודער׳ס חיל ביז ער איז געפאלען טויט. סאלאדין איז אלזא דער אנקעל פון רעבא און פון דעם ריטער, וועמעס לעבען ער האט גערעטעט צוליעב דיא עהנליכקייט צו זיין ברודער. דיזע מערקווירדיגע עהנליכקייט ווערט ערקלערט, ווען נאטהאן דערצעהלט דיא גאנצע וואונדערבארע געשיכטע אין דער אנוועזענהייט פון דעם סולטאן און זיין שוועסטער, וועלכע זיינען העכסט צופריעדען מיט דיא קינדער פון זייער ברודער. רעבא בלייבט צוגעבונדען צו נאטהאנען און רופט איהם פאטער. דער ריטער איז נאטירליך אנפאנגס ניט צופריעדען, וואס דיא געליעבטע מיידעל, וועלכע ער האט געהאפט צו האבען פאר א פרוי, איז גאר זיין שוועסטער; נאר ער גיט זיך אונטער צום שוקזאל. דאס אלעס איז זעהר אונגאטירליך און אויך לאנגווייליג.

ווען ניט דיא גרויסארטיגע מאנאלאגען און דיא ערהאבענע צוועקען, וואלט דיא דראמע ניט געהאט אזא ערפאלג און ווירקונג. וויא מיר וויסען עס שוין, איז לעססינג׳ס צוועק ניט געווען צו שאפען א קונסט־ווערק, זאנדערן א שטיק פאר דער ביהנע, אום אויסצודריקען זיינע געדאנקען וועגען רעליגיאן און צו פרעדיגען טאלעראנץ. דאס איז איהם גלענצענד און גרויסארטיג געלונגען, בעזאנדערס אין דער געשיכטע מיט דיא דריי רינגען.

לעססינג האט גאר ניט געשטרעבט פארצושטעלען נאטור־טרייע טיפען. ער האט אלעמען געמאלען דורך זיינע פילאזאפישע ברילען. מאנכע פערזאנען זיינען אויסגעקומען נאטור־טריי, ספעציעל דער פאנאטישער פאטריארך; אבער דיא הויפט־העלדען, אפילו נאטהאן דער ווייזע זעלבסט, זיינען אייגענטליך נאר פיגורען, וועל־כע ריידען וואס דער פערפאסער וויל. מען קען ניט זאגען, אז דיא סצענען זיינען אונמעגליכע אונטער אלע אומשטענדען אין ווירק־

ליבען לעבען; אָבער אפילו אין יענע צייטען, ווען קריסטען און מאָהאָמעדאַנער זיינען דורך דיא שטענדיגע מלחמות געקומען אין נעהענטערע פערבינדונגען, ווען דיא מעהר ענטוויקעלטע פוןביידע צדדים האָבען געלערנט צו אַכטען און צו שעצען איינע דיא אַנדערע — מיר וויסען פון דער געשיכטע, אז דיא קרייץ־ציגע האָבען געהאט אַן אונגעהייער וויכטיגען איינפלוס אויף דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער און האָבען פיעל מיטגעווירקט צו ברעכען דיא מאכט פון דער קאַטוילישער קירכע — אפילו אין אזא צייט האָט עס ניט געקענט טרעפען, דאָס דער ברודער פון א סולטאַן זאָל ניט נאָר ווערן א קריסט זאָנדערן נאָך קעמפּפען געגען דיא מאהאָמעדאַנער צוזאמען מיט אנדערע קריסטליכע ריטער.

אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. לעססינג האָט ניט געמיינט צו שרייבען א רעאַליסטישע ווערק, און אין זיינע צייטען האָט מען אויך ניט פערשטאַנען דעם רעאַליזמוס אין ראָמאַנען און אין דראַמען וויא אין אונזער צייט. מען דאַרף ניט אורטהיילען „נאַטהאַן דער ווייזע“ וויא א ריינע דראַמע. ווען לעססינג וואָלט ניט געהאט אזוי פיעל ערפאַהרונג אויף דער ביהנע, וואָלט מען דיזע דראַמאַטישע ווערק גאָר ניט געקענט שפּיעלען. זיא איז אייגענטליך געשריעבען געוואָרען ניט אַזוי צום שפּיעלען, וויא צום לעזען. איהר ווירקונג, איהר אינטערעס, איהר ווערטה ליעגען אין דיא א י ד ע ע ן, וועלכע לעססינג האָט געוואָלט אויפקלערען וועגען רעליגיאָן און וועלכע ער האָט פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף אויסגעדריקט מיט דער קראַפט פון א זשעניע און מיט דער קונסט פון א פּאָעט.

וועגען דעם כאַראַקטער פון נאַטהאַן האָט מען פיעל געשטריטען ניט נאָר, אויב אזא איד איז איבערהויפּט מעגליך, זאָנדערן אויך, אויב אזא איד האָט געקענט אויפקומען אין ארץ ישראל אין דער צייט פון דיא קרייץ־ציגע. עס איז איבעריג צו זאָגען, אז דיא אַנטיסעמיטען בעהויפּטען, דאָס „נאַטהאַן דער ווייזע“ איז איינפאַך א פאַנטאַזיע, דאָס אזא איד האָט קיין מאָל ניט געקענט עקזיסטירען און וועט קיין מאָל ניט קענען עקזיסטירען. פון דער אנדער זייט האָבען פריינדע פון אידען און לעססינג׳ס פערעהרער ערקלערט, אַז ניט נאָר איז „נאַטהאַן דער ווייזע“ א ריכטיגער אידישער טיפּ,

זאנדערן לעססינג האט איהם איינפאך קאפירט פון א לעבעדיגען איד, נעמליך: פון משה מענדעלססאהן. עס קען אפילו קיין צווייפעל ניט זיין, אז לעססינג האט געהאט פאר זיינע אויגען אזא ערדלען, געלערנטען און קלוגען איד, וויא זיין פריינד מענדעלססאהן; אבער דיא וואהרהייט איז, אז ער האט איהם אפילו ניט אידעאליזירט, וויא מאנכע מיינען עס. מאזעס מענדעלססאהן איז אין דער ווירק־ליכקייט געווען גאנץ ווייט פון אזא ערהאבענע און אפפערווילליגע פיגור וויא נאטהאן דער ווייזע. מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען בעשרייבען דעם לעבען און דיא טהעטיגקייט פון דעם דע־סויער פילאזאף.

„נאטהאן דער ווייזע" איז אן אידעאלע פיגור. אזוי איז אויך סאלאדין. דיזער מערקווירדיגער סולטאן איז, נאך ריכטיגע גע־שיכטליכע פאקטען, א גאנץ אנדערער מענש וויא אין לעססינג'ס דראמע. לעססינג האט איינפאך אידעאליזירט דיא פערטרעטער פון דיא אידישע און מאהאמעדאנער רעליגיאנען, אום צו מאכען א שטארקערן איינדרוק אויף דיא קריסטען און אויך אום שארפער אויסצודריקען זיינע אייגענע געפיהלען און מיינונגען.

יעדענפאלס פערנעהמט „נאטהאן דער ווייזע" א הויכען פלאץ אין דער וועלט־ליטעראטור. דער איינדרוק איז געווען אן אונגע־הייערער אין קריסטליכע לענדער. דיזע דראמע האט אויך געפונען א סימפאטישען אפקלאנג אין טירקיי. אין לעססינג'ס צייט איז מען אפילו אין געבילדעטע קרייזען געווען אזוי ווייט פון אזעלכע געדאנקען וועגען רעליגיאן, דאס ער האט ניט דערלעבט צו זעהען א צווייטע אויפלאגע פון זיין „זוהן פון קומענדען אלטער" וויא ער האט גערופען „נאטהאן דער ווייזע". דיא גייסטליכע האבען ערקלערט, אז דאס איז א שעדליכע ווערק.

לעססינג אליין האט גאנץ גוט געוואוסט, אז „נאטהאן דער ווייזע" וועט פיינדליך אויפגענומען ווערען. „איך וויים ניט פון אזא פלאץ אין דייטשלאנד, האט ער געשריעבען, וואו דיעזע שטיק קען אויפגעפיהרט ווערן. אבער געזונד און גליקליך זאל זיין דיא שטאדט, וואו דיא ערשטע פארשטעלונג וועט שטאטפינדען!"

אזא שטאדט איז געווען בערלין. צוויי יאהר נאך דעם פער־

פאסער'ס טויט איז „נאטהאן דער ווייזע" אויפגעפיהרט געווארען, אבער מיט ווייניג ערפאלג. דאס פובליקום האט אפילו שטארק געלויבט דיא דראמע, אבער ביי דער דריטער פארשטעלונג איז ־ער טהעאטער געוועזן פוסט. דאס איז טהיילווייז געשעהען, ווייל דיא שוישפיעלער האבען ניט געטויגט צו זייערע ראָלען און האבען זיי אויך ניט פערשטאנען. ערשט אין 1801, ווען שיללער מיט דער הילפע פון געטהע האט צוגעגרייט דיא דראמע פאר דער ביהנע אין וויימאר, האט „נאטהאן דער ווייזע" אויפגעלעבט און געפונען ענטהוזיאזטישע צוהערער. זייט דאן געהט דיזע דראמע ניט אראפ פון דער דייטשער ביהנע און ציהט שטענדיג צו א גרויסען פובליקום. עס איז ניטא אין דייטשלאנד איין בעוואוסטער דראמאטישער שוישפיעלער, וואס האט ניט שטודירט און ניט געשפיעלט דיא ראָלע פון „נאטהאן דער ווייזע", אום צו צייגען זיין טאלענט.

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

זיין טויט און פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע.

וועגען לעססינג׳ס לעבען און טהעטיגקייט נאָך דיא ערשויינונג פון „נאַטהאַן דער וועיזע״ בלייבט ניט פיעל צו ריידען. איהם איז ניט לאַנג געבליבען צו לעבען נאָכדעם. זיין געזונד איז אַלץ ערגער געוואָרען. צו זיינע פיזישע ליידען זיינען נאָך צוגעקומען מאַראַלישע, ווייל ער איז געבליעבען מיט דיא קינדער פון זיין פרוי און האָט קוים געהאַט מיט וואָס דורכצוקומען. זיין פינאַנציעלע לאַגע איז געוועזען אַ קלעגליכע ביז זיין לעצטע מינוט. ער איז געשטאָרבען אַזוי אָרעם, אַז דער הערצאָג פאָן ברונסוויק האָט געהאַט צו דעקען דיא קאָסטען פון דער זעהר איינפאַכער לויה.

אָבוואָהל ער האָט זעהר שטאַרק געליטען פון אַסטהמאַ, האָט קוים געקענט שלעפען דיא פיס און פלעגט ניט זעלטען בלייבען אין אונמאַכט, זאָ דאָס ער האָט אַליין געפיהלט, אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע, דאָך איז ער פּלוצלונג געשטאָרבען. דעם 15טען פעברואַר 1781 האָט ער זיך געפיהלט גראַדע גוט, האָט זיך גאַנץ געמיטהליך אונטערהאַלטען מיט דיא פריינדע, וועלכע זיינען געקומען איהם בעזוכען; אָבער דער שאָטען פון טויט האָט שוין געשוועבט איבער איהם. אַבענדס, ווען איינעגע פריינד זיינען געקומען געוואָהר ווערן, וואָס ער מאַכט, איז ער אַראָפּ פון בעט און איז אַרויס זיי צו בעגריסען. ער האָט געמאַכט זיין לעצטע אָנשטרענגונג. אַ קאַלטער שוויס האָט איהם בעדעקט, און זיינע פיס האָבען זיך געטרייסעלט. ווען ער האָט אַראָפּגענומען זיין נאַכט־מיצע, איז ער אַנידערגעפאַלען, און אין עטליכע מינוט אַרום איז ער שוין פּטור געוואָרען פון אַלע ליידען אויף דער וועלט. ער איז נידערשלאָגען געוואָרען פון אַפּאָפּלעקסיע.

מען האָט איהם בעערדיגט אין אַ קירכהויף אַ מייל ווייט פון ברונסוויק. מען האָט זיך אין יענער צייט אַזוי ווייניג געקימערט וועגען דיזען גלענצענדען שטערן פון דער דייטשער ליטעראַטור,

דאָס מען האָט שפּעטער לאַנג געמוזט זוכען, איידער מען האָט גע־פונען זיין קבר. ערשט אין 1853 האָט מען לעבען דיזען איינפאַכען קבר געשטעלט אַ הערליכען מאָנומענט אין נאָמען פון גאַנצען דייטשען פאָלק.

אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעשריעבען אַ רע־ליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק אונטער דעם נאָמען „איבער דיא ערצי־הונג פון מענשליכען געשלעכט“. געוויסערמאַסען דריקט ער דאָרט אויס דיא געדאַנקען, וועלכע ער האָט פערקערפּערט אין „נאַטהאַן דער ווייזע“; אָבער ער איז אויך אוועק אַ שריט ווייטער, דען ער האָט ערקלערט, אַז רעליגיאָן דורך אָפּענבאַרונג אָדער ענטפּלעקונג איז ניט אַן אייביגע וואהרהייט, זאָנדערן בלויז אַ נויטווענדיגע זאַך אויף אַ געוויסער שטופּע פון גייסטיגער און מאָראַלער ענט־וויקלונג פון דער מענשהייט. מען קען ניט זאָגען, אַז לעססינג איז געוועזען אַן אַטהעאיסט; אָבער יעדענפאַלס האָט ער ניט אָנערקענט אירגענד וועלכע אָנגענומענע אָדער פאָרמעלע רעליגיאָן. מען דער־צעהלט, אַז ווען אַ פריינד האָט איהם איבערגעגעבען, בשעת ער איז געלעגען קראַנק, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, וויא אַ גלח האָט ניט צורות געלאָזען וואָלטער'ן אויף זיין שטערבע־בעט וועגען תשובה טהאָן און שליסען פריעדען מיט דער קריסטליכער רעלי־גיאָן, האָט ער אויסגערופען: „ווען איהר וועט דערזעהען, אַז איך האַלט ביי'ן שטאַרבען, זאָלט איהר רופען אַ נאָטאַריוס: איך וועל איהם אָפען ערקלערען, אַז איך פערלאָז דיא וועלט ניט גלויבענדיג אין אירגענד וועלכע פון דיא אָנגענומענע רעליגיאָנען.“

ער איז העכסט וואהרשיינליך אין זיינע לעצטע יאָהרען געוואָרען אַ ספּינאָזיסט צו דער גרעסטער ערגערנים פון משה מענדעלסאָהן, וויא מיר וועלען עס זעהען ווען מיר וועלען איבערגיין צו דער לעבענסבעשרייבונג פון דעם פערפאַסער פון „פעדאָן.“ יעדענפאַלס קען קיין שום צווייפעל ניט זיין, אַז לעססינג האָט פערעהרט דעם גרויסען פילאָזאָף פון פאַנטהעאיזמוס (אַלל־גאָטהייט), וועלכער איז נאָך צו יענער צייט פערשאָלטען געוואָרען. ספּינאָזאַ איז דאַן גע־רעכענט געוואָרען פאַר אַן אַטהעאיסט. מען האָט איהם פון אַלע זייטען פערדאַמט, אייגער האָט ווידערהאָלט דיא אַטאַקעס און אַר־

גומענטען פון פריהערע געגנער; אבער כמעט קיינער האט ניט געלעזען זיינע ווערקע.

גראדע דיעזע אטאקעס אויף ספינאזא'ס פילאזאפיע האבען בעוואגען לעססינג'ן צו לעזען און צו שטודירען דיעזע טיעפע פי־לאזאפיע אין אריגינאל. א נייע וועלט האט זיך דאן, קען מען זא־גען, געעפענט פאר איהם. ניט ווילענדיג האט ער געמוזט בעוואונ־דערן דיזען גייסטיגען ריעז און זיין פילאזאפישע סיסטעם, וועלכע איז יעצט אנערקענט פאר דעם וויכטיגסטען גרונדשטיין פון דער מאדערנער פילאזאפיע *). ער האט נאכהער ערקלערט, אז ווען ער וואלט געהאט אויסצוקלייבען א פילאזאפישען לעהרער, וואלט ער אויסגעקליבען ספינאזא'ן. אין זיינע שריפטען האט ער זיך ניט ארויסגעגעבען פאר א ספינאזיסט, נאר דעם איינפלוס פון ספינא־זא'ס לעהרען קען מען בעמערקען אין פיעלע שטעלען.

צו לעססינג'ס גרויסע פערדיענסטען און אויפטואונגען אלס קריטיקער און דראמאטורג קען מען אויך צורעכנען, אז ער האט פיעל מיטגעהאלפען אויפצולעבען דעם פערשאלטענעם פילאזאף און צו ערוועקען אן אינטערעס צו שטודירען ספינאזא'ס „גאטלא־זע" ווערק.

צום שלוס וועלען מיר נאך זאגען א פאאר ווערטער וועגען דיא גרויסע אויפטואונגען פון דיזען גרויסען און מערקווירדיגען מאן אלס אויסבעסערער פון דער דייטשער שפראך. מיט רעכט רעכענט מען איהם פאר א רעפארמאטאר פון דער דייטשער שפראך. אזוי גוט וויא ער האט זיך אנגעשטרענגט צו שאפען א דייטשען טהעאטער, אזוי האט ער שטענדיג געזוכט צו שרייבען עכט דייטש. צו זיין צייט האט מען געשריבען א מין געמישעכץ פון דייטש מיט פראנצויזישע ווערטער. וועגען דיא שעהנקייט פון דער דייטשער שפראך האבען דיא שרייבערס ווייניג געזארגט. מיר וויסען שוין פון א פריהערען קאפיטעל, אז פריעדריך דער גרויסער האט גאר ניט געוואלט לעזען און שרייבען דייטש, אז אין זיין ביבליאטהעק

---

*) זעה „ברוך ספינאזא—זיין לעבען און פילאזאפיע", ארויסגעגע־בען פון דער אינטערנאציאנאלער ליטערערי פובלישינג קאמפאניע.

האָט ער אַפילו איין דייטשען בוך ניט געוואָלט האָבען. פֿיעלע האָבען געפֿאָלגט דיזען קעניג׳ס ביישפּיעל און האָבען געקוקט אויף דייטש, וויא אויף אַ פֿאָלקס־שפּראַך, אַ מין באַרבאַרישען זשאַרגאָן. פֿאַר אַ ליטעראַרישע שפּראַך האָבען זיי נאָר געהאַלטען דיא פֿראַנצויזישע.

לעססינג אָבער האָט אַזוי פֿיין און ריין געשריעבען דייטש, אַז מען האָט געפֿאָלגט זיין ביישפּיעל און דיא דייטשע שפּראַך איז געוואָרען ניט נאָר אַ פֿילאָזאָפֿישע, זאָנדערן אויך ניט ווייניגער ליטעראַריש פֿאַר דיא פֿראַנצויזישע.

אין אַלגעמיינען, וואו נאָר לעססינג איז אַריינגעדרונגען מיט זיין מעכטיגע און שאַרפֿען גייסטיגע אויג, איז ער געווען אַ רעפֿאָרמאַטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ טיעפֿען איינפֿלוס ניט נאָר אויף דיא ענטוויקלונג פֿון דער דייטשער ליטעראַטור, וועלכע האָט באַלד נאָך איהם אַרויסגעשטעלט אַזעלכע צוויי זשעניען, וויא שיללער און געטהע, זאָנדערן אויך אויף דעם גייסטיגען פּראָגרעס פֿון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט.

משה מענדעלססאהן

א י י נ ל י י ט ו נ ג.

דיא לאגע פון אידען אין מענדעלסאהן'ס צייט.

ארים־בחור — דיזער ווארט דריקט אויס דאס לעבען פון משה מענדעלססאהן ביז דער צייט, ווען ער איז מיט לעססינג'ס ערעלמוטהיגע הילפע געווארען א דייטשער שרייבער.

ווען מען וויל וויסען, וויא דיזער „סאקראטעס פון אכצעהנטען יאהרהונדערט" — א זעלטענער און גרויסער עהרען־נאמען, וועלכען ער האט זיך ערווארבען אין דער וועלט דורך זיינע פילאזאפישע שריפטען, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהן — האט פערבראכט זיינע קינדערשע יאהרען און וואס פאר אן ערציהונג ער האט געקראגען, איז גענוג צו ווארפען א בליק אויף דיא קלענערע שטעדט אין גאליציען, פוילען און ליטע. טויזענדער אידישע אינגלאך מאכען דורך נאך היינט צו טאג דיא זעלבע, זא צו זאגען, שולע און ווערן פערפינסטערט אויף דעם זעלבען שטייגער, וויא מאזעס מענדעלסאהן אדער איבערהויפט אלע אידישע אינגלאך פון דיא דייטשע שטעדט אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט.

א צו גוט בעקאנטער טרויעריגער בילד! וויא קליין איז דיא צאהל פון אידישע קינדער אין דיא פינסטערע צענטערס פון דעם פערוואגעלטען ישראליק, אין ליטע, גאליציע און פוילען, פון אידישע קינדער, וועלכע האבען געקראגען אן ערציהונג אויסערהאלב דעם פינסטערען חדר! און וויא קליין איז, נאך אלעמען, דיא צאהל פון דיא יעניגע, וועלכע עס איז געלונגען ארויסצורייסען זיך פון דיא ישיבות און פון דעם צרה'דיגען לעבען אין קליינע אידישע שטעטלאך אויף דער גרויסער וועלט! וויא פיעל אידישע טאלענטען און זאגאר זשעניען זיינען אזוי דערשטיקט און בעגראבען געווארן אין דעם דריקענדען ענגען קרייז, אין דער שרעקליכער גהעטא,

וועלכע איז געשאפען געווארען אין דיא שווידערליכע צייטען פון פאנאטיזמוס און בארבאריי אין מיטעל־אלטער! און וויא לאנג וועט עס נאך נעהמען, ביז דיא לעצטע שפורען פון דעם פינסטערן מיטעל־אלטער וועלען פערשווינדען אין דיא ערטער, וועלכע זיינען ביז דעם סוף פון אכצעהנטען יאהרהונדערט געווען אונטער דער הערשאפט פון פוילען און וועלכע זיינען געווארען נעסטען פון תלמוד'ישע האאר־שפאלטעריי און פלפולים פון איין זייט און פון חסידיזמוס און וויסטען אבערגלויבען פון דער אנדער זייט! ?

אין מענדעלסאהן'ס צייטען איז עס געווען ניט דער ערך שווערער פאר א אידען אריבערצוטרעטען דיא שוועלען פון דיא מיטעל־אלטערליכע גהעטאס און זיך א לאז צו טאן אויף דיא ברייטע פעלדער פון איראפעאישע בילדונג, וויא אפילו אין רוסלאנד אין דיא צייטען פון יצחק בער לעווינסאהן; דען איבעראל זיינען דיא וועגען פערשפארט געווען פאר דעם פערוואגעלטען ישראליק מיט פעסטע מויערן פון פאנאטיזמוס און איינגעווארצעלטע פאראורטהיילע. ניט נאר פון פאליטישע גלייכהייט פאר אידען, זאנדערן אפילו פון מענשליכע בעהאנדלונג איז נאך דאן כמעט קיין רייד ניט געווען. ערשט נאך דער צערשטערונג פון דער פאריזער באסטיליע, דריי יאהר נאך מענדעלסאהן'ס טויט, ווען דיא שטראמען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן האבען זיך צוגאסען, וויא פייערדיגע לאווא פון א וואולקאן, — ערשט דאן האט מען געקענט הורכפיהרען אין פראנקרייך, אז אידען זאלען געזעצליך אנערקענט ווערען אלס גלייכבערעכטיגטע מענשען, און דאס אויך מיט גרויסע צרות, נאך לאנגע און ברענענדיגע דעבאטען אין דעם רעוואלוציאנערען פארלאמענט. אהן דיזע רעוואלוציאן וואלטען נאך פאראיבער ווער ווייסט וויא פיעל יאהרען איידער מען וואלט געגעבען אידען פולע פאליטישע רעכטע אפילו אין האלאנד, דעם איינציגען ווינקעל אויף דער ערד, וואו אידען זיינען ניט פערפאלגט געווען זייט דעם סוף פון 17טען יאהרהונדערט.

דיא לאגע פון אידען איז דאן געווען א שווידערליכע ניט נאר אין דיא אלטע דייטשע נעסטען פון מיטעלאלטערליכע פינסטערניס,

זאנדערן אויך אין פרייסען, וואו עס האט דאמאלסט געהערשט פריעדריך דער גרויסער, א פריידיינקער און א פריינד פון דיא פראנצויזישע פילאזאפען, וועלכע האבען אלץ מוטהיגער געשטורמט דיא פעסטונגען פון אבערגלויבען און זאגאר אטאקירט דיא קריסטליכע רעליגיאן. דיזער פילאזאפישער קעניג האט בעהאנדעלט „זיינע" אידען ניט בעסער וויא א בלינד־קאטוילישער הערשער. אין זיינע אויגען זיינען זיי נאר געווען א סארט בהמות, פון וועלכע מען קען מעלקען געלט אנשטאט מילך. איבעראל האבען זיי געמוזט צאהלען א קאפ־שטייער און אנדערע ספעציעלע טאקסעס. אין בערלין זעלבסט, וואס האט דאן שטאלצירט מיט איהר פרייען גייסט און איז גערעכענט געווען פאר א קוואל פון אפיקורסות אין גאנץ דייטשלאנד, האבען אידען נאר געקענט אריינקומען דורך איין טויער און האבען געמוזט קריגען ספעציעלע ערלויבנים דארט צו פערבלייבען. פריעדריך דער גרויסער האט אויך געצוואונגען דיא אידען צו קויפען געוויסע זאכען, דארונטער שלעכטע פארצעליי, פאר הויכע פרייזען (מען האט עס דאן גערופען „אידישע פארצעליי"), אום צו שטיצען דיא מאנופעקטורען, וועלכע ער האט איינגעפיהרט צו פערגרעסערען זיינע איינקינפטע.

דאך זיינען שוין פאר מענדעלסאהן'ס אנקומען אין בערלין געווען דארטען איינינע אידען, וועלכע האבען זיך דורכגעבראכען א וועג צו אייראפעאישע בילדונג. מענדעלסאהן איז דאן ניט געווען דער איינציגער און יעדענפאלס ניט דער ערשטער, וועלכער האט געזוכט גייסטיגע שפייז אין דער געבילדעטער קריסטליכער וועלט; זאנדערן נאר דער פעהיגסטער און אויך דער גליקליכסטער. ער האט כשר פערדיענט זיין גרויסען שם, ער האט זיך ניט אומזיסט ערווארבען וועלט־בעריהמטהייט און א הויכען פלאטץ אין דער דייטשער ליטעראטור, אבער אין דער זעלבער צייט האט ער מיט זיין גלאנץ פערדעקט דעם שיין פון עטליכע אנדערע אידישע שטערנס, וועלכע האבען ניט ווייניגער פאר איהם און יעדענפאלס זעהר פיעל אויפגעטאן פיר דיא פערשפרייטונג פון בילדונג און אויפקלערונג צווישען זייערע פערפינסטערטע ברידער און וועלכע זיינען געווען דיא אמת'ע פאטערס פון אידישע השכלה.

ערשטער קאפיטעל.

מענדעלסזאהן'ס עלטערן און ערציהונג.

אין אן ארימער הייזעל אויף דער שפיטאל־שטראסע אין דער שטאדט דעסוי, דעם 6טען סעפטעמבער 1729, איז דער צוקונפטיגער גייסטיגער פארשטעהער פון דיא דייטשע אידען געבארען געווארען. זיין פאטער מענדעל איז געוועזן א סופר און א מלמד, אבער, טראץ דיזע צוויי פראפעסיאנען, איז ער געבליבען זיין גאנצען לעבען א בלוטיגער ארימאן. זיין זוהן, וועלכער איז געבארען געווארן א שוואכינקער און קרענקליכער, האט ער געוואלט ערציהען פאר א רב, דיא העכסטע שטופע דאן פאר א אידען אין דיא געהעטא־קרייזען. צוערשט האט ער אליין געגעבען אונטערריכט זיין זוהן. דאס האט ער אנגעפאנגען אזוי פריה, גאר ניט אכטענדיג אויף דיא פיזישען שוואכקייטען פון זיין זוהן, אז צו 5 יאהר האט שוין משה געקענט לעזען לשון קודש און פערטייטשען אייניגע תפלות. נאכהער האט ער איבערגעגעבען זיין זוהן צו א העכערן מלמד, א געוויסען רבי הירש פון דעם דעסויער בית המדרש. אין קאלטע טעג פלעגט ער אליין טראגען זיין שוואכען אינגעל אין בית המדרש נאך איידער עס האט אנגעפאנגען צו טאגען.

פון משה'ס ארימער מוטער ווייס מען ניט מעהר, אז זיא איז געוועזן א גאטספארכטיגע און שוואכע אידענע מיט דעם נאמען זוסכען. זיא האט הפנים קיין שום איינפלוס ניט געהאט אויף איהם, דען ער דערמאנט איהר גאר ניט אין אירגענד וועלכע פון זיינע שריפטען.

דיא גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען, מיט וועלכע דיא נאטור האט בעשאנקען דעם קליינעם און קרענקליכען קערפער פון מענדעל'ס זוהן, האבען זיך שנעל ענטוויקעלט און גלענצענד ארויסגעוויזען אין דער ישיבה, וועלכע איז געוועזן אונטער דער אויפזיכט פון אבער־ראבינער פון דעסויער געמיינדע, דעם בעוואוסטען דוד הירשעל פרענקעל. דיזער רב איז ניט נאר געוועזן א גרויסער

תלמידיסט, זאנדערן אויך א גוטער מאן און, וואס עס איז נאך וויכטיגער, א דענקער, וועלכער האט הויך געשעצט דעם רמב"ם. יעדענפאלס האט ער זיך אונשטערבליך געמאכט דערמיט, וואס ער האט ניט נאר געלערנט מיט זיין גייסטיגען שילער „מורה נבוכים", זאנדערן האט איהם אויך פינאנציעל ארויסגעהאלפען אין אזא צייט, ווען יענער וואלט אהן דעם וואהרשיינליך אין גאנ־צען פערלארען געגאנגען.

דער צוקינפטיגער פערפאסער פון „פעדאן" און „ירושלים" האט זיך צוגעבונדען צו דיזען גוטען רב וויא צו א פאטער. דעם רמב"ם'ס גרעסטע און בעסטע ווערק האט דער 12־יעהריגער מענדעלססאהן אזוי פלייסיג שטודירט, דאס ער האט אין שפעטערע יאהרען ערקלערט: „דיזען מיימוני האב איך עס צוצושרייבען, וואס מיין רוקען איז אויסגעקרימט געווארען; ער אליין איז דיא אורזאכע פון מיין הייקער; פון דעסטוועגען ליעב איך איהם דאך, דען ער האט מיר פערזיסט מאנכע טרויעריגע שטונדען פון מיין לעבען און האט מיך אזוי אויף איין זייט צעהנפאך ענטשעדיגט דערפאר, וואס ער האט פערקריפעלט מיין קערפער."

ווען ער איז געווארען בר מצוה, זיינען זיינע ארימע עלטערן געוועזן זעהר פערזארגט וועגען זיין צוקונפט. זיי האבען זיך נעבאך לאנג געבראכען דיא קעפ מיט א וועהטאג אין הארצען, וואס זיי זאלען טאן מיט זייער שוואכינקען זוהן, וועלכער האט ארויסגעצייגט אזוי פיעל פעהיגקייט וויא פיעל חושק צום לערנען. זיי האבען דיא גאנצע צייט געטרוימט, אז ער וועט ווערען א רב; אבער זיי האבען ניט געהאט דיא מיטעל דערצו. דיא מוטער האט נאך מורא געהאט צו לאזען איהר קרענקליכען משה'לע זיך וואלגערן ערגעץ אין דער פרעמד אין א ישיבה, דען צו דער צייט האט רבי פרענקעל פערלאזען דעסוי, אום צו ווערען ראבינער אין בערלין.

מיט געבראכענע הערצער האבען זיי שוין זיך געקליבען צו פערזארגען זייער זוהן מיט א פעקיל צום „הויזירען", וויא אלע אנדערע קינדער פון זייער שטאנד אין יענע פינסטערע צייטען. עס האט ניט פיעל געפעהלט, אז משה מענדעלססאהן זאל נעבאך ווערען א פעדלער (הויזירער) און כאפען אזוי פיעל צרות און אויך

קלעפ פון יעדען גראבען דייטש וויא אלע אנדערע הויזירער! אבער ער האט זיך איינגעשפארט אז ער וויל ניט אנדערש ווייטער לערנען, וואס עס זאל ניט זיין מיט איהם, וויא פיעל עס זאל איהם ניט אויסקומען צו הונגערן. צו ארמוטה און נויטה איז ער געוואהנט געוועזען זייט ער איז געבארען געווארען, און דיא צרות אין דער צוקונפט, אויף וועלכע ער האט זיך געריכט און געמוזט ריכטען, האבען איהם ניט געשראקען. אין דעם שוואכען קערפער האט געשטעקט א פעסטער ווילען, א שטארקער גייסט; דער קאפ איז געוועזען גלייך און בראוו ניט אכטענדיג אויף דעם קרומען רוקען. ער האט אזוי לאנג געבעטען זיינע עלטערן, אז זיי זאלען איהם לאזען וויינינגסטענס נאך א פאאר יאהר לערנען ביי זיין געליעבטען לעהרער רבי פרענקעל אין בערלין, אז זיי האבען איהם ענדליך נאכגעגעבען מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

מען דערצעהלט, דאס מענדעלסזאהן האט לאנג געבעטען רבי פרענקעל איהם מיטצונעהמען נאך בערלין. דער רבי וואלט וואהר־שיינליך גערן ערפילט דיא הייסע ביטע פון זיין גוטען און פעהיגען שילער, ווען ער וואלט ניט געוועזען אזא שוואכער און דערצו נאך א הייקערדיגער. נאר ווען דער רבי איז ארויסגעפאהרען אויפ'ן וועג נאך בערלין, איז דער ארימער אינגעל אוועק א פאאר מיילען פאר־אויס און האט איהם אזוי לאנג געבעטען ביז ער, דער רבי, האט גע־מוזט צוזאגען אנצונעהמען איהם שפעטער אין זיין ישיבה אין בער־לין. נאר וואס עס איז ניט פארגעקומען צווישען דעם רבי און דעם תלמיד, זיכער איז עס, אז אין דעם זעלבען יאהר, ווען רבי פרענ־קעל האט זיך בעזעצט אין בערלין, איז אויך מענדעלסזאהן אהין אנגעקומען. דאס איז געוועזען אין 1743, וויא עס איז צו זעהען פון מענדעלסזאהן'ס אייגענע שריפטען.

צווייטער קאַפּיטעל.

מענדעלסאָהן׳ס לעבען און לעהרער אין בערלין.

אַ בלייכער, שוואַכער און הייקערדיגער איגנעל מיט אַ קלו־מיקעל אויף דיא פּלייצעס איז איין טאָג אין 1743 צוגעגאַנגען צו דעם ראָזענטהאַלער טויער פון בערלין, דעם איינציגען, דורך וועל־כען מען האָט דאַן אַריינגעלאָזען אידען אין דער הויפּטשטאָדט פון פריעדריך דעם גרויסען, און האָט געבעטען ערלויבנים אַריינצוקו־מען. לעבען דיזען טויער איז געשטאַנען אַ אידישער וועכטער, וועלכער איז ספּעציעל אָנגעשטעלט געווען פון דער בערלינער אי־דישער קהילה, אום אויפצופּאַסען אויף דיא אידישע איינוואַנדע־רער, וועגען וועלכע מען האָט געמוזט אָפּגעבען דין וחשבון צו דער רעגיערונג. דער פילאָזאָפישער קעניג האָט עס געמוזט געגוי וויסען, דען דיא אידען זיינען געווען זיינע שקלאַווען און האָבען איהם געמוזט צאָהלען ספּעציעלע שטייערן.

— ווער ביזטו? האָט דיזער בעאַמטער פון דער בערלינער קהילה געפרעגט דעם אָרימען איגנעל, בעטראַכטענדיג איהם מיט מיטלייד און פעראַכטונג פון קאָפּ ביז דיא פיס.

— משה, מענדעל׳ס זוהן פון דעסוי.

— מיט וואָס בעשעפטיגט זיך דיין פאָטער?

— מיין פאָטער איז אַ סופר און אַ מלמד, האָט דער איגנעל קורץ און מיט אַ ציטערנדיגע שטימע געענטפערט.

— נאָך וואָס קומסטו אין דער הויפּטשטאָדט? האָט דער וועכטער ווייטער געפרעגט.

— לערנען! האָט דער איגנעל אויסגעשטאַמעלט.

— וויא וועסטו לערנען? האָסטו פון וואָס צו לעבען, מיין קינד? האָט דער וועכטער ווייך און פערוואונדערט געפרעגט.

אויף דיזע העכסט וויכטיגע פראַגע האָט דער הייקערל, וועמעס גרויסע און שעהנע קאָפּ איז דאַן פול געווען מיט דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע, נאָר געקענט ענטפערן: „רבי דוד פרענקעל“.

דיזען אנטוואָרט האָט הפנים צופרידען געשטעלט דעם וועכ־טער, דען ער האָט איהם דעם אָרימען הייקערל ענדליך אריינ־געלאָזען אין דער פרייסישער רעזידענץ־שטאָדט. פיעלייכט האָט דער וועכטער איינפאך רחמנות געקראָגען אויף דיזען אינגעל, וועל־כער האָט נאָך אַלס מאַן געהאַט „אַזאַ אויסזעהן, דאָס דיא רוי־העסטע הארץ האָט ער געקענט בעוועגען צו מיטלייד“, וויא זיינער אַ דייטשער פריינד האָט זיך וועגען איהם אויסגעדריקט. דאָס איינ־ציגע, וואָס האָט קרעפטיג און פייערדיג געלעבט אין דיזען שוואַ־כען קערפער, זיינען געווען זיינע טיעפע דונקעלע אויגען, וועלכע האָבען אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ שעהנעם שטערן.

אָט אַזוי האָט משה מענדעלסאָהן אריינמאַרשירט אין פריעדע־ריך דעם גרויסען׳ס הויפּטשטאָדט, וואו עס איז איהם בעשערט געווען צו ווערען איינע פון איהרע צירונגען און צו ענדיגען זיינע העכסט נוצליכע יאָהרען.

וויא האָט ער דאָן געלעבט אין דער וועלטשטאָדט, וואו ער האָט קיינעם ניט געקענט אויסער רבי פרענקעל? אַזוי וויא טויזענדער אָרים־בחורים, וועלכע האָבען געוואַנדערט צו פוס מיט קלומיקלעך אויף זייערע דאַרע פּלייצעס אין דיא צענטערס פון איירָאָפּעאישע בילדונג, פאָלגענדיג זיין אויפמונטערנדען ביישפיעל — ער האָט געהונגערט . . . דאָך האָט ער ניט אויפגעהערט צו לערנען, צו שלינגען חכמות העולם. רבי פרענקעל האָט איהם גע־האָלפען נאָך זיינע קרעפטען און האָט איהם פערשאַפט אַן אָרט צום שלאָפען ביי אַ געוויסען באַמבערגער, וועלכער פלעגט איבערהויפּט שטיצען ישיבה־בחורים, און אויך איינינגע „טעג“. שבתים און יום־טובים פלעגט דער גוטער רבי איינלאַדען זיין געליעבטען שילער צו זיך. אויסער דעם פלעגט ער איהם נאָך צאָהלען עטליכע גראָשען אַ וואָך פאַר איבערשרייבען זיינע העברעאישע פירושים אויף משנה און גמרא. ביי זיין פאָטער האָט משה זיך אויסגעלערנט צו שרייבען פיין, און דאָס האָט איהם דיא ערשטע צייט פיעל געהאָלפען.

דאָך האָט ער ניט איין נאַכט זיך געמוזט לייגען מיט אַ ליי־דיגען מאָגען. איינזאַם, טרויעריג, אין צרות און נויטה האָט ער פערבראַכט זיינע יוגענד־יאָהרען. ער איז געווען צו שטאָלץ און אויך

שעמעודיג צו בעטען שטיצע. זיין נאטירליכע בעשיידענהייט און עניות זיינען נאך פערשטארקט געווארען דורך זיינע פיזישע שוואכ־קייטען, דען אויסער דעם הייקער, האט ער אויך געשטאמעלט. ניט זעלטען האט איהם אויך געפעהלט א ריינע העמד, און דאן האט ער זיך געשעמט דיא אויגען צו ווייזען.

גאנצע טעג פלעגט ער פערברייננגען אין דער ישיבה, וואו ער האט געשלונגען דיא תורה, וואס רבי פרענקעל האט געלערנט מיט זיינע שילער, און אבענדס האט ער שטילערהייט אליין פלייסיגער שטודירט דיא דייטשע שפראך, וועלכע ער האט אזוי גוט אויסגעלע־רענט, דאס ער איז שפעטער געווארן איינער פון דיא פיינסטע דייטשע שרייבערס. זיין שפראך האט געדיענט אלס מוסטער פאר דייטשען. דאס איז געוועז זיין גליק, דאס איז געוועזן דיא הויפט אורזאכע פון זיין ערפאלג, דער פונדאמענט פון זיין גרויסע רעפאר־מאציאן. צו יענער צייט האבען דיא דייטשע אידען אויך נאר גע־ברויכט דעם זשארגאן, און אפילו אין בערלין זיינען כמעט ניט גע־ווען אזעלכע אידען, וואס האבען געקענט שרייבען דייטש. דארום פלעגט מען זיך שטענדיג ווענדען צו מענדעלסאהן'ען, ווען דיא בער־לינער קהילה האט עפעס בעדארפט האבען אנצושרייבען אין עכט דייטש. וויא נאר עס איז בעקאנט געווארן, אז מענדעלסאהן שרייבט א ליטערארישען דייטש, האט מען זיך בענוצט דערמיט אין וויכ־טיגע קהל'שע אנגעלעגענהייטען, און זיין אנזעהען איז דורך דעם זעהר געשטיעגען ביי אלע אידען אין דייטשלאנד.

דאס מוז מען צוערשט נעהמען אין אנבעטראכט, ווען מען וויל פערשטעהן, ווארום מענדעלסאהן האט געשפיעלט אזא גרויסע ראלע ביי זיין לעבען, טראטץ זיין ארמוטה, טראטץ דעם וואס ער האט געמוזט דיענען אלס איינפאכער בוכהאלטער, אום זיך און זיין פאמיליע צו ערנעהרען.

מיט זיינע דייטשע שריפטען איז ער אריינגעדרונגען אין דער קריסטליכער וועלט. מען האט ניט נאר געשעצט זיין פיינע און לעבהאפטע שפראך מעהר וויא דעם פילאזאפישען אינהאלט פון זיינע שריפטען, זאנדערן מען האט זיך איבערהויפט דאן געוואונ־דערט, דאס א איד שרייבט דייטש און נאך איבער פילאזאפישע

און ליטעראַרישע פראַגען. דאָס איז געווען אַ זעלטענהייט, זאָגאַר אַן אונערהערטע זאַך. און וואָס מעהר מענדעלסזאָהן׳ס רעפּוטאַציאָן איז געשטיעגען אין דער דייטשער ליטעראַרישער וועלט, אַלץ גרע־סער איז געוואָרען זיין איינפלוס אויף זיינע ברידער, וועלכע האָ־בען זיינע ווערק גאָר ניט געלעזען און מייסטענס גאָר ניט געקענט לעזען. דיא דייטשע אידען האָבען איינפאַך שטאָלצירט מיט איהם, ווייל ער האָט זיך ערוואָרבען אַ עהרען־נאָמען צווישען דייטשע גע־לעהרטע, און דיעזער נאָמען האָט אַלץ ווייטער אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט. ניט ווילענדיג איז ער אַזוי געוואָרן אַ פאָרשטעהער און אַ גייסטיגער פיהרער פון אידען.

נאָר אין דער צייט, ווען דער הייקערדיגער אָרים־בחור האָט גע־פינסטערט אין זיין קעמערל און געלעזען דייטשע ביכער ביי דעם שיין פון אַ לעמפּעלע האָט זיך איהם נאַטירליך ניט גע׳חלום׳ט אַזאַ גלענצענדע צוקונפט. ער האָט שטודירט, אום צו וויסען, ער האָט געלערנט, אום צו קענען, גאָר ניט קימערענדיג זיך וועגען זיין צו־קונפט. אַ הייסע דורשט נאָך בילדונג האָט איהם אויפגעמונטערט, געמאַכט צו פערגעסען אָן אַלע זיינע ליידען, אָן זיין הונגער, און גע־יאָגט צו שטודירען ניט נאָר דיא דייטשע שפּראַכע, זאָנדערן אויך אַנדערע שפּראַכען, און ניט נאָר שפּראַכען און פילאָזאָפיע, זאָנדערן אויך מאַטהעמאַטיק.

אלס אַ תלמודיסט, אלס איינער וואָס איז פון זיינע קינדערשע יאָהרען געוואָהנט געווען צו חקירה און פּלפּולים, וואָס האָט גרינדליך דורכגעשטודירט דעם „מורה נבוכים,“ האָט איהם נאַטיר־ליך מעהר פון אַלץ געצויגען צו פילאָזאָפיע, צו מעטאַפיזישע בע־טראַכטונגען. ניט נאָר וויסענשאַפטען, אמת׳ע נאַטור וויסענשאַפ־טען מיט עקספּערימענטען און אָהן מעטאַפיזישע חקירות, האָבען איהם וועניג אינטערעסירט, זאָנדערן אפילו געשיכטע. אַ לאַנגע צייט, זאָגאַר נאָכדעם וויא ער איז שוין בעפריינדעט געווען מיט לעססינג׳ן, האָט ער ניט געקענט פערשטיין צו וואָס אַ געוועהנליכער בירגער, ניט אַ פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט דאַרף לערנען געשיכטע, צו וואָס עס נוצט צו וויסען, וויא מענשען האָבען געלעבט און זיך געפיהרט אין פריהערע צייטען. ער האָט זיך זאָגאַר געוואונדערט,

ווארום זיין פריינד לעססינג אינטערעסירט זיך אזוי פיעל מיט היסטאָריע און אַלטע ביכער.

אַן עכט מעטאַפיזישער פילאָזאָף איז מענדעלססאָהן פערבליבען זיין גאַנצען לעבען. ער האָט זיך צוגעבונדען צו דער לייבניץ־וואָלפישער פילאָזאָפישער שולע, וועלכע איז דאַן געווען דיא הערשענדע און וועלכע ער האָט צוערשט פלייסיג שטודירט און ער איז איהר געבליעבען טריי ביז זיין לעצטע שטונדע, אָבוואָהל ער האָט אויך צולעצט געזעהען, אַז זיא האָט שוין אָבגעלעבט איהר צייט.

נאָר לאָמיר ניט פערלויפען פאָראויס. צו דער צייט, ווען ער האָט אָנגעפאנגען צו לערנען דייטש און אַנדערע וועלט־שפראכען, האָט ער געהאַט דעם גליק צו בעקענען זיך מיט אַ מערקווירדיגען פוילישען איד, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען ישראל זאמאָסץ. דאָס איז געווען א טיעפער און פרייער דענקער, וועלכער האָט פיעל געליטען אין זיין געבורטס־שטעטעל סמאָרי־זאמאָסץ אין פוילען פון דיא רבנים און תלמודיסטען און האָט געלעבט אין גרויס אַרמוטה אין בערלין אַלס מלמד. ער איז אויך געווען אַ גר־טער מאַטעמאַטיקער. „ליידענדע ווערן גיך בעפריינדעט“, בעמערקט גאַנץ ריכטיג דר. מ. קייזערלינג אין זיין בעוואוסטער לעבענס־בעשרייבונג פון משה מענדעלססאָהן, און דער יונגער און עלענדער אָרים־בחור האָט זיך צוגעבונדען צו דיעזען פריידיינקענדען פוילישען איד, וועלכער איז געוואָרן זיין לעהרער פון געאָמעטריע. אונטער דער לייטונג פון ישראל זאמאָסץ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פירושים אויף דעם „כוזרי“ און תלמוד, האָט משה מענדעלססאָהן צוערשט שטודירט, נאָך אַן העברעאישע איבערזעצונג, אויקליד׳ס געאָמעטריע. דער לעהרער האָט ניט פערשטאַנען קיין אַנדער שפראַך אויסער לשון קודש און דער שילער האָט זיך דאַרום געמוזט בענוצען מיט העבראישע מאַטהעמאַטישע ביכער. ביידע פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען כמעט יעדען טאָג און פלעגען פיהרען געשפרעכען און דיסקוטירען איבער פערשיעדענע פראַגען, וואָס האָט פיעל געווירקט אויף דיא וויטערע ענטוויקלונג פון משה מענדעלססאָהן און אויך אויף דעם, אַז ער זאָל זיך נעהמען צו שטודירען דיא לאַטיינישע שפראַך, וועלכע איז נאָך

דאן אויך געוועזן דיא שפראך פון געלעהרטע, בעזאנדערס אין דייטש־לאנד.

מיט גרויסע צרות האט ער אפגעשפארט פון זיין מאגען עטליכע גראשען צו קויפען אן אלטע לאטיינישע גראמאטיקע און אן אלטען לאטיינאשען ווערטער־בוך און ער האט זיך מיט זיין געוועהנליכען פלייס גענומען צו גריבלען זיך אין דיעזע ביכער. דא האט איהם וויעדער געגליקט, דען ער האט געקראגען אלס לעהרער א יונגען איד־דישען דאקטאר מיט דעם נאמען קיש, וועלכער האט געלערנט דיא קלאסישע שפראכען אין א יעזואיטען־שולע אין זיין געבורטס־שטאט פראג. א האלבען יאהר האט איהם דיעזער דאקטאר געגעבען אונ־ענטגעלטליך אונטעררינכט אין לאטיין און נאכהער האט דער שילער געמאכט אזעלכע פארטשריטע, אז ער האט שוין געהאט דעם פערגניגען צו לעזען מיט דער הילפע פון א ווערטער־בוך א ווערק, וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף זיינע פילאזאפישע אנזיכטען. דאס איז נעמליך געוועזן א לאטיינישע איבערזעצונג פון דעם בעריהמטען בוך „פערזוך איבער דעם מענשליכען פערשטאנד" פון דעם גרויסען און טיעפען ענגלישען פילאזאף לאק.

וויא שווער עס איז איהם ניט אנגעקומען צו ערלערנען דיא לאטיינישע שפראך, האט ער זיך דאך דערביי ניט אפגעשטעלט און האט זיך אויך גענומען צו שטודירען דיא פראנצויזישע און ענג־לישע שפראכען. דא איז איהם געקומען צו הילפע א איד, וואס פער־דיענט א בעזונדערן פלאץ אין דער געשיכטע פון דייטשע אידען, וויל ער איז וואהרשיינליך געוועזן דער ערשטער פון זיי, וואס האט געקענט שרייבען דייטש און געפיהרט בעקאנטשאפט מיט דייט־שע און פראנצויזישע געלעהרטע און שריפטשטעלער.

דאס איז נעמליך דאקטאר **אהרן שלמה גומפערץ**, א געבאר־נער בערלינער, וועלכער איז אויך געוועזן א שילער פון ישראל זא־מאסץ און וועלכער האט שוין צו 20 יאהר געקענט אויסער דיא געוועהנליכע אידישע תורה, דיא פראנצויזישע שפראך, דאמאלט דיא העכסטע מאדע־שפראך, און מאטהעמאטיק. ער איז שוין דאן גע־וועזן בעקאנט אלס א קענער פון דער דייטשער שפראך, דען אין 1945, ווען דיא אידען האבען אויך געפייערט נאך דעם דרעזדע־

נער פריעדען דעם טריאומף־צוג פון זייער יונגען קעניג פריעדריך דעם גרויסען האבען זיי זיך צו איהם געווענדעט ער זאל איבערזעצען אין דייטש דעם העברעאישען שיר וואס רבי פרענקעל האט פערפאסט לכבוד דעם קעניג.

דיעזער הויך־געבילדעטער איד, וועלכער האט זיך בעקענט מיט דיא מיטגליעדער פון דער דאמאלסדיגער בערלינער אקאדעמיע, מייסטענס פראנצויזען, איז עס געווארן דער הויפט־לעהרער פון משה מענדעלססאהן. „דורך דען אומגאנג מיט דר. אהרן גומפערץ, האט מענדעלססאהן אליין געשריעבען, האב איך געוואונען א געשמאק פיר וויסענשאפטען און אויך האט ער מיר דעם וועג געוויזען“. ריידענדיג וועגען דעם איינפלוס פון דיעזען דאקטאר אויף מענדעלססאהנען בעמערקט דר. קייזערלינג: „מען קען דרייסט בעהויפטען, דאס אהן גומפערץ׳ן וואלט מענדעלססאהן ניעמאלס מענדעלססאהן געווארן“. אויב מען איז איינפערשטאנען מיט דיעזער מיינונג אדער ניט, נאר זיכער איז עס יעדענפאלס, אז מענדעלססאהן האט געהאט אויסגעצייכענטע לעהרער אין בערלין און אז דאמאלס האבען זיך שוין יארטען געפונען עטליכע אידען מיט אייראפעאישע בילדונג.

דריטער קאפיטעל.

מענדעלססאהן'ס בעקאנטשאפט מיט לעססינג'ן און ערשטע שריפטען.

אונגעפעהר אכט יאהר האט אונזער ארים־בחור אזוי אבגעלעבט הונגערנדיג און שטודירענדיג. אין 1750 איז פארגעקומען א וויכטיגע ענדערונג אין זיין קלעגליכען לעבען. דער רייכער זיידענפאבריקאנט יצחק בערנהארד האט זיך דערוואוסט פון זיינע קענטניסע, וואהרשיינליך נאך דער רעקאמענדאציאן פון אהרן גומפערץ, און האט איהם אנגעבאטען צו ווערען דער לעהרער און ערציהער פון זיינע קינדער. מיט פריידע האט מענדעלססאהן אנגענומען דיעזע שטעלע וועלכע האט איהם ניט נאר פערזיכערט חיונה, זאנדערן אויך געגעבען דיא מעגליכקייט רוהיג און פריי פארטצוזעצען זיינע שטודיען.

אין דיעזער צייט האט ער זיך עס, אונטער דיא לייטונג פון דר. גומפערץ, אבגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו דער פילאזאפיע, וועלכע איז געווען, וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, „זיין טרייעסטע געליעבטע און זיין איינציגע טרייסט אין אלע ווידערווערטיגקייטען פון לעבען". אויסער לייבניץ און לאק, וועלכע האבען געבילדעט דעם פונדאמענט פון זיינע פילאזאפישע אנשויאונגען, האט ער שטודירט דיא ווערקע פון פיעלע אנדערע פילאזאפען און שרייבערס, בעזאנדערס דיא ווערקע פון שעפטסבורי און איבערהויפט פון דער ענגלישער פילאזאפישער שולע. לאק האט איהם שוין דערמיט אליין געצויגען צו זיך, ווייל ער האט געפרעדיגט רעליגיעזע טאלעראנץ און האט זאגאר זיך ערקלעהרט צו גונסטען פון בירגער־רעכטע פאר אידען און מאהאמעדאנער, וואס עס איז געווען ווירקליך אן אונערהערטע זאך אין זיין צייט.

וועגען מענדעלססאהן'ס פילאזאפישע אנשויאונגען, וויא זיי האבען זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון דייטשע און ענגלישע

פילאזאפישע לעהרען, אדער אין אלגעמיינען אונטער דעם איינפלוס פון דער „אויפקלערונגס-פילאזאפיע" פון 18-טען יאהרהונדערט, וועלען מיר האבען צו ריידען שפעטער. יעצט וועלען מיר נאר בעמערקען, דאס אין דיא פיער יאהר, וואס ער איז געווען הויזלעהרער, האט ער זיך אויסגעבילדעט אלס פילאזאף, אלס שפראך-קענער און אויך אלס קונסטקריטיקער.

עס האט איהם נאר געפעהלט א געלעגענהייט ארויסצוצייגען זיינע ערוואָרבענע קענטניסע און זיין איינגעבארענעם שריפטשטעלערישען טאלענט. דיזע געלעגענהייט האט ער געקראגען דורך זיין בעקאנטשאפט מיט לעססינג'ן. דיזע גליקליכע בעקאנטשאפט, וועלכע האט געבראכט אזוי פיעל נוצען דיא אידען אין אלגעמיינען און איהם בעזאנדערס האט ער וויעדער געהאט צו פערדאנקען זיין פריינד און לעהרער דר. גומפערץ און אויך דעם שאכשפיעל.

וואס ווייטער ער האט שטודירט, לעבענדיג אין דער הויז פון יצחק בערנהארד, האט ער זיך גענומען אלץ מעהר פיהלען אלס וועלטליכער מענש און האט זיך שוין ניט געשעהמט צו קומען אין געזעלשאפטען פון הויכגעשטעלטע לייט, וואוהין דר. גומפערץ האט איהם איינגעפיהרט. ער איז אזוי בעקאנט געווארן מיט מאפערטואי, ד'ארזשאן, פרעמאנטוואל און אנדערע בעריהמטהייטען פון דער בערלינער אקאדעמיע, וועלכע פריעדריך דער גרויסער האט איינגעפיהרט נאך דעם מוסטער פון דער פראנצויזישער און וועלכע ער האט אויך אנגעפילט מייסטענס מיט פראנצויזישע געלעהרטע. זיי האבען פריינדליך עמפפאנגען דעם ארימען אידישען יונגען מאן, ווייל זיי האבען גלייך געזעהען, אז זיי האבען צו טאן מיט א קענער און א שארפען דענקער. מיר ווייסען שוין אוים לעססינג'ס ביאגראפיע, וויא דער פרייסישער קעניג האט נאכגעמאנצט דיא פראנצויזען און וויא ער האט פעראכטעט דיא דייטשע שרייבערס און שפראך, און מיר וועלען דא דארום זיך ניט אפשטעלען אויף דיזען פונקט.

לעססינג האט צו דער צייט, אין 1754, געלעבט זעהר ארים, אבער זעהר פריי און לוסטיג, אין בערלין אלס צייטונגס-שרייבער. ער האט געהאט א סך יונגע פריינד, וועלכע האבען ליעב געהאט זיין געזעלשאפט. ער האט בעזאנדערס פערקעהרט מיט שוישפיעלער,

קינסטלער און לעבהאפטע יונגע לייט און אויך מיט עטליכע אידען. דר. גומפערץ איז געווען איינער פון דיזע אידען און איין מאל האט ער איהם פארגעשטעלט מענדעלססאהן'ען אלס א הויך-געבילדעטען איד און אויך אלס א גוטען שאכשפיעלער. לעססינג, וועלכער האט, אלס א פרייער גייסט און פיינד פון פאראורטהיילע, איבערהויפט ליעב געהאט מענשען, וואס האבען זיך אליין אויסגעבילדעט, און וועלכער האט שוין צו דער צייט געהאט אנגעשריבען זיינע „יודען" האט זיך גלייך שטארק פעראינטערעסירט מיט אזא אידישען יונגען מאן, וואס האט שטודירט פילאזאפיע און שפראכען. שנעל זיינען זיי געווארן בוזים-פריינד, און זייער פריינדשאפט האט אנגעהאלטען, וויא מיר וויסען עס שוין, ביז זייער טויט.

ווען מיכאעלים, פראפעסאר פון טהעאלאגיע אין געטטינגער אוניווערזיטעט, האט אין א קריטיק איבער „דיא יודען" ערקלערט, דאס אזא איד, וויא לעססינג האט עס פארגעשטעלט, קען גאר ניט געמאלט זיין, האט מענדעלססאהן אויסגעגאסען זיין ביטערע הארץ וועגען דעם און פערטהיידיגט דיא עהרע פון זיין פאלק אין א בריעף צו דר. גומפערץ. „דיא געדאנקען (דיא מיינונג פון מיכאעלים) האבען מיך געמאכט שאמרויט," האט מענדעלססאהן געשריעבען. „איך בין ניט אין שטאנד אויסצודריקען, וואס איך האב געפיהלט, ווען איך האב עס געלעזען. וואס פאר אן ערניעדריגונג פאר אונזער גערריקטע נאציאן! וואס פאר אן איבערטריבענע פעראכטונג!"

דיזען בריעף האט לעססינג אריינגעשטעלט אין זיין אנטוואָרט צו פראפעסאר מיכאעלים. דערביי האט ער אזוי פארגעשטעלט זיין נייען פריינד: „ער איז ווירקליך א איד, א מענש פון עטליכע און צוואנציג יאהר, וועלכער האט זיך אליין ערווארבען שטארקע קענטניס אין שפראכען, מאטהעמאטיק, פילאזאפיע און פאעזיע. איך זעה איהם אין פארויס אלס דיא עהרע פון זיין נאציאן, אויב זיינע גלויבענסגענאסען, וועלכע האבען ביז יעצט ארויסגעצייגט אן אונגליקליכען פערפאלגונגס-גייסט געגען לייטע זיינעס גלייכען, וועלען איהם לאזען פריי זיך ענטוויקלען. זיינע עהרליכקייט און פילאזאפישער גייסט לאזען מיך פאראויסזעהען אין איהם א צווייטען ספינאזא..."

אזא איינדרוק האָט מענדעלסזאָהן געמאַכט אויף לעססינג'ן, קען מען זאָגען, גלייך נאָך זייער ערשטער בעקאַנטשאַפט.

אין דעם זעלבען יאָהר (1754) איז מענדעלסזאָהן אַרויסגע־טראָטען אַלס דייטשער שרייבער אין דער עפענטליכקייט. דאָס איז געשעהען אזוי: לעססינג האָט איהם געגעבען איבערצולעזען שעפטס־בורי'ס אַ בוך, און ווען ער האָט איהם געפרעגט זיין מיינונג איבער דיזען בוך, האָט ער געקראָגען אזא אַנטוואָרט: „זעהר גוט, אָבער זאָ עטוואָס קען איך אויך מאַכען". — „זאָ?" האָט לעססינג אויס־גערופען „נון, זאָ מאַכען זיא דאָך זאָ עטוואָס".

מענדעלסזאָהן האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט און האָט אין אַ קורצע צייט אַרום דערלאַנגט זיין פריינד אַ מאַנוסקריפט דורכצולעזען. וואָס לעססינג האָט געטאָן מיט דיזען מאַנוסקריפט, דאָס האָט מענדעלסזאָהן זיך דערוואוסט עטליכע מאָנאַט שפּעטער. וויא נאָר לעססינג האָט איבערגעלעזען זיין פריינד'ס פערפאַסונג, האָט ער גלייך אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפט צו זיין אַרויסגעבער פאָסס, ניט זאָגענדיג אַ וואָרט וועגען דעם צו מענדעלסזאָהן'ען, און ווען מענדעלסזאָהן האָט איהם ענדליך געפרעגט, אויב ער האָט געלעזען דעם מאַנוסקריפט, האָט ער, אַנשטאָט אַן אַנטוואָרט, גע־קראָגען, צו זיין ערשטוינונג און פריידע, אַ געדרוקטען עקזעמפּלאַר. דאָס איז געוועזען אַ שטיפעריי פון לעססינג'ס זייט, אום צו איבעררא־שען זיין פריינד.

דיזע ערשטע געדרוקטע דייטשע שריפט פון משה מענדעלס־זאָהן טראָגט דעם נאָמען „פילאָזאָפישע געשפרעכען." ער איז דאַן אַלט געוועזען 25 יאָהר, און פון דיזער צייט ביז זיין לעצטע שטונדע אין אָנפאַנג פון 1786 איז ער פערבליבען אויף דעם שלאַכטפעלד פון דער אויפגעלעבטער דייטשער ליטעראַטור, וועלכע האָט געוואונען אַלץ אַ טיעפערע און וויטגעהענדערע ווירקונג אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט.

אין דיזע „פילאָזאָפישע געשפרעכע" שילדערט ער געוויסער־מאַסען דיא ענטוויקלונג פון דיא מעטאַפיזישע פילאָזאָפיע און צייגט זיך אַרויס אַלס אַנהענגער פון לייבניץ'ס סיסטעם. דערביי האָט ער הויך געשטעלט אַ פילאָזאָף, וואָס איז דאַן פערשאָלטען געוועזען פון

קריסטען אזוי וויא פון אידען, וואס איז פארגעשטעלט געווען אלס א שרעקענס־בילד, אלס דער טייוועל זעלבסט. מיר מיינען דא דעם געניאלען אידישען דענקער, דעם אונפערגלייכליכען ברוך ספינאזא.*) אבוואהל ער איז געווען א פעסטער געגנער פון ספינאזא׳ס פילאזא־פיע, דאך האט ער בעוואונדערט זיין גרויסקייט און טיעפקייט, וויא אויך זיין געטליכען כאראקטער. „ספינאזא, האט מענדעלסזאהן ער־קלערט נאך זיינע אויספיהרונגען וועגען דיא פילאזאפישע סיסטע־מען פון דעקארט (קארטעזיוס) און לייבניץ, איז געווען אן אפפער פיר דעם מענשליכען פערשטאנד, אבער אן אפפער וואס פערדיענט בעצירט צו ווערן מיט בלומען. אהן איהם וואלט דיא פילאזאפיע נימאלס געקענט אזוי וויט אויסציהען איהרע גרענעצען“.

זעהר אינטערעסאנט און מערקווירדיג איז אויך דער פאקט, דאס מענדעלסזאהן איז ארויסגעטראטען אלס פערטהיידיגער פון דער דייטשער שפראך און האט געשטראפט דיא דייטשען, וואס זיי טאנצען נאך דיא פראנצויזען וויא גייסטיגע שקלאווען. אין דיעזער בעציהונג האט ער זיך צוזאמענגעטראפען מיט לעססינג׳ן, וועלכער האט שטענדיג געזוכט צו ערהויבען דיא דייטשע שפראך און וועל־כער ווערט מיט רעכט גערופען דער רעפארמאטאר פון דער דייטשער שפראך וויא מיר ווייסען עס שוין.

מיט זיינע „פילאזאפישע געשפרעכע“ האט מענדעלסזאהן גלייך ארויפגעצויגען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט אין דער ליטע־ראַרישער וועלט; אבער נאך מעהר איז ער בעקאנט געווארן דעם נעכסטען יאהר, ווידער מיט דער הילפע פון זיין עדעלען און גרויסען פריינד לעססינג. ביידע יונגע לייט האבען מוטהיג אנגעגריפען דיא בערלינער אקאדעמיע זעלבסט. אונטער לעססינג׳ס איינפלוס האט דער הייקעררדיגער ארים־בחור געקראגען פליגלען פון אן אדלער. דער ארימער איד, וועלכער האט אייגענטליך קיין רעכט געהאט צו וואה־נען אין בערלין, האט געוואגט ארויסצוטרעטען געגען דיא קעניגליכע אקאדעמיע מיט איהרע פראנצויזישע שטערן!

---

*) זעה מיין לעבענס־בעשרייבונג פון ברוך ספינאזא, ארויסגע־געבען פון דער אינטערנאציאנאלער לייברערי פובלישינג קאמפאניע.

ביידע פריינד האבען נעמליך אנגעשריבען א ביכעל אונטער דעם נאמען „פאוסט א מעטאפיזיקער.“ דאס איז געווען א בייסענדע אנטוואָרט אויף א פרייז־פראגע, וואס דער פראנצויזישער פרעזידענט פון דער בערלינער אקאדעמיע האט געשטעלט וועגען דעם ענגלישען פּאעט און פילאזאף פּאופּ, מיט דעם צוועק א ביסעל שפּאָט צו מאכען פון לייבניץ'ס פילאזאפיע וועגען דיא „פאָרויסבעשטימטע אייביגע הארמאניע אין דער וועלט.“ מענדעלסאָהן האט זיך אָנגענומען פאר זיין ליעבלינג פילאזאף און האט אנגעשריבען דעם פילאזאפישען טהייל פון דיזער שריפט, און לעססינג האט איבערהויפּט געוועלט זיך אפּרעכענען מיט דיא אקאדעמיקער און האט געשליידערט דיא ליטעראַרישע פיילען.

דער רעזולטאט איז געווען, אז דיא אקאדעמיקער האבען זעהר שארף געפיהלט דעם ביס פון דיא שארפע צעהנער פון דיא יונגע לייט, ביי וועלכע טיעפע קענטניסע איז געווען פערבונדען מיט לעב־האפטיגקייט און טאלענט. זייער אנטוואָרט אויף דער פרייז־פראגע האבען זיי אבגעדרוקט אָהן זייערע נעמען, אבער מען האט זיך באלד דערוואוסט, ווער דיא פערפאסער'ס זיינען, און דיא אקאדעמיקער, וועלכע האבען געקענט מענדעלסאָהן'ען אלס א זעהר שטילען און שעמעוודיגען יונגען מאן, האבען זיך זעהר געוואונדערט, דאס ער האט געוואגט ארויסצוטרעטען געגען זיי אין פערבינדונג מיט דעם „צייטונגסשרייבער לעססינג“.

אייניגע אקאדעמיקער האבען איהם פון דעסטוועגען פריינדליך אויפגענומען און געצייגט זייער אכטונג צו איהם אלס א פילאזאף. אנדערע זיינען געווען נייגעריג קענען צו לערנען א יונגען איד, וואס שרייבט דייטש און ערלויבט זיך זאגאר צו קריטיקירען דיא קעניג־ליכע אקאדעמיע.

צו דער צייט האט נאך אבער מענדעלסאָהן ניט געשריעבען אזוי פליסיג און עלעגאנט דייטש, וויא עס צייגט זיך ארויס אפילו אין זיינע ערשטע שריפטען. עס איז איהם זעהר שווער אנגעקומען אנפאנגס צו געברויכען ריכטיגע דייטשע אויסדריקע, און עס האט איהם פיעל צייט גענומען אנצושרייבען אן ארטיקעל אזוי פיין, וויא ער האט עס געוואונשען. נאר לעססינג האט איהם שטענדיג ארויס־

געהאלפען. ער פלעגט גוטמוטהיג פאלירען זיין פריינד'ס שפראך און האט איהם אזוי ביסלעכווייז אומגעוואנדעלט פון א טרוקענעם פילאזאפישען שרייבער אין א פיין־שרייבער, אין א שפראך־קינסטלער. מענדעלסזאהן פלעגט איבערגעבען זיינע שריפטען צו זיין פריינד, וועלכער פלעגט זיי רעדיזשירען און אויסבעסערן אין זיי דיא שפראך. אהן לעססינג'ס הסכמה פלעגט מענדעלסזאהן קיין ווארט ניט לאזען דרוקען. שפעטער, ווען מענדעלסזאהן איז געווארן א מייסטער פון דער דייטשער שפראך, פלעגט ער אויך פריהער שיקען זיינע מאנוסקריפטען צו זיין פריינד, אום צו הערען זיין מיינונג איבער זיי.

פון דער אנדער זייט קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז מענדעלסזאהן'ס ערנסטקייט און טיעפקייט אין דענקען, זיינע פילאזאפישע אנזיכטען האבען געהאט א טיעפע ווירקונג אויף לעססינג'ן.

אויף לעססינג'ס פארשלאג האט זיך מענדעלסזאהן אויך גענומען צו דער איבערזעצונג פון זשאן זשאק רוססא'ס וועלטאויפרורענדע ווערק „איבער דעם אורשפרונג פון אונגלייכהייט אונטער מענשען", אום בעקאנט צו מאכען דיא דייטשען מיט דיא מיינונגען פון דעם גענפער פילאזאף, מיינונגען, וועלכע האבען געהאט אזא ריזיגען איינפלוס אויף דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. *) דיא איבערזעצונג איז א פארטרעפליכע. מענדעלסזאהן האט אויך אנגעשריעבען א זעהר טיעפזיניגע הקדמה אונטער דעם נאמען „זענדשרייבען אן דען העררן מאגיסטער לעססינג אין לייפציג", אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען איבער רוססא'ס פאלשע אויספיהרונגען, אז דיא ציוויליזאציאן האט פערדארבען דיא מענשען, אז דיא וויסענשאפטען זיינען איין אונגליק פיר דיא מענשהייט און אז מענשען האבען געלעבט פיעל גליקליכער אלס קינדער פון דער נאטור אין ווילדען צושטאנד.

*) זעה מיין געשיכטע פון דער „פראנצויזישער רעוואלוציאן", ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאנאלער לייברערי פובלישינג קאמפ.

דריטער קאפיטעל.

II.

מענדעלסזאהן אלס קונסט - קריטיקער.

ווען לעססינג האט פערלאזען בערלין, אום צו וואנדערן איבער דער וועלט, איז עס געווען א שווערער קלאפ פיר מענדעלסזאהן'ען, וועלכער איז געוואהנט געווארן צו זיין כמעט יעדען טאג אין זיין אינטימסטען פריינד'ס געזעלשאפט. ער האט זיך דאן בעפריינדעט מיט אנדערע שרייבערס, בעזאנדערס מיט ניקאלאאי, וועלכער האט מיט איהם געלערנט דיא גריכישע שפראך. אין א קורצער צייט האט ער עס אזוי וייט געבראכט, אז ער האט געקענט פערשטעהן אין גריכישער שפראך פלאטאן'ס דיאלאגען (געשפרעכען), וועלכע האבען איהם נאכהער געדיענט אלס מוסטער פיר זיין „פעדאן". צוזאמען מיט ניקאלאאי, וועלכער איז אויך געווען אן אטאדידאקט (אזוי רופט מען איינעם, וואס מאכט ניט דורך א רעגעלמעסיגע שולע און שטודירט אליין), האט ער געלעזען פיעלע פילאזאפישע ווערק און האט איבערהויפט פיעל געלערנט.

צייטענווייז, אין דיא פרייע שטונדען, פלעגט ער בעזוכען א קאפע־הויז, וואו עס האבען זיך צוזאמענגעטראפען שרייבערס, פילאזאפען, געלעהרטע און איבערהויפט געבילדעטע יונגע דייטשען, פון וועלכע אייניגע זיינען געווארען וועלט־בעריהמטהייטען, וויא, צום ביישפיעל, דער מאטעמאטיקער אוילער. דר. גומפערץ און מענדעלסזאהן זיינען דאן געווען דיא איינציגע אידען, וועלכע האבען פערקעהרט אין דיזען קרייז. איין מאל אין מאנאט פלעגען מיטגליעדער האלטען פארטרעגע, און מענדעלסזאהן האט דארטען אויך פארגעלעזען זיינע אן אבהאנדלונג איבער מאטעמאטיק, נעמליך איבער דער טהעאריע פון וואהרשיינליכקייט.

איין אבענד האט מען זיך אין דיזען קאפע - הויז אמוזירט מיט דעם, דאס יעדער האט בעדארפט אויסרעכענען זיינע פעהלער, און

מענדעלסאָהן, וועלכער האָט אויסער זיין פּעקעל אויף'ן רוקען נאָך געשטאָטערט, האָט פערפאַסט וועגען זיך אזא שיר:

גראָס נעננעט איהר דען דעמאָסטהען,
דען שטאָטערנדען רעדנער פאָן אַטהען,
דען העקעריגען עזאָפּ*) האַלט איהר פיר ווייזע —
טריאומף! איך ווערד' אין אוירעם קרייזע
דאָפּפּעלט גראָס און ווייזע זיין,
דען איהר האבט ביי מיר אין פעראיין
וואס מאַן ביי עזאָפּ און דעמאָסטהען
האַט געטהיילט געהערט און געזעה'ן.

אין דיזען קרייז האָט ער זיך אַלץ מעהר, זאָ צו זאָגען, אויסגעמענשעלט, און פון דעם אָרים־בחור איז געוואָרן ניט נאָר א פילאָזאָף און דייטשער שרייבער, זאָנדערן אויך אַ קונסט־קריטיקער און אַ'ן עסטעטיקער. ער האָט זאָגאַר אָנגעפאַנגען צו לערנען מוזיק, אָבער ניט אום צו ווערן א שפּיעלער, נאָר אום בעקאַנט צו ווערן מיט דער טאָן־דיכטונג און האַרמאָניע. זיין געהער איז אָבער ניט געוועזען גענוג שאַרף צו אונטערשיידען, וואָס מען רופט אין דער מוזיק, טריפּעל־טאַקט. ער האָט צו דיזער צייט בעזוכט קאָנצערטען און האָט זאָגאַר פּרובירט צו ריימען און פערפאַסען געדיכטע. עס זיינען געבליבען אייניגע פון זיינע פּאָעטישע פּראָבען, וועלכע צייגען, אז ער האָט זעהר שעהן פערשטאַנען די קונסט צו שרייבען ווערזען; אָבער ער האָט בעזעסען א גאַנץ שוואַכען פּאָעטישען געפיהל. לעססינג האָט געפונען, אז אַ פּאָאָר פון מענדעלסאָהן'ס געדיכטען זיינען ניט שלעכט, נאָר ער האָט איהם דאָך גערעטהען צו שרייבען בעסער פּראָזע. ניקאָלאַאי האָט איהם אויפגעמונטערט צו פּאָעטיזירען און וויניגסטענס צו מאַכען פּאָעטישע איבערזעצונגען, און די ערשטע צייט האָט מענדעלסאָהן וואַהרשיינליך געמיינט, אז ער וועט ווערן אַ קינד פון דער ליעבליכער מוזע, אנשטאָט פון דער טרוקענער מעטאַפיזיק. איבערזעצונגען זיינען איהם בעסער געלונגען וויא אייגענע דיכטונגען. די בעסטע פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אָהן צוויי־

*) דער אַלט־גריכישער פאַבעל־שרייבער.

פעל קאפיטלעך פון תהילים, אויף וועלכע ער האט לאנג און זעהר רעגעלמעסיג געארבייט נאך אין דיא שפעטערע יאהרען.

נאר אויב ער אליין איז ניט געוועזן א דיכטער, האט ער געהאט א פיינעם געשמאק און אן אינערליכען געפיהל צו שעצען פרעמדע פאעטישע ווערק און איבערהויפט קונסט. נאטירליך, לעססינג און ניקאלאאי האבען פיעל געווירקט אויף דיא ענטוויקלונג פון זיינע עסטעטישע געפיהלען; אבער ווען ער וואלט ניט געהאט א נאטורליכע נייגונג צו שעהנהייט און צו פאעזיע, וואלט ער דאך ניט געווארן אזוי שנעל א קונסט־קריטיקער און עסטעטיקער. אהן איינגעבארענע טאלענטען קען מען ניט ווערן א קונסט־קריטיקער, אזוי וויא מען קען ניט ווערן א קינסטלער.

אייניגע מאנאטען נאך דעם וויא זיינע „פילאזאפישע געשפרעכע" זיינען ערשיענען, האט ער שוין אנגעשריעבען זיינע „בריעפע איבער עמפפינדונגען", אין וועלכע ער האט פילאזאפיש אויסגעשפראכען זיינע מיינונגען איבער קונסט און עסטעטיק. ער האט זיך בענוצט מיט דיא שריפטען פון אייניגע דייטשע שריפטשטעלער און האט אויך געזוכט צו בעשטימען דיא גרענעצען פון פאלקאמענהייט און פון שעהנהייט. מיר קענען זיך דא ניט אריינלאזען אין אזעלכע פיינהייטען, וויא דיא טהעאריען פון קונסטען און דיא גרונדלאגען פון עסטעטיק, דען ניט נאר וועט עס אונז פערפיהרען צו וויט, זאנדערן אין אונזער ארימען מאמע־לשון דארף מען אנשרייבען גאנצע זייטלעך, אום איבערצוגעבען דיא מיינונג פון איינצעלנע ווערטער און בעטראכטונגען איבער קונסט און עסטעטיק; מיר וועלען נאר בעמערקען, אז מענדעלססאהן'ס שריפטען איבער קונסט האבען געהאט א ווירקונג ניט נאר אויף לעססינג'ן, זאנדערן אפילו אויף הערדער, שיללער א. ז. וו.

מענדעלססאהן און ניקאלאאי האבען אין 1756 געפיהרט א קארעספאנדענץ וועגען קונסטפראגען. זיי האבען דארטען דיספוטירט וועגען פערשיעדענע פונקטען. דיזע בריף האבען געלייגט דעם פונדאמענט צו לעססינג'ס בעריהמטען „לאאקאאן", וועגען וועלכען עס איז דיא רעדע געוועזן אין לעססינג'ס ביאגראפיע.

פיערטער קאפיטעל.

בוכהאלטער און זשורנאליסט.

נור וויניגע שטונדען אין טאג האט מענדעלסאהן געקענט אפּגעבען צו זיינע געליעבטע שטודיען און נאך וויניגער צום שרייבען, דען ער האט געמוזט ארבייטען פון 8 מארגענס ביז 9 אבענד איינפאך אלס בוכהאלטער אין דעם זיידענגעשעפט פון זיין פרינציפּאל, ביי וועמען ער איז געוועזען הויזלעהרער. אין זיין צייט האט מען ניט געקענט מאכען א זיכערן לעבען פון שרייבעריי. מיר ווייסען שוין, וויא שווער עס איז געוועזען אפילו אזא ליטערארישען ריעז, וויא לעססינג, צו לעבען פון זיין גלענצענדע פעדער און וויא פיעל נויטה און צרות ער האט געליטען דערביי. וויא שטארק מענדעלסאהן האט ניט געוואונשען צו פיהרען א גייסטיגען לעבען, האט ער געמוזט צוליעב חיונה אבזיצען גאנצע טעג לעבען געשעפטס-ביכער, וועלכע האבען שטענדיג געדריקט זיין געמיטה. שפּעטער איז זיין ארבייט אין קאנטאר פיעל לייכטער געווארן, דען ער איז נאר געוועזען בעשעפטיגט מיט בוכהאלטעריי פון 8 אוהר מארגענס ביז 2 נאכמיטאג, אבער ווי ער האט זיך געפיהלט, קען מען זעהען פון מאנכע פון זיינע בריף.

„א גוטער בוכהאלטער, האט ער געשריעבען צו לעססינג'ן אין 1758, איז געוויס א זעלטענע בעשעפטעניס. ער פערדיענט די גרעסטע בעלוינונג, דען ער מוז לייגען אן א זייט פערשטאנד, וויץ און עמפּפינדונגען און ווערן א קלאץ, אום ריכטיג א בוך צו פיהרען. ווי בין איך היינט געקומען צו דיזע געדאנקען? וועט איהר פרעגען. איהר וועט געוויס ניט טרעפען, דאס די געדיכטע פון העררן פאן קלייסט זיינען די אורזאכע דערפון". ער האט זיך נעמליך בעקלאגט, וואס ער האט קיין צייט געהאט דורכצולעזען דיזע געדיכטע צוזאמען מיט זיין פריינד ניקאלאאי, וועלכער האט געקענט לעבען פון זיינע איינקינפטע ווי א פריץ. „איך האב פערשאלטען מיין לאגע, האט ער געענדיגט דיזען בריף, און האב דיזע געדיכטע אוועק-

געשיינקט צו אונזער עסקווייר ניקאָלאַאי, וועלכער לעבט פון זיינע געלדער, האַ, ניט אָהן נייד! און בין געוועזן פערדריסליך".

„דיא געשעפטען! דיא לעסטיגע געשעפטען! האָט ער גע־קלאָגט אין אַ בריעף צו לעססינג'ן אין 1763; זיי דריקען מיך ביז צו ערד און פערצעהרען דיא קרעפטע פון מיינע בעסטע יאָהרען. וויא אַ לאַסט־עזעל שלעפ איך דורך מיין לעבענסצייט מיט אַן אָנגע־לאָדענען רוקען, און צום אונגליק זאָגט מיר דיא אייגענליעבע אין איייער, דאָס דיא נאַטור האָט מיך בעשאַפען פיליכט צו זיין אַ פּאַראַד־פערד. וואָס זאָל מען טהאָן, מיין ליעבער פריינד? לאָמיר איינער דעם אַנדערן בעדויערן און צופריעדען זיין. זאָ לאַנג דיא ליעבע צו וויסענשאַפטען איז ניט ערקעלטעט, האָבען מיר נאָך אַ גוטע האָפנונג."

וויא פיעל פרייע צייט ער האָט דאַן געהאַט, האָט ער איהר אָבגעגעבען צו קריטיק אין צייטשריפטען און אין אַלגעמיינען צו זשורנאַליזמוס. אין דיזער הינזיכט האָבען אויף איהם ספעציעל געווירקט לעססינג און ניקאָלאַאי, וועלכע האָבען זיך געשטעלט דיא אויפגאַבע אויפצולעבען דיא דייטשע ליטעראַטור און צו קעמפפען געגען פאַראורטהיילע. ער איז צוגעטראָטען צו זיי מיט לייב און זעעלע, אָבוואָהל דיא נאַטור האָט איהם גאָר ניט געשאַפען צו זיין אַ זשורנאַליסט און אַ קעמפפער. איהם האָט שטענדיג געצויגען צו מעטאַפיזישע פילאָזאָפיע, צו חקירה, צום דענקען אַן און פיר זיך, צו בעטראַכטונגען איבער זעלבסט ערקענטניס (הכרת עצמו) און איבער דעם, וואָס מען האָט דאַן גערופען „פילאָזאָפיע פון געזונדען מענשענפערשטאַנד."

ער האָט דאַרום כמעט אויסשליסליך געשריבען איבער פילאָ־זאָפישע פראַגען און איבער נייע ביכער. מיט פאָליטישע פראַגען האָט ער זיך אייגענטליך קיין מאָל ניט בעשעפטיגט. ער האָט זיי אויסגעמיידעט ניט נאָר, ווייל ער האָט איינפאַך מורא געהאַט עס צו טאָן אַלס איד, און דערצו נאָך אַן אָרימער און שוואַכער, זאָנדערן ווייל זיין גייסט איז ניט געוועזן גענייגט דערצו. היסטאָרישע פראַ־גען האָבען איהם אויך וויינינג אינטערעסירט, דען ער האָט אפילו ניט פערשטאַנען דעם נוצען פון געשיכטע פאַר זייטיגע מענשען,

אויסער פאר שטאאטסמענער און פאליטיקער, וויא מיר ווייסען עס שוין.

נאר אויף דיא פעלדער פון פילאזאפיע און פון שעהנע ליטע־ראטור האט ער זיך געפיהלט היימליך, און ער האט דארום מיט גרויס חשק געשריעבען איבער דעם אין דיא צייטונגען, וועלכע זיין פריינד מיכלער האט רעדאקטירט. ער האט אויך איבערזעצט מאנכע זאכען פון העברעאישען, בעזאנדערס געדיכטען פון יהודה הלוי. ווייטער האט ער מיטגעארבייט אין דיא צייטונגען, וועלכע לעססינג און ניקאלאאי האבען אנגעפאנגען ארויסצוגעבען און וועלכע האבען געהאט אזא גרויסע בעדייטונג פיר דיא דייטשע ליטעראטור.

ניקאלאאי׳ס צייטשריפט „ביבליאטהעק דער שעהנען וויסענ־שאפטען און דער פרייען קינסטע“ האט זיך הויפטזעכליך געהאל־טען אויף מענדעלססאהן׳ס ארטיקלען איבער עסטעטישע פראגען און איבער נייע ביכער. אין איינעם פון זיינע בריעף האט דאן לעס־סינג בעמערקט שפאסהאפט וועגען מענדעלססאהן׳ען, אז „פון א מעטאפיזיקער איז ער געווארן א Bel-esprit (שעהן־גייסט)“.

פינפטער קאפיטעל.

מענדעלסזאָהן און פריעדריך דער גרויסער.

דורך זיין פרייע קריטיק האט ער שיער ניט געהאט א ביטערן סוף פון קיין אנדער פערזאָן, וויא זיינע מאיעסטעט פריעדריך דער גרויסער. וויא דיזער קעניג האט, טראָץ זיין פילאָזאָפיע און אפּיקורסות, בעהאנדעלט דיא אידען, ווייסען מיר שוין. דערצו נאָך האט ער זיי איבערהויפּט פיינט געקראָגען אונטער דעם איינפלוס פון וואָלטער'ן, וועלכער איז געוועזען אזא געניאלער שרייבער וויא א שלעכטער און פערדאָרבענער מענש. וואָלטער האט געגאָסען שמוץ אויף אידען ניט בלויז אויס איינגעבאָרענע שנאה צו זיי, זאָנדערן אויך, ווייל ער האט בעטראכטעט דיא אידישע רעליגיאָן אלס דעם פונדאמענט פון דער קריסטליכער, וועלכע ער האט אויסגעלאכט און בעקעמפּפט מיט א בייסענדען סארקאזם און אויך גרויסען מוטה. ווען עס איז געקומען צו וואָלטער'ס בעריהמטען פּראָצעס מיט דעם בערלינער הענדלער הירש — וועגען דיזען פּראָצעס האָבען מיר שוין גערעט אין לעססינג'ס ביאגראפיע — האט דער קעניג זיך ארומגעזעהען, וואָס פאר א מאָראלישער אויסוואורף וואָלטער איז געוועזען, אָבער זיין פעראכטונג צו אידען איז פון דעסטוועגען גרעסער געוואָרען.

היינט שטעלט זיך פאר דיזען קעניג'ס ערשטוינונג, ווען ער האט ערפאהרען, אז זיינע געדיכטע זיינען קריטיקירט געוואָרען פון א הייקערדיגען איד, וועלכען ער האט צו יעדער מינוט געקענט ארויסיאָגען וויא א הונד פון זיין רעזידענץ-שטאָדט! עס איז ווירקליך א וואונדער, וויא אזוי דער שטילער און שרעקעדיגער מענדעלסזאָהן האט נאָר געוואָגט צו דענקען וועגען אן עפענטליכע קריטיק איבער זיין קעניג'ס ליטעראַרישע פּראָדוקציאָן. דאָס איז אָבער געשעהען אין 1760, ווען פריעדריך האט געמוזט לאָזען אָפּדרוקען זיינע פראנצויזישע געדיכטע, ווייל מען האט זיי אָנגעפאנגען צו פערעפענטליכען געגען זיין ווילען אין פראנקרייך.

מענדעלסזאָהן האט אָנגעפאנגען זיין רעצענזיע אין דיא „ליטעראטור-בריעפע" מיט א לויב צו א קעניג, וואָס לייגט אוועק דעם

שווערד צו נעהמען זיך צו דער פעדער; אבער דיא געדיכטע זעלבסט האט ער ניט געשאנעוועט. ער האט ניט נאר ערקלערט, אז א פאאר געדיכטען זיינען א נאכאמונג פון דיא געדיכטע פון דעם אלטר רוימישען פאעט לוקרעץ, זאנדערן האט נאך אויסגעדריקט זיין בעדויערן, וואס דער קעניג שרייבט אזוי לייכטזיניג וועגען דיא אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע. ער האט געהאט דעם מוטה צו מאכען אזא בעמערקונג: „מיר שיינט, דאס א פריעדריך, וואס צווייפעלט אין דער אונשטערבליכקייט, איז א פאנטאזיע, א פיערעקיגער צירקעל אדער א קיילעכדיקער פיערעק"....

א פראטעסטאנטישער גייסטליכער, וועלכער איז געוועזן אין גרימצארן אויף דיא „ליטעראטור־בריעפע," ווייל מען האט דארט קריטיקירט זיינע א שריפט, האט זיך בענוצט דערמיט, אום צו האבען זיין נקמה. ער האט דארום אריינגעבראכט אין שטאאטסראטה א קלאגע, אין וועלכער ער האט גע'מסר'ט אזוי: „עס ערשיינט אין בערלין א שענדליכע שריפט, בריעפע וועגען דיא נייעסטע ליטעראטור, אין וועלכע א איד איז ארויסגעטראטען געגען דיא גאטטהייט פון דער קריסטליכער רעליגיאן און אויך געגען דיא עהרפורכט צום קעניג'ס אלערהעכסטע פערזאן דורך זיין פרייען אורטהייל איבער דיא Poesies Diverses (אזוי איז געוועזן דער נאמען פון דעם קעניג'ס געדיכטע)."

דער רעזולטאט פון דיעזער מסירה איז געוועזן, דאס דיא צייטשריפט איז פערבאטען געווארן און דאס מענדעלססאהן האט גע־קראגען איין „איינלאדונג" צו ערשיינען אין דעם קעניגליכען פאלאץ סאנסוסי, אין פאטסדאם. מיט שרעק אין הארצען איז מענדעלססאהן אוועק אהין. ווען דער יונקער אויף דער וואך האט דערזעהען דעם ארימען איד, פון וועמעס שריפטען ער האט נאטירליך קיין אהנונג ניט געהאט, האט ער זיך ניט וויניג געוואונדערט און האט מיט סאלדאטסקע ברכות געפרעגט, וויא, צום טייפעל, דער פערדאמטע יודע האט געקראגען דיא עהרע איינגעלאדען צו ווערן אין קעניגליכען פאלאץ. „איך בין א טאשענשפיעלער," האט איהם מענדעלססאהן קורץ געענטפערט. „דאס איז וואס אנדערס," האט דער יונקער צופריעדען געענטפערט און האט איהם אריינגעלאזען.

ווען מען האט איהם גענומען אויף'ן פערהער וועגען דיא רע־צענזיע, האט ער גלייך צוגעגעבען, אז ער איז דער שרייבער און האט זיך פערטהיידיגט מיט דיא ווערטער: „ווער עס מאכט ווערזע, שיעבט קעגעל, און ווער קעגעל שיעבט, ער זיי ווער ער וואללע, קעניג אדער בויער, מוז זיך געפאלען לאסען, דאס דער קעגעל־יונגע זאגט, וויא ער שיעבט.“ דיזע אנטווארט איז געפעלען געווארען, און דערצו נאך האט דער קעניג געהאט צופיעל שכל צו מאכען א שווייג וועגען דיא קריטיק, און מען האט דארום צו רוהע געלאזען מענדעלסאהן'ען און אויך ערלויבט ווייטער ארויסצוגעבען דיא „ליטעראטור־בריעפע.“

נאר אין גאנצען פערגעסען אן דעם האט דער קעניג ניט. מען רעכענט, אז צוליעב דעם האט פריעדריך ניט אנגענומען מענדעלס־זאהן'ס ביטע צו געבען איהם דיא קלעגליכע רעכטע פון א „שוץ־יודע“. אזוי וויא מענדעלסאהן איז ניט געבארען געווארען אין פרייסען, האט ער נאר דארט געקענט וואהנען אונטער דעם שוץ פון א אידען, וואס האט זיך ערווארבען דעם גלות־טיטעל „שוץ־יודע“ פון פרייסישען קעניג. וואס דאס בעדייטעט, דאס קען נאר ביי היינטיגע צייטען פיהלען א איד אין רוסלאנד.

ווען דער פראנצויזישער אקאדעמיקער מארקיז ד'ארזשאן, א פריידדיינקער, א זעהר ליעבענסווירדיגער מאן און א נאהענטער פריינד פון דעם פרייסישען קעניג, האט זיך אמאל צופעליג דער־וואוסט, דאס פרעמדע אידען טארען ניט וואהנען אין פרייסען, אהן א ספעציעלע ערלויבנים, האט ער אויסגערופען: „אבער געווים בעציהט זיך דאס ניט אויף אונזער טהייערן מאזעס!“ — „איהר האט א טעות, האט מען איהם געענטפערט, „מענדעלסאהן ווערט נאר געדולדעט, וויל ער דיענט ביי דעם פאבריקאנט בערנארד. ווען ער זאל היינט ענטלאסען ווערן און זאל ניט געפינען קיין אנדער „שוץ־יודע,“ וואס זאל איהם וועלען בעשיצטיגען, וועט איהם דיא פאליציי צווינגען נאך היינט צו פערלאזען דיא שטאדט.“

דער מארקיז, וועלכער האט זעהר געשעצט דעם אידישען פי־לאזאף, איז געווארען אן אויפגעקאכטער, ווען ער האט דאס דער־הערט. עס האט זיך איהם ניט געוועלט גלויבען, דאס אזא מאן

וויא מענדעלססאָהן זאָל מען קענען צו יעדער מינוט ארויסטרייבען פון שטאָט. ער האָט דארום בעשלאָסען צו קריעגען פאַר זיין פריינד דאָס רעכט פון אַ „שוץ־יודע.“ ער האָט גלייך געוואָלט ריידען וועגען דעם מיט'ן קעניג, נאָר מען האָט איהם אָבגערעט דערפון און געבעטען ווארטען אויף אַ גינסטיגערע צייט, ווען דיא דאַמאָלסדיגע מלחמה וועט זיך ענדיגען.

ער איז צוגעשטאַנען צו מענדעלססאָהן'ען אָנצושרייבען אַ ביטע צום קעניג, וועלכע ער וועט אייגענהענטיג דערלאַנגען דעם קעניג. מענדעלססאָהן האָט זיך אָנפאַנגס ענטזאָגט מיט דיא ווערטער: „עס טהוט מיר לייד, דאָס איך דארף נאָך בעטען אַ רעכט אויף עקזיסטענץ, וואָס יעדער מענש, וועלכער לעבט נאָר אַלס רוהיגער בירגער, בעזיצט. ווען אָבער דער שטאַאט האָט גרינדע אויפצונעהמען נור אַ געוויסע צאָהל פון מיינע ברידער, וואָס פאַר אַ בעזאָנדערע רעכט האָב איך צו פערלאַנגען אַן אויסנאַהמע.“

נאָר שליסליך האָט ער נאָכגעגעבען אין די אינטערעסען פון זיין פאמיליע, דען צו דער צייט איז ער שוין געוועזען פערהייראַטעט. ער האָט אָנגעשריעבען אַ קורצע ביטע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט, דאָס אַנשטאָט פערמעגען בעזיצט ער קענטניסע און וויסענשאַפטען. דער מארקיז האָט געהאַלטען וואָרט און געשפּראָכען וועגען דעם מיט'ן קעניג, אָבער מענדעלססאָהן האָט קיין אַנטוואָרט ניט געקראָגען וועגען זיין ביטע. איין מאָנאַט איז אַוועק נאָך דעם אַנדערן, און מענדעלססאָהן'ס פריינדע זיינען געוואָרן זעהר אונרוהיג וועגען זיין שיקזאַל. ווען דער מארקיז האָט דערהערט דאָס זיין רעקאָמענדאַציאָן האָט גאָר ניט געווירקט, איז ער זעהר אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט אָהן צרעמאָניעס געמאַכט פאָרוואירפע דעם קעניג, ווארום ער האָט ניט אויסגעפיהרט זיין פערשפּרעכען צו געבען רעכטע אַזאַ ווירדיגען מאַן, וויא מענדעלססאָהן. דער קעניג האָט פערזיכערט, אַז ער האָט בעוויליגט מענדעלססאָהן'ען דיא פּריווילעגיעס פון אַ „שוץ־יודע“, נאָר עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז מענדעלססאָהן'ס ביטע איז פערלאָרען געגאַנגען דורך אַן „אונגעוועהנליכען צופאַל“, וויא פריעדריך דער גרויסער האָט עס בעהויפּטעט.

וויא דיא מעשה איז דאָרט געווען, נאָר מענדעלססאָהן האָט

געמוזט אנשרייבען נאך א ביטע, און דער מארקיז האט געזאגט צום קעניג: „גוט, איך וועל איינע אליין אנשרייבען, אבער פערליערט איהר דאך ניט.“ ער האט ווידער געהאלטען ווארט, און ווען מענדעלסאהן האט איהם איבערגעגעבען זיין נייע ביטע, האט ער צוגעשריבען פאלגענדע וויציגע און שארפזינניגע בעמערקונג:

Un philosophe mauvais catholique supplie un philosophe mauvais protestant de donner le privilege a un philosophe mauvais juif. Il y a trop de philosophie dans tout ceci que la raison ne soit pas du cote de la demande.

(א פילאזאף א שלעכטער קאטאליק בעט א פילאזאף א שלעכטען פראטעסטאנט צו געבען דאס פריווילעגיום צו א פילאזאף א שלעכטען איד. עס איז דא צופיעל פילאזאפיע אין דעם אלעם, אז די פערנונפט זאל ניט זיין אויף דער זייט פון דער ביטע).

דיזע ביטע האט שוין טאקע געווירקט אויף דעם קעניגליכען פילאזאף, און ענדע 1763 האט מענדעלסאהן ענדליך געקראגען די פריווילעגיע פון א „שוץ־יודע“.

זעקסטער קאפיטעל.

הייראטה — געקרוינט פון דיא בערלינער אקאדעמיע — דאנקבארקייט פון דער בערלינער קהלה.

אזוי האט מענדעלססאהן געלעבט ביז איהם איז געווארן 31 יאהר, פערטיעפט אין זיינע ביכער און פערליעבט אין פילאזאפיע. נאר אין 1761 איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין האמבורג וועגען געשעפטס-אנגעלעגענהייטען און דארטען האט ער זיך שנעל פער־ליעבט אין א גאנץ געוועהנליכע יונגע מיידעל מיט דעם נאמען פראמעט גוגענהיים. אין יוני 1761 האט ער וועגען דעם אזוי גע־שריעבען צו לעססינג'ן: „אונזער בריפוועקסעל איז שוין לאנג גענוג אונטערבראכען, איך מוז איהם יעצט ערנייערן. איך וואלט ניט געקענט אזוי לאנג שווייגען, ווען איך וואלט ניט געמאכט א רייזע נאך האמבורג, וועלכע האט מיך פערוויקעלט אין טויזענד צער־שטרויאונגען. איך האב בעזוכט טהעאטער, איך האב קענען גע־לערנט געלעהרטע, און וואס עס וועט אייך ניט ווייניג וואונדערן, איך האב אין מיין דרייסיגסטען יאהר *) בעגאנגען דיא נארישקייט מיך צו פערליעבען. איהר לאכט? אבער ווער ווייסט, וואס עס קען נאך מיט אייך פאסירען? דאס פרויענצימער, וואס איך בין וויליג צו הייראטהען, האט קיין פערמעגען, איז ניט שעהן און ניט געבילדעט, אבער איך בין אזוי פערליעבט אז איך גלויב מיט איהר צו קענען לעבען גליקליך."

אין דיעזען גלויבען האט ער קיין טעות געהאט. זיא איז געווען א גוטע און ליעבענסווירדיגע פרוי, און איז צו איהם געווען זעהר צוגעבונדען, טראץ דעם, וואס ביי דעם ערשטען צוזאמענטרעף האט זיא אפילו ניט געוואלט א קוק טאן אויף איהם צוליעב זיין הייקער. מען דערצעהלט וועגען דעם פאלגענדעס: אין א געשפרעך מיט

*) ער האט זיך דא אינגער געמאכט מיט איין יאהר.

איהר, האָט זיא איהם געפרעגט, אויב ער גלויבט אויך, אז חתונות זיינען בעשטימט אין הימעל. „געוויס, האָט ער געענטפערט, נאָך א תלמוד'ישען לעגענדע ווערט ביי דער געבורט פון א קינד אויס־גערופען אויף'ן הימעל: דער זאָל זיין דער בעשערטער פון יענער. ווען איך בין געבאָרן געוואָרן, האָט מען אויף'ן הימעל אָנגעקינדיגט דעם נאָמען פון מיין צוקינפטיגער פרוי, אָבער דערביי האָט מען ערקלערט, אז זיא וועט האָבען א גרויסען הייקער. דאַן האָב איך אויסגעשריען: גוטהערציגער גאָט! א מיידעל מיט א הייקער — וואָס קען דען זיין שרעקליכער? דאָס איז דאָך דער גרעסטער אונגליק! א פרוי מוז זיין שעהן. זאָל שוין, ליעבער גאָט, בעסער זיין, אז איך זאָל האָבען דעם הייקער, און זיא זאָל אויסוואַקסען א שלאַנקע און גראַציעזע. און מיין בקשה איז, וויא איהר זעהט, ערפילט געוואָרן."

מיט אַזעלכע וויציגע רייד און מיט זיינע דורכדרינגענדע אויגען אויף א פיינעם און קלוגען געזיכט האָט ער באַלד בעזיעגט דאָס איינפאַכע הארץ פון דער גוטער און פרומער אידישער מיי־דעל, און עטליכע מאָנאַט שפּעטער זיינען זיי טאַקע געוואָרען א בעשערטע פּאָאָר.

זיין פערהייראַטער לעבען האָט איהם אפילו אין דיא ערשטע וואָכען נאָך דער חתונה ניט אָבגעהאַלטען פון זיינע פילאָזאָפישע שטודיען. דיא בערלינער אַקאַדעמיע פון וויסענשאַפטען האָט גראַדע בעשטימט אַ פרייז פון 50 דוקאַטען פיר דיא בעסטע אַב־האַנדלונג איבער דער פראַגע: „אויב דיא מעטאַפיזישע וואַהר־הייטען זיינען פעהיג אַזוי קלאָר בעוויזען צו ווערען וויא דיא מאַ־טעמאַטישע." דער פרייז איז בעשטימט געוועזן פיר 1763 יאָהר. פיעלע דייטשע דענקער האָבען פרובירט זייערע קרעפטע צו ענטפערן אויף דיעזע הארבע פילאָזאָפישע פראַגע, דאַרונטער אויך דער גרעסטער דייטשער פילאָזאָף קאַנט. מענדעלסאָהן, וועמען דיעזע פראַגע האָט בעזאָנדערס אינטערעסירט, האָט זיך אויך גענו־מען צו דער פעדער. זיין אַבהאַנדלונג, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „איבער דיא עווידענץ אין מעטאַפיזישע וויסענשאַפ־טען" האָט ער פריהער געשיקט צו לעססינג'ן אין ברעסלוי, און ווען

דיעזער האט איהם בעגריסט און צוגעגעבען מוטה, האט ער זיין אנטוואָרט איבערגעגעבען צו דער אקאדעמיע.

גרויס איז געוועזען זיין פריידע און נאך גרעסער איז געוועזען דיא איבערראַשונג אין דער ליטעראַרישער וועלט, ווען דיא אקאַדעמיע האט אויף אַן עפענטליכער זיצונג געקרוינט זיין שריפט. ניט וויסענדיג האט ער בעזיעגט קאַנט'ן, וועלכער האט געקראָגען דעם צווייטען פרייז. ביידענס אנטוואָרטען זיינען פערעפענטליכט געוואָרען פון דער אקאדעמיע און זיינען איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין און פראַנצויזיש.

דורך דעם האט מענדעלססאָהן געקראָגען א גרויסען נאָמען אין דער וועלט און ער אליין האט זיך אָנגעהייבען צו פיהלען פעסטער און זיכערער אין זיינע וויטערע שריפטען.

עס איז איבריג צו זאָגען, אז אידען האָבען זיך זעהר געפרעהט מיט זיין זיעג, וועלכער האט אבגעשטראַהלט מיט עהרע אויף אַלע זיינע גלויבענס-ברידער, און אַז דיא בערלינער קהלה איז שטאָלץ געוועזען מיט אזא מיטגליעד. ער האט זיך איבערהויפט ערוואָרבען דיא האַכאַכטונג פון אַלע בערלינער אידען ניט נאָר דערמיט, דאָס ער איז פערבליבען א פרומער און זאָגאַר שטרענג-אָרטהאָדאָקסישער איד, טראָץ זיין פילאָזאָפיע און פריינדשאַפט מיט פיעלע קריסטען, זאָנדערן אויך, ווייל ער פלעגט גערן פערפאַסען אין דייטש דרשות ביי פעסטליכקייטען. זיין ערשטע געשריבענע דרשה איז געדרוקט געוואָרען אין נאָמען פון דעם בערלינער רב אין 1757, צו פייערן דעם זיעג פון פרייסען אין דער שלאַכט ביי ראָסבאַך. וועגען דעם האט ער צו לעססינג'ן געשריעבען: „עס איז שוין אזוי וויים געקומען, דאָס איך האָב געשריעבען א פרעדיגט און געלויבט דעם קעניג."

דיא בערלינער געמיינדע האט אין 1763 עפענטליך אויסגעשפראָכען איהר דאנק „פאַר זיינע גרויסע פערדיענסטע, בעזאָנדערס פאַר דיא צופערטיגונג און איבערזעצונג פון דער פרעדיגט און דיא געזאַנגען ביי דעם פריעדענס-פעסט" און דערפאַר איהם בעפרייט פון אַלע געמיינדע-אָבצאָהלונגען.

זיעבטער קאפיטעל.

„פעדאָן“.

זיין עהרען־זיצ בײַ דער בערלינער אקאדעמיע פון וויסענ־שאפטען האט איהם געגעבען פיעל מוטה צו ענדיגען א פילאזאָ־פישעס ווערק, וואָס ער האט שוין לאנג פריהער אנגעפאנגען און וואָס ווערט גערעכענט פאר זיין בעסטע ווערק. דאָס איז נעמ־ליך זיין „פעדאָן“, וואָס האט איהם פערשאפט דעם זעהר שמײַ־כעלהאפטען נאָמען „סאָקראטעס פון 18טען יאָהרהונדערט“.

דער נאָמען קומט פון פלאטאָן'ס א שריפט איבער סאָקרא־טעס. אין דער פאָרמע פון א דיאלאָג (געשפרעך) גיט פלאטאָן איבער דיא מיינונגען פון דעם ערהאבענעם גריכישען דענקער אי־בער אונשטערבליכקייט פון דער זעלע. מיט דעם מויל פון איי־נעם פון סאָקראטעס'עס שילער, פעדאָן, וועלכער האט צוזאמען מיט אנדערע שילער געזעהען, וויא זייער לעהרער האט פילאזאָ־פיש, אָהן דיא מינדעסטע אויפרעגונג אויסגעטרונקען דעם בעכער מיט גיפט, (דאָס איז געוועזן א גריכישער מנהג אויסצופיהרען א טויטאורטהייל,) — האט פלאטאָן געשילדערט דיא לעצטע שטונ־דען פון סאָקראטעס און איבערגעגעבען דיא געשפרעכען וואָס ער האט געפיהרט מיט זיינע שילער.

מענדעלסאָהן האט זיך בענוצט מיט דעם נאָמען און מיט דער פאָרמע פון פלאטאָן'ס שריפט, נאָר האט איבערגעגעבען דיא מיינונגען פון זיין צייט איבער דער אונשטערבליכקייט פון דער זעלע. דאָ האט ער אויך איבערגעגעבען זיינע טיעפסטע איבער־צייגונגען. אויבען איז שוין בעמערקט געוועזן, אַז ער איז זאָגאָר געוועזן אַן ארטהאָדאָקס אין זיין אידישען גלויבען. אָבער דאָס האָט ער ניט געטאָהן אויס צבוע'צסטווע, אויס פורכט פאר פערפאָל־גונגען, אָדער אום איינפאך ניט איינצורייסען מיט דער בערלי־נער קהילה, זאָנדערן אויס אינערליכער איבערצייגונג. ער האט פעסט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, אין דער אונשטערב־

ליכקייט פון דער נשמה און אין גאָט'ס ענטפּלעקונג אין דער ביבעל. זיין צוועק איז אויך געווען צו ברייננגען אַלע בעווייזע פיר דיא אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע, וואָס ער האָט געפונען ביי פערשיעדענע פילאָזאָפען.

אין פעדאָן'ס מויל האָט ער אריינגעלייגט ספּעציעל דיא גרינדע פון דער פילאָזאָפיע, צו וועלכע ער איז זיין גאַנצען לעבען געבליבען טריי, נעמליך דיא לייבניץ־וואָלפישע. אייגענעס האָט ער אייגענטליך גאָר ניט געליפערט אויסער דעם גלענצענדען דייטשען סטיל, מיט וועלכען ער האָט זיך אין דיעזען ווערק בעזאָנדערס אויסגעצייכענט. איבערהויפּט האָט ער אַלס פילאָזאָף גאָר ניט געלייסטעט אייגענעס, קיין שום סיסטעם געשאַפען, נאָר האָט פּאָפּולאַריזירט דיא אויספיהרונגען פון אַנדערע, נאָר וועגען דעם וועט זיין דיא רייד שפּעטער.

אַלע בעווייזע, וועלכע ער ברייננגט פיר דיא אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע, זיינען ריין־מעטאַפיזישע, און אַנדערס קען עס אויך ניט זיין, דען דאס וואָס מיר רופען זעעלע איז נאָר אַ בעגריף פון דער דענקונגס־קראַפט, וועלכע מיר בעזיצען וויא אויך וויינינגסטענס דיא העכערע סאָרטען חיות, נאָר אין אַ גרעסערע מאָס. ווען מען וויל פילאָזאָפירען אויף אַ שטרענג־וויסענשאַפטליכען וועג, דאַרף מען צוערשט איבערהויפּט בעווייזען, אַז דיא נשמה עקזיסטירט אַלס עטוואָס זעלבסשטענדיגעס, אַלס עטוואָס אונאַבהענגיגעס פון קערפער. דאַן וואָלט שוין ניט שווער געווען אויסצו'פשט'לען מיט חקירות, אַז דיא נשמה איז אונשטערבליך. נאָר אַזוי וויא דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער לעהרע וועגען דיא אונשטערבליכקייט פון דער נשמה איז נאָר געבויט אייגענטליך אויף גלויבען, זאָ זיינען שלימליך אַלע בעווייזע, וואָס דיא טיעפסטע דענקערס און גרעסטע פילאָזאָפען האָבען צוזאַמענגעפלאָכטען, נאָר אַ שפּינגעוועבס פון חקירות.

עס וואָלט פערנומען מעהר פּלאַץ, וויא פיעל מיר קענען אָפּגעבען פיר דיעזע גאַנצע ביאָגראַפיע, ווען מיר זאָלען זיך אַריינלאָזען אין אַ בעטראַכטונג פון אַלע בעהויפּטונגען און זאָ־גענאַנטע פי־

לאזאפישע בעווייזע אין מענדעלססאהן'ס „פעדאן". אין אונזער צייט האבען אויפגעקלערטע און פארטגעשריטענע מענשען גאנץ אנדערע בעגריפע וועגען דיעזען ענין, וויא אויך וועגען דעם זאגענאנטען „פרייען ווילען", גאנץ אנדערע מיינונגען, וויא אין מענדעלססאהן'ס צייטען. זיין „פעדאן" האט יעצט נאר א היסטארישע בעדייטונג. קיינער אויסער דיא יעניגע וואס שטודירען דיא געשיכטע פון פילאזאפיע אדער וואס ווילען גלאט וויסען מענדעלססאהן'ס מיינונגען, לעזט יעצט ניט דיזען ווערק, וואס האט געהאט אזא גרויסען אפקלאנג אין זיין צייט.

מענדעלססאהן'ס „פעדאן" האט ווירקליך געמאכט א רושם אין דער וועלט. מען האט זיין „פעדאן" בעטראכטעט אלס אן אויסערארדענטליכע פערפאסונג. פון אלע זייטען האט מען געלויבט און בעזונגען דעם פערפאסער. אבער דיזען גרויסען ערפאלג האט ער געהאט צו פערדאנקען ניט דער טיעפקייט פון דיא געדאנקען, ניט דער קרעפטיגקייט פון דיא בעווייזע, זאנדערן דעם גלאנץ און דער לעבהאפטיגקייט פון דער שפראך, דער קינסטליכקייט און עלעגאנץ פון דיא געשפרעכען וועגען פראגען, וועלכע האבען שטענדיג אין העכסטען גראד אינטערעסירט אלע מענשען. מיט דיזען ווערק האט ער פערנומען א פלאץ צווישען דיא דייטשע קלאסיקער. דיא גרעסטע מענער פון זיין צייט זיינען געווען איינפאך ענטציקט פון „פעדאן", און דעם פערפאסער האט מען בעטראכטעט אלס א גלענצענדען שטערן אין דער געבילדעטער וועלט. מען האט געזוכט זיין בעקאנשאפט, מען האט איהם געוועלט זעהען, מיט איהם שפרעכען, מיט איהם קארעספאנדירען, אבוואהל אידען זיינען איבעראל געווען פעראכטעט, אבוואהל אפילו אזעלכע וועלטמענשען וויא געטהע זיינען ניט פריי געוועזן פון פאראורטהיילע געגען אידען.

וויא פיעל דיזע קרוין-ווערק פון מענדעלססאהן איז געלעזען געווארן ניט נאר אין דייטשלאנד, זאנדערן אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, בעווייזען דיא שנעלע אויסגאבען און איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. איין אויפלאגע האט געפאלגט נאך דער אנדערער, און איבעראל האט מען בעוואונדערט דעם אידישען פערפאסער אלס א צווייטען סאקראטעס.

אכטער קאפיטעל.

דער ויכוח מיט דעם גלח לאפאטער.

צווישען דיא געלעהרטע און שרייבערס, וועלכע האבען געזוכט מענדעלססאהן'ס בעקאנטשאפט, האט זיך געפונען איינער, וועלכער האט איהם פערשאפט זעהר פיעל אונאנגענעהמליכקייטען און זאגאר ליידען. דאס איז געווען א גייסטליכער פון דער שוייץ מיט דעם נאמען יאהאן לאפאטער, א זעהר זאנדערבארע פערזענליכקייט, א טרוימער, איין איינגעבילדעטער קענער פון פיזיאגנאמיען. אין 1763, ווען ער האט געמאכט א רייזע נאך בערלין, האט ער עס געהאלטען פאר זיין היילינע פפליכט אבצושטאטען א וויזיט מענדעלססאהן'ען. זיין צוועק איז שוין דאן געווען ניט אזוי צו אונטערהאלטען זיך וועגען פילאזאפיע, וויא צו פערפיהרען א געשפרעך איבער רעליגיאן, אום צו זעהען, אויב עס וועט מעגליך זיין צו בעוועגען מענדעלססאהן'ען צו ווערען איינפאך א קריסט. דיזער גייסטליכער, וועלכער וואלט זיכער געווען א יעזואיט, ווען ער וואלט געווען א קאטאליק, האט געטרוימט וועגען א פראפעטישע ראלע און אויך וועגען בעקעהרען אידען צום קריסטענטהום.

נאר מענדעלססאהן איז געווען צו געשייט אריינצולאזען זיך אין א ויכוח מיט א פרעמדען גייסטליכען איבער קריסטענטהום. מיר וויסען שוין, אז ער האט שטענדיג אויסגעמיידעט אפילו צו בעריהרען פאליטישע און רעליגיעזע פראגען. לאפאטער האט דארום גאר ניט געקענט ארויסקריגען פון מענדעלססאהן'ען, וויא פיעל ער האט זיך ניט געסטארעט צו בעוועגען איהם זיך אויסצושפרעכען וועגען רעליגיאן. ער האט ניט געקענט פערשטיין, וויא א איד, וואס שרייבט אזוי שעהן דייטש, פערפאסט פילאזאפישע ווערק, געווינט א פרייז אין דער אקאדעמיע און פיהרט בעקאנטשאפט מיט אזוי פיעל קריסטען, זאל ניט געניינט זיין צום קריסטענ־

טהום. מענדעלססאָהן האָט אויף איהם געמאַכט אַזאַ טיעפען איינדרוק אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו טרוימען וועגען אַ פּלאַן צו טויפען אַלע אידען דורך מענדעלססאָהן'ס בעקעהרונג. ער האָט געמיינט אַז ווען דיא אידען וועלען זעהען, דאָס אַזאַ גרויסער דענקער און בעריהמטער מאַן וויא מענדעלססאָהן טויפט זיך, וועלען זיי גלייך נאָכפאָלגען זיין ביישפּיעל, און ער, לאַפאַטער, וועט אַלזאָ מיט איין קלאַפּ אויספיהרען דאָס, צו וואָס דיא קריסטען האָבען שטענדיג געשטרעבט אומזאָנסט. ווען „פעדאָן" איז ערשיענען און האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער, האָט לאַפאַטער געקראָגען נאָך מעהר חשק דורכצופיהרען זיין מיסיאָנערסקען פּלאָן.

ער האָט דארום בעשלאָסען אַזוי צוצושפּאַרען מענדעלססאָהן'ען צו דער וואַנט, אַז ער זאָל מוזען עפענטליך ערקלערען זיינע מיינונגען וועגען דיא קריסטליכע רעליגיאָן. אום דאָס אויסצופיהרען, האָט ער איבערזעצט אין דייטש דאָס בעוואוסטע פראַנצויזישע ווערק פון פּראָפעסאָר באָנע אונטער דעם נאָמען „אונטערזוכונג פון דיא בעווייזע פיר קריסטענטהום", און האָט אין דער פאָררעדע אויפגעפאָדערט מענדעלססאָהנען „דיעזע שריפט ווידערצולעגען, אָדער אויב ער געפינט דיא בעווייזע פיר ריכטיג, צו טאָן, וואָס דיא קלוגהייט, עהרליכקייט און ליעבע צו וואַהרהייט הייסען טאָן, וואָס אַ סאָקראַטעס וואָלט געטאָן, ווען ער וואָלט דיעזע שריפט געלעזען און געפונען פיר ריכטיג, נעמליך: אָנצונעהמען דיא קריסטליכע רעליגיאָן."

דער איינגעבילדעטער גלח איז געוועזען אַזוי פעסט איבערצייגט אין באָנע'ס בעווייזע אַז ער איז זאָגאַר געוועזען זיכער, דאָס וויא נאָר מענדעלססאָהן וועט איבערלעזען דיעזען בוך, וועט ער קיין וואָרט ניט זאָגען און וועט ווערען אַ קריסט.

פאַר מענדעלססאָהנען איז דיעזע אויפפאָדערונג געוועזען וויא אַ דונער וואָלט זיך אַ לאָז געטאָן איבער זיין קאָפּ. ער האָט גלייך געזעהען אַז דיעזעס מאָל וועט ער זיך ניט קענען ארויסדרעהען און אָפּקומען מיט שווייגען, און דאָס האָט איהם זעהר געקרענקט. אויסערדעם, וואָס ער האָט איבערהויפּט און נאָך מעהר אַלס איד ניט געוועלט זאָגען זיין מיינונג וועגען קריסטענטהום, האָט ער

סתם פיינט געהאט דיספוטען. ער האט ניט איין מאל ערקלערט, אז דיא ויכוחים ווענען רעליגיאן פיהרען צו גאר ניט און זיינען נאר א צייטפערלוסט. וואס אנבעלאנגט צום יודענטהום, האט ער אויך ערקלערט, אז איהם קימערט גאר ניט, אויב קריסטליכע טעאלאגען וועלען אין זייערע ביכער צוקלאפען אויף פיצלעך דעם גאנצען תלמוד, דען דיא אידען לעזען סיי וויא סיי ניט אזעלכע ביכער. זיין מיינונג איז געווען, אז מען דארף זוכען צו געווינען דיא אכטונג פון קריסטען צו אידען ניט דורך רעליגיעזע שטריי־טיגקייטען און דיספוטען, זאנדערן דורך גוטע מדות און אויפ־קלערונג.

אין יענער צייט איז עס אויך געווען געפעהרליך ארויסצוטרע־טען געגען קריסטענטהום, בפרט נאך פאר אידען. לאפאטער'ס אויפפארדערונג איז דארום פערדאמט געווארען, ניט נאר פון מענ־דעלסזאהן'ס פריינד, זאנדערן אויך פון אלע אויפגעקלעהרטע קריס־טען. זאגאר דער פראפעסאר באנע זעלבסט האט אויסגעשפראכען זיין אונצופרידענהייט מיט לאפאטער'ס איינפאל. דאן האט לא־פאטער זיך ארומגעזעהען, אז ער האט געהאנדעלט ניט איבער־לייגט און האט אין א בריעף צו מענדעלסזאהנען געבעטען פער־צייהונג פאר דעם ניט ריכטיגען וועג, וואס ער האט אנגענומען, אום מענדעלסזאהנען צו בעגליקען אין דער צוקינפטיגער וועלט.

עס איז א גרויסע פראגע, אויב דיעזער זאנדערבארער גייסט־ליכער האט אויפריכטיג געבעטען פערצייהונג, נאר זיין אויפפאר־דערונג האט אנגעמאכט אזא גערודער, דאס מענדעלסזאהן האט געמוזט עפעס ענטפערן, אום מען זאל ניט מיינען, אז ער האט גאר ניט וואס צו ענטפערן. ווען ער וואלט בעזעסען לעססינג'ס מוטה און לוסט צום קאמפף, וואלט ער זיך בענוצט מיט דיעזער געלעגענהייט צו שליידערן שארפע פיילען אין באנע'ס בעווייזע; אבער ער האט געציטערט אויפצורייצען דיא קריסטליכע גייסטלי־כע און האט פריהער אנגעפרעגט דעם קאנסיסטאריום פון דיא גייסט־ליכע צענזארס, אויב ער זאל יעדע בלעטעל פון זיין אנטווארט צו לאפאטער זיי פארלייגען בעזונדער אדער אלעס מיט איין מאל. פון קאנסיסטאריום האט ער געקראגען דיא אנטווארט, דאס „מען

איז אַזוי איבערצייגט פון זיין וויזהייט און בעשיידענהייט, אַז ער מעג זיינע שריפטען לאָזען דרוקען גאָר אָהן צענזור."

בערוהיגט פון דיעזער זייט און שטרעבענדיג אויסצומיידען דיא ברענענדע שטרייטפונקטען, האָט ער דאָך געציטערט, ווען ער האָט גענומען דיא פעדער אין האַנד צו ענטפערן לאַפּאַטער'ן. דיזע אַנטוואָרט איז געווען אַ זעהר געקינצעלטע. צוערשט האָט ער ערקלערט, דאָס ער איז געבליבען טריי דער רעליגיאָן פון זיינע עלטערן אויס איבערצייגונג, דאָס ער האָט וועגען אַלעם גרינדליך נאָכגעטראַכט און דאָס ער האָט זאָגאַר שטודירט פילאָזאָפיע, אום זיינע איבערצייגונגען צו פערשטאַרקען. „ווען איך וואָלט געווען גלייכגילטיג צו ביידע רעליגיאָנען (דיא אידישע און דיא קריסטליכע) און וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון יעדע אָפּענבאַרונג (ענטפלעקונג), וואָלט איך שוין גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס דיא קלוגהייט ראַטה צו טאָן, ווען דאָס געוויסען שווייגט . . . וואָס וואָלט מיך געקענט אָפּהאַלטען (פון טויפע) ? פורכט פאַר מיינע גלויבענסגענאָסען ? זייער וועלטליכע מאַכט איז צו קליין פאַר זיי צו פירכטען. איינגענזין ? אַנהענגליכקייט אַן געוואָהנטע בעגריפע ? אַזוי וויא איך האָב דעם גרעסטען טהייל פון מיין לעבען געווידמעט צו אונטערזוכונג, זאָ וועט מען אַנערקענען, דאָס איך האָב ניט געקענט אויפאָפּפערן דיא פרוכטען פון מיינע אונטערזוכונגען צו אַזעלכע שוואַכהייטען. איהר זעהט אַלזאָ, אַז אָהן אויפריכטיגע איבערצייגונג אין מיין רעליגיאָן וואָלט איך איהר ניט געקענט בלייבען טריי." א. ז. וו.

נאָכהער איז ער איבערגעגאַנגען צו באָנע'ס בעווייזע און האָט אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג, וויא לאַפּאַטער האָט גאָר געקענט דענקען, אַז זיי זיינען אַזוי איבערצייגענד, ווען דייטשע טעאָלאָגען האָבען אָנגעשריבען פיעל גרינדליכערע ביכער איבער דיעזען געגענשטאַנד. אויסער דעם האָט ער געצייגט, אַז באָנע'ס בעווייזע וועגען קריסטענטהום קענען אָנגעווענדעט ווערן צו פערטהיידיגען יעדע רעליגיאָן.

איינינע בעמערקונג וועגען באָנע'ס בוך האָבען אויך ארויסגערופען דעם פּראָפעסאָר'ס אַנטוואָרט. איבערהויפּט האָט זיך

אנגעפאנגען אז אלגעמיינע און זעהר לעבהאפטע דיסקוסיאן וועגען יודענטהום און קריסטענטהום אין בעצוג אויף מענדעלססאהנען און לאפאטער'ן. אויף מענדעלססאהן'ס קאפ האבען זיך א לאז געטאן גייסטליכע און יודענפיינדליכע קריטיקער, וועלכע האבען פערדרעהט זיינע ווערטער און אויסגעגאסען זייערע ביטערע גאל. ספעציעל האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין יודענהאס א גייסטליכער מיט דעם נאמען קעלבעלע, וועלכער האט זיך אויך אנגעכאפט אן א געלעגענהייט זיך אפצורעכענען מיט לעססינג'ס אינטימסטען פריינד.

אין א בריעף אנפאנגס 1770 האט מענדעלססאהן אזוי געשריעבען וועגען דיעזע דיספוטען : „איך האב שטענדיג געברויכט דיא גרעסטע פארזיכטיגקייט אויסצומיידען רעליגיעזע און דאגמאטישע שטרייטיגקייטען, דען זיי פיהרען צו גאר ניט, וויא מיר זעהען עס אפט פון אזעלכע פארטיי־קעמפפען. וויא נור איך האב עפענטליך געענטפערט דעם איבעראיילטען טעאלאג (לאפאטער), האבען מיך זיינע גלויבענס־גענאסען געשטורמט פון אלע זייטען. איינינע גרייפען מיך אן העפטיג און צארניג, אנדערע מיט זאנפטע און שמייכלערישע ווערטער, אייניגע לאכען, אנדערע שפאטען. יעדענפאלס בעלעסטיגען מיך זייערע ווערטער און טרויעריען און מאכען מיר פיעל צו שאפען."

וויא וויית דיא געשיכטע מיט לאפאטער'ן האט דאן אויפגערעגט דעם עולם, קען מען אויך שליסען פון א גאנצע רייהע ארטיקלען און ביכלעך איבער דעם אין יענער צייט.

ניט ווילענדיג האט מענדעלססאהן וויעדער געמוזט ענטפערן לאפאטער'ן און אפילו קעלבעלע'ן. אלע זיינע אנטווארטען זיינען געווען זעהר העפליך, זעהר פיין געשריעבען, זאגאר מיט א פעמטען טאן ; אבער דאך זעהר שוואך און גאר אהן פעפער. מען האט געפיהלט, אז ער ענטפערט, ווייל ער קען זיך ניט העלפען, ווייל ער איז געצוואונגען עפעס צו זאגען. אפילו קייזערלינג, וועלכער איז אין זיין אויספיהרליכער ביאגראפיע איינפאך בעגייסטערט פיר מענדעלססאהן'ס כאראקטער און טהעטיגקייט, בעמערקט : „וויא

גאנץ אנדערס וואלטען פונקען געפלויגען, ווען א לאפאטער וואלט געוואגט אנצופאנגען מיט לעססינג'ן."

אין דיעזען שטרייט האט זיך לעססינג גראדע גאר ניט אריינגעמישט, אבוואהל ער האט ניט איין מאל אויפגעמונטערט מענדעלססאהן'ען ארויסצוטרעטען אלס אפענער און ענערגישער קעמפפער געגען דיא קריסטליכע טעאלאגען. ווען מענדעלססאהן איז ארויס געגען לאפאטער'ן, איז לעססינג געוועזן זעהר צופריעדען און איז אויך געוועזן זיכער, אז זיין פריינד וועט בייקומען דעם גייסטליכען. דערצו נאך האט ער זעלבסט אין דיעזער צייט געפיהרט א פיעל אלגעמיינערן און וויכטיגערן קאמפף מיט אלע קריסטליכע גייסטליכע דורך דיא פערעפענטליכונג פון דיא „פראגמענטען", וויא מיר וויסען עס פון לעססינג'ס ביאגראפיע. וואס פאר א ווערדע האט פאר לעססינג'ן געהאט א לאפאטער אדער איבערהויפט יעדער גייסטליכער בעזונדער?

נ י י נ ט ע ר   ק א פ י ט ע ל.

געוועהלט אלס מיטגליעד פון דער בערלינער אקאדעמיע און אויסגעשטריכען פון קעניג — זיין קראנקהייט און רייזע נאך א קור־ארט.

דער ויכוח מיט לאפאטער׳ן און אנדערע גייסטליכע האט הפנים זעהר שלעכט געווירקט אויף מענדעלססאהן׳ס געזונדהייט. דער פאקט איז יעדענפאלס, אז אין דיעזער צייט האט זיך אנגעפאנגען זיין נערווען־קראנקהייט, פון וועלכער ער האט אזוי געליטען יאהרענלאנג, דאס דאקטוירים האבען איהם געמוזט פערבאטען אפילו צו לעזען. מיר ווייסען, אז ער איז שטענדיג געוועז א פיזיש־שוואכער מענש, אבער געקריינקט האט ער אייגענטליך ניט, אויסער א פאאר וואכען אין 1757. אבער אין 1771 האט איהם אנגעפאנגען צו שווינדלען אין קאפ און, וויא ער האט אליין געשריעבען, צייטענווייז האט ער זיך געפיהלט, וויא איינער וואלט איהם געשמיסען מיט גליהענדע ריטער איבער׳ן רוקען. דיא נערווען־אטאקען זיינען אלץ עפטער און העפטיגער געווארען, און ניט איין מאל האט מען געמיינט, אז זיין שוואכער און פערקריפעלטער קערפער וועט עס ניט אויסהאלטען.

אין אנפאנג פון 1771 האט ער זיך נאך וויא עס איז געהאלטען און אנגעשטרענגט צו שרייבען, וויינינגסטענס בריעף צו זיינע נעהענסטע פריינד. זאנסט האט ער געמעגט זיין העכסט צופריעדען ניט נאר אלס גליקליכער פאמיליענפאטער, זאנדערן אויך אלס בעריהמטער שרייבער און איבעראל געאכטעטער מאן. צווישען זיינע פערעהרער האבען זיך געפונען אפילו פרינצען און פרינצעסינען. מיט דעם קרוינפרינץ פון ברוינשווייג האט ער זאגאר געפיהרט א קארעספאנדענץ איבער פילאזאפישע פראגען. דיעזער פרינץ האט העכסט פריינדליך אויפגענומען אין זיין שלאס דעם פערפאסער פון „פעדאן“, און זיין מוטער, א שוועסטער פון פרידריך דעם גרויסען, האט אויסגעדריקט איהר אבטונג צו דעם

אידישען פילאזאף דערמיט, וואס זיא האט אויפגעהאנגען זיין פארטרעט לעבען דעם פארטרעט פון איהר פאטער.

דיא בערלינער אקאדעמיע האט נאך, אום צו צייגען איהר האכ־אכטונג צו איהם און איהר פילאזאפישע טאלעראנץ, איהם אויסגע־וועהלט אין אנפאנג פון 1771 יאהר אלס א מיטגליעד. זיינע פריינ־דע האבען טריאומפירט, און פאר דיא גייסטליכע און יודענפרע־סערס איז עס געוועזען א ביטערער קלאפ. מען האט גערעכענט, אז פריעדריך דער גרויסער, דער פריינד פון פילאזאפען, דער פריי־דיינקער, וועט בעשטעטיגען דיעזע וואהל; אבער מען האט זיך גענארט. ווען ער האט דערזעהען מענדעלסאהן'ס נאמען אויף דער ליסטע פון דיא אקאדעמיקער, איז ער אין כעס געווארען און האט געהייסען פארשלאגען נייע קאנדידאטען. דיא אקאדעמיע האט ווידער אריינגערעכענט מענדעלסאהנען, אבער דיעזעס מאל האט דער קעניג איינפאך אויסגעשטריכען זיין נאמען. איי־נער פון דיא אקאדעמיקער, וועלכער האט זיך בעזאנדערס אנגע־שטרענגט צו גונסטען פון מענדעלסאהנען, איז געפאלען אין אונ־גנאדע ביי'ם קעניג.

א לענגערע צייט האט מען ניט געוואוסט, ווארום פרידריך דער גרויסער האט אזוי געהאנדעלט; מען האט אנגעגעבען פער־שיעדענע סברות ביז מען איז דערגאנגען דעם ריכטיגען סוד. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דיא קייזערין קאטערינע דיא צווייטע פון רוסלאנד האט געוועלט מען זאל איהר אויפנעהמען אלס מיט־גליעד אין דער בערלינער אקאדעמיע, און אזוי וויא פריעדריך האט צוליעב וויכטיגע פאליטישע צוועקען, בעזאנדערס צוליעב דיא צוטהיילונג פון פוילען, געוועלט זיין פריינדליך מיט איהר, האט ער אויסגעשטריכען מענדעלסאהן'ס נאמען, דיינקענדיג, אז זיא וועט זיך פיהלען בעליידיגט צו פיגורירען צוזאמען מיט א אידען.

עס איז אבער מעגליך, אז דער פרייסישער קעניג האט אי־בערהויפט ניט געוועלט ארויסלאזען „זיינע" אידען פון דיא געהעטא־קלאמערן. מענדעלסאהן האט יעדענפאלס זיך גאנץ ווייניג אבגעגעסען דיא הארץ, וואס דער קעניג האט איהם ניט געוועלט הא־

בען אין זיין אקאדעמיע. ער האט זיך נאר געוואונדערט, וואס דיעזע אקאדעמיע איז געגאנגען אזוי ווייט איהם אויסצו־וועהלען פאר א מיטגליעד.

דיא נעכסטע פאאר יאהר האט ער זיך אזוי שלעכט געפיהלט, אז ער האט וועגען קיין זאך ניט געקענט דיינקען און האט געמוזט זיך פיהרען נאך דיא שטרענגע פארשריפטען פון דאקטוירים. מאנאטען לאנג האט ער זיך געמוזט שפייזען מיט ברויט און פרוכטען. נאר דאס ערגסטע פאר איהם איז געוועזן, וואס מען האט איהם ניט געלאזען אפילו זיך צוריהרען צו א בוך. אין איין בריעף האט ער שפעטער געשריעבען: „מען איז עלענד גענוג, ווען מען מוז איינריכטען דאס לעבען נאך דעם גלויבען פון דיעזע הערען (דאקטוירים).“

מען האט איהם געראטהען צו ערהאלען זיך אין דעם קוראָרט פירמאנט, אבער טראָץ זיין גאנצער פילאזאפיע און בעריהמטהייט, האט ער נעבעך אלץ ניט געהאט גענוג מיטעל דערצו. ער האט געהאפט, אז א רייכער איד, וועלכער האט זיך אויך געקליבען צו פאהרען נאך פירמאנט, וועט איהם מיטנעהמען, אום צו ערשפארען איהם דיא קאסטען; אבער דיעזער האט זיין רייזע אבגעלייגט, און דער ארימער בוכהאלטער איז אויך געבליבען אין בערלין, וואו ער האט געמוזט יעדען טאג געהן צו דער ארבייט אין קאנטאר, זא לאנג ער האט זיך געקענט האלטען אויף זיינע שוואכע פיס.

אין פריהלינג פון 1773 איז איהם אזוי שלעכט געווארען, אז ער האט געמוזט אוועקפאהרען נאך פירמאנט נעהמען דארטען בעדער, אום איינפאך צו ערהאלטען דיא נשמה אין גוף. דיעזעס מאל האט עס איהם געגליקט, דען דער רייכער איד, א געוויסער פייטעל אפרים, איז אויך אוועק אהין און האט איהם א ביסעל אויסגעהאלפען.

אבער מעהר וויא א פאאר וואכען האט דער ארימער פילאזאף ניט געקענט פערבלייבען אין דיזען קוראָרט, ווייל דער רייכער איד האט געמוזט אפפאהרען פון דארטען. דיא איינציגע טרויסט פאר מענדעלסזאהנען איז געוועזן, וואס אויפ'ן וועג האט ער זיך אפ־

געשטעלט אין וואָלפענביטעל און זיך געזעהען מיט זיין אלטען פריינד לעססינג.

ערשט אין זומער פון 1774 האָט ער געקענט פערברייגנען א לענגערע צייט אין פירמאָנט און זיך ערהאָלען אזוי ווייט, אז ער זאָל קענען וויטער לעזען און שרייבען.



צעהנטער קאפיטעל.

מענדעלסזאהן און דיא עמאנציפאציאן. דאהם און מיראבא.

מענדעלססאהן'ס נאמען האט אזוי אלץ מעהר געקלונגען אין דער וועלט, דאס אידען האבען גענומען קוקען אויף איהם וויא אויף א מליץ יושר. יעדענפאלס האבען זיי אנגעפאנגען צו ווענדען זיך צו איהם אין פאל פון א גרויסע נויט, אום זיי צו בעשיצען געגען פערפאלגונגען.

עס איז איבריג צו זאגען, אז ער האט קיין מאל ניט געזוכט צו שפיעלען דיא ראלע פון א בעשיצער פון יודענטהום. עס איז זיכער, אז ער וואלט געוועזען צופריעדען, ווען זיינע ברידער וואל־טען איהם געלאזט צו רוה, אז ער זאל קענען זיין גאנצע פרייע צייט אבגעבען צו פילאזאפיע. אבער וויא באלד מען האט זיך צו איהם געווענדעט, האט ער זיך געפיהלט פערפפליכטעט צו העלפען נאך זיין מעגליכקייט.

מיר ווייסען שוין אין וואס פאר א טרויעריגער, אונטערדריק־טער און שענדליכער לאגע דיא אידען האבען זיך דאמאלס געפו־נען אפילו אין דיא צענטערס פון בילדונג און אויפקלערונג. „דיא לאגע פון מיינע ברידער, האט מענדעלססאהן געשריעבען, איז וויא א שווערע לאסט געהאנגען אויף דיא פליגלען פון מיין גייסט און האט מיך געמאכט אונפעהיג דעם הויכען פליהען פון א פרייגע־באר־נעם ווען עס איז צו פערזוכען.“ און וויא האט ער זיך דען געקענט פיהלען אלס „פרייגעבארענער מאן“, ווען ניט איין מאל איז ער אין דער הויפטשטאדט פון דעם פילאזאפישען קעניג בע־ליידיגט געווארען פון גראבע יונגען?

„אין דיזען זאגענאנטען טאלעראנטען לאנד, האט ער מיט א וועהטאג אין הארצען געשריעבען, לעב איך אזוי געענגט, אזוי בעשרענקט פון אלע זייטען דורך אינטאלעראנץ, דאס איך מוז מיך איינשפארען דעם גאנצען טאג אין א זיידענפאבריק, אום צו־ליעב צו טאן מיינע קינדער. אבענדס געה איך אמאל ארויס

מיט מיין פרוי און קינדער. „פאפא ! פרעגט דיא אונשולד, וואס רופט אונז דארט נאך יענער יונג ? ווארום ווארפען זיי שטיינער אויף אונז ? וואס האבען מיר זיי געטאן ?“ „יא, ליעבער פאפא, זאגט דער אנדרער, זיי פערפאלגען אונז אימער אויף דיא גאסען און שרייען : יודע ! יודע ! איז עס דען ביי זיי אזא שאנדע צו זיין א איד ?“ — אך, איך מאך צו מיינע אויגען און זיפץ : „מענשען ! מענשען ! וואס טהוט איהר ? אבער וועג פון דיעזע בעטראכטונגען — זיי מאבען מיך צו אונמוטהיג . . .“

מיר האבען שוין געזעהען, דאס ער האט געטאן וואס ער האט געקענט פיר דיא בערלינער געמיינדע נאך אין זיינע יונגע יאהרען. דאן האט ער אויך געשטרעבט צו בעוועגען זיינע ברידער צו אייראפעאישע בילדונג. מיט דיעזען צוועק האט ער נאך אין 1750, מיט דער הילפע פון א געוויסען ב א ק, אנגעפאנגען ארויס־צוגעבען אין לשון קודש א וואכענשריפט אונטער דעם נאמען „קהלת מוסר“, אבער דיא רבנים און אנדערע ארטהאדאקסען האבען באלד דערשטיקט דיעזע אונטערנעהמונג, און מענדעלסאהן האט נאך דיזער מיסגעלונגענער פראבע אין גאנצען פערלארען דעם מוטה צו שרייבען דירעקט פאר אידען. ער האט זיך דאן אנגעשטרענגט צו ווערן א דייטשער שרייבער, וואס עס איז איהם גליקליכערווייזע געלונגען.

האט ער דאן געטרוימט, אז דורך דעם, וואס ער וועט זיך ערווערבען אין דער קריסטליכער וועלט א נאמען אלס א פילאזאף, וואס ער וועט זיך אויסצייכנען אויף דעם ברייטען פעלד פון דער דייטשער ליטעראטור, וועט ער קענען בעסער ווירקען אויף זיינע ברידער, אז זיי זאלען נאכפאלגען זיין ביישפיעל ? פיעלייכט, יעדענפאלס איז דער רעזולטאט אזוי געוועזען, און נאך פיעל שנעלער און ווייטער, וויא ער האט עס ווען געקענט טרוימען.

דורך זיין שטרייט מיט לאפאטער׳ן איז זיין שם צווישען אידען זעהר הויך און ווייט געשטיגען. און פון לאפאטער׳ס פאטערלאנד האבען זיך אויך דיא אידען צוערשט געווענדעט צו מענדעלסאהן׳ס הילפע. דאן האבען אידען נאר געמעגט וואהנען אין צוויי ערטער פון דער שווייץ, נעמליך, אין לענגנאו און ענדינגען ; אבער אויך

דאָרטען האָט מען זיי געדריקט וויא אין אַלע געהעטאָס פון מיטעל־אַלטער. ארום 1775 האָט מען דאָרטען געוועלט איינפאַך אויס־ראָטען דיא אידען דורך אַ פערבאָט צו הייראַטהען. דער דאָרטיגער רב, וועלכער האָט געהערט פון מענדעלסזאָהן'ס דיספוט מיט לאַ־פאַטער'ן, האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ ביטע, ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר זיינע ברידער ביי דעם גייסטליכען לאַפאַטער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין יענעם טהייל פון דער שווייץ.

מענדעלסזאָהן האָט גלייך ערפילט זייער ביטע, אָבוואָהל עס איז איהם גאָר ניט אַנגענעהם געווען עפּעס צו בעטען ביי דיעזען מיסיאָנערסקען גייסטליכען. צו לאַפאַטער'ס עהרע מוז מען זאָגען, אַז ער האָט זיך באַלד אָפּגערופען און אויסגעפיהרט מען זאָל דיא אידען מעהר ניט פערפאָלגען.

מיט צוויי יאָהר נאָכהער איז צו איהם געקומען אַ הילפסגע־שריי פון זיינע ברידער אין דרעזדען. מען האָט געוועלט פער־יאָגען פון דער הויפּט־שטאָדט פון זאַקסען עטליכע הונדערט אידען, וועלכע זיינען מיט דער צייט אָרים געוואָרען און האָבען ניט גע־קענט בעצאָהלען דיא טאַקסעס. מענדעלסזאָהן האָט זיך דאַן דער־מאָנט, דאָס ווען ער איז אין 1766 געווען אין דרעזדען, האָט ער זיך בעקענט מיט דעם זאַקסישען מיניסטער פערבער, און צו איהם האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ ריהרענדען בריעף פאַר זיינע אָרימע ברידער. אין נאָמען פון איינפאַכע מענשענפריינדליכקייט האָט ער איהם געבעטען צו זעהען, אַז מען זאָל ניט רואינירען אָרימע אידישע פאַמיליען.

„גיטיגער, אַלוואָהלטהעטיגער פאַטער! האָט ער מיט אַ געבראָכענע הארץ געשריעבען, וואו זאָלען דיעזע עלענדע מענשען מיט זייערע אונשולדיגע פרויען און קינדער זיך אַהין טאָן? וואו זאָלען זיי זוכען שוץ און אַ רוהע־אָרט, ווען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען פערלאָרען זייער פערמעגען, וועט זיי אַרויסשליידערן? דיא פעריאָגונג איז פאַר אידען דיא האַרטעסטע שטראָף — דאָס איז איינפאַך אַ פערטיליגונג פון גאָט'ס ערד, וואו דער פאַראור־טהייל יאָגט איהם מיט אַ בעוואָפענטער האַנד פון יעדען גרענעץ.“

דיעזער צורוף האָט אויך שנעל געווירקט, און דיא אָרימע דרעזדענער אידען האָבען געדאַנקט דעם אָרימען אידישען פילאָזאָף אַלס זייער רעטער.

דיא אידען פון מעקלענבורג-שווערין האָבען זיך אויך געווענדעט צו זיין הילפע, נאָר זיי האָבען פון איהם געקראָגען אַ גאַנץ אונערוואַרטעטע אַנטוואָרט. דאָרט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ וואָהלגעמיינטען בעפעהל, אַז דיא אידען זאָלען האַלטען זייערע טויטע מינדעסטענס דריי טעג פאַר דער קבורה. אַלע אידען האָבען עס דאַן בעטראַכטעט ניט נאָר אַלס אַ גרויסע גזרה, זאָנדערן איינפאַך אַלס אַ מיטעל צו אונטערגראָבען דיא אידישע רעליגיאָן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גוואַלד אין גאַנצען הערצאָגטהום געגען דיעזען „גאָטלאָזען“ בעפעהל צווישען דיא פערזונקענע אידען. זיי האָבען גלייך אויסגעגאָסען זייער ביטער הארץ אין אַ שריפט צו מענדעלסאָהנען, און איהם געבעטען רחמים, ער זאָל זיין זייער מליץ יושר ביי דער רעגיערונג, אום צו פערהיטען זיינע ברידער פון אזא „אונגליק“ און רעטען דיא אידישע רעליגיאָן פון אזא „שרעקליכע געפאַהר“.

אָבער וויא גרויס איז געווען זייער ערשטוינען, ווען זיי האָבען באַלד געקראָגען פון איהם אַן אַנטוואָרט, אַז ער בעטראַכט דיעזען בעפעהל ניט פאַר אַן אַטאַקע אויף דער אידישער רעליגיאָן און גראַדע פאַר אַ זעהר גערעכטע און ניצליכע איינפיהרונג. אום צו פערשטאַרקען זיין מיינונג, האָט ער ערקלערט, אַז אַמאָליגע צייטען פלעגט מען האַלטען געשטאָרבענע ביי אידען 3 טעג אין העהלען, אום צו זיין זיכער, אַז זיי זיינען ווירקליך טויט.

„איך וויים, האָט ער צום שלוס געשריעבען, דאָס איהר וועט מיר ניט פאָלגען, דען דיא מאַכט פון געוואָהנהייט איז צו שטאַרק; פיללייכט וועט איהר מיר אָננעהמען פאַר אַ פאַלשען לעהרער און אפיקורוס, נאָר איך בין צופריעדען, וואָס איך האָב געשפּראָכען וויא מיין געוויסען האָט מיר געהייסען.“

דורך דיעזע ערקלערונג איז ער געקומען אין אַ שטרייט מיט דעם בעוואוסטען פאַנאַטישען רב יעקב הערשעל פון אַלטאָנא, וועלכער האָט אויך פערטהיידיגט דעם שלעכטען און אַברגלויבישען

מנהג וואָס שנעלער צו בעערדיגען טויטע און וועלכער האָט גע־לאָזט וויסען, אז ער האָט וויניג צוטרויען צו מענדעלססאָהן'ס פרומקייט. אויף דיעזע אטאַקע האָט מענדעלססאָהן ניט געענט־פערט, אום אויסצומיידען צאנקערייען. אנדערע האָבען שפּעטער, וויא בעוואוסט, געפיהרט אן ענערגישען קאַמפּף וועגען דיא זאָ־גענאַנטע בעגרעבנים-פראגע, וועלכע בלייבט נאָך אָפען ביז היינט צו טאָג ביי אָרטהאָדאָקסישע אידען.

וויא ווייט דיא פּרייסישע אידען האָבען איהם געהאַלטען פאַר זייער פערטרעטער, צייגען גענוג פאָלגענדע פאַקטען :

דער פּרייסישע יוסטיץ-מיניסטער האָט זיך אין 1777 געווענ־דעט צום בערלינער אָבער-ראַבינער איבערצוגעבען דיא אידישע גע־זעצע וועגען ירושה, צוואות, אַפּעקונסטע, חתונות, גט'ן און ז. וו. דער אָבער-ראַבינער, וועלכער האָט ניט געקענט שרייבען דייטש, האָט זיך געווענדעט צו מענדעלססאָהן'ס הילפע. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דיא בעוואוסטע שריפט „ריטואל-געזעצע פון אידען", וועלכע איז ערשיענען אין 1778 און האָט אין א קורצע צייט געהאַט עטליכע אויפלאַגען.

אין 1782 האָט א פּרייסישער בעאַמטער געקראָגען א בעפעהל אויסצואַרבייטען א שבועה פאר אידען אין געריכטען. ער האָט זיך געווענדעט צו מענדעלססאָהנען, און, וויא ער האָט נאכהער אי־בערגעגעבען אין זיין אָפּיציעלען בעריכט צום קעניג, האָט ער צו־זאמען מיט מענדעלססאָהנען פערפאַסט דיא פאָרמע פון דער אידי־שער שבועה, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען אין דיא געריכטען אויף דעם פּלאַץ פון דער מיטעלאַלטערליכער.

דירעקט פאר דיא עמאַנציפּאַציאָן פון אידען האָט מענדעלס־סאָהן ניט געקעמפּפט און אפילו ניט געשריעבען. דאָס איז געקו־מען ניט בלויז דורך דעם, וואָס ער איז ניט געשאַפען געווען פיר א קאַמפּף און וואָס ער האָט זיך ניט געוועלט מישען אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען, זאָנדערן ווייל ער האָט געהאַלטען, אז עס איז פיעל בעסער, דאָס וואָהלמיינענדע און גוטהערציגע קריסטען זאָלען זיך אָננעהמען פאר אידען און ארויסטרעטען אלס פערטהיי־דיגער פון זייערע פּאָליטישע רעכטע.

דארום האט ער זיך אויך געווענדעט צו א קריסט, ווען דיא אידען פון עלזאס האבען איהם געבעטען צו פערפאסען א שריפט פאר דעם פראנצויזישען שטאאטס־ראטה, אז מען זאל ערלייכטערן זייער ביטערע לאגע. דיעזער קריסט איז געווען ד א ה ם, וועלכער האט שפעטער געשפיעלט א זעהר וויכטיגע ראלע אין דער עמאנציפאציאן פון דיא פראנצויזישע אידען נאך דעם שטורם פון דער באסטיליע אין 1789.

דיעזער יונגער קעמפפער, וועלכער האט, קען מען זאגען, דער ערשטער ערהויבען זיין שטימע פיר דיא פאליטישע גלייכהייט פון אידען, איז געווען מענדעלסזאהן'ס א פריינד און א פערעהרער. זייענדיג אין בערלין, האט ער אפט בעזוכט מענדעלסזאהן'ס הויז, און אזוי וויא כמעט יעדער קריסט, וואס איז געווען בעפריינדעט מיט דעם פערפאסער פון „פעדאן", איז געווען מעהר אדער ווייניגער פריינדליך צו אידען אין אלגעמיינען, זא איז עס נאך מעהר דער פאל געווען מיט דאהם'ען. ער האט זיך זאגאר געקליעבען צו שרייבען א געשיכטע פון אידען זייט דעם צווייטען חורבן אלס אונפארטייאישער היסטאריקער און פריי־דיינקענדער מענש.

דארום האט ער זעהר גערן אנגענומען מענדעלסזאהן'ס פארשלאג אנצושרייבען א ביטע פון דיא עלזאסער אידען צום פראנצויזישען שטאאטס־ראטה, וויא ס ע ר ף ב ע ע ר, דער בעוואוסטער פארקעמפפער פון דיא פארנצויזישע אידען, האט עס געוועלט. אין קיין פראנצויזישער פראווינץ זיינען ניט געווען אזוי פיעל אידען און אין קיינער האט מען ניט אין 18טען יאהרהונדערט אזוי שלעכט בעהאנדעלט דיא אידען, וויא אין עלזאס, בעזאנדערס אין שטראסבורג. דיא הויפט־אורזאכע דערפון איז געווען, וואס דיא בעפעלקערונג פון דיעזער פראווינץ איז געווען א דייטשע.

נאר אין דער צייט, ווען דאהם האט געשריעבען דיא פעטיציאן פאר דיא עלזאסער אידען, איז איהם ארויף דער גליקליכער געדאנקען צו פערפאסען א שריפט צו גונסטען פון אלע דייטשע אידען און צו פערלאנגען פאר זיי אלעמען בעסערע בעהאנדלונג און געזעצגעבונג. דער רעזולטאט איז געווען זיין בעריהמטע און עפאכען־

מאכענדע שריפט „איבער דיא בירגערליכע פערבעסערונג פון דער לאגע פון אידען.“ „מיט דיזען ביכעל, בעמערקט גרעץ אין זיין „געשיכטע פון אידען“, האט דאהם, אזוי וויא לעססינג מיט זיין „נאטהאן דער ווייזע,“ טהיילוויוז אויסגעקויפט דיא זינד פון דער דייטשער נאציאן פאר דיא פערשקלאפונג און ערניעדערונג פון דיא אידען.“

אלס היסטאריקער און געזעץ־קענער האט דאהם אין גאנצען געלאזען אן א זייט דיא רעליגיעזע זייט פון דער פראגע און האט נאר געזוכט צו ברייננגען פאליטישע גרינדע, וואָרום עס איז ניצליך פאר יעדע רעגיערונג צו געבען בירגער־רעכטע צו אידען. ער האט זיך אויך געשטיצט אין זיין פערטהיידיגונג פון דיא אידען אויף איינפאכע געפיהלען פון מענשליכקייט.

ער האט זיך ניט בעגנוגענט מיט א געשיכטליכען איבערבליק אויף דער לאנגער געשיכטע און אויף דיא וויכטיגע לייסטונגען און ציוויליזאציאנס־ראלע פון אידישען פאלק אין אייראפא זייט דעם פאל פון דער רוימישער אימפעריע, זאנדערן האט אויך פארגע־שלאגען א פראגראם, וויא צו פערבעסערן דיא לאגע פון אידען. זיין ערשטע און וויכטיגסטע פאדערונג איז געווען, דאס מען זאל אידען בעוויליגען ג ל י י כ ע ר ע כ ט ע מיט אלע אנדערע בירגער.

אין אלגעמיין קען מען זאגען, אז דער עדעלמוטהיגער און פראקטישער דאהם האט אנגעצייגט דעם עמאנציפאציאנס־וועג, וועלכער איז צוערשט דורכגעשניטען געווארען אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן און וועלכער האט זיך נאכהער אויסגעצויגען איבער גאנץ וועסט־אייראפא.

וויא נאר דאהם'ס מערקווירדיגע שריפט איז אפגעדרוקט גע־ווארן אין 1781, זיינען דיא גייסטליכע און אלע, וואס זיינען געווען דורכגענומען מיט דיא פאראורטהיילע פון מיטעלאלטער געגען דיא אידען, ניט נאר ארויס געגען זיינע ארגומענטען און פאדערונגען, זאנדערן האבען איהם אויך פערלוימדעט, אז ער האט זיך איינפאך פערקויפט צו דיא אידען פאר א גרויסע סומע. נאר אין דיא אויפ־געקלערטע קרייזען האט דאהם'ס ביכעל ארויסגערופען סימפאטהיע צו אידען און אלץ א שטארקערע נייגונג זיי צו עמאנציפירען. מען

האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אינטערעסירען מיט דער אידישער פראַגע פון דער פּאָליטישער זייט, און אַלע עפּטער האָבען זיך געגוי־מען הערען שטימען, אַז מען דאַרף פערבעסערן דיא פּאָליטישע לאַגע פון אידישען פאָלק.

גראַדע אין דעם זעלבען יאָהר, ווען דאָהם'ס שריפט איז פער־עפענטליכט געוואָרען, האָט דער עסטרייכער קייזער יאָזעף דער צוויי־טער ארויסגעלאָזען זיינע בעריהמטע בעפעהלע צו גונסטען פון זיינע אידישע אונטערטהאַנען. מען האָט דאַרום בעטראַכטעט דאָהם'ס פּאָרשלעגע, וויא ראַדיקאַל זיי האָבען זיך פון ערשטען בליק ניט אויסגעדרוקט פיעלע וואָהלמיינענדע קריסטען, אַלס פּראַקטישע, וועלכע עס איז מעגליך מעהר אָדער וויינינער דורכצופיהרען אין יעדען ציוויליזירטען שטאַאט. אַכט יאָהר שפּעטער האָט דיא גרוי־סע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן מיט איין קלאַפּ אָפּגעהאַקט אַלע דים־פּוטען וועגען בירגערליכע רעכטע פאַר אידען און געצייגט אַלע אַנדערע פעלקער, וויא מען דאַרף עמאַנציפּירען דיא אידען.

מענדעלסאָהן האָט שוין ניט דערלעבט צו זעהען דיזע גליק־ליכערע צייט פאַר זיינע ברידער, ווען אידען אין פראַנקרייך זיינען אַנערקענט געוואָרען פאַר בירגער נאָך דער וועלט־איבערקעהרענדער „ערקלערונג פון מענשענרעכטע"; אָבער ער האָט דערצו פיעל מיט־געהאָלפען איינדירעקט, ניט נאָר דורך דאָה'ס פעדער, זאָנדערן אויך דורך דעם פיעל מעכטיגערען מויל פון איינעם פון דיא גרעסטע פיהרער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, פון אַזאַ ריזיגע פיגור אין דער וועלט־געשיכטע, וויא מ י ר א ב אָ איז געוועזען *) דיזער גלענצענדער שרייבער און נאָך גלענצענדערער רעדנער, וועל־בער איז זיין גאַנצען לעבען געשטאַנען אויף דער זייט פון דיא אונטערדריקטע געגען דיא אונטערדריקער, האָט קענען געלערנט מענדעלסאָהן'ען אין בערלין און האָט איהם זעהר הויך געשעצט אַלס אַ פילאָזאָף און קלוגען מאַן, וויא עס צייגט זיין וויכטיגע

*) זעה מיין „געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציאָן". ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייבראַרי פּובלי־שינג קאָמפּאַניע.

שריפט „איבער מאָזעס מענדעלססאָהן און איבער דיא פּאָליטישע רעפאָרם פון אידען,“ וועלכע איז ערשיענען אין 1787 און האָט געהאַט אַ זעהר גרויסע בעדייטונג פיר דיא פּאָליטישע עמאַנציפּאַציאָן פון אידען אין אייראָפּא.

מיראבאָ איז נאָך אין זיין פערטהיידיגונג געגאַנגען ענערגישער און ווייטער פאר דאָהם׳ען, וועמעס געדאַנקען ער האָט ענטוויקעלט. „אויב איהר ווילט דיא אידען זאָלען ווערען בעסערע מענשען און ניצליכע בירגער, האָט ער געשריעבען, דאן שאַפט אָפּ יעדען ערנידריגענדען אונטערשיעד, עפענט פאר זיי יעדען וועג צו מאַכען אַ לעבען. אַנשטאַט צו פערביטען זיי אַקערבוי, האַנדווערק און מעכאַנישע קונסטען, מונטערט זיי אויף צו דיזע בעשעפטיגונגען.“

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט מיראבאָ: „נור איין זאַך דאַרף מען בעקלאַגען, און דאַס איז, אַז אַזאַ הויך־בעגאַבטע נאַציאָן זאָל אַזוי לאַנג געהאַלטען ווערען אין אַ לאַגע, אין וועלכער עס איז אונמעגליך געוועזען צו ענטוויקלען איהרע קרעפטע. יעדער ווייט־זעהענדער מענש דאַרף זיך פרעהען מיט דער פערמעהרונג פון ניצליכע אידישע מיט־בירגער.“

ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט מיראבאָ פערטהיידיגען דיא אידען און אָנצייגען אויף זייערע פעהיגקייטען און ניצליכקייט. ער איז אויך אַרויסגעטראָטען געגען פראָפעסאָר מיכאַעליס און אַנדערע דייטשע אַנטיסעמיטען, וועלכע זיינען אַרוים מיט אַלע געוועהר פון מיטעלאַלטערליכען אַרסענאַל גלייך וויא דאָהם האָט פערעפענטליכט זיין בוך.

דיא ביטערע און שענדליכע אַטאַקעס פון פראָפעסאָר מיכאַעלים אויף אידען, פון דעם זעלבען געלעהרטען גייסטליכען, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין יודענהאַס, ווען לעססינג׳ס קאָמעדיע „דיא יודען“ איז ערשיענען, האָבען אויך געצוואונגען מענדעלססאָהן׳ען זיך צו נעהמען צו זיין גלענצענדער פעדער, אום צו פערטהיידיגען זיינע ברידער. דאַס האָט ער געטאָן אין דער „פאָררעדע“ צו רבי מנשה בן ישראל׳ס בוך „דיא רעטונג“, וואָס דאָקטאָר הערץ, איינער פון דיא וויכטיגסטע בערלינער משכילים,

האט איבערזעצט אין דייטש אויף זיין פארשלאג. אין דיזער „פאר־רעדע“ האט ער צוגלייך געענטפערט דיא געגנער פון אידען און אנגעצייגט, וויא אזוי מען קען אויספיהרען דיא עמאנציפאציאן פון אידען.

דיא געדאנקען, וועלכע מענדעלסאהן האט אין קורצען אויסגעדריקט אין דיזער „פאררעדע“ האבען איהם געפיהרט אנצושרייבען א בוך, אין וועלכען ער האט ענדליך ערקלערט זיינע מיינונגען איבער רעליגיאן און יודענטהום, וויא אויך איבער דיא בעציהונגען פון רעליגיאן צום שטאאט. דיזער בוך איז ערשיענען אין 1783 אונטער דעם נאמען: „ירושלים, אדער איבער דיא רעליגיעזע מאכט און יודענטהום“.

ע ל פ ט ע ר   ק א פ י ט ע ל.

דיא איבערזעצונג פון חומש און דיא פערפאסערם פון „ביאור“.

מענדעלסאָהן ווערט גערעכענט פאַר דעם פאָטער פון השכלה צווישען דייטשע אידען, פאַר דעם אויפוועקער פון א „דראנג נאָך בילדונג,“ און עס קען איבערהויפט קיין צווייפעל ניט זיין, דאָס ער האָט געהאט א טיפע ווירקונג אויף משכילים אין אָנפאנג פון 19-טען יאהרהונדערט; אָבער פון דער אנדער זייט קען מען אויך ניט לייקענען, דאָס זיין אנטהייל אין דעם אינערליכען קאמפף, דאָס הייסט אין דעם קאמפף צווישען דיא אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמירטע, צווישען דיא פאנאטיקער און משכילים, צווישען „פאָטערס און קינדער,“ איז געווען אייגענטליך אזוי אינדירעקט, וויא אין דעם אויסערליכען קאמפף, דאָס הייסט אין דעם קאמפף פיר פאָליטישע עמאנציפאציאָן.

זיינע דייטשע שריפטען, אפילו זיין „ירושלים“, האָבען נאָר געקענט ווירקען אויף א גאנץ קליינע צאָהל אידען, וואָס האָבען פערשטאנען דייטש און זיך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפישע פראַגען. צו דער אידישער מאסע איז ער ניט צוגעקומען און האָט ניט געזוכט צוצוקומען. מיר האָבען שוין געזעהען, דאָס אין דער „בענרעבענים-פראגע,“ ווען רבי יעקב הערשעל האָט איהם שארף אָנגעגריפען, האָט ער זיך צוריקגעהאלטען פון אַן אנטוואָרט, אום אויסצומיידען א שטרייט מיט דיא אלט-מאָדישע אָרטהאָדאָקסען. אזוי האָט ער זיך שטענדיג געהאלטען: ער איז זיך שטילערהייד געגאנגען זיין וועג און האָט געוואָרט אויף דיא אונפערמיידליכע ווירקונג פון דער צייט אויך אויף דיא פערפינסטערטע אידען פון דיא געטאָס. דירעקט איז ער יעדענפאלס ניט ארויס מיט צורופען צו אידען בכלל, אז זיי זאָלען זיך נעהמען צו אייראָפעאישע בילדונג און האָט ניט פראָפאגאנדירט זיינע אידעען אין העברעאיש, וויא זיינע שילער און איבערהויפט דיא זאַגענאנטע „מאספים“, און אפילו וויא

דער אמת פרומער און אמת בראוועד נפתלי הארטוויג וועססעלי (וויזעל) האבען עם געטאן.

זאגאר דיא איבערזעצונג פון דער ביבעל, זיין איינציגע ליטע־ראַרישע ארבייט, מיט וועלכער ער האט דערגרייכט ביז צו דער אידישער מאסע, האט ער אנגעפאנגען ניט מיט דעם הויכען צוועק, צו וועלכען זיא האט שליסליך געדינט, זאנדערן איינפאך, אום צו פערטייטשען דעם חומש פאר זיינע אייגענע קינדער. אלס פיינד פון דעם זשארגאן האט ער געוועלט, אז זיין זוהן יוסף זאל קענען איבערזעצען דיא ביבעל אין עכטע דייטש, און אום דאס בעסער אויסצופיהרען, האט ער פערשריעבען דיא איבערזעצטע קאפיטלעך.

האט ער דערביי אויך געדיינקט אפצודרוקען זיין איבערזעצונג, אום אנדערע אידישע קינדער זאלען זיך קענען דערמיט בענוצען? פיליכט, נאר יעדענפאלס האט ער גאר ניט געטאן, אום זיין איי־בערזעצונג צו פערעפענטליכען ביז שלמה דובנא האט איהם ניט אויפגעמונטערט דערצו. דיזער דובנא איז געווען אן ארימער פוילישער איד מיט א יאהר צעהן אינגער פאר מענדעלס־סאהן'ען. א לעבען האט ער געמאכט פון געבען שטונדען אין העב־רעאיש. ער איז געווען בעקאנט אלס גוטער בעל דקדוק און האט אויך געלערנט העבעראישע גראמאטיק מיט מענדעלססאהן'ס זוהן.

איינמאל האט איהם מענדעלססאהן געצייגט דיא איבערזעצונג פון חומש, אום צו הערען זיין מיינונג. דיא איבערזעצונג איז דובנא'ן אזוי געפעהלען געווארן, אז ער איז צוגעשטאנען צו מענ־דעלססאהן'ען, צו לאזען איהר אבצודרוקען צום נוצען פון דער אי־דישער יוגענד. מענדעלססאהן האט אנגענומען דעם פארשלאג, נאר מיט דער בעדינגונג, אז דובנא זאל גרינדליך דורכזעהען, אויב דיא איבערזעצונג שטימט ריכטיג מיט דעם אריגינאל און מיט דיא ערקלערונגען פון דיא בעסטע קאמענטאטארס, און זאל אויך געבען וועגען דעם ערקלערענדע בעמערקונגען. דובנא האט עס גערן גע־נומען אויף זיך. צוזאמען מיט מענדעלססאהן'ס ברודער, וועלכער איז אויך געווען אן ארים־מאן, האט ער געזאלט מאכען דיא קארעק־טור און אויפפאסען אויף דעם דרוק.

מענדעלססאהן האט זיך אבגעזאגט פון יעדער בעלוינונג פאר

זיין ארבייט. דיא פערדינסטען פון דער אונטערנעהמונג האבען געזאלט צוטהיילט ווערן צווישען דובנא און מענדעלסזאהן'ס ברודער. מענדעלסזאהן האט זאגאר ניט געוועלט, אז דיא איבער־זעצונג זאל טראגען זיין נאמען, אבער דובנא האט עס פון איהם פערלאנגט, אום צו קענען בעסער פערקויפען דאס ווערק.

אזוי איז ענטשטאנדען דיא בעריהמטע איבערזעצונג פון חומש מיט דעם „באור", וועלכע האבען געהאט אזא אונגעהייערע בעדיי־טונג פאר דיא השכלה, פאר דיא אויפקלערונג פון דייטשע און פוילישע אידען.

מענדעלסזאהן האט אנפאנגס אליין ניט פערשטאנען, וואס פאר אן אונגעהייער וויכטיגע אונטערנעהמונג דאס איז געווען צו דרוקען מיט פערנינפטיגע בעמערקונגען דיא דייטשע איבערזעצונג פון חומש, וועלכע ער האט געמאכט פאר זיינע קינדער. נאר דיא אלץ גרעסערע פיינדליכע געשרייען פון דיא פערביסענע ארטהאדאקסען האבען איהם און זיינע מיטארבייטער באלד געוויזען, אז דיא אי־בערזעצונג איז ניט בלויז ניצליך פיר דעם אונטעררינכט פון דער אידישער יוגענד אין העברעאיש און דייטש, זאנדערן אויך נויט־וועגדיג פיר דיא אויפקלערונג און בעלעהרונג פון דערוואקסענע אידען. „מיין מיינונג איז ביז יעצט געווען", האט ער געשריעבען, „דאס ווען דיא איבערזעצונג וועט אנגענומען ווערן פון אלע אידען אהן ווידערשטאנד, איז זיא איבערפליסיג. וואס מעהר אבער דיא זאגענאנטע חכמים טרעטען ארויס געגען, אלץ נויטוועגדיגער ווערט זיא. איך האב איהר אנפאנגס געמאכט נור פאר דעם פראסטען איד, יעצט געפין איך, אז זיא איז נאך פיעל נויטוועגדיגער פאר דיא ראבינער . . ."

אייניגע פון דיא געגנער, בעזאנדערס דעם שוין דערמאנטען רבי יעקב הערשעל, וועלכער האט געדונערט געגען דיא „אפיקורסי־שע" איבערזעצונג און געגען דיא גאנצע „גאטלאזע" אונטערנעה־מונג, האט מענדעלסזאהן געקענט לייכט איינשטילען דורך דיא וועלטליכע מאכט פון זיינע קריסטליכע פריינד און פערעהרער. אין פראג, פירטה און אלטאנא האבען דיא רבנים גלייך ארויסגעלייגט א חרם אויף דיא איבערזעצונג, און מענדעלסזאהן'ס פריינד האבען

געוועלט ענטפערן מיט געוואלט אויף דיזע אטאקעס און זיך ווענדען צו דער הילפע פון אויפגעקלערטע רעגיערונגס-בעאמטע; אבער ער האט זיי שטענדיג אויפגעפאָדערט צו האלטען זיך רוהיג און אויף קיין פאל ניט צו געברויכען מסירות און רדיפות. וועגען זיך זעלבסט האט ער געשריעבען, אז „קיין פאנאטיקער זאל עס ניט לייכט אנקומען צו ברייגנען מיין קאלטע בלוט אין בעוועגונג; איך בעטראכט דאס שפיעל פון מענשליכע ליידענשאפטען וויא א נאַטור-ערשיינונג.“ אין אן אנדער בריעף בעמערקט ער: „מען מוז זיין אזא פערהארטעוועטער קעמפפער וויא לעססינג, אום פון זיי (דיא גייסטליכע) אויסצוהאלטען. איך וואלט אבער גיכער געוועזען געדולדיג און פעסט גענוג צו יאגען פון מיין הויט א גאנצען שטאַק פון צורייצטע בינען, וויא דיזע שטרייטזיכטיגע פריעדענס-פער-קינדער.“

עס וואלט גענוג געוועזען איין ווארט צו זאגען א מיניסטער פון קייזער יאזעף, וועלכער האט דאן פערפענטליכט זיין טאָלעראנץ-געזעץ, אום דער פערביסענער פראגער רב זאל אביסעל איינהאלטען זיין גרימצארן; אבער מענדעלססאהן האט אויף קיין פאל ניט געוועלט געברויכען אזעלכע מיטעל. זיין פריינד הענ-נינגס, א שטאאטס-ראטה פון דענעמארק, האט ער זאגאר געבע-טען ניט אנצונעהמען זיך פאר איהם געגען דעם רבי יעקב הערשעל פון אלטאנא, זיין ביטערסטען געגנער. נאר ענדליך, אום איינצושטי-לען דיזען פאנאטיקער, איז מענדעלססאהן געפאלען אויף דעם קלוגען פלאן אויסצופיהרען דורך דעם שטאאטס-ראטה הענינגס, אז דער קעניג פון דענעמארק זעלבסט זאל זיך אבאנירען אויף דיא גאנצע איבערזעצונג. דאס האט ער לייכט גע'פועל'ט. דיא פרינ-צען און איינינע גרויסע אריסטאקראטען פון דענעמארק האבען גע-פאלגט דעם ביישפיעל פון זייער קעניג, און ווען דער רב פון אל-טאנא האט דאס דערהערט, האט ער ווירקליך איינגעהאלטען דעם צונג צווישען דיא צייהנער.

עס האבען זיך אויך געפונען רבנים, וועלכע האבען געהאלטען דיא אונטערנעהמונג פאר א זעהר ניצליכע, וויינינגסטענס אלס א גוטען מיטעל צו פערשפרייטען דיא דייטשע שפראך צווישען אי-

דען. פון פיעלע לענדער, אפילו פון פוילען, וואו דער חסידיזמוס האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט, זיינען אנגעקומען בעגריסונגען און בעשטעלונגען, וואס עס האט פערשאפט פיעל פרייד מענדעלס־סאהנען און זיינע מיטארבייטער און אונטערשטיצער.

דיא ארבייט איז אבער צוגעגאנגען גאנץ לאנגזאם. דאס איז געקומען דערפון, וואס דובנא האט זיך לײדער אבגעזאגט פארטצו־זעצען זיין פירוש. צווישען איהם און מענדעלססאהנען איז עפעס פארגעקומען, דען זאנסט וואלט דובנא, וועלכער האט אזוי פיעל געלייסטעט פאר דיא גרויסע און שווערע אונטערנעהמונג גאנצע 4 יאהר, זיך ניט צוריקגעצויגען. מענדעלססאהן האט עפענטליך ערקלערט, אז ער ווייס ניט, ווארום דער געלעהרטער פוילישער איד האט איהם פערלאזען. מען רעכענט, אז ער איז אין כעס געוואָרען, ווייל מענדעלססאהן האט זיך ענטזאגט צוליעב מאנגעל אין געלט צו דרוקען זיין צו לאנגע הקדמה צום צווייטען בוך פון חומש.

יעדענפאלס האט דאן מענדעלססאהן געמוזט שרייבען אויף דעם „ביאור", אבער ער איז געוועזען צו שוואך אלעס אליין צו טאן. ער האט קוים אנגעשריעבען דעם ביאור אויף שמות, בע־נוצענדיג זיך טהיילוויז מיט דובנא'ס איבערגעבליבענע בעמערקונ־גען. אבער גליקליכערוויזע האט ער געפונען א מיטהעלפער אין אזא וויכטיגען, ערלען און הויך־געבילדעטען מאן וויא נפתלי הארטוויג וועססעלי (וויזעל). ער איז געוועזען עלטער פאר מענדעלס־סאהנען, אבער האט נאך בעזעסען דעם מוטה און פייער פון א יונגען מאן. אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געוועזען זעהר רייך. א גשווסע צייט איז ער געוועזען א באנקיר אין קאפענהאגען; אבער ער האט פערלארען זיין גאנצען פערמעגען דורך דעם באנקראט פון אייניגע קויפלייטע און ער איז געוואָרען אזוי ארים, אז אין בער־לין, וואו ער האט זיך בעזעצט אין 1774, האט ער איינפאך גע־הונגערט מיט זיין פאמיליע. ער איז געוואהנט געוועזען צו שטיצען אנדערע און האט געליטען, פערבארגענדיג זיין ביטערע ארמוטה וויא וויים ער האט עס געקענט.

דיעזער וועססעלי איז בעוואוסט געוועזען ניט נאר אלס שפראך־

קענער און אויסגעצייכענטער העברעאישער שרייבער, זאָנדערן אויך אַלס אַן עכט אָרטהאָדאָקסישער און אויפריכטיג פרומער מאַן. מענדעלסזאָהן האָט געהאָפט, אַז וועןעם וועט ערקלערט ווערן, דאָס וועסעלי שרייבט דעם „ביאור", וועלען דיא געגנער אויפהערען זייערע אטאַקעס; נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט. וועסעלי האָט גראַדע ארויפגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון אַלע פערבלענדעטע אָרטהאָדאָקסען מיט זיין עדעלמוטהיגע שריפט: „ווערטער פון פריעדען און וואהרהייט" אין 1782 צו אַלע אידישע קהילות אין עסטרייך, אַז זיי זאָלען זיך ניט שרעקען פאַר דיא רעפאָרמען פון קייזער יאָזעף און זאָלען לאָזען ערציהען זייערע קינדער אין שולען אויף אַן אייראָפּעאישען שטייגער. ער אַליין איז געוועזען עכט אייראָפּעאיש געבילדעט און איז געבליבען אַ גאַנץ פרומער איד — וואָרום זאָל עס ניט זיין מיט אַנדערע אידען? ווארום זאָלען זיי דוקא ווערן אַפּיקורסים? נאָר דיא עסטרייכער אידען, בעזאָנדערס דיא גאַליציאַנער, צווישען וועלכע דער חסידיזמוס האָט זיך אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, זיינען געוועזען אין פערצווייפלונג דורך דעם קייזער'ס רעפאָרמען, בעזאָנדערס דורך זיין בעפעהל צו ערציהען זייערע קינדער אין פאָלקסשולען. אין זייער פערבלענדעניש האָבען זיי געמיינט, אַז מען וויל זיי איינפאַך אויף דיעזען וועג פיהרען צום שמד. וועסעלי אָבער, אָבוואָהל ער איז געוועזען ניט וויניגער פרום וויא דיעזע פערפינסטערטע אידען, איז געוועזען בעגייסטערט פאַר דעם קייזער'ס רעפאָרמען און האָט היים געוואונשען, דאָס אידען זאָלען געניסען אַן אייראָפּעאישע בילדונג.

אין זיינע „ווערטער פון פריעדען און וואהרהייט" האָט ער געזוכט צו צייגען דיא נוצען פון בילדונג און האָט זאָגאַר ערקלערט, אַז מען מוז שטודירען וואָס מעהר וויסענשאַפטען, אום צו קענען ריכטיג פערשטיין דיא אידישע תורה. אָבער דאָס איז געוועזען וויא אַ קול אין דער מדבר. דיא עסטרייכער אידען האָבען איהם איינפאַך פערשאָלטען, ווייל ער האָט אונטערשטיצט דעם קייזער'ס רעפאָרמען. אַפילו אין טאָלעראַנטען בערלין האָט דיעזער מוטהיגער אַלטער מאַן געליטען פאַר זיינע מיינונגען. מען וואָלט איהם זאָגאַר אויסגעוויזען פון דער בערלינער קהלה, ווען מענדעלסזאָהן

און בעזאָנדערס דער פּרייסישער מיניסטער פאָן צעדליץ וואָלטען זיך פאַר איהם ניט אָנגענומען.

דערפאַר האָט ער געהאַט דעם טרויסט, דאָס זיין צורוף האָט געפונען אַ סימפּאַטישען אָפּקלאַנג ביי די איטאַליענישע אידען, וועלכע זיינען קיין מאָל ניט אַזוי ניעדריג געזונקען וויא די דייטשע און פּוילישע.

נאָר ער האָט אויך ניט געקענט ענדיגען דעם קאָמענטאַר, און מענדעלסזאָהן האָט זיך געמוזט ווענדען צו דער הילפע פון א ה ר ן י א ר אָ ס ל א ו ו, וועלכער האָט אָנגעשריעבען דעם „ביאור“ צוּם פערטען בוך, און צו ה ע ר ץ ה אָ מ ב ע ר ג, וועלכער האָט אָנגעשריעבען דעם „ביאור“ צום פינפטען בוך. די מיטווירקונג פון הערץ האָמבערג האָט ניט ווייניג אויפגערייצט די אָרטהאָדאָקסען געגען די גאַנצע איבערזעצונג, ווייל מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַן אפּיקורוס צוליעב זיין טהעטיגקייט אין דער דורכפיהרונג פון קייזער יאָזעף׳ס רעפאָרמען.

דאָס גאַנצע ווערק איז געענדיגט געוואָרען אין 1783, מיט דריי יאָהר פאַר מענדעלסזאָהן׳ס טויט, און האָט מעכטיג געווירקט פיר די אויפקלערונג און בילדונג פון דער אידישער יוגענד, וועלכע האָט געשלונגען יעדען וואָרט פון „ביאור“ טראָץ אַלע פערפאָלגונגען פון די פערביסענע אָרטהאָדאָקסען.

„פערבאָטענע פרוכטען זיינען זיס“, שרייבט גרעטץ וועגען די ווירקונג פון דער איבערזעצונג. ישיבה בחורים האָבען זשעדנע שטודירט די דייטשע איבערזעצונג הינטער די פּלייצעס פון זייערע תלמודישע לעהרערס, וועלכע האָבען עס בעטראַכט פאַר אַן אפּיקורסות, און האָבען אַזוי אין געהיים געלערנט צוגלייך די דייטשע שפּראַך און די פילאָזאָפיע פון רעליגיאָן, העבּרעאישע גראַמאַטיק און פּאָעזיע. אַ נייע וועלט האָט זיך געעפענט פאַר זיי. דער העבּרעאישער פּירוש האָט געדיענט אַלס וועגווייזער ריכטיג צו פערשטיין די איבערזעצונג. אַזוי וויא דורך אַ צויבער זיינען די לערנערס פון תלמוד, די ישיבה־בחורים, אומגעוואַנדעלט געוואָרען, און אויף די פליגלען פון פערנונפט האָבען זיי געשוועבט איבער די צרות אַרום און האָבען דערלאַנגט אַ פּליה אין

דער הויף צו דיא הימלען. אן אונערזעטליכער וואונש נאך קענט־
נים האט זיי אנגעכאפט. טויזענדער פון דיא גרויסע ישיבות אין
פראג, פראנקפורט, פירטה, האמבורג און אפילו פון פוילען זיי־
נען געווארען קליינע מענדעלסזאהנס, פיעלע פון זיי טיעפע דענ־
קערם. דורך זיי איז דער יודאאיזמוס אפגעפרישט און אינגער גע־
ווארען. אלע דיא יעניגע, וועלכע האבען צו ענדע פון אכטצענטען
יאהרהונדערט אנטהייל גענומען אויף פערשיעדענע וועגען אין
עפענטליכען לעבען, זיינען ביז א געוויסע צייט פון זייער לעבען
געוועזן איינזייטיגע תלמודיסטען. זיי האבען נאר געדארפט האבען
דעם אויפמונטערנדען בייספיעל פון מענדעלסזאהן, אום צו ווערן
דיא פערשפרייטערם פון השכלה און קולטור צווישען זייערע ברי־
דער. אין א גאנץ קורצער צייט זיינען אויפגעקומען א סך אידישע
פערפאסער, וועלכע האבען געשריעבען אין א פיינע דייטשער אדער
העברעאישער שפראך איבער זאכען, פון וועלכע זיי האבען פרי־
הער גאר ניט געוואוסט. מענדעלסזאהן׳ס איבערזעצונג האט שנעל
געפיהרט צו א וואהרע רענעסאנס (ווידערגעבורט, אויפלעבונג)
פון אידען.“

צוועלפטער קאפיטעל.

„ירושלים“.

זיינע רעליגיעזע און פאליטישע מיינונגען האט מענדעלסאהן אויסגעדריקט אין דעם אויבען־דערמאנטען בוך „ירושלים, אדער איבער רעליגיעזע מאכט און יודענטהום“. דאס איז א טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט, אבער וואס פאר א הימעלווייטער אונטערשיעד פון ספינאזא'ס וועלט־בעריהמטען „טעאלאגיש־פאליטישען טראקטאט“! ניט צו קריטיקירען אפילו א בוכשטאב פון דער ביבעל, ניט אויסצודריקען אירגענד וועלכען צווייפעל איז געווען מענדעלסאהן'ס צוועק, זאנדערן צו ערקלערען דעם כאראקטער פון דער אידישער רעליגיאן און צו בעשטימען דיא בעציהונגען פון שטאאט צו רעליגיאן אין אלגעמיין.

עס איז שוין דאמאלס ניט געווען א נייעס צו פערלאנגען דיא פרייהייט פון געוויסען, טאלעראנץ און אן אבטהיילונג פון שטאאט און קירכע — פארדערונגען וועלכע זיינען יעצט מעהר אדער ווייניגער אויסגעפיהרט געווארען אין אלע ציוויליזירטע לענדער. נאר מענדעלסאהן האט אזוי אפען און קלאר געשטעלט דיעזע פארדערונגען אין פערבינדונג מיט דער עמאנציפאציאן פון אידען, אז דאס האט אנגעמאכט א רושם אין דער וועלט.

„שטאאט און קירכע — בירגערליכע און גייסטליכע פערפאסונג — דיעזע שטיצען פון געזעלשאפטליכען לעבען, האט ער געשריעבען, דארף מען אזוי שטעלען, אז זיי זאלען דיא וואג האלטען און זאלען ניט ווערן לאסטען פון געזעלשאפטליכען לעבען און ניט דריקען דעם גרונד שטארקער, וויא זיי קענען עס טראגען“. אום אויסצוגעפינען דיעזען לאנג געזוכטען גלייכגעוויכט צווישען שטאאט און קירכע, האט ער פרובירט געבען זייערע פילאזאפישע גרינדען.

נאך זיין מיינונג, האבען ביידע דעם צוועק אנצוהאלטען דיא

מענשליכע גליקזעליגקייט אין דיזער און יענער וועלט. ביידע ווירקען אויף דעם לעבען, מיינונגען און האנדלונגען פון מענשען, נאר דער שטאאט האט צו טאן מיט דיא פערהעלטניסע צווישען מענש און מענש, און דיא רעליגיאן מיט דיא פערהעלטניסע צווי־שען מענש און גאט. נאכהער פיהרט ער אויס, דאס וועהרענד דער שטאאט קען זיך ניט בעגיין אהן צוואנגס־מיטעל, דארף דיא רעליגיאן דאס ניט טאן.

„ווען מענשען בעזיצען ניט דעם אינערן ווערטה פון געזעכ־טיגקייט, ערקלערט ער, דאן ווערט דיא אונגערעכטיגקייט בע־שרענקט, דער בעטרוג בעשטראפט; אבער נאך אלעם בעגנוגענט זיך דער שטאאט מיט טויטע האנדלונגען, מיט ווערק אהן גייסט, מיט איבעראיינשטימונג אין טהאן אהן איבעראיינשטימונג אין גע־דאנקען . . . דיא רעליגיאן, דאגעגען, ווייס ניט פון קיין צוואנג, זיא ווירקט נאר אויף גייסט און הערץ. זיא טרייבט ניט מיט אן אייזערנעם שטעקען, זיא לייטעט מיט ליעבע. . . איהרע וואפען זיינען גרינדע, איהר מאכט — דיא געטליכע קראפט פון וואהר־הייט . . .“ ער קומט דארום צום שלוס, אז דער שטאאט דארף בלייבען אבגעזונדערט פון דער קירכע, אז דער שטאאט האט יעדענ־פאלס קיין רעכט ניט אוועקצונעהמען ביי אירגענד וועלכען מענש זיינע בירגערליכע רעכטע צוליעב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען.

ריידענדיג ווייטער וועגען דיא מאכט פון דער קירכע אדער איבערהויפט פון דער פארמעלער רעליגיאן פארדערט ער פאל־שטענדיגע טאלעראנץ. ער טרעט ארויס אלס אנהענגער פון דער נאטירליכער רעליגיאן, אלס ראציאנאליסט. „דיא וואהרע געט־ליכע רעליגיאן, זאגט ער, פארדערט ניט געוואלט איבער מיינונגען און אורטהיילע, גיבט ניט און פערלאנגט ניט קיינע ערדישע גי־טער, קיין רעכט אויף גענוס, בעזיץ און אייגענטהום; זיא קען ניט קיין אנדערע מאכט אויסער דיא מאכט צו געווינען דורך גרינדע, צו איבערצייגען און דורך איבערצייגונגען גליקליך צו מאכען. דיא וואהרע געטליכע רעליגיאן דארף ניט קיין יד חזקה, זיא איז לויטער גייסט און הערץ.“

מיט היץ און מוטה פראטעסטירט ער געגען רעליגיעזע פער־

פאָלגונגען, געגען אויסשליסונגען און חרם׳ס. צו דיא אידען ווענ־דעט ער זיך מיט פאָלגענדע ריהרענדע ווערטער: „אך, מיינע ברידער! איהר האָט צו שמערצליך געפיהלט דעם דריקענדען יאָך פון אינטאָלעראַנץ, און פילייכט האָט איהר גערעכענט צו געפֿי־נען אַ געוויסע בעפרידיגונג אין געברויכען אייער מאַכט אַרויפֿצו־דריקען אַ שווערען יאָך אויף אייערע ברידער. דיא ראַכע זוכט איהר געגענשטאַנד, און ווען זיא קען ניט אַנדערע איינבייסען, זאָ צופט זיא איהר אייגענע פלייש. פיליכט האָט איהר זיך אויך געלאָזען פערפיהרען פון דעם אַלגעמיינען ביישפיעל. אַלע פעל־קער אויף דער ערד זיינען ביז יעצט געווען פערנאַרט און פערפידרט פון דעם אונזין, אַז רעליגיאָן קען מען נאָר אויפהאַלטען דורך אַן אייזערנע מאַכט, אַז דיא לעהרען פון זעליגקייט קען מען נאָר פער־שפרייטען דורך אונזעליגע פערפאָלגונגען, אַז וואַהרע בעגריפע פון גאָט, וועלכער איז, נאָך אונזער געשטענדניס, דיא ליעבע, קען מען נאָר איבערגעבען דורך דיא ווירקונג פון האַס. איהר האָט זיך פיעלייכט געלאָזען פערפיהרען דאס זעלבע צו גלויבען, און דיא מאַכט צו פערפאָלגען איז ביי אייך געווען דאס וויכטיגע פאָררעכט, וואס אייערע פערפאָלגער האָבען אייך איבערגעלאָזען. דאַנקט דעם גאָט פון אייערע אבות, דאַנקט דעם גאָט, וועלכער איז דיא ליעבע און באַרמהערציגקייט, וואס דיעזער אונזין שיינט אַלץ קלענער צו ווערן. דיא נאַציאָנען דולדען און פערטראָגען זיך און לאָזען אויך אַרויסצייגען ליעבע און שוינונג צו אייך.... אַה, מיינע ברידער, פאָלגט יעצט דעם ביישפיעל פון ליעבע אזוי וויא איהר האָט ביז יעצט געפאָלגט דעם ביישפיעל פון האַס! אָטהעמט איין דיא טוגענד פון נאַציאָנען, וואס זייער אונטוגענד האָט איהר ביז יעצט נאָכגעאַהמט. ווילט איהר גערולעט ווערן פון אַנדערע, זאָ דולדעט אייך צווישען זיך! ליעבט, וועט איהר גע־ליעבט ווערן!“

ערהאַבענע ווערטער, וועלכע האָבען לײדער גאַנץ ווייניג וויר־קונג געהאַט אויף דיא אידען שוין איינפאַך צוליעב דעם, ווייל זיי האָבען דעם בוך ניט געלעזען און אפילו ניט געקענט פערשטיין. דיא צייטען פון אבסאָלוטע טאָלעראַנץ, פון וועלכער מענדעלסזאָהן

האט געטרוימט, זיינען נאך ביז יעצט ניט געקומען. עס וועלען נאך פערגעהן יאהרען און יאהרען ביז מענשען וועלען אין רעליגיעזע זאכען זיין טאלעראנט ניט מיט'ן מויל, זאנדערן מיט'ן גאנצען הארצען.

נאר אין זיין אבהאנדלונג איבער דיא אידישע רעליגיאן איז ער געקומען צו שליסע, וועלכע מען האט גאר ניט געקענט ערווארטען פון איהם אלס אנהענגער פון דער נאטירליכער רעליגיאן. גראדע וויא לעססינג און פיעלע אנדערע פון זיין צייט האט ער געגלויבט אין דער זאגענאנטער „פערנונפט־רעליגיאן", וועלכע זאל זיין איינגעבארען ביי אלע מענשען און וועלכע דארף דיענען אלעמען, קריסטען, מאהאמעדאנער, אידען און זאגאר געצענדיענערס, אלס וועגווייזערין אין לעבען. דיא אנהענגער פון דער נאטירליכער רעליגיאן אדער, וויא מען האט זיי אויך גערופען, ראציאנאליסטען האבען בעהויפטעט, אז דער גלויבען אין א גאט און אין א צוקינפטיגע וועלט איז ניט בלויז דער גרונד פון רעליגיאן און איין איינגעבארענער געפיהל ביי מענשען, זאנדערן אויך א נויטהווענדיגקייט פיר דעם מענשליכען לעבען אויף דעם גרונד פון פערנונפט.

דאס האט נאטירליך גאר ניט געשטימט מיט דער אידיש־קריסטליכער לעהרע וועגען א ספּעציעלע געטליכע ענטפלעקונג, וועגען דיא הייליגקייט פון דער ביבעל. ווען רעליגיאן זאל זיין בעגרינדעט אויף פערנונפט, ווען, וויא מענדעלססאהן ערקלעהרט, אז „ער קען ניט קיין אנדערע וואהרהייט, וועלכע איז ניט בעגרייפליך פאר די מענשליכע פערנונפט, און אין בעצוג אויף לעהרע און מיינונג קען ער קיין אנדערע איבערצייגונג וויא נאר דורך פערנונפט־גרינדע"—טא וויא שטימט עס מיט אירגענד וועלכע פארמעלע רעליגיאן, מיט דיא הייליגע ביכער, מיט דער געטליכער אפענבארונג דורך נביאים און איבערהויפט מיט דעם יודענטהום?

דיא אידען, וויא געזאגט, האבען זיין „ירושלים" דאן ניט געלעזען, זא דאס דיא אידישע רבנים האבען איהם צוליעב דעם צו רוהע געלאזען, נאר דערפאר האבען דיא קריסטליכע טעאלאגען איהם זעהר העפטיג אנגעגריפען. זיי האבען געפונען, אז ער טרעט איינפאך ארויס געגען דיא ביבעל זעלבסט, געגען דיא ענטפלעקטע

רעליגיאָן, וויא זיא איז בעגרינדעט אויף דיא היילינע ביכער, און מען מוז צוגעבען, אז אין דיזען פאַל האָבען זיי רעכט געהאַט, דען דיא נאַטירליכע רעליגיאָן איז איינפאַך אַן איינבילדונג, דען גלויבען שטימט ניט מיט פערנונפט און יעדענפאַלס קען רעליגיאָן ניט בעגרינדעט ווערן אויף פילאָזאָפיע, נאָר אויף אמונה.

וויא אַזוי אָבער, פרעגט זיך, האָט מענדעלססאָהן דער ראַציאָנאַליסט געקענט שטימען מיט מענדעלססאָהן דעם אידישען אָרטהאָדאָקס? וויא אַזוי האָט ער איבערהויפט געקענט בלייבען צוגלייך אויף דעם באָדען פון דער נאַטירליכער און פון דער אידישער רעליגיאָן אָהן אַ ווידערשפּרוך מיט זיך זעלבסט? ער האָט זיך ארויסגעדרעהט פון דיזען ווידערשפרוך מיט אַ געקינצעלטער חקירה, מיט דער אונבעגרינדעטער בעהויפּטונג, אַז „אין יודענטהום גיבט עס קיין קאַמפף צווישען רעליגיאָן און פערנונפט“. ער איז אַזוי וויים פערקראָכען אין זיין ברייטען פילאָזאָפישען בליק אויף דער אידישער רעליגיאָן, אַז ער האָט גאָר געלייקענט, דאָס זיא איז אַ געאָפּענבאַרטע (ענטפּלעקטע) רעליגיאָן. ווען משה האָט נאָך דיא נסים אויף דעם בארג סיני געגעבען דיא אידען דיא געזעצע, וועלכע זיינען פערצייכענט אין דער ביבעל, האָבען זיי, דיא אידען, שוין איינגענטליך, נאָך זיין מיינונג, געהאַט דיא נאַטירליכע רעליגיאָן!...

„דאָס יודענטהום וויים פון קיין געאָפענבארטע רעליגיאָן אין דעם זינען, וויא דיא קריסטען פערשטעהען עס, בעהויפטעט ער; דאָס יודענטהום האָט קיינע לעהרמיינונגען, קיינע רעטונגס-וואַהרהייטען, קיינע אַלגעמיינע פערנונפט-זעצע. דאָס האָט דער איי־ביגער געאָפענבארט דיא אידען וויא אַלע איבעריגע מענשען דורך נאַטור און זאַכע, אָבער נימאַלס דורך וואָרט און שריפט.... דיא שטימע, וועלכע האָט זיך געלאָזט הערען אין יענעם גרויסען טאָג אויף דעם בארג סיני, האָט ניט אויסגערופען: „איך בין דער אייביגער, דיין גאָט! דאָס נויטוועגדיגע, זעלבסטפערשטענדיגע וועזען, וואָס איז אַלמעכטיג און אַלוויסענד, וואָס בעלוינט דיא מענשען אין אַ צוקינפטיגען לעבען נאָך זייערע מעשים“. דאָס איז אַלגעמיינע מענשענרעליגיאָן, ניט יודענטהום, און אַלגעמיינע מענשענרעליגיאָן, אָהן וועלכע מענשען קענען ניט זיין מור־

נענדהאפט און גליקזעליג, האט דארט ניט בעדארפט געאָ־ פענבארט ווערן".

אום צו פערשטיין, וויא מענדעלסאָהן איז געקומען צו אזעלכע בעהויפטונגען, וועלכע זיינען פאלשטענדיג אין ווידערשפרוך מיט דער געשיכטע פון רעליגיאָנען און איבערהויפט מיט דער קולטור־ געשיכטע און מיט דער עוואָלוציאָנס (ענטוויקלונגס)-לעהרע — דיא אמת'ע פילאָזאָפיע פון אונזער מאטעריאליסטישער צייט — אום דאס צו פערשטיין, דארף מען וויסען, אז ער איז געוועזן אן אנהענגער פון לייבניץ'ס מעטאפיזישער פילאָזאָפיע מיט איהרע מאָנאדען, איי־ בינע וואהרהייטען און „פראויסבעשטימטע הארמאָניע". דיא בע־ גריפע פון א גאט, פון זיין הערשאפט איבער דיזע און יענע וועלט זיינען גערעכענט געווען אלס פונדאמענטאלע אייביגע וואהר־ הייטען. מען האט עס געהאלטען פאר דיא גייסטיגע נאטור פון מענשען, פאר איינגעבאָרענע געפיהלען און געדאנקען. ארום דעם האט זיך געדרעהט דיא גאנצע לעהרע פון לייבניץ'ס הארמאָניע, אן וועלכער מענדעלסאָהן האט זיך פעסט געהאלטען ביז זיין טויט.

אלס אייביגע וואהרהייטען האבען זיי נאטירליך ניט געקענט זיין עטוואס אנדערס גראדע פיר אידען, דארום איז מענדעלסאָהנען קיין אנדער ברירה ניט געבליבען, וויא צו ערקלערן, אז דיא אידישע רעליגיאָן איז קיין אָפענבארונג, וויא וויית זיא דריקט אוים דאס, וואס ער האט פערשטאנען אונטער נאטירליכע רעליגיאָן. נאָר אויב ער וואָלט דערביי געבליבען, וואָלט עס דאָך געהייסען, אז ער ענטזאגט זיך פון דער אידישער רעליגיאָן און אז זיא איז אי־ בערהויפט אן איינגערעדעטע זאך. ער איז אָבער דאָך געוועזן אן אָרטהאָדאָקסישער איד און האט יעדענפאלס אָבגעהיט אלע פאָר־ שריפטען פון דער אידישער רעליגיאָן, וויא זיא ווערט פראקטיצירט אין דער ווירקליכקייט אָהן שום פילאָזאָפיע, איינפאך אלס אמונה אין פערבינדונג מיט טראדיציאָנען (קבלה, מסורה). וויא האט ער עס געקענט זיין? איינפאך דורך א בעהויפטונג, אז גאט האט ענטפלעקט ספעציעלע געזעצע דורך משה'ן פאר זיין ערוועהלטעס פאָלק, אז יודענטהום איז גאָר אן „ענטפלעקטע געזעצגעבונג"!....

וואס דיא מענשען ברויכען אלס מענשען, האט ער געזאגט, האט

גאט אלעמען געגעבען, אבער וואס זיי געברויכען אלס געוויסע מענשען, האט ער נור געוויסע מענשען געגעבען". דיא אידען האט גאט אויסגעקליבען אלס „געוויסע מענשען" און זיי געגעבען א גאנצען פעקעל מיט ספעציעלע געזעצע. ווארום? דאס ערקלעהרט אונז ניט מענדעלסאהן דער ראציאנאליסט, דא בלייבט ער א בלינדער גלויבענדער. אזוי איז עס, אזוי האט גאט געוואלט, און פרעג קיין קשיות ניט און גלויב.

און מענדעלסאהן האט טאקע דארום געהאלטען, אז דאס יודענטהום בעשטעהט נאר אין א שטרענגער אבהיטונג פון אלע געבאטען, וויא ווייט זיי זאלען ניט שטימען מיט דער פערנונפט. פון דער אידישער רעליגיאן אלס, זא צו זאגען, א סיסטעם פון גלויבען, האט ער געמאכט א סיסטעם פון גאטעס-דיענסט, פון געבאטען און צערעמאניעס. „קיינע ספעציעלע דאגמען, אפילו ניט „אני מאמין'ס" האט דיא אידישע רעליגיאן, זאנדערן נאר געזעצע, געברויכע, לעבענסרעגעלן און האנדלונגען"...

טרוקענע פארשריפטען, וויא תלמודיסטען און רבנים האבען זיי בעשטימט, דער שולחן ערוך—דאס איז אלזא, נאך מענדעלסאהנען, דיא קווינטעסענץ פון דער גאנצער אידישער רעליגיאן, וועלכע ווערט גערעכענט אלס דיא ערשטע מאנאטעאיסטישע און אלס דיא מוטער פון קריסטענטהום און מאהאמעדאניזמוס! וואס פאר אן ערניעדריגונג פיר דיזע רעליגיאן! וואס פאר א מייזעלע פון דעם גאנצען בארג סיני! און ווער האט עס געטאהן? א דענקער, וואס האט געוואלט פערהערליכען און שטעלען דעם יודענטהום אויף א פילאזאפישען באדען!

דאס צייגט נאך אמאל, אז מען מוז קומען צו פאלשע און איינפאך אונזיננינגע שליסע, ווען מען וויל פערבינדען גלויבען מיט פערנונפט, רעליגיאן מיט פילאזאפיע.

אייגענטליך, נעהמענדיג נאר אין אנבעטראכט דיא פראקטישע זייט פון יעדער רעליגיאן, איז עס גאנץ גלייך, אויב גאט האט ענטפלעקט צוזאמען מיט געבאטען אזעלכע „אייביגע וואהרהייטען" פון דער „נאטירליכער רעליגיאן", וויא דיא „אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע", אדער ניט. דיא הויפט זאך איז דאך צו פאלגען

די עזע געבאָטען, אַנדערס איז מען דאָך גאָר ניט אַ רעלי־גיעזער מענש. אַ גלויבען אין אַ גאָט און אין דיא זאָגענאַנטע „איי־ביגע וואהרהייטען" דריקט ניט אויס אַנגעהעריגקייט צו אַ בעשטימטער רעליגיאָן. מען איז דאַן אַ דעאיסט, אָבער ניט אַ מאָזאאיסט, אַ קריסט, מאָהאַמעדאַנער, בודדיסט א. ז. וו. וואס, צום ביישפּיעל, אידען זאָלען ניט גלויבען וועגען דעם, ווען און וויא אזוי גאָט האָט איינגעאָטהעמט אין דעם מענשען אַן אונשטערב־ליכע נשמה, נאָר וויא באַלד דיזער גלויבען איז פערבונדען מיט דער לעהרע וועגען צוקונפטיגע בעלוינונגען אָדער שטראָפען פאַר געוויסע מצוות און עבירות, איז דאָך דאָס דער עיקר פון יעדער רעליגיאָן אין דער ווירקליכקייט, וואָס פאַר אַ פילאָזאָפישע בעגרינדונגען מיר זאָלען ניט געבען דיא צערעמאָניעס פון גאָטעס־דיענסט אָדער, וויא מענדעלססאָהן האָט עס גערופען, „צערעמאָניאַל־געזעץ".

קורץ, דער אונטערשיעד צווישען „געאָפענבאַרטע רעליגיאָן" און „געאָפענבאַרטע געזעצגעבונג" איז נאָר אַ האָאר־שפּאַלטענדע חקירה, אַ שפּינגעוועבס פון מעטאַפיזיק, און האָט יעדענפאַלס קיין שום פּראַקטישע בעדייטונג. נאָר מענדעלססאָהן האָט אַנדערס ניט געקענט צוזאַמענפּאַארען לייבניץ'ס פילאָזאָפיע מיט דעם שולחן ערוך, דיא נאַטירליכע רעליגיאָן מיט, צום ביישפּיעל, כפּרות שלאָ־גען. דיא אידען זיינען אזוי געוואָרען ביי איהם אתה בחרתנוניקעס וויא ביי זיינע ביטערסטע געגנער, דיא בלינדעסטע פאַנאַטיקער. ער האָט ערקלערט, אַז דיא אידען מוזען אָבהיטען אַלע געבאָטען נאָך דיא הייליגע שריפטען. אַלע פעלקער קענען זיך האַלטען אָן דיא נאַטירליכע געזעצע און זיין גליקזעליג, אָבער ניט דיא אידען. זיי קענען נאָר גליקזעליג ווערן, ווען זיי האַלטען זיך אָן דיא „געאָ־פענבאַרטע געזעצגעבונג"....

„דאָס אידישע פאָלק, שרייבט ער, מוז פערטראָגען מיט גע־דולד און ערגעבענהייט אַלע שמאָך, אונטערדריקונג, פערשפּאָטונג און פערפאָלגונג, וואס עס טרעפט איהם אויף'ן וועג, און דאַרף אפילו איין שריט ניט אָבווייכען פון דיא געבאָטען.... אַלע אַנדערע פעלקער קענען ענדערן זייערע געזעצע נאָך דער צייט, אומשטענדען,

בעדירפניסען און בעקוועמליכקייטען; מיר אָבער האָט דער שעפּפער זעלבסט פאַרגעשריבען; קען איך דען, שוואַבעס גע־שעפּף, האָבען דיא חוצפּה צו ענדערן דיזע געטליכע געזעצע נאָך מיין שכל?.... מיר וויסען אָבער, שרייבט ער ווייטער, צומאָל ניט דעם נוצען פון א טהייל פון דיעזע געבאָטען? גאַנץ ריכטיג. וואו האָט אָבער דער געזעצגעבער ערקלערט, אז זיי זאָלען ניט בליי־בען גילטיג לענגער וויא ביז זייער נוצען וועט אונז זיין בעקאַנט? און אָהן דיזע ערקלערונג, וועלכער שטערבליכער וועט עס וואַגען צו בעגרענעצען זייער גילטיגקייט? מענשליכע געזעצע קענען גע־ענדערט ווערן נאָך דער צייט און אומשטנדען, אָבער דיא געטליכע געזעצע בלייבען אונפערענדערט ביז עס איז דאָ א פאָלע איבערצייי־גונג, אז גאָט האָט בעקאַנט געמאַכט זייער ענדערונג.... איך זעה ניט, וויא דיא וואס זיינען געבאָרן געוואָרן אין יעקב'ס הויז, קענען אָפּטרעטען פון געבאָט אויף אירגענד וועלכע געוויסענהאפטע אַרט"... דארום שליסט ער, ווענדענדיג זיך צו דיא אידען: „פיהרט אייך נאָך דיא זיטען און פערפאַסונג פון דעם לאַנד, וואו איהר געפינט זיך; אָבער בלייבט שטענדיג פעסט ביי דער רעליגיאָן פון אייערע עלטערן. טראָגט ביידע לאַסטען אזוי גוט, וויא איהר קענט.... שוואַך און קורצזיכטיג איז דעם מענשען'ס אויג! ווער קען זאָגען: איך בין געקומען אין גאָט'ס היילגטהום, האָב אריינגעבליקט אין דער סיסטעם פון זיינע אבזיכטען און וויים צו בעשטימען זייער מאָס, ציעל און גרענעץ? איך קען פער־מוטהען, אָבער ניט ענטשיידען, ניט האַנדלען נאָך מיין פער־מוטהונג"....

וויא פרעמד, זאָנדערבאַר און זאָגאַר ווילד דאס קלינגט פון מענדעלסאָהן'ס מויל! דער פאַטער פון השכלה רעדט וויא א מגיד, דער פילאָזאָף טענה'ט וויא א חסיד, דער קריטיקער ווערט פלוצלונג בלינד אין זיין אמונה וויא אן אָרטהאָדאָקסישער רב. אלע פעלקער מעגען זיך ענדערן נאָך דער צייט און אומשטענדען, דאס הייסט פּראָגרעסירען, נאָר דיא אידען טאָרען עס ניט און מוזען טראָגען דיא לאַסט פון א תרי"ג מצות, אָבוואָהל זיי פערשטעהען ניט דעם נוצען דערפון, דען גאָט האָט זיי אויסגעקליבען און זיי

געגעבען א „גענאָפּענבאַרטע געזעצגעבונג“ — וויא אזוי האָט זיך עס גאָר געקענט לייגען אויף מענדעלסזאָהן'ס שכל? ווירקליך א וואונדער.

עס איז אָבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס פיעלע פון זיינע אנהענגער און אפילו זיינע אייגענע קינדער האָבען פון זיך אזוי שנעל אראָפּגעוואָרפען דיעזע לאַסט און האָבען זיך געטויפט, דען זיין ערקלערונג וועגען יודענטהום האָט גאָר ניט געגעבען דיא הערצער, האָט אפילו ניט אַפּעלירט צום געפיהל, נאָר האָט אונטערוואָרפען אלעס צו א בלינדער געהאָרכזאַמקייט, צו אַן אָרטהאָדאָקסיע, קען מען זאָגען, אָהן א גלויבען.

אַוועק רויבען ביי דעם אידען דעם מאָנאָטעאיזמוס, דעם עיקר פון זיין אמונה, אַלעס וואָס אַלע לעהרעס פון דער אידישער רעליגיאָן האָבען מיט איהר פערבונדען, אויסער דיא צערעמאָניעלע זייט, און נאָר איהם איבערגעלאָזען אלס זיין ספּעציעלע פּפליכט צו ליידען אונטער דער לאַסט פון צערעמאָניעס, פון א טרוקענעם און פאָרמעלען גאָטעסדיענסט, — דאָס הייסט, איינפאַך איהם אָפּשרעקען, אָפּטרייסלען פון יודענטהום, איהם טרייבען אין שמד אריין. צו וואָס זיך מאַטערן און זיין פערשטויסען און פערהאַסט פון אַלעמען צוליעב א רעליגיאָן, וועלכע דריקט זיך נאָר אויס אין פאָרמאַליטעטען, אין א ספּעציעלען גאָטעסדיענסט, ווען מען קען לעבען גליקזעליג נאָך דער „נאַטירליכער רעליגיאָן“, ווען מען קען פון דיעזען אתה בחרתנו'ניזמוס, וועלכער איז אין דער פּראַקטיקע נאָר א מערטירערריי, פּטור ווערן דורך אזא קלייניגקייט, וויא א ביסעלע טויף־וואַסער? און באַלד נאָך מענדעלסזאָהן'ס טויט האָט זיך טאַקע צוגאָסען א טייך מיט טויף־וואַסער אין בערלין....

וויא אזוי מענדעלסזאָהן האָט, נאָך אזא אויפפאַסונג פון יודענטהום אלס שטרענגע אבהיטונג פון אַלע געבאָטען, געקענט פערלאַנגען פאָלשטענדיגע טאָלעראַנץ און אָבשאַפונג פון יעדער ארט חרם צווישען אידען, איז אויך אונפערשטענדליך; אָבער ער האָט עס פערלאַנגט און אין דעם, אזוי וויא אין זיין פאָרדערונג אָבצוטהיילען קירכע פון שטאַאט, בעשטעהט דער הויפּט־ווערטה פון זיין „ירושלים“. וואָהרשיינליך צוליעב דעם האָט עס אַזאַ פריי־

הייטס־קעמפפער וויא מיראבא ערקלערט, אז „מענדעלססאהן׳ס „ירושלים“ פערדיענט איבערזעצט צו ווערן אין אלע אייראפעאי־ שע שפראכען;“ וואהרשיינליך צוליעב דעם האט עס אזא טיע־ פער פילאזאף וויא קאנט, וועלכער האט מיט זיין „קריטיק פון ריינעם פערנונפט“ געמאכט א תל פון לייבניץ׳ס פילאזאפיע, אזוי שטארק געליבט „ירושלים“, זאגאר געפונען פאר אן „אונווידער־ לעגבארעם בוך!“

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

„דיא מאָרגענשטונדען“.

ניט איין מאָל איז דאָ אויסגעקומען צו בעמערקען, אַז מענדעלסאָהן איז געוועזן אַ פעסטער אַנהענגער פון דער לייבניץ־וואָלפישער פילאָזאָפיע ; אָבער אין קיין אַנדערע פון זיינע ווערק האָט ער עס ניט אַרויסגעוויזען אַזוי קלאָר און דייטליך וויא אין זיינע „מאָרגענשטונדען“. דאָס איז איבערהויפּט געוועזן זיין לעצטע ווערק, מען קען זאָגען זיין מאָראַל־פילאָזאָפישע צוואה. עס איז איהם שוין געוועזן זעהר שווער צו שרייבען, ווייל דיא אויגען זיינע האָבען זיך אַלץ מעהר ענטזאַגט צו דיענען.

דער נאָמען „מאָרגענשטונדען“ קומט פון דעם, וואָס מענדעלסאָהן האָט נאָר געקענט שרייבען אין דער פריה. אָנגעפאַנגען האָט ער זיינע „מאָרגענגעדאַנקען איבער גאָט און שעפּפונג“ מיט יאָהרען צוריק, נאָר צום דרוקען האָט ער זיי פערטיג געמאַכט אין 1785. זיין צוועק איז צוערשט געוועזן צו פערפאַסען פאַר זיינע קינדער אַ מ״רבוה פון דער פילאָזאָפישער שולע, צו וועלכער ער האָט געהערט, גראַדע ווי ער האָט זיך גענומען צו דער איבערזעצונג פון דער ביבעל צוליעב דיא אויסבילדונג פון זיינע קינדער. ער האָט זעהר געזאָרגט וועגען דיא ערציהונג פון זיינע פעהיגע און ליעבליכע קינדער און האָט קיינע אָפּפער געשפּאַרט צו אונטערריכטען זיי אין אַלעס, וואָס ער האָט געהאַלטען פיר ניצליך. ער האָט בעזאָנדערס געשטרעבט, אַז זיין עלטערער זוהן יוסף זאָל זיך קענען אָבגעבען אין גאַנצען צו וויסנשאַפטען אין פילאָזאָפיע, און ער האָט זעהר בעדויערט, ווען דיא אומשטענדען האָבען געצוואונגען זיין זוהן צו ווערן אַ געשעפטסמאַן.

נאָר נאָך לעססינג׳ס טויט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, צו זיין טיעפסטען בעדויערן, אַז זיין אינטימסטער פריינד איז צולעצט געוואָרן אַ ספּינאָזיסט, האָט ער בעזאָנדערס אין אויג געהאַט טיעפער צו בעגרינדען זיין פילאָזאָפיע געגען ספּינאָזאַ׳ס. אין לעססינג׳ס ביאָגראַפיע איז שוין איבערגעגעבען געוועזן, וויא דיעזער פרייער גייסט האָט אין אַ געשפּרעך מיט יאַקאָבי זיך ערקלערט פאַר ספּינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע,

וויא יאקאָבי האָט עס בעקאַנט געמאַכט, וויא דאָס האָט געפיהרט צו אַ דיספוט צווישען יאקאָבי און מענדעלסאָהן און וויא דורך דעם איז ספינאָזא'ס פילאָזאָפיע מעהר בעקאַנט און ערקלערט גע־וואָרען פאַר דעם לעזענדען עולם. דאַ וועלען מיר זיך ניט אָפּ־שטעלען אויף דעם. מיר וועלען נאַר בעמערקען, אַז דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט האָט אַזוי שלעכט געווירקט אויף מענדעלסאָהן'ס געזונדהייט און געמיטה און האָט איהם אַזוי געערגערט, דאָס מען רעכענט, אַז זיינע יאָהרען זיינען דורך דעם פערקירצט געוואָרען.

עס איז יעדענפאַלס זיכער, דאָס ער האָט ניט געקענט אַרי־בערטראַגען דעם פאַקט, וואָס זיין בעסטער יוגענדפריינד האָט איהם ניט אַנפערטרויט זיין בעקעהרונג צו ספינאָזא'ס פילאָזאָפיע. וויא לעססינג איז געשטאָרבען, האָט זייער גוטע פריינדין עליזע ריימאַרוס, דיא בראַוט און זעהר געבילדעטע טאָכטער פון דעם בעריהמטען האַמבורגער פראָפעסאָר, וואָס זיין קריטישע ווערק איבער קריסטענטהום האָט לעססינג פערעפענטליכט אונטער דעם נאָמען „פראַגמענטען" — זיך געווענדעט צו מענדעלסאָהנען ער זאָל אָנשרייבען עפּעס איבער זיין פריינד'ס כאַראַקטער. מענדעלס־סאָהן האָט זיך אַליין געקליבען עס צו טאָן, און ווירקליך קיינער האָט בעסער פאַר איהם ניט געקענט בעשרייבען לעססינג'ן, דען מיט קיי־נעם איז לעססינג געווען אַזוי ענג און אינטים פערבונדען זייט זייע־רע יוגענד־יאָהרען.

אָבער ווען מענדעלסאָהן האָט ערפאַהרען פון דיעזער פריינ־דין, דאָס ניט נאָר האָט זיך לעססינג בעקעהרט צום ספינאָזיזמוס, זאָנדערן ער האָט עס אָפען ניט געוואָלט אַרויסזאָגען פאַר איהם, זיין יוגענד־פריינד, איז ער איינפאַך צוטומעלט געוואָרען. אָנפאַנגס האָט ער עס ניט געוואָלט גלויבען, און ווען ער האָט זיך שליסליך איבערצייגט, אַז יאַקאָבי'ס בעהויפּטונג איז אַ ריכטיגע, האָט ער ניט געוואוסט וויא צו שרייבען זיין הספד איבער לעססינג'ן. ער האָט געוואָלט דערגיין פון יאַקאָבי'ן געוויסע איינצעלהייטען וועגען דיעזע אַנגעלעגענהייט, און דאָס האָט איהם פערפיהרט געגען זיין ווילען אין אַ פּאָלעמיקע מיט יאַקאָבי'ן וועגען ספינאָזא'ס פילאָ־זאָפיע.

עס איז שווער צו פערשטיין, ווארום לעססינג האט ניט גע־וועלט זיין אויפריכטיג מיט זיין יוגענד־פריינד אין דיעזען פאל. פילייכט האט ער איהם ניט געוועלט אפעסען דיא הארץ דערמיט, דען ער האט געוואוסט, וויא שטארק מענדעלססאהן איז געגען ספינאזא'ס פילאזאפיע. מענדעלססאהן איז יעדענפאלס געוועזען זעהר עמפפינדליך צו פילאזאפישע מיינונגען. ער איז געוועזען צו־געבונדען צו זיין פילאזאפיע אזוי וויא צו א געליעבטע. ער האט געזעהען, דאס אן אנדערע איז איהם שוין שווער געוועזען צו פער־שטיין. „איך ווייס, האט ער זיך מודה געוועזען, אז מיין פילאזא־פיע איז ניט מעהר דיא פילאזאפיע פון דיעזער צייט. זיא שמעקט נאך צו פיעל מיט יענער שולע, אין וועלכער איך האב זיך אויס־געבילדעט."

אין דיא „מארגענשטונדען" האט ער טיעפער ענטוויקעלט דיא געדאנקען וועגען זעלבסטערקענטניס(הכרת עצמו), וועגען גאטט און דיא נאטור, וועלכע ער האט אויסגעדריקט אין זיינע פריהערע פילאזאפישע שריפטען. אריגינעלעס האט ער דא ווידער ניט גע־זאגט. ער האט אייגענטליך נאר פאפולאריזירט פרעמדע פילאזא־פישע סיסטעמען, איבערגעגעבען דיא געדאנקען פון זיינע לעה־רערם ; אבער ער איז דאך ניט געוועזען שקלאוויש צו זיי. אין אייניגע פונקטען האט ער זיי קריטיקירט זעהר גרינדליך.

אין דער געשיכטע פון פילאזאפיע פערנעהמט ער יעדענפאלס קיין בעזונדערן פלאץ. מען רעכענט איהם צו געוועהנליך צו דיא זא־גענאנטע „פאפולאר־פילאזאפען". דיא גאנצע פילאזאפיע פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון רענעסאנס, ספעציעל פון אן אויפלעבונג פון דעם מענשליכען פער־שטאנד אין אלע פראגען איבער גאט, נאטור, דעם מענשען זעלבסט און זיין געזעלשאפטליכען לעבען. זיא ווערט בעצייכענט אין אל־געמיינען אונטער דעם נאמען „אויפקלערונגס־פילאזאפיע", ווייל איהר הויפט גרונד איז געוועזען אויפקלערונג דורך דעם, וואס מען האט גערופען „געזונדער מענשענפערשטאנד" אדער אויף ענגליש :
Sound Common-Sense

דיא מוטערלאנד פון דיעזער פילאזאפיע איז געוועזען ענג־

לאַנד, וואו דזשאַהן לאָק איז נאָך צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט אַרויסגעטראָטען מיט זיין עפּאָכע־מאַכענדער שריפט: „איבער מענשליכען פערשטאַנד“; נאָכהער האָט זיא אַריבערגעוואַנדערט נאָך פראַנקרייך, וואו זיא האָט זיך אומגעוואַנדעלט אונטער דעם איינפלוס פון דיא „ענציקלאָפּעדיסטען“ און ספּעציעל פון ד י ד ע ר אָ, ו ו אָ ל ט ע ר און ז ש א ן־ז ש א ק ר ו ס אָ אין אַ פּאָליטישען קאַמפּף געגען דיא קאַטאָלישע קירכע און דיא אַלטע מאָנאַרכיע; און פון פראַנקרייך איז זיא אַריבער דעם גרענעץ נאָך דייטשלאַנד, וואו איהרע וויכטיגסטע ערשטע פערטרעטער זיינען געוועזען לייבניץ, טהאָמאַסיוס און וואָלף.

מיר קענען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין ערקלערונגען איבער דיעזער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געשפּיעלט אַזאַ אונגעהייער וויכטיגע ראָלע אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אייראָפּאַ, דען מיר שרייבען דאָך ניט אַ געשיכטע פון פילאָזאָפיע.

וואָס אַנבעלאַנגט צו מענדעלסזאָהנען, זאָ איז ער אַזוי וויים אַוועק אויף דעם וועג פון זיין לעהרער וואָלף, וועלכער האָט בעגרינדעט זיין סיסטעם אויך אויף ניצליכקייט, דאָס אין זיינע פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען האָט ער ספּעציעל אין אויג געהאַט דיא גליקזעליגקייט פון מענשען. זיין ערשטע שטרעבונג איז געוועזען צו זוכען אויף דעם גרונד פון פראָסטען מענשענפערשטאַנד, אָהן טיעפע חקירות, וויא מענשען קענען לעבען צופריעדען און גליקזעליג.

אויב זיינע אויספיהרונגען זיינען געוועזען אָבערפלעכליך, אויב זיין גאַנצע פילאָזאָפיע איז געוועזען שוואַך און פעראַלטעט, אָבער דערפאַר האָט ער איבערשטיגען דיא טיעפסטע דייטשע פילאָזאָפען מיט זיין גלענצענדען און אַנציהענדסטען סטיל, מיט זיין שריפטשטעלערישען טאַלענט. ניט פאַר פילאָזאָפען האָט ער געשריעבען — זיי האָט ער קיין נייען וואָרט ניט געהאַט צו זאָגען — נאָר פאַר דעם געוועהנליכען לעזער, פאַר דעם גרויסען פּובליקום, און דאָס האָט ער דערגרייכט אַזוי, אַז ער איז געוואָרען איינער פון דיא בעליעבטעסטע שרייבערס אין דייטשלאַנד.

פערצעהנטער קאפיטעל.

מענדעלסאָהן'ס טויט און לויה.

כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען מענדעלסאָהן האָט פער־עפענטליכט זיינע „מאָרגענשטונדען", האָט יאַקאָבי געלאָזט דרו־קען זיין אבהאנדלונג „איבער ספינאָזא'ס לעהרע" און אויך זיין בריעפליכען שטרייט מיט מענדעלסאָהנען וועגען לעססינג'ס ספי־נאָזיזמוס. דיא בריעף האָט יאַקאָבי פערעפענטליכט גאָר ניט פרע־גענדיג מענדעלסאָהן'ס ערלויבנים. מענדעלסאָהן האָט זיך זעהר שטאַרק געערגערט וועגען דעם, און וויא שוואך ער האָט זיך ניט געפיהלט, האָט ער אָנגעשריעבען „אַן לעססינג'ס פריינדע."

עטליכע טעג נאָך דיעזער אָנשטרענגונג איז ער קראַנק גע־וואָרען. צו דאָקטאָר הערץ, זיין שילער, האָט ער געזאָגט: „לעצטען שבת, ווען איך האָב אָװעקגעטראָגען מיין שריפט וועגען יאַקאָבי'ס בעהויפּטונגען צו פאָסס'ן (זיין פערלעגער), האָב איך מיך ערקעלטעט. נאָר עס פרעהט מיך וואָס איך האָב אָבגעפּטר'ט דיזע פערדריסליכע זאַך... ליעבער הערץ, זייט אייניגע צייט איז מיין געדערעכענים זעהר שוואך געוואָרען. מיין קאָסע־בוך איז גענצליך אין אונאָרדנונג."

זיינע קרעפטע זיינען שנעל אויסגעגאַנגען. צוויי טעג נאָכ־דעם, דעם 4 יאַנואר 1786, איז יוסף מענדעלסאָהן גאַנץ פריה גע־קומען צו דר. הערץ אָנזאָגען, אַז זיין פאָטער'ס צושטאַנד איז פיעל ערגער געוואָרען. דר. הערץ האָט געפונען דעם „סאָקראַטעס פון 18טען יאָהרהונדערט" ליגענדיג מיט איינגעזונקענע אויגען אויף א סאָפאַ געגענאיבער לעססינג'ס ביוסט. מענדעלסאָהן האָט זיך בעקלאָגט, דאָס ער האָט דיא גאַנצע נאַכט שטאַרק געליטען פון שמערצען אין ברוסט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זעצען זיך אויף דער סאָפאַ, נאָר עטליכע מינוטען נאָכדעם איז ער אַנידער־געפאַלען, אום שוין ניט מעהר אויפצושטיין. ער איז אויסגע־גאַנגען איינפאַך פון שוואַכקייט אין אַלטער פון 57 יאָהר.

אזוי וויא ער איז אימער געוועזן א קרענקליכער, דארום האט קיינער ניט ערווארטעט, דאס ער זאל אזוי פלוצלונג אויסגיין. שנעל וויא א בליץ האט זיך דיא טרויעריגע נאכריכט וועגען זיין אונערווארטעטען טויט פערשפרייטעט אין גאנץ בערלין. גרויס איז געוועזן דער טרויער פון אלע אידען אין דייטשלאנד. מיט טרעהרען אין דיא אויגען האבען זיי איינער דעם אנדערן געזאגט: „ברוך דיין אמת, מאזעס דעסאו איז געשטארבען.“

זיין לויה איז געוועזן אזוי איינפאך וויא ריהרענד. דיא גע־בילדעטסטע מענער פון בערלין האבען געטראגען זיין קערפער, און דיא גאנצע בערלינער געמיינדע, מיט אויסנאהמע פון עטליכע פער־ביסענע פאנאטיקער, האבען נאכגעפאלגט. אין דער טרויער־פרא־צעסיאן האבען אויך אנטהייל גענומען פיעלע קריסטען. ניט נאר אין בערלין, זאנדערן אויך אין עטליכע אנדערע שטעדט אין דייטשלאנד האבען דיא אידען אויסגעדריקט זייער טרויער וועגען זיין טויט דורך צושליסען דיא קראמען און געשעפטען אין דער צייט פון זיין בעערדיגונג.

דיא אידען, וועלכע האבען וועניג געלעזען זיינע דייטשע ווער־קע, האבען זיך ערשט נאך זיין טויט גענומען זיי צו לעזען און האבען זיך ארומגעזעהען, וואס זיי האבען אין איהם פערלארען. אלץ גרעסער איז געווארען דיא צאהל פון זיינע שילער און פערעה־רער, וועלכע האבען געוועלט נאכפאלגען זיין ביישפיעל און האַ־בען זיך אנגעשטרענגט דירעקט צו פערשפרייטען אויראפעאישע בילדונג צווישען זייערע פערפינסטערטע ברידער; אבער קיינער האט ניט געקענט פערנעהמען זיין הויכען פלאץ. דיא מאספים, זיינע דירעקטע נאכפאלגער, זיינען געוועזן זעהר געבילדעטע און וואהלמיינענדע מענשען; אבער זיי האבען איבערטריבען דיא מאס און איינגע זיינען פערקראכען ביז צו דער טויפע.

אין מענדעלסאהנען זיינען גליקליכערוויזע פערבונדען גע־וועזן פיעל גרויסע מעלות: תורה מיט חכמה, פילאזאפיע מיט קונסט, קענטניסע מיט טאלענט, גרינדליכקייט מיט לעבהאפטיג־קייט, ערנסטקייט מיט וויץ, פעסטקייט אין זיינע איבערצייגונגען מיט א ברייטע און פריינדליכע טאלעראנץ, א ליידענשאפטליכע

זעלע מיט א זעלטענע בעהערשונג און געדולד, צוגעבונדענקייט צו זיין פאלק מיט א ליעבע צו דער גאנצער מענשהייט, א בעשיידענ־הייט מיט אן אינערליכען שטאלץ. נאך זיין כאראקטער האט ער ווירקליך פערדיענט דעם נאמען „סאקראטעס פון 18טען יאהר־הונדערט".

דיא פריינדשאפט, וועלכע פיעלע פון דיא גרעסטע דייטשען האבען איהם ארויסגעצייגט אפען און אויפריכטיג אין א צייט, ווען אלע פון זיי, נור לעססינג אויסגענומען, האבען יעדענפאלס קיין סימפאטיע געהאט צו אידען — דיעזע פריינדשאפט צייגט, אז ער האט בעזעסען א געוויסע אנציהונגסקראפט, אז ער איז געווען אזוי ליעבענסווירדיג, אזוי גוטמוטהיג און גוטהערציג, דאס ניט ווילענדיג האט מען איהם געמוזט ליעבען. קיין איד פאר איהם און אפילו נאך איהם האט ניט געצעהלט אזוי פיעל קריסטליכע פריינד וויא ער.

נאר זיין גרעסטע מעלה, א מעלה, וועלכער ער האט בעזאנדערס צו פערדאנקען זיין גרויסען איינפלוס, איז געווען זיין זעלטענער טאקט ביי פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען אין וועלטליכע זאכען. דיעזען טאקט האט ער בעזאנדערס ארויסגעוויזען ביי רעליגיעזע און פאליטישע שטרייטיגקייטען, וויא אין דעם פאל מיט לאפאטער'ן און ביי דער פערעפענטליכונג פון זיין איבערזעצונג פון דער ביבעל. ער איז ווירקליך געווען א וועלט־וויייזע, דאס וואס דיא אידען רופען: לאנד־חכם.

נאך זיין טויט האבען פיעלע פאעטען איהם בעזונגען און גע־לויבט, נאר בעזאנדערס טרעפליך און קורץ האט איהם כאראקטע־ריזירט א דייטשער פאעט אזוי:

„מאזעס מענדעלססאהן,
איין וויזער וויא סאקראטעס,
דען געזעצען דער פעטער געטריי,
אונשטערבליכקייט לעהרענד.
אונשטערבליך וויא ער".

ע נ ד ע.

יצחק בער
לעווינזאהן

זיין ביאָגראַפיע, זיינע ספרים,
לעבען, שטרעבען און ווירקונג
אויף זיין דור און זיינע נאכפאָלגער.

פון ד. מ. הערמאַלין.

יצחק בער לעווינזאהן

פאָרוואָרט.

ווען דיא „אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק פערלאג קאָמפּאַ־ניע“ האָט אויפגעפאָדערט דעם פּערפאסער פון דיזען בוך צו שרייבען דיא ביאָגראפיע פון יצחק בער לעווינזאָהן, האָט דער פּער־פאסער זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז זעהר א לייכטע ארבייט, און אלעס וואָס ער וועט האָבען צו טהאָן, איז איבערצוגעבען אין אידיש וואָס אנדערע האָבען געזאָגט אין אנדערע שפּראכען.

דען, וויא קען עס אנדערש זיין? איז ניט יצחק בער לעווינ־זאָהן געוועזען דער גרעסטער אידישער רעפאָרמאטאָר פון 19טען יאהרהונדערט? האָט ער ניט געבראכט דערצו וואָס דאָס רוסישע יודענטהום האָט געשאפען דיא מאָדערנע השכלה? האָט ער ניט פערטהיידיגט דאָס יודענטהום און בעזיעגט זיינע אינערליכע און אויסערליכע שונאים?

דאכט זיך דאָס לעבען פון אזא מענש, וועלכער איז אויך דאָ ניט לאנג געשטאָרבען, איז גענוג וויכטיג פאר יעדען אידען, אז אונזערע ליטעראטען פון רוסלאנד זאָלען בעשרייבען אלע איינצעל־הייטען. דיא ביאָגראפיע פון אזא מענשען האָט בעדארפט זיין עהנליך צו „באזוועל׳ס לאיף אָוו דזשאָהנסאָן“ און עס האָט בע־דארפט בילדען איינע פון דיא הויפּט־ווערקע אין דער העברעאישער ליטעראטור. וויא איבערראשט ווערט מען אָבער ווען מען ערבליקט פאר זיך ברוכשטיקע, אונדייטליך, אונקלאר, אָהן א רעגעל און

אָהן א׳ן אָרדנונג און פון דאָרט דארף מען לערנען ווער און וואָס יצחק בער לעווינזאָהן איז געוועןּ.

דער פערפאסער האָט פאר זיך בלויז געהאט דעם „ספר הזכרונות“ פון דוד בער נאטאנזאָהן, דער ארויסגעבער פון לעווינזאָהן׳ס ווערקע. דערצו דעם ערשטען טהייל פון דער „הפקר וועלט“, וועלכעס בילדעט לעווינזאָהן׳ס ביאָגראפיע אין אידיש. אויסער דעם האָבען מיר געמוזט זוכען אין דיא פערשיעדענע אלטע העברעאישע צייטונגען און שריפטען, און אויך עפּעס פון דיא נייע, וועלכע דערמאָהנען לעוועזאָהן׳ען. אבער אלעס צוזאמען בילדעט נאָך אימער ניט דעם וויכטיגען מאטעריאל פיר דער לעבענס־בעשרייבונג פון אזא גרויסען מאןּ. עס איז געוועזן אונמעגליך צוזאמענצושטעלען מאנכע טהיילען פון זיין לעבען, וויסען גענוי, וואָס לעווינזאָהן האָט דאמאלס געטהאָן און בעגרייפען וואָס עס האָט איהם געטריעבען צו געוויסע האנדלונגען. עס זיינען אלזאָ געבליעבען ליקען און ווינקלען ניט אויסגעפילט.

זיין פאמיליען־לעבען, וואָס איז געוועזן זעהר קורץ, איז איינגעהיעלט אין דונקלען. אונז בלייבט גאנץ אונבעוואוסט ווארום לעווינזאָהן האָט אזוי וויניג געלעבט מיט זיין פרוי, אויב ער האָט זיא גע׳גט, און ווען יא, ווארום ער האָט ניט נאָך אמאָל חתונה געהאט.

אלעס וואָס איז אונז געשטאנען פריי, זיינען זיינע געדרוקטע ספרים, פון וועלכע מיר האָבען גענומען זיין לעהרע, זיינע שטרעבונגען און זיינע ציעלען. דאָס אלעס האָבען מיר פערקערפּערט אין דיעזער אבהאנדלונג, און מיר ווילען האָפען, אז דער לעזער וואָס וויל בעקאנט ווערען מיט לעווינזאָהנען אויף אזוי ווייט וויא מיר קענען איבער איהם וויסען, וועט אין דיזען בוך צופריעדען שטעלען זיין נייגיערינקייט.

דער פערפאסער.

קאפיטעל 1.

עמיל זאָלא'ס טהעאָריע איז געווען, אז דיא ליידען און פרייד־ען פון עלטערן, האָבען א גרויסען איינפלוס אויף'ן לעבען פון זייערע קינדער. אויב דאָס איז וואהר, דאן וועט אינטערעסאנט זיין צו שילדערן געוויסע בעגעבענהייטען אין לעבען פון דיא על־טערן פון יצחק בער לעווינזאָהן, אָדער, וויא אנדערע האָבען איהם גערופען, דער קרעמנעצער.

עס איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון דעם 17טען יאהר־הונדערט ווען א איד מיט דעם נאָמען ר' יקותיאל זלמן האָט גע־וואָהנט אין אוסטרא, וואָהלין. ר' יקותיאל איז געווען א זעלטען עהרליכער מאן, הויכגעבילדעט לויט זיין צייט און אומגעבונג, און רייך. ער האָט געהאט א גרויסע פאמיליע, זיהן און טעכטער, און דיזע האָט ער פערהייראטעט מיט דער דאמאליגער אידישער אריסטאָקראטיע. דורך דיזע הייראטהען האָט ער צוליעב דיא קינדער פערלאָזען אוסטרא און איז אוועק וואָהנען אין קרעמניץ.

זיין אינגסטער זוהן, יצחק, האָט גע'ירשה'ענט דעם טאטען מיט אלעמען: עהרליכקייט, רייכקייט און א שעהנעם נאָמען. נאָך אלס יונגער מאן האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין מסחר, און, אויך ער האָט געהייראטעט אין דער דאמאליגער העכסטער אידישער אריסטאָקראטיע. זיין שווער איז געווען דער גביר ר' זלמן הכהן, אָדער, וויא דאָס פאָלק פלעגט איהם רופען: „ר' זלמן דער רייכער“, וועלכער האָט אָבער פון דעסטוועגען פערטהיילט דעם גרעסטען טהייל פון זיין פערמעגען צו אָרימע לייט.

יצחק האָט געהאט מעהרערע קינדער און צווישען זיי איז געווען זיין זוהן יהודה, דער פאָטער פון יצחק בער לעווינזאָהן. אָבער ווען יהודה איז אלט געווען בלויז 9 יאָהר איז זיין פאָטער געשטאָרבען.

ביז צו דיזער צייט בעמערקען מיר א גליקליכע, געעהרטע און געאכטעטע אידישע פאמיליע; ערצויגען אין רייכטהום, בילדונג,

און פיעל אָדער וויינינ זאָרגלאָז, שפּאַטענדיג פון דיא גלות־צרות אויף אזוי ווייט וואָס איז געווען נוגע צו זייערע פאַמיליען־מיטגליעדער.

אין יאָהר 1775, מיט א קורצער צייט נאָך דעם טויט פון יהודה׳ס פאָטער, איז יהודה׳ס ברודער, חיים, א רייכער און גע־אכטעטער קויפמאַן, ארעטירט געוואָרען מיט זיין פאַמיליע פאר עלילת דם. דיא געשיכטע איז געווען גאַנץ איינפאַך: דער פּאָלני־שער עדעלמאַן, וואָס האָט בעהעררשט יענע געגענד, פלעגט ביי חיים׳ן אָפט באָרגען געלד. ער האָט שוין אָבער אזוי פיעל ביי איהם גענומען, אז ער האָט איהם מעהר ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט געבען. דער פּאָלאַק, אום זיך נוקם צו זיין, האָט איהם אונטער־געוואָרפען א קינד, דאָס הייסט, א׳ן ערמאָרדעטען קריסטליכען נפש, און זיין ארעסט האָט געפאָלגט.

יהודה איז געווען זעהר א געפיהלפאָלעס קינד און שטארק געליעבט זיין ברודער. אין דער גאנצער צייט פון זיין געפאנגענ־שאפט, וואָס האָט געדויערט 12 יאָהר האָט יהודה זעהר פיעל געליטען. ער האָט אלעס מקריב געווען צוליעב דעם ברודער מיט דיא קינדער, און, ענדליך, ווען זיי זיינען ארויס פריי, האָט ער אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און געזאגט: „איך דאנק דיר, גאָט, פאר דעם חסד; און אויב איך וועל קענען, וועל איך אָפּפערן מיין גאנצעס לעבען צו בעווייזען פאר דער וועלט, אז דער עלילת דם איז א שקר“.

אויף וויא ווייט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען געגאנגען אום צו קענען דורכפיהרען אזא ריעזיגע ארבייט, וועט אונז פיעל־לייכט פערבלייבען אויף אימער אונבעקאנט, דען נאָך איידער ער האָט זיך גוט ענטוויקעלט האָט מיט איהם עפּעס פּאסירט וואָס האָט געקענט טייטען דעם גרעסטען זשעניע.

באלד וויא זיין ברודער איז בעפרייט געוואָרען, האָט יהודה געהייראטעט מיט זעהר א שעהנעם מעדכען, רחל, דיא קלוגע טאָכ־טער פון א דאמאליגען בעקאנטען גביר, ר׳ שמואל. און איידער זיין גרויסער זוהן, ר׳ יצחק בער לעווינזאָהן, איז געקומען אויף

דער וועלט, האָט יהודה געמאכט א צווייטע טרויריגע ערפאהרונג מיט א פּאָלנישען עדעלמאן.

יהודה איז אין א טאָג פאָרבייגעפאהרען אין א׳ן ענגער גאס אויף זיינער א דראָשקע און בעגעגענט דיא קארעטע פון א פּאָלני־שען גראף. יהודה׳ס דראָשקע איז געטריעבען געוואָרען פון א קריסטליכען דיענער, און, ניט ווילענדיג, האָבען זיךביידע וועגען צוזאמענגעשטויסען. יהודה׳ס דיענער האָט גוט געקענט דעם גראף׳ס כאראקטער, און אום ניט צו וואַרטען אויף קלעפּ, איז ער ארונטערגעשפּרונגען פון דער דראָשקע און איז אנטלאָפען. יהודה איז געבליעבען. דער גראף, ווילד פאר צאָרן, וואָס א אידען׳ס דראָשקע האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן זיין קארעטע, איז ארונטער־געשפּרונגען, און כאפּענדיג זיין שטעקען, האָט ער אָנגעהויבען אזוי צו שלאָגען דעם אונגליקליכען אידען, דאָס יהודה איז שפּע־טער אבגעפיהרט געוואָרען אהיים אין א בעזינונגסלאָזען צושטאנד און ער האָט געהאלטען ביים שטארבען. גאנצע צוויי יאָהר האָט ער געקרענקט און צייטענווייז איז ער געוועזען אזוי צומישט, אז מען האָט געמיינט, דאָס ער וועט פערליערען זיין פערשטאנד אויף אייביג.

ענדליך האָט איהם אָנגעהויבען בעסער צו געהען, אָבער דיא דאָקטוירים האָבען איהם פערבאָטען ארייננצוקוקען אין ספרים, וואָס איז אמאָל געוועזען זיין גרעסטעס פערגניגען. עס האָט אויך געדויערט א פּאָאר יאָהר ביז ער האָט געמעגט דאווענען פון א סידור. דאן איז ער געוואָרען מרה־שחורה־דיג און אזוי איז ער פערבליעבען אויף א היבשע צייט פון זיין לעבען. פון דעסטוועגען פלעגט ער צייטענווייז נעהמען דיא פעדער אין האנד און שרייבען געדיכטע אין ריין העברעאיש, בעקלאָגענדיג דעם צושטאנד פון זיינע אידישע ברידער.

וועהרענד דיזער צייט האָט יצחק בער לעווינזאָהן, זיין זשעניא־לער זוהן ערבליקט דיא וועלט.

יצחק בער איז געבאָרען געוואָרען אין מאָנאט סעפּטעמבער 1788, אָדער אום ערב ראש השנה פון יאָהר תקמ״ח. יצחק בער איז

געבאָרען געוואָרען אין קרעמניץ, וואָהלין, אין דערזועלבער שטאָדט וואו זיין עלטער־זיידע האָט זיך בעזעצט צום אָנפאַנג פון 17טען יאהרהונדערט.

טראָטץ דעם וואָס יהודה האָט אזוי פיעל געליטען אין זיין לעבען איז ער דאָך ניט געוואָרען אָרעם. אין גענענטהייל, ער איז געווען א גאַנץ שעהנער בעל הבית, ווייל זיין פרוי רחל, איז געווען א זעלטענע טהעטיגע פרוי, און זיא האָט געפיהרט מיט ערפאָלג איהר מאַן׳ס געשעפטען וועהרענד זיין קראנקהייט.

אָט דאָס איז דער סדר היחוס פון יצחק בער לעווינזאָהן: דריי דורות פאר איהם, האָבען געלעבט אין עשירות און גענאָסען ביל־דונג. זיין פאָטער האָט פריהער געליטען אַ׳ן אנדערן׳ס צרות, און דאן האָט איהם א פּאָלנישער גראף דער׳הרג׳עט זיין מח און גע־טייטעט זיין גייסט. יצחק בער לעווינזאָהן איז געווען א קינד פון דיזער נאכפּאָלגערשאפט. פון זיין מוטער׳ס זייט קענען מיר בעמערקען דאָס שטיללע ליידען, קיינמאָל זיך ניט בעקלאָגען און ארבייטען מיט דער גרעסטער ענערגיע זיך ניט בעקימערנדיג אום דעם ים צרות, מיט וועלכען זיא איז ארומגערינגעלט.

קאפיטעל 2.

צו דריי יאָהר, וויא דער מנהג איז דאמאלס געווען, האָט יצחק בער אָנגעהויבען צו בעזוכען דאָס חדר.

דאס קינד איז געווען א מערקווירדיגעס, און דערפאר ווערען איבערגעגעבען פיעלע אינטערעסאנטע איינצעלהייטען פון זיין פריהער יוגענד. איצי, וויא מען פלעגט איהם רופען, איז מאנכעס מאָל געווען זעהר לעבהאפט : געלאכט, געשטיפט און ליעב געהאט צו לויפען און שפיעלען זיך פיעל מעהר וויא אנדערע קינדער. צייטענווייז — און דאָס האָט געדויערט מעהרערע טעג — איז ער געווען אונגעוועהנליך שטיל און פערטראכט. עס האָט אויס־געזעהען, גלייך וויא ער וואָלט גע'ירשה'ענט זיין פאָטער'ס מרה־שחורה אין אזעלכע צייטען.

פון 5 יאָהר און ווייטער האָט ער ארויסגעוויזען זיינע זעלטענע פעהיגקייטען אין לערנען אלעס וואָס מען האָט איהם געוויזען.

לויט וויא ער אליין האָט שפּעטער דערצעהלט, איז זיין פאָטער געווען זעהר א גוטער מענש מיט א ווייכען כאראקטער. ער איז געווען א גרויסער בעל־צדקה; זיך קיינמאָל ניט געמישט אין קהל'שע זאכען; אויסגעמיידען מחלוקת; געזוכט רוה און פאר יעדען איינעם האָט ער געהאט א שמייכעלע אויף דיא ליפען. ער איז ניט געווען קיינעם'ס געגנער; ער האָט זיך ניט געצעהלט צו דיא חסידים, מתנגדים אָדער משכילים. ווען יצחק בער האָט אָנגעהויבען ארויסצוצייגען פעהיגקייטען אין לערנען, האָט ער איהם גענומען אונטער זיין אייגענער השגחה און מיט איהם גע־לערענט תנ"ך און גמרא. ער האָט איהם אויך געלאָזען לערנען רוסיש וואָס איז דאמאלס געווען א גרויסע זעלטענהייט צווישען אידען.

פון יענער צייט איז אונז בעקאנט, דאָס ווען יצחק בער איז אלט געוואָרען צעהן יאָהר, איז ער שוין געווען בקי אין גאנץ תנ"ך,

געוואוסט זעהר פיעל פון תלמוד און אויך פון אנדערע ספרים. און נאָך זייענדיג אזוי יונג האָט ער זיך שוין גענומען שרייבען פאר דער וועלט. פון זיין 9טען ביז זיין 10טען יאָהר, הייסט עס, האָט ער אויפגעשריעבען א ספר אויף קבלה. דער פאטער, וועלכער איז ניט געווען קיין פאנאטיקער, האָט עס בלויז בעטראכט פאר א גרויסע חריפות אין זיין קינד און ער האָט זיך דערמיט בעריהמט פאר'ן רב פון דער שטאדט. דער רב איז געוואָרען נייגיעריג און זיך געהייסען ווייזען דאָס ספר אויף קבלה וואָס דאָס קינד האָט געקענט אויפשרייבען.

ווען דער רב האָט אָבגעלעזען עטליכע בלעטלאך אין ספר, איז ער בלאס געוואָרען און אָנגעהויבען צו ציטערען. ער האָט מיט־געטהיילט דעם פאָטער, אז דאָס קינד איז א יחיד בדורו, א'ן אויס־נאהמע, און ער זאָל פאר קיינעם ניט דערצעהלען וואָס ער האָט געשריעבען. אין דערזעלבער צייט האָט דער רב מזהיר געווען יהודה'ן, ער זאָל אכטונג געבען ביי־נאכט אויב זיין קינד רעדט זיך ניט צוזאמען מיט דיא מלאכים, וועלכע ברייננגען איהם סודות פון דעם הימעל.

יהודה איז געווען שטארק פעראינטערעסירט אין דיזער וואר־נונג, אָבער ער האָט גאָר ניט ענטדעקט. שפעטער, ווען יצחק בער איז עלטער געוואָרען, האָט ער זיך אויסגעלאכט פון זיין קינדישע ארבייט און בעהויפטעט, אז עס איז בלויז געווען א נאררישע פלוידעריי וואָס ניט ער און ניט דער רב האָבען גענוי געוואוסט וואָס דאָרט שטעהט. ער האָט עס בעטראכט בלויז פאר א פראָבע פון א קינד צו שרייבען, וועלכעס האָט אָבער קיין ליטערארישען אָדער אנדערן ווערטה.

און, וויא עס שיינט, האָט לעווינזאָהן, זייענדיג נאָך גאנץ יונג, פערלוירען דעם חשק צו קבלה, און אנשטאט דעם, האָט ער זיך גענומען פלייסיג שטודירען דיא העברעאישע און רוסישע שפראכען. ער האָט פערשטאנען דעם ווערטה פון גראמאטיק און ער האָט מיט גרויס פלייס געלערנט דיא בעסטע דקדוק ספרים פון העברעאיש און דיא בעסטע לעהרמעטהאָדען פון רוסיש. ער

האָט אויך געזוכט זיך צו ערווערבען א שעהנעם העברעאישען סטיל, לויט דעם גייסט פון דער ביבעל, און שפּעטער האָט ער זיך אויך דערפאר אויגסעצייכענט מיט זיין העברעאיש שרייבען אין זיינע ספרים, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון שעהנהייט און פליססיגקייט. רוסיש ווידער האָט געהאט פאר איהם א'ן אנדערע אנציהונג: ער האָט אין דיזער שפּראך געפונען ביכער וואָס האָבען שטארק בעפריעדיגט זיין פאָרשענדען גייסט, און ער האָט געשלונגען אלעם וואָס איז געקומען אין זיינע הענד.

יצחק בער לעווינזאָהן האָט דורכגעלעבט דיא גאנצע שטיר־מישע צייט פון דעם איינדרינגען פון דיא פראנצויזען אין רוס־לאנד, און אין יאָהר 1812, ווען דיא פראנצויזען האָבען געמוזט אנטלויפען, האָט ער פערפאסט א מין פּאָעזיע צוליעב דיזער געלעגענהייט מיט'ן נאָמען „קול ענות גבורה“. דאָס איז געווען זיין ערשטע ליטעראַרישע שעפּפונג פון עפּעס א ווערטה. אָבוואָהל דאָס איז ניט געווען שטארק פּאָעטיש, האָט דאָס אָבער ענטהאלטען אין זיך א מערקווירדיגע גוטע און שטארקע שפּראך, אין ביבלישען זינן, און מבינים האָבען דאָס געלויבט. עס האָט זאָגאר צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם גענעראל גירס, דער קאָמאנדאנט פון ראדוויל, וועלכער האָט אוועקגעשיקט דערפון א קאָפּיע צום רוסישען מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגנהייטען, צו צייגען דעם אידישען פּאטריאָטיזמוס צו רוסלאנד אויסגעדריקט אין דער נביאים־שפּראך.

דיזע אויפמערקזאמקייט, קען מען זאָגען, איז געווען דיא ערשטע ריכטיגע ערמוטהיגונג פאר יצחק בער לעווינזאָהן, צו לערנען ווייטער אום זיך צו פערפאָלקאָמענען.

קאפיטעל 3.

מיט א קורצער צייט פאר דיא לעצטע עראייגניס, האָט נאָך לעווינזאָהן געוואָהנט מיט זיינע עלטערן. מיר ערפאהרען פון יענער צייט, אז ער האָט חתונה געהאט, און, וויא מאנכע פון זיינע ביאָגראפען בעמערקען: „ער האָט גענומען א ווייב, ווייל זיינע עלטערן האָבען אזוי פערלאַנגט". זעהר ווייניג ווערט אונז ווייטער דערצעהלט פון דיזער הייראטה, וועלכע איז ניט געווען קיין גליקליכע און אויך ניט געבראכט קיין פרוכט. לעווענזאָהן איז געשטאָרבען ניט איבערלאָזענדיג קיין קינדער.

לויט וויא מיר קענען זיך אָבער מערקען, שיינט עס, אז דאָ איז צוזאמענגעפּאָרט געוואָרען דער שטירמישער אָקעאן מיט א שטילעם טייכעלע. לעווינזאָהן'ס פרוי איז וואהרשיינליך געווען א פּראָסטע אידישע טאָכטער, זעהר פרום און גענייגט צו א פריעד־ליכען און אונגעשטערטען פאמיליען־לעבען. לעווינזאָהן, אָבער האָט ניט געקענט רוהען, זיין גייסט האָט געשטורמט, און קרעמניץ האָט איהם דאמאלס ניט געקענט צופריעדען שטעלען. דאָס האָט פעראורזאכט עס זאָל ניט זיין קיין שלום בית.

וויא אלע יונגע פרויען פון איהר גראד, האָט זיא געוויס אויך פערלאַנגט דיא בעשטענדיגע געזעלשאפט פון איהר מאן. אָבער לעווינזאָהן האָט דאָס ניט געהאט אין זינן. זיין פרוי האָט איהם, וויא עס שיינט, ניט פיעל אינטערעסירט, דען זיין קאָפּ איז געלעגען אין לערנען און שטודירען.

מיר זעהען אלזאָ דיא פרוי פערשווינדען פון זיין לעבען און זיא האָט מעהר קיין שייכות ניט מיט זיין עקזיסטענץ.

אז לעווינזאָהן האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער רוסישער שפּראַך, קענען מיר מערקען פון דעם פאקט וואָס ער האָט צוגעצוי־גען דיא גרויסע אויפמערקזאמקייט פון גענעראל גירס, וועלכער איז אויך געווען פּאָליצמייסטער. גירס האָט איהם צוגענומען אלס

זיין פּריוואט־סעקרעטער און ער איז ביי איהם געווען אזוי לאנג ביז ער איז קראנק געוואָרען.

לעווינזאָהן האָט זיך שטארק אָנגעשטרענגט מיט זיין לערנען און מיט זיין ארבייט פאר דעם פּאָליצמייסטער, און ער האָט דער־פון בעקומען אזא נערווען־שוואכקייט, דאָס דיא ערצטע האָבען איהם געראטהען ער זאָל פערלאָזען רוסלאנד און רייזען.

צארט אין קערפּער, שוואך און רואינירט אין גייסט, האָט דאמאלס לעווינזאָהן, קוים 25 יאָהר אלט, אָנגעפאנגען צו קלערען וואָס ער זאָל טהאָן.

וואוהין זאָל ער פאָהרען? צו וועמען? ענדליך האָט ער זיך דערמאָהנט אז אין גאליציען געפינט זיך דער צענטר פון אידישער וויסענשאפט, און אהין האָט ער בעשלאָסען אבצורייזען. מיט דער הילף פון זיינע עלטערן האָט ער פערלאָזען רוסלאנד און דיא רייזע האָט איהם גוט געטהאָן. אין גאליציען האָט ער באלד געשלאָסען בעקאנטשאפט מיט דיא פאָרשטעהער פון אידישען דענקען: ר' נחמן קראָכמאל, ישראל ראפּאפּאָרט, אליעזר לאנדוי, ליב מיזים, יוסף פּערל, יצחק ערטער, מיכל מאנים, לעטערים, בלאָך און בעריש בלומענפעלד.

אין דיזע מענער האָט ער ערבליקט דיא נאכפאָלגערשאפט פון דער מענדעלזאָהנישע שולע און זייער בעקאנטשאפט מיט דעם אויסטויש פון געדאנקען, האָט פאר איהם געעפענט א נייע וועלט.

איבערהויפּט האָט איהם צוגעצויגען דער גייסט פון דעם דאמאליגען גרויסען אידישען פאָרשער ה' יוסף פּערל אין טארנאָ־פּאָל, וואו דער לעצטער איז געווען דער פערוואלטער פון דער דאָרטיגער אידישער שולע. ביידע זיינען נאָך געווען יונגע מענער און זיי זיינען צוגעבונדען געוואָרען איינער צום צווייטען אין פריינדשאפט.

אָבער לעווינזאָהן האָט פערבראכט אין גאליציען בלויז עטוואס איבער א יאָהר ווען עס האָט איהם עררייכט דיא טרויעריגע נאכ־ריכט, אז זיין מוטער איז געשטאָרבען. זיין מוטער רחל, דיא גוט־מוטהיגע, ערלע און פיעלגעליעבטע מאמע, איז געשטאָרבען,

און ער האָט אפילו ניט געקענט זיין נעבען איהר ביי איהרע לעצטע אויגענבליקען. דאָס האָט יצחק בער'ן זעהר געערגערט און ער האָט געאיילט צוריק אהיים, און זיין ערשטער גאנג איז געווען אויף'ן בית עולם. ער איז געפאלען אויף איהר קבר און האָט נאָס געמאכט דיא פרישע ערד מיט זיינע טרערען.

ווען דיא געוועהנליכע טרויער־צייט איז פאָראיבער, האָט לעווינזאָהן צוריק אָבגערייזט נאָך גאליציען און זיך בעזעצט אין בראָדי, וואו עס האָבען געלעבט מעהרערע אידישע געלעהרטע. איבערהויפּט האָבען איהם שטארק פעראינטערעסירט דיא ברידער טראכטענבערג. אין דער געזעלשאפט פון דיזע מענער, קען מען זאָגען, האָט לעוונזאָהן צום ערסטען מאָל ערפאהרען וויא מען דארף ריכטיג לערנען דעם תלמוד און אלע אלטע און נייע אידישע ספרים. ער האָט איינגעזעהען, אז דיא הויפּטזאך אין אזא לימוד בעשטעהט אין דער קריטישער אויפפאסונג און צוגליעדרונג פון היסטאָרישע פאקטען.

לעווינזאָהן איז נאטירליך אין אָנפאנג געווען בלויז א שילער, אָבער עס האָט ניט פיעל געדויערט, ביז דיא אנדערע געלעהרטע האָבען איהם אָנגעהויבען צו בעטראכטען אלס א קאמעראד און דאן אויך אלס א מייסטער.

אזוי וויא בראָדי איז געווען דער מיטעלפונקט פון אידישער געלעהרזאמקייט, האָבען אָדעסער אידישע סוחרים און אויפּ־געקלעהרטע מענער, בעזונדערס ברודי, צייטענוויז מיטגענומען פון דיזע מענער נאָך רוסלאנד, וועלכע האָבען אין אָדעסא געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאר אידישער וויסענשאפט אין רוסלאנד.

ווען לעווינזאָהן איז אלט געווען 29 יאָהר און נאָך זייענדיג אין בראָדי איז ער איין מאָל געזעסען אין דער געזעל־שאפט פון זיין יונגען פריינד אלעזר לאנדאָ, דער זוהן פון דעם רייכען ר' יודעל סג"ל לאנדאָ. אלעזר איז געווען א קראנקער זייט ער איז געבאָרען געוואָרען, זעהר מאָגער אין קערפער און אימער בלאס. לעווינזאָהן, נאָך אימער נערוועז און אויך זעהר אָב געמאגערט, האָט געשפּראָכען מיט זיין פריינד איבער זייער

טרויעריגעס אויסזעהען.

אלעזר האט איהם „געטרייסט“ דערמיט, וואס פעטע און דיקע מענשען זיינען אונטערוואָרפען צו שטארבען פלוצלינג און דיא ווערים זאָלען האָבען א גוטען מיטאג. וועהרענד פון דיא מאָגערע, קענען אפילו דיא ווערים גאָר ניט האָבען. לעווינזאָהן האט דאן אויפגעשריעבען דיעזען געדאנק אין פאָלגענדע שלאגענדע העברעאישע פערזען:

אל התולעים.

הוי תולעים, שכנינו הרעים,
שוא תקוו, חנם תאוו
יום בואנו, לבור קברנו,
הלא בעודנו, תם גונו,
ומשמנו ירזה.
מדשני פגרים, ממלחים כבקרים
מאלה הגברים, בעלי בשרים
ימותו רגע, באין פגע,
בני רמה, תקחו תרומה
השוק והחזה.

דיעזע פערזען צייגען אפילו ניט קיין גרויסען פאָעטישען גייסט, אבער דער סטיל איז א זעלטענהייט און דער געדאנק איז אויסגעדריקט קורץ און צו דער זאך, וועלכעס האט בעוויעזען, אז דער שרייבער איז א מייסטער.

לעווינזאָהן'ס נאָמען האט אָנגעהויבען מעהר בעקאנט צו ווערען אין דער ברייטער וועלט, און איהם אליין האט זיך שוין אָנגעהויבען וועלען צוריקקעהרען אהיים, נאך רוסלאנד, וואו ער זאָל פערווענדען אלעס וואס ער האט געלערנט אום אויפצוקלערען זיינע ברידער און ארונטעררייסען דעם שווארצען שלייער פון אונוויסענהייט וואס האט זיי בעדעקט.

קאפיטעל 4.

נאָך אין דעמזעלבען יאָהר האָט לעווינזאָהן צוריק געקעהרט נאָך רוסלאנד. ניט האָבענדיג געגוי בעשלאָסען וואָס ער זאָל טהאָן, איז ער פריהער געקומען אין זיין געבורטס־שטאדט קרעמניץ, וואו דיא פאמיליע לאנדסבערג האָט איהם אויפגענומען אלס לעהרער.

אזוי שנעל וויא לעווינזאָהן האָט זיך געזעהען בעזאָרגט מיט ברויט, קליידער און א דירה, האָט ער אָבגעגעבען זיין גאנצע צייט ארויסצוברענגען זיינע געדאנקען אין דער עפענטליכקייט. ער האָט געארבייט טאָג און נאכט ביז ער האָט פערטיג געמאכט זיין ערשטעס בעדייטענדעס ווערק „תעודה בישראל״, וועלכעס איז ערשט ערשיענען אין דרוק מיט 10 יאָהר שפעטער.

דערווייל זיינען טהיילען פון זיינע כתבים בעקאנט געוואָרען, און אזוי גיך וויא מען האָט ערפאהרען אום וואָס דאָרט האנדעלט זיך, האָבען לעווינזאָהן׳ם צרות שוין אָנגעפאנגען.

זיין ספר „תעודה בישראל״ קען ערקלערט ווערען אין קורצען מיט דיעזע ווערטער: עס האָט אויפמערקזאם געמאכט אידען, אז אום עפּעס צו לערנען און פערשטעהן, מוז מען פריהער שטודירען דעם תנ״ך על פי חוקי הדקדוק; לערנען דיא היסטאָריע פון אידישען פאָלק; שרייבען אויב מעגליך העברעאיש אין גייסט פון דער נביאים־שפראך. ווען א מענש וויל ווייטער לערנען און בעגרייפען, דאן מעג ער שטודירען פרעמדע שפראכען, ווייל דיא שפראך אליין איז איבערהויפּט ניט הייליג און ניט אונהייליג; מען קען שרייבען אין העברעאיש אפיקורסות און אין גריכיש ריינעם יודענטהום. דאן האָט ער געוועקט זיינע ברידער זיך אָבצוטרייסלען פון נאררישען אבערגלויבען, וועלכעס איז גאָר געגען אידישקייט, און זיי דערצעהלט, אז מען דארף זיך אויסמענשלען,

קומען אין בעריהרונג מיט דער גרויסער וועלט, זיך נעהמען צו ערד־ארבייט, א. ז. וו.

דאָס אלעס, געשריעבען שעהן, איבערצייגענד, מילד און אנגענעהם איז בעטראכטעט געוואָרען אלס שרעקליכע אפיקורסות און דער פערפאסער פון ספר איז גערודף׳ט געוואָרען.

לעווינזאָהן איז אנפאנגס געווען זעהר ערביטערט געגען אזא האנדלונג, סטייטש, פאר וואָס קומט עס איהם? זוכט ער ניט מיט זיינע אויפקלעהרונגען און עצות דיא טובה פון זיינע ברידער? וויא איז דאָס מעגליך מען זאָל איהם פאר אזא זאך פערפאָלגען? דאָס האָט איהם זעהר געערגערט, אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער צייט צוצוגעוואָהנען, אז געוויסענהאפטע אויפקלערער און דיא צושטערער פון געטצען, האָט מען תמיד גע׳רודף׳ט, און ער איז ניט דער ערשטער און וועט אויך ניט זיין דער לעצטער צו ליידען פיר אזעלכע זאכען.

פון דעסטוועגען איז איהם קרעמניץ נמאס געוואָרען. ער האָט זיך איבערהויפט דאָרט געשפירט אין צו א גרויסער ענגשאפט. אליין איינקויפען א ביבליאָטהעק האָט ער ניט געהאט פון וואנען, און דיא קרעמניצער ביבליאָטהעק איז געווען צו קליין און צו אָרעם איהם צו בעזאָרגען מיט אלעס וואָס ער האָט בעדארפט צו זיין שטודיום. ער האָט אלזא בעשלאָסען צו פערלאזען קרעמניץ און פאר זיך אויסזוכען א פלאטץ וואו עס איז גראמער און וואוהין עס קען צוקומען מעהר ליכט.

ער איז אוועק נאָך בערדיטשעוו און דאָרט האָט איהם א בעקאנטער סוחר אויפגענומען און איהם אונטערשטיצט. דערפאר נאטירליך, האָט לעווינזאָהן פאַרבעררייטעט זיינע צוויי זיהן זיי זאָלען קענען אריין אין ליצעאום.

עס ווייזט זיך ארויס, אז לעווענזאָן האָט געהאט זיין „תעודה בישראל“ בלויז אויפגעשריעבען פון דער ערשטער האנד און ער האָט שפעטער נאָך פיעל געארבייט איבער איהם אום צו פער־פאָלקאָמענען יעדען קאפיטעל.

אין דערזעלבער צייט וואָס זיינע פאנאטישע שונאים זיינען

געוואקסען האָבען זיך אָבער פערמעהרט זיינע פריינד, און, מיט זייער הילף, איז איהם געלונגען ענדליך צו פובליצירען דעם „תעודה בישראל“ פאר דער גאנצער וועלט.

דער „תעודה בישראל“ האָט צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם בילדונגס־מיניסטער בלודאָף און דיעזער האָט דאריבער מיטגעטהיילט צאר ניקאָלאי דעם 1טען.

ווען ניקאָלאי האָט געהערט, אז עס געפינט זיך א איד וואָס שרייבט ספרים אויף העברעאיש מיט דעם צוועק אויפצוקלערען זיינע ברידער, און, איבערהויפט זיי צו בעוועגען צו ווערען ערד־ארבייטער, וואָס איז געווען ניקאָלאי׳ס א הייסער וואונש, האָט דער צאר באלד געאיילט אין אריינגעשיקט דעם פערפאסער פון „תעודה בישראל“ דיא סומע פון טויזענד רובעל מיט א׳ן ערמונ־טערונג ווייטער צו ארבייטען לויט דעמזעלבען פראָגראם.

לעווינזאָהן איז געווען זעהר גערירט פון דיזער קייזערליכער אנערקענונג און האָט זיך אוועקגעזעצט און אָבגעשריעבען דעם צאר א דאנק־בריעף אין דייטש, אין דערזעלבער צייט איהם אויך ערקלערענדיג דעם טרויעריגען צושטאנד פון זיינע ברידער.

דער בריעף איז געווען זעהר גוט געשריעבען און צאר ניקאָלאי דער 1טער איז פון איהם געווען העכסט צופריעדען. ער האָט איהם אויך באלד אייגענהענדיג געענטפערט אויף דיעזען בריעף.

קאפיטעל 5

עס איז נויטהווענדיג זיך פארצושטעלען אי דיא צייט אי דיא אומגעבונג אין וועלכער יצחק בער לעווינזאהן האט געלעבט.

ווער עס האט שטודירט לעווינזאהן'ס ספרים און אויך דעם איינפלוס וואס דיעזע האבען געמאכט, מוז באלד מודה זיין, אז ער איז געוועזן דער גרויסער רעפארמאטאר פון גאנצען רוסישען יודענטהום. מען מעג פאזיטיוו זאגען, אז ער האט פיעל מעהר געווירקט וויא מענדעלסזאהן (רמבמ"ן) אין זיין צייט און זיינע אומגעבונגען.

מענדעלסזאהן האט געלעבט ניט נאר אין א לאנד פון בילדונג און צווישען אידען וואס האבען געצעהלט צווישען זיך מענער פון דענקען און געלעהרזאמקייט, זאנדערן בילדונג און אויפקלערונג איז דאמאלס געוועזן אין דייטשלאנד, צווישען אלע קלאסען, קריסטען און אידען, א געגענשטאנד וואס איז געאכטעט געווארען. מענדעלסזאהן, קענען מיר זאגען, האט אלזא געהאט דיא השפעה פון זיין צייט און פון זיין דור צו וועקען זיין זשעניאלען גייסט. דאן האט מענדעלסזאהן, וויא ווייט מיר וויסען, געהאנדעלט מייס־טענטהיילס אלס דער פערטהיידיגער פון יודענטהום אין דער קריסטליכער וועלט, וויא זיין ווערק „יערוזאלעם" בעווייזט. וועה־רענד זיין ארבייט צווישען זיינע ביידע איז ניט מעהר געוועזן וויא פעדאגאגיש, בתור מלמד, אדער געשולטער לעהרער, לויט וויא זיין איינלייטונג צו דער ביבעל, איבערזעטצונגען אין דייטש און ביאור אויף דער ביבעל, בעווייזען. זיין העכסטעס ווערק אין דיעזען פעלד איז געוועזן זיין איבערזעטצונג און פירוש צום „מלת ההגיון" פון רמב"ם, וואו ער האט געוואלט לערנען זיינע ברידער לאגיק.

מיט לעווינזאהן איז געוועזן גאנץ אנדערש. ארום איהם איז געוועזן פינסטער. אונוויסענהייט האט געהערשט אין אלע קרייז־זען. געלעהרזאמקייט איז פערעהרט געווארען בלויז פון יחידי

סגולה. ער האָט אלזאָ ניט געקענט ערוואַרטען צו האָבען דיא השפעה פון זיין צייט און פון זיין דור, זאָנדערן, ער האָט געמוזט אונטערנעהמען דיא ריעזיגע ארבייט משפיע צו זיין אויף זיין צייט און אויף זיין דור.

און וואָס איז געווען זיין צייט און זיין דור?

אום זיך צו מאַכען דאריבער א געגויען בעגריף וואָלט פאַר אונז גענוג געווען צו שטודירען בלויז איין אבטהיילונג פון זיין ווערק „דיא הפקר וועלט", געשריעבען אין מאַמע־לשון, אידיש. דיעזע אבטהיילונג האָט אפילו ניט קיין רייטליכען נאָמען, נאָר דער טיטעל דאפיר פאַסט צו זיין „מעסמעריזמוס אָדער מאַגנע־טיזמוס". עס איז געווען צו יענער צייט ווען אין איירָאָפּא איז ארוים א קלאַנג, דאָס מען קען „מאַגנעטיזירען", אָדער, וויא מען רופט עס יעצט „היפּנאָטיזירען" א מענשען, און אונטער דיעזען איינפלוס, קען מען ערפאַהרען סודות פון „יענער וועלט".

לעווינזאָהן, וועלכער, וויא עס שיינט, איז ניט געווען קיין שטאַרקער מאמין אין אַלעס וואָס מען האָט געזאָגט (אפילו אין דיא וויסענשאפטליכע קרייזען,) האָט ער אויסגעקליבען דיעזע גע־לעגענהייט און דערצעהלט, אז איינער איז „מאַגנעטיזירט" געוואָ־רען און אין דיעזען צושטאַנד האָט ער דערצעהלט וואָס מיט א „גוטען אידען" האָט פּאַסירט אָדער א „רבי בעל מופת", האָט מיט־צוטהיילען פון „יענער וועלט".

דיא אָבהאַנדלונג איז זעהר גוט געשריעבען, פול מיט וויטץ און געזונדען הומאָר, אָבער, וויא זיא איז, איז אַלעס דער ריינער און טרויעריגער אמת. מיר זעהען דאָרט א גראָבען יונג, פערדאָר־בען, פון דער ניעדריגסטער קלאַסע מענשען, א נחות דרגא, וועל־כער ווערט א „רבי" און נאַרט דיא אידעלעך. זיינע געמיינהייטען איבערשטייגען אַלעס וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלען; אין זיי געפינט זיך שווינדעל, בעטרוג, רויב און זאָגאר מאָרד אבי דורכצופיהרען זיינע שמוציגע פּלענער. דאָך גלויבט מען אין איהם און מען ברענגט איהם געלד פון אַלע זייטען אום ער זאָל זיין א פערמיטלער צווישען גאָט און זיינע אידעלעך. וועה דעם

וואס האט געוואגט געגען דעם „רבי'ן" אויפצוטרעטען, ער איז שוין ניט זיכער געוועזן מיט זיין לעבען.

און דיעזע שילדערונג איז געוועזן א קאפיע פון טהאטזאכען, פון לעבעדיגע פאקטען.

אט, אין אזא צייט און אין אזא דור האט לעווינזאהן געלעבט, און זיי, דיעזע ארימע פערפיהרטע און בעטראגענע, האט זיך לע־ווינזאהן אונטערגענומען אויפצוקלערען דורך וויסענשאפט און קריטיק.

אום זיך צו מאכען נאך א בעסערען בעגריף פון דיא אידען צווישען וועלכע לעווינזאהן האט געלעבט, מוזען מיר דערצעהלען און אבשילדערן דיא מאכט געגען וועלכער ער האט געהאט צו קעמפפען.

נאך וואהלין האט זיך דאמאלס אריבערגעקליבען דער גאנצער חסידיזמוס. דעם אורשפרונג פון דעם חסידיזמוס ערבליקען מיר אויף דער גרענעץ צווישען רומעניען און בוקאווינא, וואו דער בעל־שם, אדער בעש"ט איז ערשיענען. געננוי ווער און וואס דער בעל־שם איז געוועזן, וועט דיא היסטאריקער פיעללייכט קיינמאל ניט געלינגען צו דערגעהען. מאנכע זאגען, אז ער איז געוועזן א רעפאר־מאטאר און א פראטעסטירער געגען דיא לומדים וואס האבען גע־לערענט טאג אזוי נאכט אין דיא בתי מדרשים און בעטראכט דעם ניט־געלערענטען אדער עם־הארץ אזוי וויא א בהמה, און דערפאר האט דער בעל־שם, הייסט עס, אויפגעטרעטען געגען דער זא־גע־נאנטער געבילדעטער קלאסע און געזאגט, אז מען דארף ניט לער־נען און אן עם־הארץ מיט א גוט הארץ איז פיעל חשוב'ער ביי גאט. אנדערע ווידער זאגען, אז ער האט זיך פערליעבט אין א למדן'ס א טאכטער און וויל ער אליין, דער בעל־שם, האט ניט גע־קענט לערנען, האט מען איהם פערדאמט. וויא דיא זאך איז, פון דעם גאנצען תוהו־ובוהו נעהמען מיר ארויס, אז דער בעל־שם האט געפרעדיגט געגען לערנען און געזאגט, אז ביי גאט איז ליעבער ווען מען דאווענט מיט כונה און מען ווייס ניט וואס מען זאגט, וויא צו וויסען וואס מען זאגט און עס איז קיין כונה ניטא.

עס איז מעגליך, אז דער בעל־שם האָט געהאַט גוטע אבזיכטען. עס שיינט אויך, אז ער איז געווען אַן עהרליכער מאַן, דען עס איז ניטאָ קיין איינציגער בעוויז, אז ער האָט גענומען פּדיונות און דערפון געלעבט גליקליך. מען וויים, אז ער איז געווען אַן אָרימאַן און איז געשטאָרבען אַן אָרימאַן.

אָבער אזוי איז שוין דאָס מזל מיט פיעלע רעפאָרמאַטאָרס: מען פערוועגדעט זייערע לעהרען צו אנדערע צוועקען, און שלעכטע פערדאָרבענע מענשען נוטצען אויס דיא העכסטע געדאנקען פיר פערזענליכען פערדיענסט.

דעם בעל־שם׳ס עקזיסטענץ האָט געשאַפען דעם חסידיזמוס, און דער חסידיזמוס האָט פּראָדוצירט געטצען, וועלכע זיינען געווען רביים. דיעזע רביים, מיט גאַנץ קליינע אויסנאהמען, האָבען זיך בעדיענט מיט דער אונוויסענהייט פון פאָלק און איהם אויסגעזויגען. דיא אונוויסענהייט, ניט לערנען, איז אויך געווען דער עיקר, דער פונדאמענט פון דעם חסידיזמוס. און מיט אזא מעכטיגע וואפען האָבען שאַרלאַטאַנעס און פאָלקס־פערפיהרער געקענט אלעס טהאָן מיט דער מאַסע.

וואָהלין, וואו יצחק בער לעווינזאָהן איז געבוירען געוואָרען און געלעבט, איז געווען דער הויפט נעסט פון דעם חסידיזמוס, און ער האָט דאָרט געהערשט און געוועלטיגט איבעראל. דיא מאַכט פון דיא „גוטע אידען" איז געווען אזוי גרויס און אזוי געוואלטיג, דאָס ווען איינער, אַן אויפגעקלערטער, האָט בלויז געוואגט צו צווייפלען און אויסשפּרעכען זיין מיינונג, איז ער געווען אונגליקליך: מען האָט מיט אזעלכע געמאַכט א קורצען פּראָצעס: גע׳מסר׳ט, געשלאָגען מכת רצח, אונטערגעצונדען זייערע הייזער און ניט זעלטען אויך דער׳הרג׳עט. אחת לאחת, האָט מען דערשטיקט יעדעס פרייע וואָרט, יעדען אויפגעקלערטען אויפטריט. און אלעס איז געפאלען צו דיעזער מאַכט.

דאָרט און דאַמאלס האָט לעווינזאָהן אָנגעפאַנגען זיין ארבייט, זיין קאַמפּף פון ליכט געגען פינסטערניש, פון בילדונג געגען אונוויסענהייט.

דערצו איז ער געווען א קראנקער מענש, אָרים, עלענד, איינער אליין און אויך אונערפאהרען.

דיא לעצטע בעהויפטונג נעהמען מיר פון זיין „תעודה בישראל“, א ווערק געשריעבען אין א פּאָלשטענדיגען מאָדערנעם גייסט, נאָך אלע רעגעלן פון וויסענשאַפט, פאָרשונג און קריטיק.

בלויז איין מעלה האָט געהאט זיין ערשטעס ווערק, וואָס דאָס האָט פיעללייכט געווירקט דער בערפאסער זאָל ניט פערפעהלען זיין ערהאבענעם ציעל. דער „תעודה בישראל“ איז געשריעבען געוואָרען אין דעם מילדען טאָן פון דעם וואהרען דענקער; ער האָט ניט אָנגעגריפען מיט כעס און געוואלט; ער האָט ניט געשני־טען מיט זיין קריטיק פונקט דאָרט, וואו עס טהוט וועה צום שטארקסטען; אמת, ער האָט געריסען דעם פונדאמענט, אָבער, וויא דיא אלטע אידישע געלעהרטע האָבען איהם געהייסען: „דברי חכמים בנחת נשמעים“.

האָט לעווינזאָהן אבזיכטליך אזוי געשריעבען? האָט ער גע־וואוסט, אז דערמיט קען מען בעסער געווינען? ניין! לעווענזאָהן איז דאמאָלס געווען אין זיין בליהענדער יוגענד, ווען דער גייסט שטורמט און עס איז איהם שווער איינצוהאלטען. אָבער טיעפער אריינקוקענדיג, זעהען מיר אין דעם לעווינזאָהן׳ס עדלע נשמה, דעם מילדען גייסט און דאָס גוטע הארץ. עס איז געווען זיין נאַ־טור צו זיין עדעל און ער האָט אנדערש ניט געקענט האנדלען. אפילו אין זיינע סאטירישע און בייסענדע ווערק, האָט ער אויך מעהר געזוכט צו זיין איבערציינענד וויא אנגרייפענד.

קאפיטעל 6.

לעווינזאָהן האָט געליטען הונגער, מאנגעל, נויט און רדיפות זייט דער צייט וואָס דער „תעודה בישראל" איז ערשיענען.

וויא מיר האָבען שוין איינמאָל בעמערקט, איז ער אין אנפאנג געווען זעהר געקרענקט דאריבער, אָבער שפּעטער, ווען דיא אידישע גרויסע געלעהרטע פון זיין צייט האָבען איהם אנערקענט און איהם אָבגעגעבען זיין גוט־פּערדיענטען שבח, האָט ער זיך געטרייסט און מקבל באהבה געווען זיינע ליידען. ער האָט באלד פערגעסען אָן זיינע צרות און אָנגעהויבען צו קלערען וועגען ווייטערע מיטלען וויא צו עררייכען דיעזע וואָס ער האָט געזוכט צו ראטעווען.

לעווינזאָהן האָט איינגעזעהען, אז זיין „תעודה בישראל" איז איינע פון יענע מעדיצינען, וועלכע ווירקען ערשט נאָך לאנגע יאָהרען. דיא וויסענשאפטליכע קריטיק, האָט ער איינגעזעהען, איז א צו הארטער ביסען און ער קען דערמיט ניט גרייכען אלעמען. ער האָט אלזאָ בעשלאָסען אָנצו־ווענדען אנדערע מיטלען, און ער האָט אויסגעפונען, אז דיא סאטירע איז דער בעסטער רעצעפּט.

אין יאָהר 1832 זיינען פון איהם ערשיענען צוויי פּאמפלעטען, „דברי צדיקים" און „עמק רפאים".

מיט א קורצע צייט צוריק איז ערשיענען א ספר מיט דעם נאָמען „מגלה טמירין". דאָס איז א קאָרעספּאָנדענץ צווישען חסידים אין א מערקווירדיגע העברעאישע שפּראך, וועלכע איז א חוזק מאכען פון דעם פערדאָרבענעם אידיש־העברעאיש וואָס דיא חסידים האָבען געשריעבען. דאָרט ווערען דערצעהלט פון דיא ווילדע און נאררישע נסים ונפלאות פון דיא „גוטע אידען" אין א בעהאלטענעם הומאָר. עס ווערט בעהויפּטעט, אז ענטוועדער לע־ווינזאָהן האָט אליין געשריעבען דעם „מגלה טמירין," אָדער ער איז געווען א הויפּט מיטארבייטער אין דעם.

דער „דברי צדיקים“ און דער „עמק רפאים“ איז א מין נאָכ־פאָלגענדע סעריע צום „מגלה טמירין“. דער „דברי צדיקים“ איז צום ערשטען געדרוקט געוואָרען אין וויען, און שפּעטער צוזאמען מיט דעם „עמק רפאים“ איז ער געדרוקט געוואָרען אין אָדעס.

דער „דברי צדיקים“ ענטהאַלט דריי בריעף און דיאלאָגען (געשפּרעכען) צווישען צוויי חסידים אין „חסידים שטיבעל“, אָדער קלייזעל „בק“ק אָליק“. דיא קאָרעספּאָנדענץ און דיא דיאלאָגען זיי־נען איבער דעם „מגלה טמירין“ וואו מען האָט געדרוקט פאָלגענדען נאָמען פון פערפאסער: „החסיד ר' עובדיה בן פּתחיה“. דיא סאטירע אין דיעזען ווערק איז איינע פון דיא בעסטע אין דיעזער ארט ליטעראטור. צום שלום קומט א פּראכטפאָלע סאטירישע ריימען־אבהאנדלונג מיט דעם נאָמען „בי־כסא“, וועלכעס איז א „מזמור לבן־יהודה להשכיר“, צייגענדיג דערמיט דיא צולאָזענהייט פון דיא חסידים. דער „עמק רפאים“ איז עהנליך צו זיין אידי־שעס ווערק דיא „הפקר וועלט“, שילדערנדיג דיא מעשים תעתועים פון דיא צדיקים, אויך דורך „מעסמעריזמוס“, אָבער פיעל ברייטער, דייטליכער און איבערצייגענדער.

דאָס אלעס איז געשריעבען אין דער קונסטפאָלער חסידים־שפּראך, און עס האָט געגרייכט זיין קרייז לעזער. דיא פערשטעלט־קייט אין סטיל און געדאנקען איז געווען אזוי גוט און געלונגען, דאָס פיעלע חסידים האָבען עס גערעכענט אלס א ספר פון איינעם פון זיי, וואו עס ליעגט „קדושה“, און זיי האָבען עס געלעזען ניט בעגרייפענדיג אנפאנגס וואוהין עס ציעלט. ערשט ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען דערמיט, האָבען זיי איינגעזעהען, אז זיי האָבען געהאט א טעות, אָבער דיא ארגומענטען און בעווייזע האָבען שוין געמאכט זייער איינדרוק.

מיר ערבליקען דאמאָלס דעם קעמפּפער ווידער וואָהנענדיג אין קרעמעניץ. אָבער ער האָט ניט געוואָהנט אין שטאָדט, זאָנ־דערן ווייט אוועק, אָבגעזונדערט פון זיינע בני־עיר, ערגעץ־וואו אין א פערוואָרפענע שטיבעלע, וואו אונמוטה האָט איהם בעגריסט אין דער פריה, פערצווייפלונג אבענד און אונזיכערהייט מיט הונגער

אין דער טיעפער שטילקייט פון דער נאכט, ווען ער איז געזעסען און געלערענט.

צו יענער צייט האָט לעווינזאָהן ערהאלטען א בריעף פון זיין אלטען פריינד פון גאליציען, ה׳ בעריש בלומענפעלד, וועלכער דערצעהלט איהם, אז ער האָט געלעזען זיינע לעצטע צוויי סאטי־רישע ווערק און פיעל הנאה געהאט. „אָבער צו וועלכען צוועק, מיין פריינד״, שרייבט ווייטער ה׳ בלומענפעלד, „זאָלסטו מקריב זיין דיין געזונד און דיין לעבען פיר אזעלכע זאכען? כלעבען אז אלע חסידים פון דער וועלט פערדיענען ניט, אז דו זאָלסט אָבגע־בען דיין קאָסטבארע צייט פיר זיי. עס איז איבערהויפט אן אומ־זיסטע ארבייט, דוא קענסט זיי גאָר ניט טהאָן. זייער דומהייט און פערברייטעטע נארישקייט, איבערשטייגט אלעס און מיר וועלען ניט אימשטאנדע זיין ליכטיג צו מאכען אין זייערע פינסטערע מוחות. אדרבא, זיי ווערען נאָך פאנאטישער דורך אזעלכע אנ־גריפע. איבעריגענס, איז עס געוועזען מיין פליכט דיר צו זאָגען, און וויא דוא ווילסט, אזוי זאָלסטו האנדלען״.

אָבער זיין פריינד האָט איהם ניט פערשטאנען און אויך ניט געזעהען וואָס פאר א פריכטע לעווינזאָהן׳ס ארבייט טראָגט.

קאפיטעל 7.

דאָס מערקווירדיגסטע אין יצחק בער לעווינזאָהן'ס לעבען פון יענער צייט איז געווען, וואָס בשעת דיא פאנאטיקער האָבען איהם געזידעלט, בעליידיגט און געמאכט צו שאנד, האָבען זיי זיך אויך געווענדעט צו איהם נאָך הילף. ווען מען האָט איינעם געפרעגט, ווארום, ווען ער האסט אזוי לעווינזאָהנען, וויא קומט עס ער זאָל פון איהם פערלאנגען טובות? האָט ער געענטפערט: „דער גוי איז טרפה, נאָר זיין מטבע איז כשר".

אָבער כאָטש ביים אָרימען לעווינזאָהן האָט מען קיין מטבעות ניט געקענט קריגען, האָט מען פון איהם געהאט טובות, וועלכע האָבען ווערטה געהאט מעהר וויא געלד: ווען א קהלה אָדער א יחיד איז געווען אין נויט, טאקי דורך דיא מסירות פון איין חסידישער פארטיי אויף דער צווייטער, אָדער גלאט דורך א בלבול־דם וואָס איז דאמאָלס פאָרגעקומען זעהר אָפט, האָט מען זיך באלד געווענדעט צו לעווינזאָהן'ען, אז ער זאָל ממליץ זיין, דאָס הייסט, שרייבען צום קיסר, וואו ער איז געווען א חשוב, און בעטען רחמים, גנאדע.

לעווינזאָהן'ס בריעף האָבען אימער געווירקט און דערפאר איז זיין פאפולאריטעט געוואקסען. אָבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דיא אונגליקליכע פאנאטיקער האָבען אויף איהם אלץ געקוקט ניט מעהר וויא אויף א גוטען גוי.

פון דעסטוועגען זיינען אויך אויפגעשטאנען איינציגע קהילות וואָס האָבען אָנגעהויבען אנדערש צו דענקען וויא דיא גרויסע און אונוויסענדע מאסע און זיי האָבען געוואָלט איינפיהרען אזעלכע רעפאָרמען אין זייער לעבען לויט וויא דער „תעודה בישראל" האָט זיי געלערענט. זיי האָבען זיך באלד געזעצט אין פערבינדונג מיט לעווינזאָהנען דורך בריעף און ער האָט זיי פיעל געהאָלפען דורך זיין איינפלוס ביי דער רעגיערונג.

וועהרענד דעם, האָט לעווינזאָהן געליטען פון קראנקהייט, אָרימקייט און איז געוועזן שטארק בעשעפטיגט אין זאמלען דעם גרויסען און וויטציגען מאטעריאל פיר זיין ווערק „אפס דמים“.

אויב דיא ארבייט פון דיעזעס ווערק האָט געהאט עפּעס צו טהאָן מיט דער טרויריגער ערפאהרונג וואָס זיין פעטער חיים האָט דורכגעמאכט, מיט דער שבועה וואָס זיין טאטע יהודה האָט געשוואָרען צו בעווייזען דעם ליגען פון עלילת דעם, אָדער מיט דיא בלבולים וואָס האָבען געהערשט אין זיין צייט, איז ניט דייטליך געננוג, אָבער א פאקט איז עס, אז לעווענזאָהן האָט זיך גענומען צו אן ארבייט וואָס וועט פערבלייבען אלס דער וויכטיגסטער דאקומענט פון אידישער אפּאָלאָגעטישער ליטעראטור פון יענער צייט.

לעווינזאָהן האָט פערשטאנען פרעמדע שפּראכען. אז ער איז ניט געוועזן פרעמד פון גריכיש און לאטייניש, זעהען מיר פון זיין ווערק „תעודה בישראל“, און אז ער איז געוועזן גוט בעוואנדערט אין רוסיש, מערקען מיר זיך פון זיין ווערק „יסודי השפה הרוסית“ וואָס ער דערמאָהנט אין „תעודה בישראל“, וועלכעס ער האָט אליין פערפאסט, און פון דעם פאקט, אז ער איז געוועזן א סעקרעטער נאָך אין זיין פריהער יוגענד ביי א רוסישען גענעראל. זיין קאָררעספּאָנדענץ אין דער דייטשער שפּראכע, ווייזט אויך, אז ער האָט גוט פערשטאנען דיא בעריהמטע דייטשע קלאסיקער און ער האָט געקענט שרייבען א בוך אין איינער פון דיעזע צוויי שפּראכען. דאָך, שיינט עס, אז זיין בעשיידענהייט איז געוועזן צו גרויס און ער האָט ניט געוואגט צו שרייבען ווערק אין א שפּראך, וואו ער איז ניט געוועזן קיין פאָלשטענדיגער מייסטער.

דער „אפס דמים“ איז ספּעציעל פערפאסט געוואָרען פאר דער קריסטליכער וועלט, צו בעווייזען, אז עלילת דעם איז אן אויסגעטראכטע זאך, און עס שטאמט גאָר דערפון וואָס דיא אידען האָבען דיעזע בעשולדיגונג צום ערשטען אויפגעהויבען געגען דיא קריסטען, ווען דיא לעצטע זיינען נאָך געוועזן צו שוואך, און דאן, ווען דיא קריסטען זיינען געוואָרען מעכטיגער, האָבען זיי דיעזע בעשולדיגונג אויפגעהויבען געגען דיא אידען.

דער „אפס דמים" איז א מייסטער־ווערק פון היסטאָרישע דאָקומענטען צו בעווייזען, אז אידען האָבען אימער געליטען פאר א בלבול וואָס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. דאָס ווערק איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען אין ווילנא אין יאָהר 1833 און איז ערשיענען אין דער פאָרמע פון א ויכוח, אָדער דיאַלאָג צווישען א אידען און א קריסט.

דער סטיל איז זעהר לייכט און דייטליך, ווייל דיא אבזיכט פון דעם פערפאסער איז געווען, אז דאָס זאָל באלד איבערזעצט ווערען אין פרעמדע שפראכען און גרייכען דעם קרייז לעזער, פאר וועמען עס איז געשריעבען געוואָרען. אז לעווענזאָהן האָט זיין ציעל ניט פערפעהלט, בעווייזט דיא נאָהענטע צוקונפט, ווען דער „אפס דמים" איז ווירקליך איבערזעטצט געוואָרען אין אנדערע שפראכען און געמאכט זיין געווינשטען איינדרוק.

לעווינזאָהן איז אלט געווען בלויז 45 יאָהר, ווען ער האָט געענדיגט זיין „אפס דמים", און אזוי שנעל וויא דאָס בוך איז ארויס אין דער עפענטליכקייט, האָט עס צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דער געלעהרטער וועלט. מיט א קורצער צייט שפעטער איז געשעהען דער עלילת־דם אין מאראָקאָ, וואָס האָט דאמאָלס אויפגעציטערט דיא גאנצע אידישע וועלט און ניט וועניג אונרוהען ארויסגערופען אויך צווישען אייראָפּעאישע נאציאָנען.

סיר מאָזעס מאנטעפיאָר האָט זיך בעגעגענט מיט אדאָלף קרעמיע און אלבערט קאהן און זיי האָבען בעשפראָכען וואָס עס איז צו טהאָן אום דיא קריסטליכע וועלט זאָל אויפגעקלעהרט ווערען איבער דעם בלבול דם און מען זאָל וויסען, אז דאָס איז ניט מעהר וויא אויסגעטראכט. דער רעזולטאט פון דיעזען געשפרעך איז געווען, וואָס דר. אליעזר לעווע, סיר מאָזעס מאָנטעפיאָר'ס סעקרעטער, האָט איבערזעטצט דעם „אפס דמים" אין ענגליש. דיא איבערזעטצונגען פון דעם „אפס דמים" אין דייטש און רוסיש, האָבען נאָכגעפאָלגט שפעטער.

קאפיטעל 8.

ווערענד לעווינזאָהן האָט אזוי פיעל געארבייט און אזוי פיעל געווירקט פאר זיין פאָלק, האָט ער דערווייל געליטען הונגער. ער האָט אפילו ערהאלטען זעהר פיעלע ליעב־בריעף מיט קאָמפּלימענטען פון דיא רייכע און מעכטיגע אידען פון זיין צייט אין אויסלאנד און רוסלאנד, אָבער זעלטען ווען איינער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פראגע: וויא לעבט דער גרויסער אידישער געלעהרטער? פון וואנען נעהמט ער אויף דער הוצאה?

מיר מוזען זיך יעצט צוריק קעהרען צום יאָהר 1837 אום דורכצולעבען מיט לעווינזאָהנען איינע פון דיא טרויעריגסטע בעגעבענהייטען אין זיין קאריערע. ער האָט געוואָהנט, וויא מיר האָבען שוין דערמאָהנט, אין א שטיבעלע, העט ווייט פערוואָרפען פון דער שטאָדט. זיין איינציגער בעשטענדיגער קאָמפּאניאָן איז געווען זיין פאָטער, דער אלטער יהודה. זוהן און פאָטער האָבען זיך גוט פערשטאנען איינער דעם צווייטען און זיי האָבען זיך געלערענט צוזאמען ליידען און ערטראגען דיא יסורים פון זייער שיקזאל.

צו יענער צייט, איז יהודה געשטאָרבען. דאָס איז געווען א שטארקער קלאפּ פאר יצחק בער'ן. מיר ווילען דאָ איבערגעבען זיינע אייגענע ווערטער פון דיא שריפטען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען ווענגען זיין פאָטער:

„מיין טאטע איז געווען ביי אלע זיינע חושים ביז זיין טויט", שרייבט יצחק בער. „בלויז זיין חוש־השמע (הערען) איז קאליע געוואָרען מיט א קורצע צייט פריהער. זיין געזיכט איז געווען קלאָר, זיינע אויגען ריין, און אין דעם טאָג וואָס ער איז געשטאָרבען, האָט ער עפּעס איבערזעטצט פון של"ה. אזוי האָט ער זיך אימער נוהג געווען ווען איהם איז געפעלען געוואָרען אן אָבהאנדלונג אין א ספר. ער האָט תמיד געשפּאָטעט פון דער וועלט'ס נאַרישקייט אין יאָגען זיך נאָך פערגניגען, תאוות און פערמעגען....

מיט א טיעפעם געפיהל פון מיטלייד האָט ער אימער בעטראכט אַלע מענשען, און ניט זעלטען האָט ער אויך בעדויערט דיא בהמות און עפות, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען נאָר צום ליידען. דער־פאר פלעגט ער אימער זאָגען: „נח לו לאדם שלא נברא„ — בעסער אז מען ווערט גאָרניט געבוירען. אויף א יונגען מאן, וואָס האָט געטהאָן א פעהלער, האָט ער תמיד געפונען א זכות. איבערהויפּט האָט ער קיינעם ניט פערדאמט און האָט בעמערקט: „בשגם הוא בשר" — ער איז דאָך בלויז א מענש פון בלוט און פלייש. וואָס איז נוגע מצוות, האָט ער זיך שטרענג געהאַלטען אן „שולחן ערוך"; וואָס עס אנבעלאַנגט אָבער פון דיא אנדערע מצוות און מנהגים וואָס מען האָט איינגעפיהרט, האָט ער פון זיי ניט גע־וואָלט וויסען. ער האָט אויך בעמערקט: „צו אַלעמען דאַרף מען האָבען מזל; דער שלחן ערוך אורח חיים האָט מעהר מזל פון דעם שולחן ערוך חושן משפט, וואָס רעדט פון דעם רעכט וועגען מיינע און דיינע; דער ערשטער טהייל פון דעם יורה דעה האָט מעהר מזל פון דעם צווייטען וואָס רעדט איבער פּראָצענט, תלמוד תורה, צדקה, כבוד אב; מיט דעם ערשטען טהייל גיט מען זיך זעהר שטאַרק אָב און אָן דעם צווייטען פערגעסט מען" — מיין טאַטע האָט זיך געהיט קיינמאָל ניט צו רעדען א שלעכטעס וואָרט איבער א צווייטען.

צו זעטען זיין הונגער איז פאר איהם געגוג געווען וועניג. ער איז געווען א מערקווירדיג שעהנער מענש און הויך געוואקסען. ער האָט זיך אימער געבעטען ביי גאָט ער זאָל ניט זיין קראַנק פאר זיין טויט כדי ער זאָל ניט דארפען אנדערע פּלאָגען און זיך אליין מאטערן. און זיין וואונש איז מקוים געוואָרען. ער האָט אָבגעדאַ־ווענט מנחה, וויא זיין מנהג איז געווען, צוויי שטונדען פאר נאכט, עפּעס געלערענט; דערנאָך האָט ער פערדרויכערט זיין לולקע, זיך געלעגט אויף׳ן בעט זיך אויסרוהען. דאן האָט ער צוגערופען מיין שוועסטער פייגע, איהר געגעבען דיא לולקע אוועקצולייגען און גע־בעטען זיא זאָל איהם צודעקען, ווייל ער שפּירט קאַלט. אזוי וויא זיא האָט זיך נאָר אומגעווענדעט, איז זיין נשמה אויסגעגאנגען".

ר' יהודה איז אלט געווען 80 יאָהר, ווען ער איז געשטאָרבען. זיין זוהן, ר' יצחק בער לעווינזאָהן זאָגט ווייטער דיזע ווערטער: „מען האָט מיין טאַטען בעהאַלטען מיט זיינע עלטערן אויפ'ן בית עלמין פון קרעמעניץ, און פיר זיין מצבה האָב איך אויפגעשריעבען עטליכע פערזען, וועהרענד מיינע הענד האָבען געציטערט, מיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען, און זייענדיג אזוי בעטריעבט, האָב איך ניט געטראַכטעט אויפ'ן ליטעראַרישען סטיל, און דאָס איז ארויס פון מיין פעדער:

מכתם לציון.

פה יישן איש אמונים
זקן נכבד נשוא פנים,
ירא אלהים הולך בתומתו,
חכם וסופר, יקר לאומתו,
מו"ה לעווין יכונה יהודה
בר' יצחק ז"ל ממשפחה כבודה.
הגיע לגבורות ומת בנשיקה,
עצם עיניו בשינה מתוקה
בירח בול בעשרים וארבעה
פה בשפל שמשו באה
ותזרח בעולם, מות בו אין
בשנה זו ה' תקצז"ן.

דער שוואכער און קראנקער לעווינזאָהן איז געווען אזוי גערִיהרט פון זיין פאָטער'ס טויט, אז עס האָט געדויערט היבשע עטליכע וואָכען ביז ער איז ווידער אימשטאנדע געווען פאָרטצוזעטצען זיין ליטעראַרישע ארבייט.

מיר ערפאהרען, אין דער זעלבער צייט, אז ער האָט געוואָהנט צוזאמען מיט זיין שוועסטער, פייגע. זיא האָט געהאט קינדער, אָבער מיר בעגעגענען ניט, אז זיי האָבען געשפּיעלט אירגענד

וועלכע וויכטיגע ראָלע אין זיין לעבען ביז צום ענדע פון זיינע יאָהרען. מיר מערקען זיך, אז זיין שוועסטער איז אויך געוועזן אָרעם, אָבער זיא האָט דעננאָך געזעהען וויא ווייט מעגליך איהר געלעהרטער ברודער זאָל ניט צו פיעל ליידען, און, מיר מעגען מיט רעכט זאָגען, אז דיעזער עדלער פרוי איז פיעל צו פערדאנקען וואָס לעווינזאָהן'ס זשעניאלע ווערקע האָבען געקענט פאָרטגעזעצט ווערען און ער זאָל ניט אונטערגעהען אין זיין פערצווייפלונג.

עס שיינט, אז דער פונדאמענט פיר זיין ווערק „בית יהודה", איז געלעגט געוואָרען נאָך מיט יאָהרען צוריק. ער האָט שוין גע־האט אויסגעארבייט דעם גאנצען סיסטעם וויא דאָס ווערק זאָל אויסזעהען און וואָס עס זאָל בעהאנדלען. אָבער אזוי וויא ער איז געוועזן איינער פון דיא פינקטליכסטע ליטעראַרישע ארבייטער, האָט עס איהם זעהר פיעל געשטערט וואָס ער האָט ניט געהאט דיא נעטהיגע רעפערענץ־ביכער צו זיין ארבייט.

לעווינזאָהנען האָבען ניט נאָר געפעהלט ווערקע אין אנדערע שפראכען, זאָנדערן, ער האָט אויך ניט געהאט דיא נעטהיגע העברעאישע ספרים. ער האָט זיך דערפאר געזעטצט אין פער־בינדונג מיט זיינע בעקאנטע, דיא געלעהרטע פון אנדערע שטעדט, און ביי זיי געליהען ספרים.

ניט נאָר איינמאָל האָט עס פאסירט וואָס ער האָט געווארט אויף א ספר מען זאָל עס איהם בּאָרגען, און דאָס האָט געדויערט א חודש און אמאָל צוויי. א'ן אנדער מאָל האָט געטראָפען, אז מען האָט איהם ערשט געענטפערט מיט א מאָנאט שפּעטער, אז דאָס ספר וואָס ער זוכט, געפינט זיך ניט דאָרט. דערווייל איז זיין ארבייט אונטערבראָכען געוואָרען און ער פלעגט זיין אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

אזוי זיינען פאַראיבער יאָהרען, און ערשט אין 1828 איז פערטיג געוואָרען דער „בית יהודה". ער האָט דאָס גלייך אוועק געשיקט קיין ווילנא צום צענזאָר און ער האָט באלד ערהאלטען א'ן ערלויבנים דאָס צו דרוקען. אום זיך צו מאכען א גענויען

בעגריף פון זיין צושטאנד, וועלען מיר דאָ איבערגעבען וואָס ער האָט אליין געשריעבען וועגען יענער צייט :

„צרות האָבען מיר ניט געפעהלט. איך בין קראנק געוואָרען און האָב אָבגעקרענקט גאנצע צוויי יאָהר צייט. איך בין געבליעבען אזוי עלענד, אז איך האָב בוכשטעבליך ניט געהאט א שטיקעל ברויט און אביסעל פרישע וואסער צום טרינקען. פערלאָזען פון אלעמען, אָהן א שטראהל פון האָפנונג, האָב איך געמוזט קעמפפען מיט מיין ביטערען מזל. פלוצלונג איז מיר אָנגעקומען א בריעף פון דעם געלעהרטען ר׳ משה לאנדוי פון פראג, וועלכער האָט מיר געשריעבען, אז ער האָט געהערט פון מיין ספר „בית יהודה" אין כתב יד און ער וויל דאָס דרוקען"...

אָט אין דעם זעהען מיר לעווינזאָהנען אין זיין גרויסער הערליכ-קייט. ער האָט געליטען אָהן א שיעור, אבער ער האָט באלד אָן אלעמען פערגעסען ווען ער האָט געהערט, אז עס געפינט זיך א מענש וואָס וויל פערעפענטליכען זיינע אידעען פאר דער וועלט.

קאפיטעל 9

אום זיך צו מאכען דעם בעסטען בעגריף איבער לעווינזאהן'ס „בית יהודה", מוזען מיר שטודירען דיא אורזאכע וואס עס האט איהם בעוואגען צו שרייבען דיזעס ווערק.

עס איז געוועזן אין יאהר 1821, ווען דער רוסישער בילדונגס־מיניסטער, עמנואל ליוועז, איז אויפמערקזאם געווארען איבער לעווינזאהן'ס טהעטיגקייט. ליוועז איז געווען א געבילדעטער קריסט פון דער קלאס וואס האט זיך ניט געקענט פארשטעלען וויא אזוי אידען קענען בלייבען הארטנעקיג און ניט אננעהמען יעזוס קריסטוס אלס זייער משיח. ער האט געלעזען מאנכע ווערק וואס האבען געווארפען א דונקלען שאטען אויף דעם יודענטהום, און רעכנענדיג לעווינזאהן'ען פאר א'ן ערנסטען מענשען, עהרליכער דענקער און א'ן עקספערט אין יודענטהום, האט ער זיך צו איהם געווענדעט מיט א בריעף וואס האט ענטהאלטען פאלגענדע פראגען :

„וואס איז דער פונדאמענט פון תורת משה לויט דער אויפפאסונג פון דעם תלמוד און דיא רבנים ?

„געפינען זיך אידישע פערפאסערס פאר תורת משה, און ווען יא ווארום ווערען זיי ניט דערמאהנט אין תורת משה און דיא ווערקע פון דיא נביאים.

„אין וואס פאר א כתב איז געשריעבען געווארען דיא תורה ?

„זיינען, וועהרענד דער צייט וואס דיא ביבעל איז געשריעבען געווארען, ערשיענען נאך אנדערע אידישע ספרים ?

„איז דאס אמת, אז דער תלמוד זאגט, דאס אין דיא מצוות פון תורת משה געפינט זיך גאר קיין שכל ניט אדער אורזאכע, און ווען דאס איז אזוי, ווארום זאלען דיא פעלקער מודה זיין, אז מען דארף דאנקען דיא אידען פאר זייער חכמה און פערשטאנד ווען עס איז אין דעם קיין שכל ניטא ?

„איז דאָס א פאַקט, אַז דער תלמוד און דיא רבנים ערקלערען, דאס דיא מצוות פון תורת משה צווישען מענש און מענש, זיינען נאָר געזאָגט געוואָרען צווישען אידען און אידען און ניט אויף קיין אַנדערע?

„איז עס ערלויבט אַ אידען צו בעגעהען אַלע פערברעכענס געגען דעם ניט־אידען, איבערהויפט געגען קריסטען וואָס דער איד רעכענט פאַר זיינע שונאים?

„אויף וואָס איבערהויפט איז געגרינדעט געוואָרען דער תלמוד, וואָס איז זיין אינהאַלט, ווער האָט איהם פערפאַסט, אויף וואָס פיר אַ פלאַטץ און אין וועלכער שפראַך?

„וועלכע זיינען דיא ווערק וואָס בעלאַנגען צום תלמוד, און אויב עס געפינען זיך נאָך ספרים וואָס אידען פערהייליגען וויא דעם תלמוד, ווער האָט זיי פערפאַסט, וואָס איז זייער אינהאַלט?

„געפינען זיך אין תלמוד אויך שכל'דיגע זאַכען, ווייל, לויט וויא מען בעהויפטעט, איז ער בלויז פול מיט נאַררישקייטען און לעגענדען געגען דעם געזונדען מענשענפערשטאַנד?

„וויא האָבען זיך ערלויבט דיא תלמודיסטען צוצולעגען און אראָב־צונעהמען פון דיא מצוות פון דער תורה, ביז דיא תורה זעהט היינט גאַנץ אַנדערש אויס, ווערענד דיא תורה זאָגט בפירוש: „לא תוסיפו ולא תגרעו"?

„געפינען זיך נאָך פון דיא סעקטען פון בית שני אויך היינט?

„ווער זיינען דיא קראים (קאַראאימען) און ווען האָבען זיי אַנגעפאַנגען צו עקזיסטירען?

„איז דאָס אמת, אַז דיא היינטיגע אידען בעלאַנגען צו דיא פרושים פון בית שני וואָס אונזער געזעצגעבער (יעזוס) האָט זיי פערדאמט פאַר זייערע בעטריעגערייען און שלעכטע אויפפיהרונגען?

„וואָס טויגען אייך דיא טויזענדער דינים און סייגים וואָס דורך זיי פערברייגגט איהר אייער גאַנצע צייט, אייער לעבען און שטערט אייער אַרבייט, ווען זיינען זיי געמאַכט געוואָרען? ווער האָט פאַר אייך פערפאַסט דיא אונצעהליגע נאַררישע צערעמאָניען, וועלכע זעהען אויס וויא געטצענדיענסט?

„וואס בעדייטעט דיא סעודה אין דער נאכט פון פסח, איהרע ווילדע צערעמאָניען, וואָס האָט געפיהרט אַז מען זאָל איין דערפאר בעשולדיגען אין עסען קריסטען־בלוט?

„געפינען זיך ערגיץ אין אייערע ספרים אזעלכע ווערטער וואס זאָלען ארויסרופען האסס און פעראכטונג געגען קריסטענטהום, געגען קריסטוס׳ן און געגען זיינע אַפּאָסטאָלען?

„איז דאָס וואָהר, אז לויט דעם תלמוד איז עס פערבאָטען פאר א אידען צו לערנען פרעמדע שפראכען, וויסענשאפט, קונסט אָדער זיך בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט?

„ווער האָט פערפאסט דיא אידישע תפילות, זייערע ניגונים, וואָס איז זייער אינהאַלט, אויב זיי ענטהאַלטען שימפּפערייען געגען אַנדערע אמונות, וואָרום זיינען זיי אַזוי לאַנג, וואָרום אָהן א סיסטעם, און וואָרום איז ביי אייך ניטאָ קיין אָרדנונג אין דיא שוהלען וועהרענד זייערע געבעטע?

„וואָס איז דאָס פאר א ספר זוהר, ווער האָט איהם פערפאַסט, געפינען זיך דאָרט זאכען געגען תלמוד, איז ער ווירקליך געניינט צו דיא פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון אַנדערע גלויבענס. געפינט זיך דאָרט און אין אַנדערע קבלה־ספרים עפּעס וועגען דער קריסטליכער דריי־איינינקייט?

„וואס איז דיא טהעאָלאָגישע און פּראַקטישע קבלה, ווער האָט זיא אויסגעפונען און צו וועלכער צייט?

„וואָס איז דיא שכינה, קליפּות, שטן׳ס, סודות, כוונות, שמות און בעשווערונגען?

„איז עס וואָהר, אז דער זוהר און דיא קבליסטען צייגען, אז תורת משה איז פול מיט אנדייטונגען און רמזים?

„איז דאָס אמת, אז דער גלויבען אין שבתי צבי הערשט נאָך היינט אויך און ער איז געגרינדעט אויף דעם זוהר און דיא קבלה?

„זיינען געוועזען אָדער זיינען אויך דאָ ביי אידען ריכטיגע בילדונגס־אַנשטאַלטען, האָבען זיי אַ וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור, ווען יא, וואָס דענקען דיא מאססען דאַריבער?

„האָבען דיא אידען פּראַקטישע און גוטע איינריכטונגען צו העלפען

זייערע אָרימע לייט, זייערע קראַנקע און זייערע אָרימע סטודענטען ?

„ווער זיינען דיא חסידים אין רוסלאנד,וואָס ווילען זיי, ווער האָט זיי געגרינדעט, צו וועלכער צייט און אין וועלכע פלעצער האַלטען זיי זיך אויף, אויב זיי האָבען בעזונדערע שוהלען, וויפיעלע סעקטען געפינען זיך צווישען זיי, און אויב עס זיינען קירצליך נאָך געוואָרען נייע סעקטען ?

„איז דאָ נאָך עפּעס א האָפנונג צו רעפאָרמירען דאָס יודענטהום, ווען יא, וויא אַזוי ?

„וואָס איז דער משיח אויף וועלכען אידען האָפען, איז דאָס אמת, אַז אידען דענקען צו בעהערשען דיא גאַנצע וועלט ווען משיח וועט קומען און אַנדערע וועלען ניט האָבען קיין חלק אין עולם הזה און עולם הבא ?

„וויא קען מען אויפנעהמען אַ אידען אין אַ קריסטליכען פעראיין, וויא קען ער זיך פערשאַפען קריסטליכע פריינד, וויא קען מען איהם אַנפערטרויען אַ'ן אַמט, ווען ער דערוויטערט זיך פון דעם קריסט, ער בעקימערט זיך ניט אום דער טובה פון לאנד און דערפאַר ווילען פיעלע לענדער איהם ניט געבען דאָס בירגער־רעכט ?“

קאפיטעל 10.

ווער עס האָט שטודירט דיא פראגען וואָס דער בילדונגס־מיניסטער האָט איהם געשטעלט, דער בעמערקט אין דעם צוויי וויכטיגע פונקטען: 1) אז ליוועו איז געוועז בעקאנט מיט דעם רוס־סישען יודענטהום וויא עס איז דאמאלס אויפגעפאסט געוואָרען, און, 2) אז ער האָט געטהיילט דיא מיינונג פון דיא שונאים פון יודענטהום, און ער איז געוועז זעהר נייגיעריג צו הערען וואָס יצחק בער לעווינזאָהן האָט דארויף צו ענטפערן.

מערקווירדיג איז אָבער, וואָס לעווינזאָהן אליין האָט אויך געהאט דיא זעלבע פראגען פאר זיינע אויגען און ער האָט אויף זיך גענומען דיא עובדא זיי צו פערענטפערן. זיין ערשטער שריט איז געוועז אין זיין „תעודה בישראל", וועלכער איז געשריעבען געוואָרען נאָך איידער ליוועו האָט געפרעגט דיא הארבע קשיות און לעווינזאָהן האָט פיעלע פון זיי פערענטפערט קודם דיא פראגען זיינען צו איהם געקומען אָפיציעל.

דאָס זעהען מיר אויך פון זיין ענטפער צום מיניסטער, וואו ער צייגט איהם אָן פיעלע תשובות אין „תעודה בישראל". דאן צייגט ער איהם אויך אויף אנדערע ספרים, פון אידישע און קריסט־ליכע פערפאסערס, און אויף דעם רעסט, זאָגט ער, וועט ער פער־פאסען ספּעציעלע ווערקע. דער „בית יהודה" איז הויפּטזעכליך געוועז דיא בעהאנדלונג פון אלע פראגען וואָס ליוועו האָט געשטעלט.

לעווינזאָהן האָט געוויזען אין זיין „בית יהודה" א גרויסע גענימקייט אין דער אידישער געשיכטע בפרט און אין דער קריסט־ליכער ליטעראטור בכלל. ער איז אויך געוועז טריי, וואהר און אויפריכטיג און צוגעגעבען פעהלערן, וועלכע זיינען ווירקליכע חסרונות וואָס ער אליין האָט געקעמפּפט זיי אויסצו־וואָרצלען; אָבער ער האָט קיין מאָל ניט פערגעסען מלמד זכות צו זיין אויף זיינע אונגליקליכע ברידער און בעוויזען, אז דיא חסרונות וואָס

זיי בעזיטצען זיינען ניט דערפאר ווייל אידען זיינען בטבע שלעכטע אדער פערדארבענע מענשען, זאנדערן, ווייל דאס טרויעריגע שיק־זאל צווישען דיא נאציאנען האט זיי געטריעבען צו דיעזער שטופע. אין דערזעלבער צייט וויעדער, האט לעווינזאהן בעהויפטעט, דאס אין פאל אידען זאלען בעסער בעהאנדעלט ווערען וואלטען דיעזע חסרונות געמוזט אוועקפאלען.

דאס תלמודישע יודענטהום, אין זיין ריינקייט און איינפאכ־קייט, איז ביי איהם געשטאנען זעהר הויך און ערהאבען. אום דאס צו פערטהיידיגען, און בעווייזען אז עס איז פערלײמדעט געווארען ענטוועדער פון אונוויסענדע אדער פון שלעכטע מענשען, איז געווען זיין הייליגסטער און העכסטער וואונש.

ער האט פרובירט דאס צו טהאן אין זיין „בית יהודה“, אבער ער האט דארט קיין פלאטץ ניט געהאט. דער פראגראם איז איהם געלעגען אין קאפ, נאר אנשטאט עס זאל בילדען א „תלמודישע אפאלאגיע“, איז דאס ארויסגעקומען א „יודענטהום אפאלאגיע“, וואו ער האט געצייגט דעם געשיכטליכען פארטשריט פון דעם יודענטהום, זיינע ענטוויקלונגען אונטער דיא פערשיעדענע פעריא־דען, דעם פאל און וואקסען לויט אומשטענדען, און דיא פארמע וואס עס האט אנגענומען אונטער דיא אונצעהליגע צוטרעפונגען מיט דיא אידען.

דאס גאנצע ווערק „בית יהודה“ אטהעמט מיט א ריינעם אידישען גייסט און ווארפט צום ערשטען מאל, א מילדען און ווארימען ליכט־שטראהל אויף דער יודענטהום׳ס געשיכטע פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט.

ביז דאמאלס, דאס הייסט, ביז דער „בית יהודה“ איז ערשינען, איז נאך יצחק בער לעווינזאהן געשטאנען אין א צווייפעלהאפטער לאגע ביי דיא פרומע אידישע געלעהרטע. זיי האבען איהם גערעכענט פאר א ווילדען רעפארמאטאר, פאר א צושטערער און פאר איינעם וואס קימערט זיך ניט פיעל וועגען דיא הייליגע קבלות פון א פאלק. אין „בית יהודה“ האבען זיי איהם אבער שוין בעסער פערשטאנען: ער האט זיי פארגעשטעלט דאס יודענ־

טהום אלס א פרעכטיגען גארטען מיט געטטליכע בלומען, אבער ער האט זיי אויך אנגעצייגט דיא דערנער וואס זיינען דארט אויסגעוואקסען און איהם פערוואנדעלט אין א ווילדערניס.

דער ערשטער פון דער פרומער געלעהרטער אידישער קלאססע וואס האט זיך אבגערופען אויף דיעזער ערשיינונג, איז געוועזן ר׳ מתתיהו שטראשון פון ווילנא, וועלכער האט געשריעבען צום פערפאסער א בריעף אין יאהר 1838 און איהם געלויבט און געדאנקט פאר זיין גראסארטיגער ארבייט.

נאך איהם האבען געפאלגט אנדערע פרומע געלעהרטע און רבנים און אויסגעדריקט זייער טיעפסטע דאנקבארקייט צו לעווינזאהנען פאר זיין יודענטהום אפאלאגיע אין „בית יהודה“.

דיעזע אנערקענונג האט איהם געגעבען מעהר מוטה ווייטער צו ארבייטען און ער האט אנגעהויבען איינצוזעהען, אז זיין הויפט־פפליכט איז נאך ניט ערפיללט. אמת, אין „תעודה בישראל“ האט ער געלאזען הערען דעם טראמפעט צו דער געטטין פון אויפ־קלערונג און ליכט; אין „אפס דמים“ האט ער פערטהיידיגט זיין פאלק געגען א׳ן אונגערעכטער בעשולדיגונג, און אין „בית יהודה“ האט ער געוויעזען דיא שעהנהייט פון רייגעם יודענטהום. אבער וואס האט ער געטהאן צו דיא פראגען וועגען דעם תלמוד וואס ליוועז האט איהם געשטעלט? וואס האט ער געענטפערט אויף דיא אונצעהליגע בעשולדיגונגען געגען דיא תלמודיסטען? וואו איז זיין תשובה צו דיעזע, וועלכע האבען אויסגעטראכט אלערליי בלבולים געגען א ווערק וואס זיי האבען ניט פערשטאנען און בעגריפען?

לעווינזאהן האט געזעהען, אז דיזען ענטפער איז ער שולדיג געבליעבען.

דער תלמוד, לויט לעווינזאהן׳ס אויפפאסונג, איז א ווערק וואס מוז טיכטיג שטודירט ווערען, און עס דויערט יאהרען, פיעלע יאהרען, ביז מען ערגרינדעט זיין ציעל, זיין גייסט און זיינע שטרעבונגען. דאס אלעס ערפאדערט א וויסענשאפטליכע און לאגישע אבהאנדלונג אין א בעזאנדערעם ווערק.

לעווינזאָהן האָט געפּאַסט דעם בעשלוס אָנצופאַנגען דיעזע ריעזיגע ארבייט, אָבער עס איז נאָך ביי איהם ניט געווען קלאָר אין קאָפּ אויף וועלכער ארט ער זאָל דאָס שאַפען. שפּעטער, האָט ער געקריעגען א זעלטענע געלעגנהייט וואָס האָט ארויסגערופען זיין מאָנומענטאַלעס ווערק „זרובבל", וואו לעווינזאָהן האָט איינמאָל פאַר אלע מאָל געוויעזען ווער און וואָס דער תלמוד איז.

אין זיינע לעהרע שטונדען, ווען לעווענזאָהן איז ניט געווען שטארק בעשעפטיגט מיט זיינע ליטעראַרישע ארבייטען, פלעגט ער צייטענווייז שרייבען פּערזען. עס איז וואהר, קיין שטארקע פּאָעזיע געפינט זיך ניט אין זיי, דערפאַר אָבער זיינען זיי שאַרף און זעהר געדאַנקענרייך. אויף דער אידעע, דאָס אביסעלע פילאָזאָפיע פערשיכור׳ט און שאַדעט דעם מענשען, און פיעל דענקען און שטודירען פילאָזאָפיע ניכטערט אויס, האָט ער אָנגעשריעבען פאָלגענדע מייסטערהאַפטע פּערזען:

אוהב דעת פנה אלי ואורך,
עין החכמה אם מצאת, שתה דיך,
או על תטעם מאומה, שטה מהמבוע,
מעט כי תשתה תחוג כשכור ותנוע,
כל ימיך תתנהג בשגעון ובעורון,
אך אם תרבה שתות, וסר ממך השכרון.

אין אזעלכע צייטען איז ער אויך געווען זעהר פרוכטבאַר אין זיין פּריוואַט קאָררעספּאָנדענץ, געשריעבען קורצע אבהאַנדלונגען אין אידיש און געארבייט אין פילאָזאָגישע ווערקע פיר דער העברעאישער ליטעראַטור. זיין הויפּט־ארבייט איז ביי איהם געווען דיא פּאָלעמישע ליטעראַטור, וואו ער האָט געזוכט אימער צו טרעפען צוויי ציעלען : 1) פערטהיידיגען דאָס יודענטהום נעגען זיינע פערלוימדער, און, 2) אויפקלערען און בעלעהרען אידען איבער דיא וואהרע פּרינציפּען פון זייער רעליגיאָן.

קאפיטעל 11.

וואָס מעהר מיר קוקען אריין אין לעבען פון יצחק בער לעווינ־זאָהן, אלץ מעהר געפינען מיר אוים זיין עדעלען און אויפריכטיגען כאראקטער, זובענדיג אימער צו בויען זיינע טהעאָריען און לעהרען אויף שכל מעהר וויא אויף גלויבען.

עס וועט אינטערעסאנט זיין דאָ איבערצוגעבען א בריעף געשריעבען צו איינעם פון זיינע פריינד רי״ש אין יאָהר 1840. דער בריעף האָט צוויי וויכטיגע פונקטען: דער ערשטער איז וועגען אָבלעגען שבת אויף זונטאג, און דער צווייטער איז וועגען ליטערא־רישע ארבייטען. מיר קענען פוןביידע צוזאמען פיעל לערנען, און מיר געבען דאָ א געטרייע איבערזעצונג:

„און וועגען דעם רב וואָס דו דערצעהלסט מיר, אז ער איז אויך מסכים אָבצולעגען שבת אויף זונטאג, זאָג איך דיר, אז וועה איז צו דיא מענשען וואָס יאָגען זיך נאָך פריעדען, פריינדשאפט און ברידערשאפט מיט זייערע שכנים, דיא איינוואָהנער פון לאנד, און ווילען דערפאר צושטערען גאָט׳ס בונד, און וועה צו דעם רב, דעם אלטען און גרויען זינדער, וועלכער האלט נאָך אימער אויסגעשטרעקט דיא האנד צו צושטערען, צוברעכען און אומווארפען דיא פונדאמענטען פון דער תורה. דאָס וואס זיי טראכטען וועט קיינמאָל ניט זיין. איך האָב עס שוין געזאָגט דיעזער סעקטע וועלכע איז ער־שיענען פאר מיר און גע׳טענה׳ט אז מען דארף איבערבייטען דעם שבת אויף זונטאג: מה דאָך, האָב איך זיי דערצעהלט, איהר ווילט צושטערען דעם שבת וואָס איז געגעבען געוואָרען פון גאָט, וויא וועט איהר נאָך בעהאנדלען דעם זונטאג וואס איהר נעהמט זיך אליין? אויף אזא אופן וועט אי שבת אי זונטאג ביי אייך גאָר קיין ווערטה האָבען; שבת וועט איהר זיך פיהרען וויא דיא גוים און זונטאג וויא דיא אידען.

„און וואָס דו פרעגסט מיך וועגען דיין ספר וואָס דוא האָסט מיר געשיקט, ראטה איך דיך, דו זאָלסט איהם ניט דרוקען אזוי גיך. קוק איהם איבער נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, און וואָס מעהר ער וועט בלייבען ביי דיר אין מאנו־סקריפּט וועט ער אלץ מעהר גערייניגט ווערען פון פעהלערן. געליובט איז גאָט וואָס ער האָט מיך געמאכט פאר א'ן עני ואביון, דערפאר קען איך ניט באלד דרוקען מיינע ספרים וויא זיי ווערען פערטיג. עס מוז דויערן א היבשע צייט ביז זיי ערשיינען, דערווייל האלט איך זיי אין איין פערבעסערן. ווען איך וואָלט חלילה געווען א'ן עושר און געקענט באלד דרוקען אלעס וואָס איך שרייב, וואָלטען מיינע ספרים ארויסגעקומען פול מיט פעהלערן, פונקט וויא עס איז מיט דעם געלעהרטען יש"ר וועלכער איז רייך און דרוקט באלד וויא ער שרייבט, דערפאר קומען ארוים זיינע ווערקע זעהר שלעכט. און אויף מיינע ספרים און נאָך אנדערע אזעלכע איז געזאָגט געוואָרען : הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה."

דער ערשטער טהייל פון דעם בריעף טראָגט מיט זיך א גרויסע וויכטיגקייט. ער פערצייכענט פאר אונז יענע פעריאָדע אין רוס־לאנד ווען דער רעפאָרמאטאָרישער גייסט פון דייטשלאנד האָט זיך אריינגעכאפּט אויף צווישען דיא רוסישע אידען און דיא זאָ־גענאנטע רעפאָרמאטאָרים האָבען גערעכענט, אז זיי וועלען קענען זעהר לייכט צוציהען לעווינזאָהן'ען אויף זייער זייט.

אָבער זיי האָבען געהאט אין איהם א טעות. לעווינזאָהן, מעהר וויא יעדער איינער, האָט געוואוסט, אז רעפאָרמירען דאס יודענ־טהום הייסט ניט צו בעריהרען און צושטערען דיא גרונד־פּרינציפּען פון דיעזער רעליגיאָן. אין געגענטהייל, דיא גרונדפרינציפּען האָט מען נאָך בעדארפט מעהר בעפעסטיגען, נאָר דיא רעפאָרמאציאָן האָט געמוזט אָנפאנגען אין דיא אונערטרעגליכע לאסטען וואָס דיא קבליסטען און גלאט רבנים האָבען ארויפגעלעגט אויף דעם אָרימען פאָלק און דאָס האָט אין עצם גאָר ניט צו טהאָן געהאט מיט דעם יודענטהום.

לעווינזאָהן האָט געוואָלט ליכט און אויפקלערונג; ער האָט געוואָלט מען זאָל אויסרייסען דיא פרעמדע דערנער, נאָר דיא וואָרצלען פון יודענטהום האָט מען ניט געטאָרט טשעפּען.

עס איז אויך געווען צו יענער צייט, ווען זיין ערשטע אידעע פון „תעודה בישראל" וועגען קינדער־ערציהונג און קינדער־אונטערריכט, האָט איהם ווידער אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען. ער האָט געארבייט מיט אלע מעגליכקייטען אריינצוברייגגען א סיסטעמאטישען לימוד אין דיא אידישע שולען. ווען דיא רוסישע רעגיערונג האָט זיך ערקלערט בערייט צו העלפען גרינדען אזעלכע שולען, איז לעווינזאָהן שטארק בעגייסטערט געוואָרען און געארבייט מיט אלע מעגליכקייטען דאפיר, ער האָט אויך געהאט א'ן אויג אויף ראבינער־שולען, וואו א אידישער רב זאָל לערנען תורה און חכמה צוזאמען און זאָל דאן ווערען א אידישער פער־טרעטער וואָס זאָל ווערטה האָבען צו רעפּרעזענטירען דאָס יודענטהום.

אָבער דיא פינסטערנים אין אידישען לאגער איז געווען פיעל געדיכטער וויא לעווינזאָהן האָט זיך פאָרגעשטעלט, און זיינע ליכטשטראהלען האָבען דאָס ניט געקענט דורכדרינגען.

דיא מאכט פון דעם פאנאטיזמוס האָט אלעס געשטערט, און דערזעלבער לעווינזאָהן וואָס האָט געקעמפּפט פאר'ן שבת און פאר אלע גרונד־פּרינציפּען פון יודענטהום, איז בעשולדיגט געוואָרען אין אפּיקורסות און אפילו אין אטהעאיזמוס.

אין דעמזעלבען יאָהר 1840, ווען לעווינזאָהן האָט זיך אָנגעהויבען פאָרצובערייטען פיר נייע ארבייטען, האָט ער ערהאלטען דיא נאכריכט, אז זיין בעסטער פריינד, דער גרויסער אידישער געלעהרטער, ר' נחמן קראָכמאל, דער מחבר פון „מורה נבוכי הזמן", איז געשטאָרבען אין זיין 56טען לעבענס־יאָהר. דאָס האָט אזוי בעטריעבט דעם פערעהרער פון קראָכמאל'ן, אז ביז צום ענדע פון יאָהר זעהען מיר לעוועגזאָהן'ען כמעט אָהנמעכטיג אין אלעם וואָס איז פאָרגעקומען ארום איהם.

לעווינזאָהן האָט זיך ניט געשראָקען פאר'ן טויט, אָבער ער

האָט זיך גאָר ניט געקענט צוגעוועהנען צו דער אידעע, אז רנ"ק איז אזוי יונג אָבגעשטאָרבען און מיט איהם האָט דאָס יודענטהום, דיא ליטעראטור און דיא פילאָזאָפיע אזוי פיעל פערלוירען.

אלעס וואָס מיר בעמערקען פון איהם אין דיעזען יאָהר, איז געוועזן דיא אונגעוועהנליכע אויפרעגונג און ערביטערונג געגען זיינע קריטיקער. אנשטאט פון זיי אָבצולאכען, וויא זיין טבע איז געוועזן, האָט ער געזוכט זיי צו טרעפען און בעליידיגען. לעווינזאָהן האָט אפילו געהאט פאָלקאָם רעכט, אָבער פאר איהם האָט ניט געפאסט צו פערליערען זיין געדולד. אבער מיר קענען דאָס צושרייבען צו זיין טרויער איבער דעם טויט פון רנ"ק.

קאפיטעל 12.

אין „תעודה בישראל" בעקלאגט זיך לעווינזאהן זעהר פיעל אויף דיא אידישע מחברים און זייער סטיל אין שרייבען. ער האט פאר זיך געזעהען צוויי קלאסען: דיא ערסטע, וועלכע האט געשריעבען אין גמרא שפראך און נאך אונטערגעמישט מיט ווערטער פון דיא תרגומים און פיוטים; און דיא צווייטען, דיא פוריסטען, וועלכע האבען געשריעבען ריינע ביבלישע העברעאיש. לויט לעווינזאהן'ס מיינונג האבען ביידע ניט געטויגט: דיא ערשטע זיינען גלאט אונפערשטענדליך און היטען קיינע רעגעלן פון סטיליסטיק, און דיא צווייטע זיינען נאר פאר ביבעל־שטודענטען; דערצו נאך אפפערן דיא לעצטע פיעלע מאל דעם געדאנק צוליעב דער שפראך. סיי־ווי־סיי שטעהען ביידערליי שרייבער ווייט פון וועלטליכער ליטעראטור, און עס איז אונמעגליך זיי צו איבערזעטצען אין אנדערע לשונות וויא מען טהוט אין אנדערע ליטעראטורען.

לעווינזאהן האט דערפאר געוועהלט א לייכטען סטיל אין זיין שרייבען — אזוי לייכט, אז מען קען איהם איבערגעבען אין אירגענד א שפראך. זיין „אפס דמים" בעווייזט איבערהויפט, אז לעווינזאהן האט געשריעבען גוטע העברעאיש אין א פאלשטענדיגען מאדערנעם גייסט, ווייל דיא איבערזעצונג איז ארוים אין ענגליש, דייטש און רוסיש זעהר איינפאך און קלינגט איבעראל וויא א'ן ארגינאל.

לעווינזאהנען איז אלזא זעהר פיעל געלעגען דאראן אויך אום דער שפראך און סטיל פון דער העברעאישער ליטעראטור, און, ווען ער האט צייט געהאט, האט ער געארבייט אין דעם.

ווען דער „תעודה בישראל" איז פערטיג געווארען, האט ער אויפגעשריבען א קליינעם חיבור מיט דעם נאמען „ימין צדקי", אלס א'ן ענטפער צו ליוועז'ס פראגען איבער דעם תלמוד. אבער דאס איז געווען זעהר ווייט פון פאלקאמענהייט, און עס האט שפעטער

בלויז געדיענט אלס א ווינקעלשטיין צו זיין גרויסען חבור „זרובבל“. דערווייל האט ער אנגעהויבען צו פערפערטיגען זיין „שרשי לבנון“.

עס איז קיין צווייפעל, אז לעווינזאהן האט דערפון געוואלט מאכען א גרויסע פילאלאגישע ביבלישע ענציקלאפעדיע און דאס פערמישען פיעל אדער ווייניג אויך מיט דעם תלמוד און מדרשים. אבער ער האט איינגעזעהען, אז ערשטענס האט ער קיין צייט ניט פיר אזא ריעזיגע אונטערנעהמונג און צווייטענס — זיין אלטעס אונגליק — פעהלען איהם ביכער צו שאפען דעם מאטעריאל פאר אזא ווערק. ער האט אלזא מקצר געווען און געשאפען א קורצע אבער זעהר וויכטיגע אבהאנדלונג.

דער „שרשי לבנון“ איז א קליינעס ענציקלאפעדיש־פילאלאגי־שעס ווערטער־בוך אויסגעשטעלט נאך'ן אלף־בית, אבער לעווינזאהן האט דא געוויעזען, אז ער איז אויך א גרויסער בקי אין דיא אריענטאלישע שפראכען וועלכע זיינען פערוואנדט מיט העברעאיש. ער האט ערקלערט יעדעס ווארט מיט זיין אבשטאמונג און פער־וואנדשאפט און אימער געזוכט דאס צו פערגלייכען מיט דער שפראך פון דיא תרגומים, תלמוד און מדרשים.

עס איז קיין צווייפעל, אז לעווינזאהן וואלט געשאפען א פיעל בעסערעס ווערק אויף דיעזען פעלד, ווען ער וואלט דאפיר אב־געגעבען מעהר צייט און געהאט גענוג ביכער צו הילף. וויא דיא זאך איז, האט ער יעדענפאלס דערמיט א גרויסע טובה געטהאן דער מאדערנער העברעאישער שרייב־קונסט.

צו דיזעם ווערק, אלס א צווייטער טהייל (אבוואהל דאס האט קיין שייכות ניט,) געפינט זיך דער „בית האוצר“. דא זעהען מיר לעווענזאהן'ס שטרעבונג בעקאנט צו מאכען אידען מיט אלעם מעגליכע פון דיא אומות העולם כדי זיי זאלען בעסער קענען זייער אייגענע אמונה און ליטעראטור. אין „בית האוצר“ געפינען זיך פערשידענע אבהאנדלונגען, וויא, צום ביישפיעל: „דיא וועלט־שעפפונג לויט דיא פערזער“; „הויפט־פונקטען פון דער פערזישער געשיכטע“; „דיא וועלט־שעפפונג לויט דיא באניאנען“; געשיכטע פון דער מיטהאלאגיע וואס איז נוגע בעסער צו פערשטעהן תנ"ך;

דיא איבערזעצונג פון יאָזעפוס „געגען אפיאָן“ מיט א פאָררעדע און בעמערקונגען; „אבהאנדלונג איבער דעם זוהר“; א בריעף וועגען קינדער־ערציהונג און זייער לערנען; א. ז. וו.

צום שלום האָט ער נאָך מאנכע תוספות צו זיין „בית יהודה“.

עס איז מערקווירדיג, דאָס לעווינזאָהן מיט אלע זיינע שריפ־טען וואָס ער האָט געשאפען, האָט ער געהאט נאָר איין ציעל: אויפצוקלערען און צו בעלעהרען.

לעווינזאָהן האָט ניט גערוהט; קראנק, שוואך און עלענד וויא ער איז געוועזן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו ארבייטען. דיא אינ־טעלליגענטע וועלט האָט פון איהם הנאה געהאט, פון איבעראל האָבען קהילות זיך געווענדעט צו איהם נאָך עצות און מיט בקשות און ער האָט ערפיללט יעדענס וואונש.

אבער וואו נעהמט דער אונגליקליכער צום לעבען? וויא לעבט ער? דיעזע פראגע האָט זיך דאָס אידישע פאָלק נאָך אלץ ניט געשטעלט.

עס איז געוועזן אין יאָהר 1846, ווען מיר הערען דעם הערצ־רייסענדסדען קרעכץ זיך ארויסרייסענדיג פון דעם געלעהרטען׳ס ברוסט. עס איז קיין ספק אז ער האָט וואהרשיינליך אלעם מעגליכע אנגעווענדעט זיינע אייגענע ברידער זאָלען איהם העלפען. און וואָס האָט ער בעדארפט? א קלייניגקייט, נאָר אויך דאָס האָט איהם קיינער ניט געוואָלט געבען.

לויבען זיין ארבייט, האָבען זיינע פערעהרער — דארונטער עשירים און גבירים — ניט געזשאלעוועט, נאָר ווען עס איז געקומען וועגען ביישטייערן צו זיינע הצטרכות, האָט זיך יעדער צוריק־געצויגען.

אין זיין גרעסטער פערצווייפלונג האָט דאמאלס לעווינזאָהן געשריעבען א בריעף צו מיניסטער דעם אייננערן און איהם אויפ־מערקזאם געמאכט, אז ער האָט אָבגעשריעבען 17 ספרים, מיט דעם צוועק צו בילדען אידען, לויט וויא עס איז דאמאלס געוועזן דער וואונש פון דער רוסישער רעגיערונג. ער האָט אויך פערפאסט א שיר צו דער חתונה פון צאר אלעקסאנדער דעם צווייטען מיט

צארינא מאריא אלעקסאנדראָוונא; דיעזער שיר איז געזונגען געוואָרען אין דער שוהל פון ברעסט ליטוואָסק (בריסק דליטאָ) אין אבענד פון דער חתונה. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויפמערק־זאם געמאכט דעם מיניסטער, אז ער איז זעהר אָרעם, אז ער איז קראנק און ליידענד, און דערפאר בעט ער דיא רעגיערונג זיא זאָל איהם אונטערשטיצען אום ער זאָל קענען ווייטער ארבייטען און פערעפענטליכען זיינע ספרים.

פון א בריעף אין לעווינזאָהן'ס כתבים ערפאהרען מיר, אז דיעזע ווענדונג צום מיניסטער האָט שטארק פערדראָסען זיינע פריינדע און זיי האָבען איהם געמאכט פאָרווירפע. עס שיינט אבער אויך, אז קיינער האָט זיך פון דעסטוועגען ניט אָבגערופען איהם צו העלפען.

אָט דאָס איז לעווינזאָהן'ס בריעף צו זיינעם א פריינד פון פאָרווירפע:

„וואָס דען ווילסטו זאָל איך טהאָן ווען קיינער העלפט מיר ניט? עס איז מיר אונמעגליך אליין צו דרוקען מיינע ספרים, און איך האָב שוין אפילו קיין כח ניט צו מאכען פלענער איך זאָל ווען־עס־איז דערגרייכען מיין ציעל. איך בין קראנק, שוואך, און אָפטמאָל קען איך מעהר גאָר ניט דענקען. אָט זיץ איך וויא געלעהמט אין גוף און נשמה. איך האָב געזעהן מיין צושטאנד, אז איך בין אלט, אָהן כוחות און וויים ניט ווען איך וועל שטארבען, און דאָ בין איך איינער אליין אין קרעמניץ וויא א בוים אין מדבר. מיין גאנצע נאָהענטע און קליינע משפחה געפינט זיך אין אָדעס. דערפאר האָב איך געשריעבען צו מיין ברודער'ס זוהן, ר' יעקב ישראל לעווינ־זאָהן, אין אָדעס און איך האָב איהם געשיקט א צוואה. איך בין בערייט איהם צו שיקען א קעסטעל מיט מיינע געשריע־בענע ספרים, טאָמער וועט זיי דאָרט אימיצער זעהן און דרוקען. ווען זיי זאָלען דאָ פערבלייבען אין קרעמניץ נאָך מיין טויט, וועלען זיי נאָך מיין טויט חלילה פערלוירען געהען, און איך האָב געארבייט אזוי שווער און ביטער טאָג און נאכט,

ניט הנאה געהאט פון קיין שום תענוג אויף דער וועלט, געזעסען טאָג אזוי נאכט פערשפארט איינער אליין און נאָר געארבייט און געארבייט".

וויא עס שיינט, האָט דער אינלענדישער מיניסטער אויפמערקזאם געמאכט דעם וואָהלינער גובערנאטאָר איבער לעווינזאָהנען און דיעזער האָט געמאכט א'ן אונטערזוכונג. עס איז ניט בעקאנט נענוי אויב דער גובערנאטאָר האָט עפּעס געטהאָן פאר איהם, עס ווייזט אָבער אוים אז לעווינזאָהן האָט ווייטער ווענינער געליטען. דער גובערנאטאָר האָט אויך אויפמערקזאם געמאכט מעהרערע מענשען איבער לעווינזאָהנען, זיי דערצעהלט, אז ער איז א גרויסער געלעהרטער, אבער ער איז זעהר קראנק און אָרעם און ער פערדיענט מען זאָל איהם העלפען.

אויף וויא ווייט ער איז דאמאלס געהאָלפען געוואָרען, שיינט עס, אז דיא הילף איז ניט געקומען דירעקט פון זיינע ברידער, פאר וועלכע ער האָט זיך מפקיר געוועז.

קאפיטעל 13.

יצחק בער לעווינזאָהן דערצעהלט אין איינער פון זיינע שריפ־טען, דאָס אין א נאכט, ליגענדיג אויף זיין בעט, עלענד און קראנק וויא געוועהנליך, בעדיענט בלויז פון זיין אָרימע שוועסטער פייגע, האָט זיך געעפענט דיא טהיר און עס איז אריינגעקומען א הויכער מיליטערישער בעאמטער, שטארק בעזויפען, וועלכער האָט פער־לאנגט מיט א פלוך, מען זאָל איהם געבען שנאַפּס.

לעווינזאָהן האָט איהם ערקלעהרט, אז ער האָט געמוזט מאכען א טעות, מיינענדיג, אז דאָרט איז א קרעטשמע, וועהרענד אין דער קליינער הייזקע וואָהנען בלויז אָרימע מענשען. דער בעזוכער האָט נאָך מעהר געפלוכט און, וויא עס שיינט, האָט ער געוואָלט שלאָגען לעווינזאָהנען מיט אלע אין הויז. דער קראנקער געלעהר־טער האָט אויסגעשטרעקט זיין האנד און ארויסגענומען פון א קעסטעל א בריעף. דאָס איז געווען צאר ניקאָלאי'ס בריעף אייגענ־הענדיג געשריעבען צו לעווינזאָהנען. דאָס האָט ער געוויזען דעם הויכען אָפיציער.

וויא א כישוף האָט דער בריעף געווירקט און דער אָפיציער האָט זיך באלד אויסגעניכטערט. ער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען און בעטען אום פערצייהונג. דאן, ניט רעדענדיג מעהר א וואָרט, האָט ער שנעל פערלאָזען לעוועזאָהן'ס וואָהנונג. אויף'ן אַנדער'ן טאָג, האָט לעווינזאָהן ערהאַלטען פון דעם אָפיציער א בריעף מיט א'ן ענטשולדיגונג.

עס שיינט, אז דער אָפיציער האָט ניט נאָר געטראָגען א הויכען ראנג, זאָנדערן ער האָט אויך בעלאנגט צו א יחוס'דיגער משפחה. לעווינזאָהן האָט קיינעם ניט דערצעהלט ווער ער איז געווען. מיט א קורצע צייט שפּעטער, האָבען גנבים איינגעבראָכען אין לעווינ־זאָהן'ס הויז, און ניט האָבענדיג וואָס צו נעהמען, האָבען זיי

צוגענומען דאָס קעסטעל מיט דיא בריעף וואו עס האָט זיך געפונען דעם צאר׳ס שרייבען.

לעווינזאָהן׳ס בריעף, וויא מיר האָבען בעמערקט אין לעצטען קאפיטעל, צום מיניסטער דעם אינערן, האָט ארויסגערופען א פרישע אינטערעסע ביי דער רוסישער רעגיערונג, און דערפאר, ווען מען האָט בעשטימט צו מאכען א׳ן אסיפה אין סט. פעטערסבורג וועגען אידישע אנגעלעגענהייטען, איז לעווינזאָהן געווען איינער פון דיא הויפט געלאַדענע.

אָבער, דיא אלטע געשיכטע, ניט האָבענדיג קיין געלד אויף דער הוצאה, האָט עס אויסגעזעהען, אז ער וועט ניט פאָהרען. ער האָט דאריבער, וויא עס שיינט, געשריעבען צו דר. ראובן קאלישער פון זשיטאָמיר, און דיעזער האָט איהם באלד געענטפערט, אז דיא רעגיערונג האָט בעשלאָסען איהם ניט נאָר צו געבען געלד אויף דער הוצאה, זאָנדערן אויך א היבשע סומע געלד צו בעצאָהלען זיינע חובות און פיללייכט אויך אויף צו דרוקען זיינע ווערקע פון כתב־יד. דר. קאלישער האָט איהם דאָס מיטגעטהיילט אין נאָמען פון דעם דירעקטאָר פון דער אסיפה, וועלכער האָט איהם געהייסען אזוי שרייבען צו לעווינזאָהנען. אין דער זעלבער צייט שרייבט איהם דר. קאלישער, אז ער וואָלט שוין געמעגט פערלאָזען קרעמניץ און קומען זיך בעזעצען אין זשיטאָמיר, א שטאדט וואו מען וואָלט בעסער געוואוסט אנצוערקענען זיין ווערטה.

וואָס לעווינזאָהן האָט געענטפערט אויף׳ן לעצטען פאָרשלאג, איז אונז אונבעקאנט, נאָר אין דערזעלבער צייט געפינען מיר נאָך א בריעף, דאטירט: סט. פעטערסבורג, תר״ז, (1847) פון ה׳ אריה ליב מאנדעלשטאם, וועלכער שרייבט צו איהם פאָלגענדעס:

„נאכדעם וויא איך האָב דיר אזוי לאנג ניט געענפערט, קום איך דיך ערפרייען מיט צוויי בשורות, ערשטענס, אז דער מיניסטער האָט דיך ערנאנט צו זיין דער פערהערער און אויס־פראָבירער פון דיא לעהרערס וואָס ווילען אויפגענומען ווערען אין דיא אידישע שולען, און דאָס איז, וויא דו ווייסט, א ריינע און לייכטע ארבייט, וואָס וועט דיר ניט פיעל אנשטרענגען,

און דערפאר וועט דיר דיא רעגיערונג בעצאָהלען. צוויטענס, האָט מיך דער מיניסטער בעאויפטראגט, דיך דאָ אויפצוהאַל־טען צוויי אָדער דריי חדשים, אויב דיין געזונדהייט וועט עס ערלויבען, און אזוי שנעל וויא דו וועסט מיר ענטפערן, וועט דער מיניסטער שרייבען נאָך קיעוו מען זאָל דיר פון דאָרט געבען 150 רובעל אויף דער הוצאה, און דאָס איבריגע וועלען מיר שוין דאָ בעזאָרגען. איך בעט דיך, פריינד, קום און ווארט ניט. און ווען דיין שוואכע געזונדהייט ערלויבט דיר עס ניט, דאן זאָלסטו ניט פערגעסען, אז דיא גרעסטע מענער שטעלען איין זייער לעבען אין מלחמה פאר זייער פאטערלאנד און פאר זייער פאָלק. נאָר אויב דו שרעקסט זיך צו ערשיינען פאר גרויסע הערען, ווייל דיין מויל רעדט ניט אזוי שעהן וויא דיין פעדער שרייבט, זאָלסטו ניט פערגעסען אז משה רבינו איז אויך געווען א כבד פה און ער האָט געפונען א ברודער וואָס האָט פאר איהם גערעדט. וואָס עס איז נוגע דיין קראנקהייט, זאָלסטו וויסען, אז איך און אלע אנדערע מיט מיר, וויסען גאנץ גוט וויא גרויס עס איז משמש צו זיין תלמידי חכמים. פערגעס ניט וויפיעל טובות עס קען ארויס־קומען פאר אונז אידען, ווען דו וועסט מיטטהיילען זאכען מיט'ן מויל וואָס מען קען מיט דער פעדער ניט שרייבען. דיין ערשיינען, איבערהויפט, אין בילדונגס־מיניסטעריום, וועט געווים מאכען א גרויסע ווירקונג. קיין זאך זאָל דיך ניט אָבהאלטען. שרייב אז דו קומסט".

לעווינזאָהן איז געפאָהרען. ליידער טהיילען אונז ניט מיט דיא ביאָגראפען גאנץ גענוי דעם רעזולטאט מיט דיא וויכטיגע איינצעלהייטען פון דעם בעזוך. אלעס וואָס מיר וויסען איז, אז דער בילדונגס־מיניסטער, אוואראָוו, האָט אויף איהם געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק און ער האָט צו איהם געשריעבען פאָל־גענדע פערזען:

על שמש החכמה סך עב נורא,
ויצו אל, ויקם מושיע ורב;

כמעט נשבה רוחו, והיתה אורה,
ויקרא העם : „עבר־עב ! עבר־עב !“

מיר בעמערקען, אז פֿון יענער צייט אָן, איז לעווינזאָהן'ס לאַגע עטוואָס פערבעסערט געוואָרען. קוקענדיג דארויף וואָס די רעגיערונג האָט איהם גענומען אונטער איהר שוטץ, האָבען זיך שוין די אידישע גבירים געשעהמט צו שטעהען פֿון ווייטען און ניט העלפֿען זייער גרויסען געלעהרטען מאַן.

קאפיטעל 14.

מיר געהען יעצט איבער צום וויכטיגסטען טהייל אין לעווינזאָהן'ס ליטעראַרישעם לעבען, דאָס הייסט, צו דער צייט, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט צו פערפאסען דעם „זרובבל“.

אין ענגלאנד האָט געלעבט א גרויסער קריסטליכער געלעהרטער מיט'ן נאָמען דר. מעקאָל. דיעזער געלעהרטער איז געוועזן א קינד פון יענע קריסטען וואָס האָבען געגלויבט, אז זייער גאנצעס גליק הייננט אָב פון דעם, אז זיי זאָלען איינמאָל פאר אלעמאָל איבערצייגען דיא אידען, אז זיי האָבען געמאכט א טעות דערמיט וואָס זיי האָבען ניט אנערקענט יעזוס'ן אלס זייער משיח.

וואָס איז אָבער צו טהאָן אום צו דערגרייכען צום ציעל? דער איינציגער אבן־נגף, אָדער שטערונג, דערצו, האָבען זיי געזעהען אין דעם תלמוד אָדער אין דעם רבינישען יודענטהום. אום דורכצופיהרען וואָס זיי ווילען האָט מען אלזאָ בעדארפט איבערצייגען דיא אידען אליין, אז דער תלמוד און דאָס רבנישע יודענטהום זיינען געגען תורת משה און דיא נביאים.

מעקאָל'ס גאנצע פאמיליע זיינען געוועזן מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט „מיסיאָן צו דער פערברייטונג פון קריסטענטהום צווישען אידען“. ביי דיא רעליגיעזע עפענטליכע און פּריוואט פערזאמלונגען האָט מעקאָל אימער געהערט פון דעם גרויסען פלאן פיר דער צושטערונג פון תלמוד און רבנישען יודענטהום, און מעקאָל האָט בעשלאָסען מקריב צו זיין זיין לעבען צו דער גרויסער אויפגאבע.

מעקאָל איז געוועזן א זעלטען פעהיגער מענש און, לויט וויא דיא צוקונפט האָט בעוויעזען, האָט ער געקענט תלמוד, ספרא, ספרי, תוספות, מכילתא און אנדערע אידישע ספרים, מעהר וויא אלע קריסטליכע געלעהרטע פאר איהם וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט אזא שטודיום. מעקאָל האָט אויך בעשלאָסען צו לערנען דיזען לימוד דאָרט וואו אלע אידען לערנען, ניט ביי קיין פּריוואט־

לעהרער אָדער אין א סעמינאר. עס ווערט בעהויפּטעט, אז מעקאָל האָט געלעבט היבשע עטליכע יאָהר אין גאליציען, און שפּיעלענדיג דיא ראָלע פון א פרומען אידען, האָט ער געלערנט אין דיא בתי מדרשים און ישיבות ביי דיא בעסטע תלמודיסטען פון זיין צייט.

ווען מעקאָל האָט צוריקגעקעהרט צו זיין פאמיליע, איז ער שוין געווען פאָלשטענדיג פאַרבערייטעט צו זיין ארבייט.

מען דערצעהלט, אז מעקאָל האָט געוואָלט שרייבען זיין ווערק אויף העברעאיש, אָבער, וויא עס שיינט, איז ער נאָך ניט פעהיג געווען צו שרייבען א ווערק אין דיזער שפּראַך, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אָבגעשריעבען זיין פיעל־בעריהמטעס בוך „נתיבות עולם" אין ענגליש, און געבראכט אלע ציטאטען פון תלמוד און אנדערע ספרים אין אָריגינאל מיט א'ן ענגלישער איבער־זעצונג.

ביי דיא קריסטען אין ענגלאנד איז דאמאלס געווען א גרויסער־יום טוב. מעקאָל אין זיין „נתיבות עולם" האָט אוועקגעוואנדערט פון אלע שונאים פון תלמוד פאר איהם: ער האָט ניט געזוכט צו פעלשען ציטאטען אום זיי זאָלען איהם דיענען צו זיין צוועק; ער האָט ניט געזידעלט, ניט געשימפּפט, נאָר זיך גערעדט רוהיג און געלאסען. ער האָט אויך ניט פערגעסען צו דערצעהלען, אז דיא גאנצע קריסטליכע וועלט מוז דאנקבאר זיין דיא אידען פאר זייער תורה און פאר יעזוס'ן, און נאָך עד היום זיינען דיא אידען אימער דער עם בחיר ה', נאָר זיי זיינען נעביך פערפיהרט.

אום צו בעשטעטיגען זיינע לעצטע בעהויפּטונגען, האָט ער גענומען פון תלמוד שטעלען, וועלכע דריקען אוים איינציגע מיינונ־גען, און מאנכע מאָל, דעם שמערצענס־געשריי פון דעם אידען אין גלות, ווען מען האָט איהם גאָר ניט געהאט צו פערדענקען ווען ער האָט געשאָלטען זיינע מאטערער. ער האָט אויך געבראכט דיא שטעלען וואו דיא פרוי ווערט בעטראכט וויא אין אלע אָריענטאלי־שע געגענדען, און אזוי פון פונקט צו פונקט איז ער געגאנגען און אין א גוטער און שעהנע ענגלישע ויכוח־שפּראַך, האָט ער שטארק אָרונטערגעריסען דעם תלמוד און דאָס רבנישע יודענטהום.

מעקאַל איז געווען א געלעהרטער און א קינסטלער אין זיין פאך, אבער ניט קיין עהרליכער מאן. ער האָט ניט בעטראכט דעם תלמוד אלס א'ן אונרעגעלמעסיגע ענציקלאָפעדיע פון פערשיעדענע געדאנקען און מיינונגען; פון היסטאָריע, לעגענדע, געזעטץ און רעליגיאָן, זאָנדערן, וואָס איהם האָט געפאסט האָט ער גענומען פאר זיין מאטעריאל און דאָס אוועקגעשטעלט אלס גרונד־לאגע פון רבנישען יודענטהום, וועלכעס יעדער פערגינפטיגער איד מוז בעקעמפפען. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך ניט פערגעסען זיין ציעל אימער אריינצובריינגען אויסציגע פון „נייעם טעסטאַ־מענט" צו בעווייזען דיא גוטסקייט פון קריסטענטהום. אָבער פונקט וויא ער האָט געוועהלט פון תלמוד וואָס איהם האָט געלוינט, אזוי האָט ער אויך געוועהלט פון „נייעם טעסטאמענט" וואָס איהם האָט אם בעסטען געפאסט.

אין אלגעמיינעם, איז דאָס ארוים זעהר א וויכטיגעס ווערק. דיא ענגלישע פרעסע פון יענער צייט האָט דערמיט געקלונגען, און דיא ענגלישע אידען האָבען זיך געפיהלט זעהר שטארק געטראָפען. דיא ענגלישע אידען האָבען געשפירט, אז מען קען מעקאַל'ס ארגו־מענטען אומוואָרפען און צושטערען, אָבער זיי האָבען צווישען זיך ניט געזעהען קיין איינציגען וואָס איז אימשטאנדע אונטערצונעה־מען אזא גרויסע ארבייט.

אין לאָנדאָן האָבען דיא פאָרנעהמע אידען אָבגעהאלטען אסיפות, זיי האָבען געמיינט, אז עס נעהמט שוין א סוף פון יודענ־טהום, און מען האָט געקלערט עצות און תחבולות וויא אזוי צו ווידערלעגען דר. מעקאַל'ס טענות.

דער ערשטער שריט איז געווען וואָס סיר מאָזעס מאָנטע־פיאָר האָט געלאָזען שרייבען זיין סעקרעטער דר. לעווע א בריעף צו יצחק בער לעווינזאָהן און איהם אויך געשיקט דעם „נתיבות עולם", ער זאָל ענטפערן דארויף.

אבער סיר מאָזעס מאָנטעפיאָר האָט געמאכט א גרויסען טעות. ערשטענס איז דאָס ניט געווען קיין זשורנאליסטישע פאָלעמיק וואָס מען קען דארויף ענטפערן אין אויגענבליק, און צווייטענס איז

דער „נתיבות עולם“ געווען אין ענגליש וואָס לעווינזאָהן האָט ניט פערשטאנען.

אין דיזען יאָהר אָבער, איז דר. מעקאָל'ס ווערק איבערזעצט געוואָרען אין נאָך עטליכע אייראָפּעאישע שפּראכען און אויך אין העברעאיש.

דיא העברעאישע איבערזעצונג איז געווען א מייסטער־שטיק : א ריינע, קלאָרע און דייטליכע שפּראך ; שעהן געדרוקט און דיא אלגעמיינע פאָרם האָט אויסגעזעהען, אז דאָס איז א געוועהנליכער אידישער ספר וואָס יעדער איד מעג לערנען.

דיא „מיסיאָן“ האָט אויך געזעהען, אז דער „נתיבות עולם“ זאָל שטארק פערברייטעט ווערען צווישען אידען. אנפאנגס האָט מען עס פערקויפט פאר שפּאָט־ביליגע פרייזען און דאן האָט מען עס אָנגעהויבען צו פערשענקען אומזיסט, אבי אידען זאָלען עס לעזען.

דער איינדרוק איז געווען א געוואלטיגער. מעקאָל האָט ער־רייכט א טהייל פון זיין ציעל ; דאָס הייסט, ער האָט אָבגעשוואָכען א גיפטיגע פייל אין תלמוד און פיעל געווירקט. ער וואָלט פיל־לייכט נאָך מעהר געווירקט, ווען דיא לעזער פון „נתיבות עולם“ וואָלטען ניט געזעהען דייטליך וואוהין ער ציעלט, דאָס הייסט, אז אידען זאָלען ווערען קריסטען.

ווען לעווינזאָהן האָט איבערגעלעזען דעם „נתיבות עולם“ איז ער געווען עמפּעהרט. ער האָט דאמאלס אזוי געזאָגט : „מיך ארט ניט ווען איינער וויל רעדען גוטעס אויף זיין אייגענע רעלי־גיאָן און זוכען דיעזע צו פערברייטען צווישען אנדערע מענשען. מיך קריינקט בלויז ווען איך זעה, אז דאָס ווערט ניט געטהאָן עהרליך. דער פערפאסער פון „נתיבות עולם“ איז ניט קיין מענש וועמען מען קען אוועקמאכען מיט דער האנד ; ער האָט זיכער געוואוסט, אז דיא בעשולדיגונגען וואָס ער ברענגט געגען רבינישען יודענטהום זיינען ניט קיין עהרליכע. איך וועל איהם דארויף ענטפערן“.

קאפיטעל 15.

אין דיא פערגאנגענע קאפיטלען האָבען מיר שוין בעמערקט, אז לעווינזאָהן האָט פערפאסט א קליין ספר׳ל „ימין צדקי״, אום דאָס זאָל זיין אן ענטפער אויף ליוועןים פראגען וועגען תלמוד, אבער דער „נתיבות עולם״ האָט איהם געצייגט דיא צו קליינע ארבייט דערפון.

עס איז קיין צווייפעל, אז לעווינזאָהן, איבערלעזענדיג דעם „נתיבות עולם״ האָט ער שוין געהאט אין קאָפּ יעדען ענטפער, אָבער ער איז געווען דער פּינקטליכער און אויפריכטיגער געלעהר־טער, וועלכער האָט ניט געקענט אָב׳פּטר׳ן אזעלכע ארבייטען בלויז מיט ווערטער. ער האָט געוואָלט ענטפערן סיסטעמאטיש און אויף יעדער פראגע ליעפערן א׳ן אונבעשטרייטבארע תשובה. און אום דיעזע ארבייט פערטיג צו מאכען, האָט עס ביי איהם געדויערט 12 יאָהר צייט. אָבער אין זיין ענטפער, אין ספר „זרובבל״ האָט ער אויך איין מאָל פאר אלע מאָל ערקלערט אויף אימער וואָס דער תלמוד איז און וואָס רבנישעס יודענטהום בעדייטעט.

לעווינזאָהן האָט געוואוסט גאנץ גוט, אז צווישען אידען הערשען מיאוס׳ע מנהגים און פינסטערע נאררישקייטען. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געשעהמט זיי צו דערצעהלען פאר דער וועלט און זיי בעקעמפּפען מיט אלע זיינע מעגליכקייטען. ער האָט אויך געוואוסט, אז דיעזע מיאוס׳ע מנהגים און פינסטערע אבערגלויבענס, זיינען ניט קיין רעזולטאט פון דעם ריינעם רבנישען יודענטהום. ביי איהם איז קיין צווייפעל געווען, אז צו דיעזע אלע זאכען זיינען אידען געקומען דורך זייער גלות, און ווען מען זאָל זיי בעהאנדלען וויא מענשען און העלפען זיך אויסמענש־לען, קען זייער רעליגיאָן ניט זיין קיין שטערונג צום מסחר און צו דעם אלגעמיינעם פערקעהר מיט זייערע מיט־בירגער, קריסטען אָדער מאָהאמעדאנער.

יצחק בער לעווינזאָהן האָט ליעב געהאַט דעם אמת, און ווען ער האָט בעדאַרפט פערדאַמען א פעהלער, האָט איהם ניט פיעל געקימערט אויב ער וועט זיך דערמיט מאכען דיא גאַנצע וועלט פאר שונאים. ער האָט אבער בשום אופן ניט געזעהען קיין פעהלער אין אַלגעמיינעם תלמוד און רבנישען יודענטהום, און דערפאר, ווען ער האָט דורכגעשטודירט מעקאָל׳ס גרויסען אנגריף, האָט ער בעשלאָסען צו ענטפערן וויא עס פאַסט פאר אַן אמת׳ן געלעהרטען.

און אויב מעקאָל האָט זיך דערמיט אויסגעצייכענט וואָס ער האָט געזעהען מילד און געלאַסען, האָט זיך אָבער לעווינזאָהן נאָך מעהר אויסגעצייכענט מיט זיין טאָלעראַנץ וואָס ער האָט דאָס קריסטענטהום ניט אָנגעגריפען וויא מעקאָל האָט געטהאָן געגען יודענטהום. לעווינזאָהן׳ס ארבייט איז נאָר בעשטאַנען אין דעם צו בעווייזען, אז אָבוואָהל מעקאָל האָט פערשטאַנען דעם תלמוד, האָט ער אָבער ניט געהאַנדעלט עהרליך.

מיר וועלען דאָ ברענגען א פּאָר אויסציגע פון לעווינזאָהן׳ס בריעף איבער זיין לעצטע ריעזיגע ארבייט. אין איין בריעף צו זיין פריינד אהרן רייך, שרייבט ער אזוי:

„וויא איך זעה ווייסטו גאָר ניט, אז איך האָב אויפגעגעבען מיין ארבייט אין דעם ספר „ימין צדקי“, און איבערגעטראָגען מיין גאַנצע טהעטיגקייט אין מיין גרויסעם ווערק „זרובבל“. דאָרט רעכען איך, האָב איך ווירקליך געצייגט וואונדער. ביי מיין וואָרט, זאָג איך דיר, אז אזא ווערק איז נאָך ביי אידען ניט געווען ביז יעצט. דו האָסט שוין אודאי געהערט אז דיא גרעסטע רבנים פון דער ליטאָ און איבערהויפט דער בעקאַנטער רב ר׳ דוד בוכוועער, האָט מיך דאריבער אויפגעהויבען ביז צום הימעל. זיי האָבען מיר אויך געשיקט א גרויסען דאַנק דערפאר. קענסט דיר פאָרשטעלען אויף וויא ווייט דיא אינטערעסע געהט, אז זיי האָבען מיך פער־זיכערט מען זאָל דעם „זרובבל“ איבערזעטצען אין רוסיש. דיא הערען מאַנדעלשטאַם און קאַלישער ווייסען אויך דאריבער. — איך האָב איבער דיעזען ספר געארבייט טאָג און נאַכט מעהר וויא 12 יאָהר. איך האָב איבער איהם פערלאָרען מיינע לעצטע כוחות;

איך האָב פערלוירען יעדע קוועלע פון פרנסה, איך האָב פערלוירען כמעט אלע מיינע חושים און עס האָט שוין מיט מיר געהאלטען, אז אָט זאָל איך לאָזען דיא נשמה ווען איך האָב געוואָלט עפּעס שרייבען אָדער נאכפאָרשען. הייסט בין איך א שברי כלי".

אין א צווייטען בריעף, דאטירט 1853, צו זיין פריינד הרב דוד לוריא, ענטשולדיגט ער זיך פריהער ווארום ער קען איהם ניט שיקען דעם צווייטען טהייל „זרובבל", ווייל ער האָט ניט געהאט ווער עס זאָל איהם אָבשרייבען אפילו א קאָפּיע דערפון; ער בעקלאָגט זיך אויך דארויף וואָס דיא ערצטע האָבען איהם פער־באָטען קיין בוך צו לעזען, און דאן זאָגט ער אזוי:

„און איך ליעג דאָ איינער אליין, אויסער דער שטאדט, עלענד און פערלאָזען. מיין גאנצע משפחה איז אוועק אין אָדעס און מיט מיר איז בלויז איבערגעבליעבען איין פרוי, וועלכע איך האָב ערנעהרט מיט איהרע קינדער, ווייל אלע האָבען אויף מיר אכטונג געגעבען און מיך זעהר אָבגעהיט. לעצטען ווינטער איז אָבער משוגע געוואָרען איינער פון איהרע זיהן און ער איז נאָך ניט געהיילט געוואָרען. ער איז געווען זעהר א קלוגער און אינטעל־ליגענטער מענש, מיך זעהר ליעב געהאט, און איך האָב איהם אויך שטארק געליעבט, ווייל ער איז מיט מיר געווען 12 יאָהר צוזאמען און איך האָב איהם געהאלטען וויא א קינד. נו, האָט ער נעביך פּלוצלינג פערלאָרען זיין פערשטאנד. דאָס טרויריגסטע דערביי איז, וואָס זיין מאמע, וועלכע איז מיט איהם געפאָהרען אין שטאָדט אריין, האָט איהם געוואָלט אָבהאלטען פון ארונטער־צושפּרינגען פון וואָגען, האָט דער משוגענער געכאפּט א שטיק האָלץ און זיא דערמיט דער׳הרג׳עט. איך האָב איהם שפּעטער געמוזט אריינגעבען אין משוגעים־הויז פון קיעוו. דיא איבריגע קינדער, זעהענדיג, אז זייער מוטער איז טויט, זיינען זיי אוועק אין דער וועלט אריין. און איצט בין איך איינער אליין".

אין דעמזעלבען בריעף זאָגט לעווינזאָהן ווייטער דיעזע ווערטער:

„איך דענק מקדיש (דעדיקירען) צו זיין מיין ספר „זרובבל"

צו איינעם פון דיא הויכע בעאמטע. איך דענק, אז גראף טאָלסטאָי, וואָלט געוועזען פּאסענד דערפאר. איך וועל איהם פרעגען דורך א בריעף. עס איז אמת, אז מיניסטער ביביקאָוו קען מיך זעהר גוט און ווען ער איז דאָ געקומען אין קרעמניץ מיט עטליכע יאָהר צוריק, האָט ער מיך בעזוכט און אויסגעדריקט זיין גרעסטע פריינדליכ־קייט. שפּעטער, ווען ה' מאנדעלשטאם איז אהער געקומען פון מיניסטער אָווראָוו, האָט ער מיר געזאָגט: „זייענדיג אין קיעוו ביי מיניסטער ביביקאָוו, האָב איך איהם געוויזען דעם בריעף פון מיניסטער אָווראָוו, אז ער שיקט מיר צו דיר, האָט צו מיר ביביקאָוו געזאָגט: „איך קען לעווינזאָהנען זעהר גוט; איך האָב איהם זעהר ליעב, און דערפאר זאָלסטו איהם לאָזען גריסען פון מיינעטוועגען“. איך וויים עס אויך פון אנדערע העררען, אז ביביקאָוו איז צו מיר זעהר פריינדליך, ער האָט אויך פאר מיר תמיד אלעס געטהאָן וואָס איך האָב פערלאנגט אין מיינע בריעף. ער האָט מיר אויך געזאָגט זייענדיג אין קרעמניץ: „עס שטעהט דיר פריי מיר צו שרייבען ווען דו ווילסט, איך וועל תמיד ערפילען דיין יעדען וואונש, ווייל איך וויים, אז אלעס וואָס דו וועסט פערלאנגען וועט זיין גערעכטיגקייט“. ווען ער איז געקומען קיין קרעמניץ, האָט ער צו מיר געשיקט זיין דראָשקע מיך ברייננגען צו איהם. דאן האָט ער געזאָגט: „איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידען, ווייל איך האָב זעהר פיעל גוטעס פון דיר געהערט, איך ביז ספּעציעל געקומען נאָך קרעמניץ דיך צו זעהען“.

זיין בעקאנטשאפט מיט גראף טאָלסטאָי, דער פאטער לעוו טאָלסטאָי, שטאמט דערפון וואָס דער גראף האָט איבער איהם געהערט און איז ספּעציעל געקומען נאָך קרעמניץ איהם צו זעהען. דער גראף האָט דאמאלס געצייכענט זיין בילד און ערסט מיט פיעלע יאָהרען שפּעטער האָט מען עס געפונען צווישען דעם גראף'ס נאכלאס. (א קאָפּיע דערפון געפינט זיך יעצט צום אָנפאנג פון דיעזער ביאָגראפיע). לעווינזאָהן, וויא עס שיינט, האָט זיך קיינ־מאָל ניט פאָטאָגראפירט ביי זיין לעבען.

קאפיטעל 16.

מען מוז לערנען און שטודירען דעם „זרובבל“ אום צו בעגרייפען זיין גרויסען ווערטה. אָבער אום זיך עפּעס פּאָרצושטעלען פון דיעזען ווערק, וועלען מיר מאכען איינינע קורצע אויסציגע:

דיא תלמודיסטען זאָגען, אז דיא פפליכט פון א שיללער איז צו פערעהרען זיין לעהרער מעהר וויא א פאטער. דר. מעקאָל אין זיין „נתיבות עולם“, מאכט דערמיט א העפטיגען אנגריף אויף׳ן תלמוד, בעוויזענדיג, פון זיין שטאנדפונקט, אז דיא תלמודיסטען זיינען געגען דיא עשרת הדברות וואו עס שטעהט בפירוש „כבד את אביך ואת אמיך“. דר. מעקאָל ציטירט וויטער פון דעם תלמוד וואו עס שטעהט, אז „עם הארץ מותר לקרעו כדג“, דאָס הייסט, א גראָבען יונג מעג מען צורייסען וויא א פיש. דערביי צולאָזט זיך מעקאָל אויף דער סימפאטהיע־סטרונע צו דיא אָרימע און ניט־געלערנטע און בעווייזט וואָס פיר רוצחים דיא תלמודיסטען זיינען געוועז.

לעווינזאָהן׳ס ענטפער איז ערהאבען. ערשטענס בעווייזט ער, אז דיעזע אלע אויסדריקע צייגען, אז בילדונג און אויפקלערונג ביי דיא תלמודיסטען, איז געשטאנען העכער וויא אלעס אין דער וועלט, און דאָן שילדערט ער, דאָס אָבוואָהל על פי תורה האָט מען געמעגט געוויסע פערברעכער הרג׳ענען, האָט אָבער א בית־דין, וואָס האָט פעראורטהיילט א מענשען צום טויט איין מאָל אין 70 יאָהר, זיך גערופען „בית דין קטלנית“, א מערדערישער טריבונאל. דאָס בעווייזט, אז דיא תלמודיסטען זיינען אלזאָ גאָר קיין מערדער ניט געוועז. דער אויסדרוק „עם הארץ מותר לקרעו“, איז ניט מעהר וויא סימבאָליש און ער דארף צו ערנסט ניט גענומען ווערן. וויטער וואָס דער תלמוד זאָגט וועגען דער עהרע וואָס א שילער איז שולדיג זיין טאטען און זיין לעהרער, איז עס ניט מעהר וויא רעכט, דאָס

דער פאטער, וועלכער גיט זיין קינד דעם קערפער און דער לעהרער וואס גיט איהם דיא נשמה, שטעהען ניט ביידע אויף איין שטופע. דיעזע פערהערליכונג פון בילדונג ביי דיא תלמודיסטען, לויט לעווינזאהן'ס אויפפאסונג, פערדיענט דיא גרעסטע אכטונג.

מעקאל האט זיך געוואלט צושמייכלען צו דיא פרויען און דערצעהלט זיי אז דער תלמוד האט זיי ערניעדריגט מיט דער בע־הויפטונג : „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תיפלות", דאס הייסט, ווער עס לאזט זיין טאכטער בילדען, איז גלייך וויא ער לערענט זיא דיא גרעסטע נארישקייט, ווייל ווייבער פער־שטעהען גאר ניט. לעווינזאהן זאגט, אז דאס איז געווען א מיינונג פון איינעם, וועהרענד דיא פיהרונג פון דיא תלמודיסטען צו לאזען זייערע טעכטער שטודירען און בילדען, בעווייזט, אז דיא מאיארי־טעט האט געהאט א'ן אנדערע דעה.

דער בעל „נתיבות עולם" האט בעהויפטעט, אז דער תלמוד אטהעמט מיט האס און שנאה צו אלעמען וואס איז ניט קיין איד. לעווינזאהן האט צוגעגעבען אז עס געפינען זיך אזעלכע שטעלען אין תלמוד, אבער זיי זיינען ניט ערגער וויא דיא שטעלען אין דיא היסטאריעס פון אלע פעלקער, אויסדריקענדיג זייער האס צו זייערע שונאים. אין דערזעלבער צייט אבער, האט לעווענזאהן בעוויעזען, אז ווען דער תלמוד רעדט אין אלגעמיינעם וועגען מענשען, מאכט ער קיין אונטערשיעד פון איד און ניט־איד. דער תלמוד זאגט אויסדריקליך „בלשון ציווי", בעפעהלענדיג, אז א איד מוז העלפען זיין מיט־מענשען, וועלכער איז ניט קיין איד, איהם אונטערשטיצען אין זיין פרנסה, זעטען זיין הונגער, קליידען אין זיין נויט, מבקר חולה זיין, בעווייגען אין זיין עלענד און בעערדיגען זיינע טויטע צוזאמען מיט אידען.

לעווינזאהן בעווייזט דיא גרעסטע גאונות ווען ער געהט איבער צו דער תלמודישער יוריספרודענץ, צייגענדיג מיט גוטע ארגו־מענטען, אז ער איז געווען גוט בעוואנדערט אין רוימישען קאדעקס און אויך אין דיא געזעצע ביז זיין צייט. לעווינזאהן שילדערט דיא תלמודישע אלגעמיינע געזעטצע אלס דיא לאגישעסטע און מענש־

ליבסטע און צייגט דערמיט, אז דאָס וואָס דיא תלמודיסטען האָבען מוסיף געווען אויף דער תורה, איז געווען איינע פון דיא נויט־ווענדיגסטע פאָרדערונגען. ער ערקלערט דערמיט אויף דעם תמצית פון רבנישען יודענטהום, אז דאָס איז ניט קיין שטעהענדע רעליגיאָן וואָס לאָזט זיך ניט בעאיינפלוסען פון צייט און אומ־שטענדען; אין געגענטהייל, דיא תלמודיסטען האָבען פערוואַנ־דעלט דאָס יודענטהום אין איין אייביג־בליהענדער פפלאַנצונג פיר אלע געגענדען און קלימאטען, און לויט נאָך דער ערפאהרונג פון דעם תלמוד, קענען אידען עקזיסטירען צווישען אלע פעלקער און נאציאָנען און דאָס יודענטהום זאָל זיי גאָר ניט שטערען.

מעקאָל האָט געמאכט א שווערען אנגריף אויף דעם מנהג פון כפרות־שלאָגען ביי אידען. לעווינזאָהן האָט מודה געווען, אז דיזער מנהג איז ניט אידיש; דאָס הייסט, ניט דיא משנה, גמרא, ספרא, ספרי און מכילתות דערמאָהנען א וואָרט דעריבער. אפילו מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער, אויך נאָך'ן רמב"ם'ס טויט, האָט מען דערפון ניט געוואוסט. ערשט אין דער צייט פון רשב"א, א תלמיד פון רמב"ן, בערך 500 יאָהר צוריק איז ענטשטאנען דער מנהג אין א שטאָדט פון דער בארבאריי, און דער רשב"א אליין האָט פּראָטעסטירט דאגעגען דאָס ערקלערענדיג פאר א געטצענ־דיענסט.

איבריגענס, זאָגט לעווינזאָהן, וועמען שאדעט עס? דער מנהג איז א גאנץ גוטער: מען שלאכטעט א סך עופות און מען פערשענקט א היבשען טהייל צו אָרימע לייט.

אין דיזע עטליכע אויסציגע, גלויבען מיר, האָבען מיר גענוי גיוויזען לעווינזאָהן'ס ציעל און אבזיכט. ער האָט ניט בעהויפּ־טעט, אז דאָס יודענטהום איז פריי פון פעהלער, אבער ער איז געווען זיכער, אז דיא פעהלער זיינען אזוי אונבעדייטענד, דאָס ענטוועדער זיי שאדען קיינעם ניט, אָדער דיא צייטען און דיא אומ־שטענדען קענען זיי פערבעסערען. אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער געמאכט דיא גרעסטע ווירקונג אויף אידען אליין, דערמיט וואָס ער האָט זיי דערצעהלט וואָס עס איז יודענטהום און וואָס

עס איז פרעמד פון יודענטהום און איז אריינגעשמוגעלט געווארען דורך פערשיעדענע סיבות.

אין אמת גערעדט, האט זיך לעווינזאהן ניט שטארק געקימערט אום דעם וואס דיא ענגלישע פרעססע האט געזאגט וועגען דר. מעקאל׳ס אנגריף. ער האט זיך אויך ניט דערשראקען וויא דיא ענגלישע אידען, אז דערפאר וואס דער „נתיבות עולם“ איז ערשיענען, געהט שוין אונטער דאס יודענטהום. איהם איז מעהר געלעגען אין דעם וואס ער האט געהאט א געלעגענהייט צו אנאלי־זירען פאר זיינע אייגענע ברידער דאס יודענטהום. ער האט געזעהען אין דיא תלמודיסטען און אין תלמוד גוטעס און פערנינפ־טיגעס, און ער האט געזאגט וואס ער מיינט. ער האט ערבליקט אין זייערע ווערטער לעגענדעס, אין זייערע נאכפאלגער געוויסע נארישקייטען און אויך אנגעצייגט וואס עס איז ניט אידיש, און ער האט דאס אלעס ערקלערט פריי און אפען.

און זיין אבזיכט האט געטראגען פריכטע. דיא שטודירער פון תלמוד און יודענטהום אין רוסלאנד און איבער דער גאנצער וועלט, וועלכע האבען געלערנט לעווינזאהן׳ס ספרים, האבען אנגעהויבען דארויף צו קוקען מיט אפענע אויגען און פאר זיך ערבליקט דיא ערהאבענע זייט און אויך דאס וואס זאל פערווארפען און ניט אנערקענט ווערען.

קאפיטעל 17.

אין יאָהר 1856 זעהען מיר, אז לעווינזאָהן האָט ענדליך ערהייכט דעם העכסטען טריאומף פון זיין לעבען. זיין ספר „בית יהודה" איז איינגעפיהרט געוואָרען אלס א טעקסט־בוך אין ראבינער סעמינאר פון ווילנא, און צו יענער צייט איז זיין קאָררעס־פּאָנדענץ אונגעהויער פיעל געוואקסען. מיר זעהען פּראָמינענטע מענער צו איהם שרייבען, פרעגען עצות און זיך מיט איהם בעראטהען אין אידישע אנגעלעגענהייטען.

אם 2טען טאָג חולהמ"פ, 1856, האָט לעווינזאָהן געשריעבען א בריעף צו זיין פריינד אהרן רייך. אין דיזען בריעף דערצעהלט לעווינזאָהן, אז דער גובערנאטאָר פון זשיטאָמיר האָט צו איהם געשיקט א בריעף דורך דעם פּאָליצמייסטער. דער גובערנאטאָר האָט איהם אָנגעפרעגט אין נאָמען פון אינלענדישען מיניסטעריום, איהם צו שרייבען וואָס ער פערלאנגט פאר 2000 עקזעמפּלארען פון זיין ספר „בית יהודה". דארויף האָט איהם לעוועזאָהן געענטפערט, אז דער פרייז איז אנדערטהאלבען רובעל פער עקזעמפּלאר, נאָר, אום צו אונטערשטיצען דיא השכלה, וועט ער נעהמען ביי דער רעגיערונג בלויז 1000 רובעל פאר 2000 עקזעמפּלארען.

מיט א קורצע צייט שפּעטער האָט ה' אהרן רייך געשריעבען צו לעווינזאָהנען א בריעף פון סט. פּעטערסבורג. ער דערצעהלט איהם דאָרט, אז דער אינלענדישער מיניסטער האָט געשריעבען צום גובערנאטאָר, רעקאָמענדירענדיג לעווינזאָהנען אלס דער פּאָרשטעהער פיר אידישער בילדונג אין רוסלאנד, און פיר דיזען אמט זאָל איהם דיא רעגיערונג בעצאָהלען. מיט דעמזעלבען בריעף האָט איהם רייך געשיקט 150 רובעל וואָס ער האָט גע־זאמעלט פיר לעווינזאָהנען אין סט. פּעטערבורג.

שפעטער האָט איהם ה׳ רייך געשיקט איין בריעף מיט 160 רובעל און איינעם מיט 750 רובעל.

אויף דעם לעצטען בריעף האָט לעווינזאָהן געענטפערט מיט טויזענדער דאנקען, און ער דערצעהלט אויף פאָלגענדעס:

„ווערהענד איך האָב ערהאַלטען דעם בריעף מיט דעם געלד, בין איך געלעגען אויף מיין בעט וויא געלעהמט און קראנק פון א גרויסער שרעק: מיט עטליכע טעג צוריק, אום האַלבע נאכט, ווען א ליכט האָט געברענט און איך בין געלעגען וואכענדיג, זיינען אריין רויבער אין מיין הויז און צוגענומען אלעס וואָס זיי האָבען גע־וואָלט. קיין געלד האָבען זיי אָבער ניט געפונען”.

יא, ווען לעווינזאָהן האָט שוין ניט געקענט עסען, ווען ער האָט שוין ניט געקענט געניסען און הנאה האָבען פון דער וועלט, האָט מען אָנגעהויבען אויף איהם רחמנות צו האָבען און מען האָט איהם געשיקט געלד.

כל־זמן ער האָט נאָך געהאט כוחות און געוואָלט לעבען, האָט ער זיך ערנעהרט מיט א שטיקעל ברויט, א ציבעלע, א מאָל א שטי־קעל הערינג און זעלטען א ביסעל זופ. זיין איינציגע לייזער־שאפט איז געווען רויכען א לולקע, און אָפטמאָל האָט עס געטראָ־פען, ווען איהם האָט אויסגעפעהלט א ביסעל טאבאק.

אָבער לעווינזאָהן האָט זיך ניט בעקלאָגט. זיינע איינציגע געדאנקען זיינען געווען דערביי, אז זיינע ספרים זאָלען געדרוקט ווערען, ער איז געווען צופריעדען מיט אלעמען און ווען ער איז אלט געוואָרען 71 יאָהר, האָט ער ערקלערט, דאָס לויט וויא ער דענקט, האָט ער שוין פערטיג געמאכט זיין טאָג ארבייט און עס איז צייט צו געהן שלאָפען.

ער האָט פערשטאנען, אז זיינע טעג זיינען געצעהלט, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריעבען פאָלגענדע צוואה:

קרעמעניץ, כ״ט כסליו, שנת תר״כ, 13טען דעצעמבער, 1859.

איך, דער אונטערגעשריעבענער, יצחק בער בן יהודה לעווין לע־ווינזאָהן פון קרעמעניץ, מיט א ריינעם און קלאָרען געדאנק, און איך וויים נאָך מיט מיין געזונדען און קלאָרען פערשטאנד צו אורטהיילען

איבער יעדע זאך, אזוי וויא איך, דער אונטערגעשריעבענער, בין אלט 71 יאהר און ליג אויף'ן קראנקען בעט, און יעדען טאג רעכען איך, אז דער סוף פון אלע מענשען איז שוין אויך צו מיר געקומען, האב איך בעשלאסען מיט א קלארען און ריינעם געדאנק צו אורטהיילען מיט פערשטאנד, און איך זאג אן וואס מען זאל טהאן נאך מיין טויט. הרב ר' אלעקסאנדער בערענשטיין און מיין קרוב הרב ר' מענדיל לאנ־דעסבערג, זאלען דורכפיהרען אלעס וואס איך זאג ווייטער אן.

1) אזוי וויא איך האב ניט זוכה געווען איבערצולאזען קיין קינדער, קיין ברידער האב איך אויך ניט אויסער צוויי שוועסטער, איינע בלומע און דיא צווייטע פייגע. מיין שוועסטער בלומע איז שוין לאנג געשטארבען און האט ניט געלאזט קיין קינדער, ווייל אפילו איהר טאכטער רחל איז געשטארבען אהן קינדער, און מיין צוויי־טע שוועסטער פייגע איז שוין אלט 80 יאהר. זיא האט איין זוהן, וועמען איך האב ערצויגען אלס מיין קינד. זיין נאמען איז יעקב ישראל בן יצחק מאנולי וואס וואהנט אין אדעס און רופט זיך לע־ווינזאהן.

2) מיין פערמעגען בעטרעפט יעצט טויזענד און צוויי הונדערט רובעל. מזומן געלד האב איך ניט, בלויז א ביסעל, וואס פון דעם וועל איך נעהמען אויף מיינע הוצאות כל־זמן איך לעב, און אויב עס וועט נאך פערבלייבען א ביסעל, זאל מען דאס פערברויכען אויף מיין קבורה.

3) ספרים האב איך פון מיינע אייגענע פערפאסונגען וואס גע־פינען זיך ביי ה' בערנשטיין 700 אין צאהל און זיי האבען ווערטה 700 רובעל, אויך אנדערע ספרים וואס האבען ווערטה 70 רובעל.

4) מיין שוועסטער פייגע ירשה'נט מיך, אי דורך דין תורה אי לויט זאקאן, ווייל איך האב ניט קיין אנדערן יורש אויסער איהר, און אזוי וויא זיא האט ניט קיין זיהן און טעכטער אויסער יעקב ישראל, און דיעזער בן יחיד איז איהר מפרנס ביי זיך אין הויז זייט מעהרערע יאהרען, דערפאר גיב איך איבער אלעס וואס בלייבט נאך מיין טויט צו יעקב ישראל'ן.

5) פון דער גענאנטער סומע וואס איך גיב איבער מיין

שוועסטער'ס זוהן, זאָל מען צוטהיילען געלד צו אָרימע לייט און א מנין זאָל דאווגען אין מיין הויז 7 טעג. מען זאָל אויך אָנצינדען ליכט נאָך מיין טויט א גאנץ יאָהר אין שוהל וויא דער מנהג איז. אויסער דעם זאָל מען געבען 8 רובעל צו פעררינכטען דעם בית עלמין. אויף דיא הוצאות פון שפּיטאָל אין קרעמניץ זאָל מען געבען 50 רובעל. אלע מיינע זאכען, וויא בעט־געוואַנט און אנדערע כלים, וואָס געפינען זיך ביי מיר אין הויז, זאָל מען אוועקגעבען דער דיענסט בלומע בעקערמאַן, דערפאר וואָס זיא האָט מיך בעדיענט זייט עטליכע יאָהר. פון דער רעגיערונג פערלאנג איך צו בעשטעטיגען אלע מיינע ווערטער. און אזוי וויא איך מוז דאָס טהאָן אין איילעניש און איך קען דאָס ניט שרייבען אויף רוסישע פאָרמאלנע פאפּיער, האָב איך דאָס געהייסען שרייבען אויף העברעאיש, ווייל לויט דיא געזעצע פון קייזער איז עס ערלויבט פאר א שטערבענדען. נאָר אויב עס וועט נעט־היג זיין דאָס אנדערש צו מאכען, זאָל דאָס געטהאָן ווערען דורך דיא הערען בערנשטיין און לאנדעסבערג און דיא הוצאות דערפון זאָלען בעצאָהלט ווערען.

6) איך פערלאנג פון מיין שוועסטער'ס זוהן ער זאָל זיך בעמיהען און לאָזען דרוקען מיינע מאנוסקריפּטען, און ער זאָל איבער־נעהמען פון ה' יעקב האלפּערין פון בערדיטשעוו דריי פּאפּיערען פון דיא אקטען, וואָס איך האָב איהם איבערגעגעבען, ווייל זיי בעלאנגען אויך צו מיינע פערפאסונגען.

אלעס געגאנטע פערפליכטעט מיין שוועסטער און איהר זוהן צו בעשטעטיגען יעדע זאך פון מיין צוואה, וואָס איך אונטערגעשריעבענער זאָג אָן, וועהרענד מיין פערשטאנד איז לויטער און קלאָר און איך וויים וואָס איך זאָג. — יצחק בער לעווינזאָהן.

אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געבעטען מען זאָל אויפ־שרייבען אויף זיין מצבה פאָלגענדע ווערטער, וואָס ער האָט אליין פערפאסט:

אומר לה' מחסי ומצודתי אלהי אבטח בו!
מאפס, יה העירני לנפש חיה.

הה! חלדי עף כמו לא היה
ואישן שנית בחיק הורתי
תחת גל זה עדת מצבתי.
עם אויבי ה׳ נלחמתי שערים
לא בנשק ברזל אך באמרים.
תמת ישרון גלותי לעמים,
עדי זרבבל, שהדי אפס דמים.

דיא צוואה האָט ער געשריעבען אויף העברעאיש. מיר וועלען יעצט פּרובירען איבערגעבען דעם אינהאלט פון זיין מצבה אויפ־שריפט אין אידיש:

פון גאָר ניט האָט מיך גאָט געמאכט פאר א לעבעדיגע בעשעפעניס.
אך! מיין וועלט איז פערפלויגען גלייך וויא גאָר ניט געוועז,
און איך שלאָף וויעדער איין אין שוים פון מיין ערצייגערין
אונטער דיעזען הויפען, וויא מיין מצבה ציינט אָן,
מיט גאָט׳ס פיינדע האָב איך שווער געקעמפפט ,
ניט מיט קיין אייזערנע וואפען, נור מיט ווערטער.
דעם אידען׳ס אונשולד האָב איך פאַר דיא פעלקער געוויזען,
אַן עדות איז „זרבבל“, א בעווייז „אפס דמים“.

דיא צוואה און דער אויפשריפט אויף זיין מצבה שפּיעגלען אין זיך אָפּ לעווינזאָהן׳ס לעבען און כאראקטער; ער איז געוועזן א איד, ווייל ער האָט ליעב געהאט דאָס ריינע, שעהנע און זויבערע יודענטהום מיט זיינע מנהגים. אזוי וויא ער האָט געלעבט, האָט ער געוואָלט שטארבען. אין זיך זעלבסט האָט ער געזעהען דאָס ערשיינען פון א גאָרניט אין אן עפּעס, אָדער בעסער געזאָגט, צו ווערען נאָך׳ן טויט דאָס, וואָס ער איז געוועזן איידער ער איז גע־בוירען געוואָרען. ער איז געוועזן שטאָלץ אויף זיין קאמפף פיר אידען און יודענטהום. און „זרבבל“ און „אפס דמים“ זיינען ביי איהם געוועזן דיא וויכטיגסטע ארבייטען פיר זיין פאָלק.

לעווינזאָהן איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען פון זיין קראנקען־בעט. דיא כוחות האָבען זיך איהם לאנגזאם אויסגע־

לאזט, און מיטוואָך, 24 טעג אין שבט, דאָס הייסט אויפ'ן דריטען חודש נאָך זיין צוואה שרייבען, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצ־טען אָטהעם אין דעמזועלבען ענגען שטיבעלע, וואו זיין נשמה האָט געלעבט אזוי פיעלע יאָהרען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער בעערדיגט געוואָרען מיט גרוים כבוד און כמעט דיא גאנצע שטאָדט איז נאָכגעגאנגען צו זיין לויה.

ר' יצחק בער לעווינזאָהן איז אלט געוועזן 71 יאָהר מיט קארגע 5 חדשים ווען ער איז געשטאָרבען.

קאפיטעל 18.

ווען מיר זאָלען וועלען געגוי אָבשאצען דיא ווירקונגען פון יצחק בער לעווינזאָהן, דאן מוזען מיר דאָס זאָגען בלויז אין עט־ליכע ווערטער:

דיא ערוואכונג צו בילדונג און פאָרשונג צווישען אידען אין רוסלאנד, דיא גאנצע ענטשטעהונג פון דער מאָדערנער העברעאי־שער ליטעראטור, דיא שטרעבונג פיר א העכערעס און פערנינפ־טיגערעס יודענטהום — דאָס אלעס האָט יצחק בער לעווינזאָהן גורם געווען! אמת, אנדערע האָבען אויך מיטגעהאָלפען, אָבער ער איז געווען דער הויפט ריפּאָרמער, און איהם און זיינע ספרים איז אלעס צו פערדאנקען.

פאָלגענדעס איז א ליסטע פון לעווינזאָהן'ס ווערקע:

1) זרבבל, 4 טהייל; 2) ספר הזכרונות, וואָס ענטהאלט מעהרערע פון זיינע בריעף, געדרוקט מיט דעם זרבבל דאָס ערשטע מאָל אין יאָהר תרל"ו (1875); 3) תולדות שם, צווייטער טהייל פון שרשי לבנון, תרל"ז; 4) בית יהודה; 5) ילקטי ריב"ל, בריעף, געדיכטע, חידות און קורצע אָבהאנדלונגען, געדרוקט אין תרל"ה; 6) תעודה בישראל; 7) אפס דמים; 8) ימין צדקי, געדרוקט אין יאָהר תרמ"א; 9) בקורי ריב"ל, קריטיק און פער־שיעדענעס, געדרוקט אין תרמ"ה; 10) אשכול הסופר, געדיכטע און פערשיעדענעס, געדרוקט אין תר"ן; 11) באר יצחק, ליטע־ראַרישע בריעף; 12) פתוחי חותם, קאבאליסטישע אָבהאנדלונ־גען; 13) יזרעאל, ליטעראַרישע אויפזעטצע; 14) חקר מלין, קריטיק געגען אוצר השרשים פון בן זאב; 15) אהלי שם, דריי־טער טהייל צום שרשי לבנון.

מען מעג מיט רעכט זאָגען, אז לעווינזאָהן האָט ניט אויסגעלאָ־זען קיין ווינקעל אין דער אידישער ליטעראטור, וואָס ער האָט ניט, פיעל אָדער ווייניג, בעריהרט מיט זיין פעדער. איבעראל שוועבט

דיא הויכע און ערהאבענע שטרעבונג צו אויפקלעהרונג און בילדונג, צום בעגרייפען און פערשטעהען אלעם.

לעווינזאָהן האָט געגלויבט, אז דאָס יודענטהום איז א רעליגיאָן וואָס שרעקט זיך ניט פאר אויפקלערונג; אין געגענטהייל, וואָס מעהר מען לערענט, אלץ בעסער בעגרייפט מען דיא שעהנהייטען פון יודענטהום. דיעזע הייליגע בעגייסטערונג האָט אויך בע־הערשט אלע זיינע ספרים, זיין גאנצעס לעבען און זיין שטרעבען ביז ער האָט געזאָגט אדיע צו דיעזער וועלט און איז אוועק שלאָ־פען אונטער א שטיין אויף'ן קרעמניצער בית עלמין.

ע נ ד ע.

דון יצחק אברבנאל

און זיינע ויהן

זייער לעבען און טהעטיגקייט אין
פערבינדונג מיט דער געשיכטע
פון גלות שפאניען;

פון פיליפּ קראנץ

דון יצחק אברבנאל

און זיינע זיהן.

א י י נ ל י י ט ו נ ג.

אַ בליק אויף דער געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען.

דער נאָמען פון יצחק אברבנאל איז ענג פערבונדען מיט אײ־נעם פון די פינסטערסטע פעריאָדען, פיעלייכט דעם פינסטערסטען, אין דער הערצרייסענדער געשיכטע פון די גרויזאמע פערפאָלגונגען, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעליטען און ליידעט נאָך אין פיעלע ערטער ביז היינט צו טאָג. ווען מען לעזט דיעזע געשיכטע, קען מען ווירקליך מיינען, אז דאָס אידישע פאָלק איז נאָר בעשאַפען געוואָרען אָפּצוקומען אויף דער וועלט, ווי די אידען זעלבסט האָבען זיך עס איינגערעדט, ווען זיי האָבען נאָך געהערשט אין זייער אייגען לאנד. אָבער ווען מען פאָרשט נאָך די פאסי־רונגען מיט אַ קריטישע אויג, געפינט מען זעהר גרינדליכע וועלט־ליכע אורזאַכען פאר דיעזע אויסעראָרדענטליכע פערפאָלגונגען געגען די אונגליקליכע „אתה בחרתנו׳ניקעס“.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיעזער העכסט וויכטיגער און אינטערעסאנטער היסטאָרישער פראַגע, דען מיר שרייבען דאָך ניט אַ געשיכטע פון אידען. אונזער צוועק איז צו שילדערען דעם לעבען און טהעטיגקייט פון איינעם פון די עדעלסטע און בעסטע פערטרעטער, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאַט; פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך ניט נור אויסגעצייכנעט אין תורה, חכמה און שטאַאַטס־פּאָליטיק, זאָנדערן וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון רייכטהום און כבוד אוים אַ העלדענמוטהיגען עהרען־געפיהל, אום אויסצוואַנדערן און צו ליידען צוזאמען מיט זיינע פעריאָגטע ברידער. אנשטאט צו בלייבען פינאנץ־מיניסטער

ביי דעם זעלבען שפּאַנישען מלך, וועלכער האָט אונבאַרעמהערציג פּערטריבען 300.000 אידען פון לאַנד, ניט ערלויבענדיג זיי אפילו מיטצונעהמען דעם גרעסטען טהייל פון זייער פערמעגען, האָט ער זיך גענומען צום גלות־שטעקען, אום אויף דיא עלטערע יאָהרען אויסצואוואנדערן אין אַ פרעמדע לאַנד וואו ער האָט וויעדער נאָר געקענט ערוואַרטען פערפאָלגונגען. ער האָט געצייגט אַן ערהאַ־בענעם ביישפּיעל זיינע אונגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען נאַ־טירליך געוועזען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג אויסגעוויעזען צו ווערען פון אַ לאַנד, וואו זיי האָבען פריהער געפונען די בעסטע הײמאַט און וואו זיי האָבען אזוי פיעל אויפגעטהאָן פיר זייער פאָלק און פיר די גאַנצע מענשהייט.

נאָר אויך אין דיעזען פאַל, ווען מען קוקט אריין טיעפער אין דער געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען, געפינט מען די זעלבע אורזאַכען, וועלכע האָבען איבעראַל געפיהרט צו פערפאָלגונגען, אונטערדריקונגען און אויסווייזונגען. צוליעב די זעלבע אורזאַכען האָט מען נאָך פריהער ארויסגעיאָגט די אידען פון ענגלאַנד, פראַנק־רייך און אַנדערע לענדער, נאָר דיעזע גרויזאַמע אויסווייזונגען האָ־בען ניט אָנגעמאַכט אזאַ רעש און האָבען ניט אזוי שטאַרק אויפ־גערעגט אַלע אידען, וועלכע זיינען שוין געוואָהנט געוועזען צו די גרעסטע צרות אין פינסטערן מיטעלאַלטער, ווי גלות שפּאַניען, ווייל אין קיין אַנדער לאַנד זיינען דאָן אידען ניט געוועזען אזוי צאָהל־רייך און געבילדעט און האָבען ניט געשפּיעלט אזאַ וויכטיגע ראָ־לע ווי אין שפּאַניען. אייגענטליך, ווען מען זאָל ניט רעכענען די אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט מייסטענס פערפאָלגט און געברענט די מאַראַנען, האָט מען אין שפּאַניען בעהאַנדעלט די אידען בעסער ווי אין אַנדערע קריסטליכע לענדער אפילו אין די ערגסטע צייטען, יעדענפאַלס פיעל בעסער ווי אין דייטשלאַנד; נאָר די שפּאַנישע אידען האָבען פריהער פערהעלטניסמעסיג זעהר גוט געלעבט, און דאַרום איז זייער שמערץ געוועזען גרעסער, ווען מען האָט זיי שלים־ליך פערטריבען. זיי זיינען אויך געוועזען געבילדעט און האָבען געהאַט גרויסע שריפטשטעלער און פּאָעטען, וועלכע האָבען מיט

פייערדיגע פארבען בעשריעבען זייערע צרות און ליידען, וועהרענד אין אנדערע לענדער האָבען אידען געדולדיג געליטען, נאָר גע־קרעכצט אין זייערע גהעטאָס און גאנץ וועניג געלאָזט הערען זייערע שמערצענס־געשרייען אין שריפטען פאר די גאנצע וועלט.

די פערפאָלגונגען, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבען געליטען, זיינען דארום מעהר בעקאַנט געוואָרען און זיינען געבליבען אלס דער שרעקליכסטער אנדענקונג פון אידישען גלות אין מיטעל־אלטער. נאָר די אורזאכען פון די פערפאָלגונגען זיינען געווען, ווי געזאָגט, די זעלבע אין שפּאַניען, ווי אין אנדערע לענדער. דיעזע אורזאכען דארף מען צוערשט זוכען אין דעם לאנגען און שרעק־ליכען קאמפף צווישען ארץ ישראל און די רוימישע אימפּעריע, אַ קאַמפף, וועלכער איז הויפּטזעכליך געווען אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטי־שער, און נאַכהער אין קריסטענטהום, וועלכער האָט ארויסגע־שפּראָצט פון אידישע סעקטאַנטען, אָבער וועלכער איז ביסלעכווייז ארויסגעטראָטען אלץ שאַרפער און פיינדליכער געגען דיא איבער־געבליעבענע אנהענגער פון „אלטען גלויבען“ און האָט אומגע־וואנדעלט דעם פריהערען נאַציאָנאַלען האַס פון די רוימער און גריכען געגען די אידען אין אַ רעליגיעזען, ווי נאָר דער „נייער גלויבען“ האָט זיך בעפעסטיגט אין רוים.

דיעזע אלגעמיינע אורזאכען פון אנטיפאטיע און האַס צו אידען האָבען זיך ארויסגעוויעזען צוערשט, קען מען זאָגען, אין שפּאַניען, ווייל דאָרטען האָבען זיך אידען בעזעצט אין דער צייט, ווען רוים איז געווען אַ רעפּובליק — עס זיינען דאָ גרינדע צו גלויבען, אז אידען האָבען זיך בעזעצט אין זיד־שפּאַניען נאָך אין די צייטען פון ערשטען חורבן בית המקדש און האָבען דאָרט געלעבט צוזאמען מיט זייערע סעמיטישע ברידער, די פיניקער, די נרעסטע און מוטהיגסטע הענדלער און ים־פאָהרער פון די אלטע צייטען — און ווייל קריסטליכע מיסיאָנערען האָבען דאָרט גאנץ פריה געהאַט ערפאָלג.

שוין ארום 320 יאָהר, איידער די קריסטליכע רעליגיאָן האָט געזיעגט אין רוים מיט דער הילפע פון דעם קייזער קאָנסטאַנטין,

האָבען זיך ביסקופּען און גלחים פון שפּאַניען פערזאַמעלט אין דער אַמאָליגער שטאָדט איליבעריס (לעבען גראַנאַדאַ) און האָבען פער־באָטען די קריסטען צו פערקעהרען פריינדליך און צו האָבען חתונה מיט אידען, ווי אויך ניט צו לאָזען אידען בענשען די פעלדער פון די קריסטליכע אַקערבויער. דיעזער ערשטער ארויסטרעטען פון קריסטען געגען אידען אין שפּאַניען צייגט קלאָר, אַז אידען האָבען געלעבט פריינדליך מיט די איביריאַנער, די איינגעבאָרענע אויף דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל, און מיט די ערשטע קריסטען. אין שפּאַניען איז דאַן געווען דאָס זעלבע וואָס אין זיד־פראַנקרייך, וואו אידען האָבען אויך חתונה געהאַט מיט קריסטען. די קריס־טען זיינען איבערהויפּט גערעכענט געווען פאַר אַ אידישע סעקטע אונגעפעהר 200 יאָהר, און די רוימישע געצענדיענערשע קייזערס האָבען, ווי בעוואוסט,ביידען גלייך פערפאָלגט.

נאָר די ביסקופּען און אַנדערע פיהרערס פון די קריסטליכע סעקטען האָבען געזוכט אַלץ מעהר אָבצושיידען זיך פון אידען. די פיינדשאַפט צווישען אידען און אידישע קריסטען האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין דער צייט פון אַדריאַן׳ס פערפאָלגונגען נאָך בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד *) און איז אַלץ געוואַקסען ביז די קריסטען זיינען געוואָרען שטאַרק גענוג צו פערפאָלגען זייערע פריהערע ברידער. די קריסטליכע סעקטע, וועלכע האָט געקראָגען די אויבערמאַכט אין רוים, האָט אויך איבערגענומען דעם פריי־הערען נאַציאָנאַלען האַס פון די רוימער צו די אידען און האָט זיי דאַרום בעזאָנדערס שטאַרק פערפאָלגט. פון דיעזער קריסט־ליכער סעקטע האָט עס זיך ענטוויקעלט די רוימיש־קאַטוילישע קירכע, וועלכער איז געווען און פערבליעבען דער גרעסטער, ביטער־סטער און געפעהרליכסטער שונא ישראל.

די ערשטע קריסטען אין זיד־שפּאַניען האָבען געהערט צו

*) זעהע דיא לעבענסבעשרייבונג פון בר־כוכבא אין פערבינדונג מיט אידישע אויפשטאַנדען נאָך חורבן בית שני, אַרויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּאַניע.

דיעזער קירכע, וועלכע האָבען איבערגענומען אזוי פיעל געצענ־דיענערשע מנהגים, אום לייכטער צו געווינען אנהענגער, און זיי־ערע ביסקופען האָבען דארום באלד אָנגעהויבען ארויסצוצייגען זייער פיינדשאפט צו אידען, ווי נאָר דער רוימישער קייזער קאָנ־סטאנטין האָט זיך בעקעהרט צום קריסטליכען גלויבען. נאָר, צום גליק פון די אידען, איז שפאניען איבער 200 יאָהר געוועזען אונטער דער הערשאפט פון אייניגע גערמאנישע שטאמען, בע־זאָנדערס די וויסיגאָטהען און וואנדאלען, וועלכע זיינען געראדע בעקעהרט געוואָרען צום קריסטענטהום נאָך דעם גלויבען פון דער אריאנער סעקטע (די אריאנער האָבען געלייקענט די געטליכקייט פון יעזוס קריסטוס און האָבען זיך אין פיעלע אנדערע פונקטען אונטערשיידעט פון די קאטאָליקען). דיעזע קריסטען האָבען גאנץ גוט בעהאנדעלט די אידען, אָבער ניט אוים פריינדשאפט צו זיי, זאָנדערן אוים האס צו די רוימער. אזוי ווי זיי האָבען בע־טראכטעט אלע קאטאָליקען פאר רוימער, האָבען זיי אָנפאנגס אויך פערפאָלגט די קאטאָליקען אין שפאניען. די אידען האָבען זיי יעדענפאלס בעסער בעהאנדעלט ווי די קאטאָליקען.

די אידען האָבען דאן געהאט א סך פריווילעגיען. מען האָט זיי אפילו ערלויבט צו בעקעהרען זייערע שקלאפען צו זייער רע־ליגיאָן. אָבער ביסלעכוויז האָט די קאטאָלישע קירכע געקראָגען מעהר אנהענגער ביז זי איז צו ענדע פון זעקסטען יאָהרהונדערט געוואָרען די הערשענדע אויף דעם פירענעאישען האלבאינזעל. דאן האָבען זיך אויך גלייך אָנגעפאנגען פערפאָלגונגען געגען אי־דען. אין 589, ווען רעקארעד, דער קעניג פון די וויסיגאָטהען, האָט זיך אָפגעזאָגט פון ארניאנער „אפיקורסות“ און איז געוואָ־רען א קאטאָליק, האָבען די קאטאָליקען דורכגעפיהרט, אז מען זאָל פערבאָטען די אידען חתונה צו האָבען מיט קריסטען, צו בע־זיצען שקלאווען און צו פערנעהמען עפענטליכע פלעצער. אבער דיעזע אנטי־אידישע געזעצע זיינען מייסטענס פערבליעבען טויטע בוכשטאבען אפילו אין דער צייט פון רעקארעד׳ס הערשאפט. זיינע נעכסטע נאָכפאָלגער, מיט אויסנאהמע פון סיזעבוט, וועלכער האָט

געצוואונגען די אידען אָנצונעהמען קריסטענטהום אָדער צו פער־לאָזען דאָס לאנד, נאָר האָט געהערשט סך הכל 9 יאָהר, זיינען געווען גינסטיג צו די אידען, וועלכע האָבען אין אלגעמיין גע־לעבט בעסער אין שפּאניען, ווי אין אנדערע קריסטליכע לענדער פון יענער צייט. צו דער צייט אָבער האָט מען ספּעציעל גענומען פערפאָלגען אזעלכע אידען, וועלכע זיינען גצוואונגען געווען זיך צו שמד'ן, נאָר וועלכע זיינען געבליעבען אין געהיים טריי צו זייער אלטען גלויבען. דאָס איז געווען דער אָנפאנג פון די צרות פון די מאראנאָס, צרות, וועלכע זיינען בעזאָנדערס שרעקליך גע־ווען מיט א יאָהר 700 שפּעטער, ווען די אינקוויזיציאָן איז איינ־געפיהרט געוואָרען.

די גרויזאמע בעהאנדלונגען פון מאראנאָס אָדער געהיימע אידען האָט זיך אָנגעפאנגען אין 7טען יאָהרהונדערט, ווען די קאטוילישע גייסטליכע האָבען געקראָגען אלץ מעהר דעה אין שטאאט־אנגעלעגענהייטען און האָבען אונטערגעהעצט די קעניגע צו בעשרענקען די רעכטע פון אידען, אום זיי דורך דעם צו צווינ־גען אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. אזוי האָבען די קריסט־ליכע הערשער איבריגענס געהאנדעלט אין גאנץ אייראָפּא. אָבער די שפּאנישע אידען האָבען ווידער געהאַט מעהר מזל ווי זייערע ברידער אנדערסוואו, דען די מאהאָמעדאַנער זיינען זיי געקומען צו הילפע. נאָך אין 694 האָבען די אידען, וועלכע זיינען זעהר שטארק פערפאָלגט געווען אונטער דער הערשאפט פון דעם פאָר־לעצטען וויסיגאָטהער קעניג עזשיקא, זיך פערבונדען מיט זייערע ברידער אין אפריקא און מיט איינגע אונצופריעדענע אדעליגע אין שפּאניען, אום מיט דער הילפע פון די זיעגרייכע אראבען צו שטירצען די גאנצע וויסיגאָטהער מלוכה. דיעזע פערשווערונג איז אָבער ענטדעקט געוואָרען, און די אידען האָבען זעהר טהייער בעצאָהלט דערפאַר. מען האָט זיי פערשקלאַווט, זייערע קינדער אונטער 7 יאהר געטויפט און א טהייל געטויטעט.

אָבער דאָס האָט דאָך ניט געבראָכען זייער מוטה. ווי בעד־וואוסט, האָט זיך דער מאהאָמעדאנער גלויבען מערקווירדיג שנעל

פערשפרייטעט איבער וועסט־אזיען און נאָרד־אפריקא. א יאָהר־צעהן נאָך מאהאמעד׳ס טוידט זיינען שוין די אראבען, בעגייס־טערט פון זייער נייען גלויבען, געווען הערשער אין נאָרד־אפריקא אזוי ווייט ווי מאַראָקאָ. די אידען האָבען זיי איבעראל געהאָל־פען, ווי פיעל זיי האָבען נאָר געקענט, אום זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע קריסטליכע פערפאָלגערס. אויך די שומרונים האָבען צו־ליעב דעם זעלבען גרונד געהאָלפען די מאהאָמעדאנער, וועלכע האָבען שנעל איינגענומען גאנץ ארץ ישראל און קליין־אזיען אונ־טער דער פיהרונג פון דעם כאליף אָמאר.

ווען די אראבען האָבען זיך בעפעסטיגט אין נאָרד־אפריקא האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן איבער דעם גיבראלטאר־וואסערוועג נאָך שפּאניען אונטער דער פיהרונג פון זייער קריעגספיהרער טא־ריק. די אידען האָבען זיי אונטערגעיאָגט און געהאָלפען אויף יעדען שריט. אין 711 יאהר האָבען טאריק׳ס מחנות בעזיעגט די קריסטען אונטער דער קאָמאנדע פון דעם לעצטען וויסיגאָטהער קעניג ראָדריק נאָך א גרויסע שלאכט לעבען קסערעס, און נאָך דעם איז זיי שוין לייכט געווען איינצונעהמען דעם גאנצען פּירע־נעאישען אינזעל. די מאהאָמעדאנער האָבען זיך פערלאָזען אויף די אידען אין די איינגענומענע שטעדט און האָבען אלץ ווייטער געיאָגט די וויסיגאָטהען צום נאָרד. ווען טאריק איז צוגעקומען צו טאָלעדאָ, די הויפּטשטאדט פון די וויסיגאָטהען, האָבען די אידען געעפענט די טויערן פון דער שטאָדט און אויפגענומען די זיעגערס מיט דער גרעסטער פריידע.

פון פערשקלאַווטע זיינען זיי מיט א מאל געוואָרען הערשער, דען די אראבען האָבען זיי געגעבען פולע בירגערליכע און פּאָלי־טישע רעכטע. אלע מאראנען, וועלכע האָבען פריהער געציטערט ביי דעם אָנבליק פון א קאטאָלישען גלח, האָבען יעצט אָפען געקענט זיך ערקלערען פאר אידען. מיט איין קלאפּ זיינען זיי אזוי פּטור געוואָרען פון זייערע קריסטליכע אונטערדריקער און פּייניגער, דען די זיעגרייכע מאהאָמעדאנער האָבען זיי בעהאנדעלט אזוי פריינד־ליך אין שפּאניען ווי אין בבל און פּערסיען.

דאָס איז געווען די גאָלדענע צייט פיר אידען אויף דעם פירענעאישען האלבאינזעל. דאָס איז אויך געווען א גליק פאר די מענשהייט אין אלגעמיינען, דען די אראבען צוזאמען מיט די אידען זיינען דאַן געווען די ציוויליזאציאָנס־טרעגער. אין דער צייט, ווען גאנץ אייראָפּא איז פארוואָלקענט געווען מיט קאטוי־לישע פינסטערנעס, ווען די גריכישע פילאָזאָפיע איז פערשטויסען און פעריאָגט געוואָרען פון טרוקענע און אבערגלויבישע פלפולים, פון טהעאָלאָגיע (חכמת האלהות), איז די אראבישע מלוכה אין זיד־שפאניען געווען א לייכט־טהורם פון פילאָזאָפיע און וויסענ־שאפט. די שטראהלען פון דיעזען לייכט־טהורם האָבען ביסלאכ־ווייז בעלויכטען אנדערע לענדער ביז דער פרייער געדאנקען האָט זיך א מעכטיגען הויב געטהאָן מיט 700 יאָהר נאָך דעם אראבישע עראָבערונג פון שפאניען, ביז עס האָט זיך אָנגעפאנגען אין 15טען יאָהרהונדערט די צייט, וועלכע טראָגט מיט רעכט דעם נאָמען רענעסאנס (אויפלעבונג) און וועלכע האָט אונז געפיהרט צו אונ־זער יעצטיגער ציוויליזאציאָן.

די אידען האָבען זעהר פיעל מיטגעהאָלפען צו ברייגגען די רענעסאנס־צייט און אויף דיעזער ווייזע האָבען זיי זיך אָפּגערע־כענט מיט זייער שרעקליכסטען שונא: דיא קאטוילישע קירכע. נאָר ביז דער פרייער גייסט האָט א שיין געטהאָן דורך די געדיכטע וואָלקענס פון קאטאָליציזמוס האָבען זיי געליטען ווי אין א גיהנום, מען האָט זיי געשטיקט, געדריקט, געיאָגט, אויסגעשלאָכטעט, בעז־זאָנדערס אין די גרויליכע צייטען פון די קרייץ־ציגע, איבעראל אויסער אין די טהיילען פון שפאניען, וועלכע זיינען פערבליעבען אונטער דער הערשאפט פון די אראבען, די זאָגענאנטע מאווּרען. דאָרט איז פאר די אידען געווען פערהעלטניסמעסיג א גן־עדן. זיי האָבען געלעבט אונגעשטערט און געקענט זיך ענטוויקלען גייסטיג. אפילו אין די ערטער פון דעם פירענעאישען האלב־אינזעל, וואו די קאטאָליקען האָבען אָנגעהאַלטען זייער אונאבהענ־גיגקייט און פון וואנען זיי האָבען זיך אלץ ווייטער גערוקט צו פעריאָגען די אראבען, האָט מען אויך ניט שלעכט בעהאנדעלט די

אידען. זאָ לאַנג די קאַטאָליקען האָבען געהאַט צו פיהרען אַ שווערען קאַמפּף מיט די מאַהאַמעדאַנער, האַט מען ניט פערפאָלגט די אידען, אום צו האָבען זייער הילפע, וועלכע איז זעהר ניצליך און נויטוועגדיג געוועזן. דער קאַמפּף צווישען די שפּאַניער און אַראַבען האָט זיך, ווי בעוואוסט געצויגען קנאַפּע 800 יאָהר, ביז די לעצטע אַראבישע מלוכה אויף דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל, גראַנאַדאַ, האָט זיך געמוזט אונטערגעבען אין 1491 יאָהר.

אין פערלויף פון אזא לאַנגע צייט האָבען די שפּאַנישע אי־דען דערגרייכט צו אַ זעהר הויכע שטופע אין אַלע בעציהונגען. די ערשטע 500 יאָהר נאָך דער אַראַבישער ערֹאָבערונג האָבען זיי געלעבט, קען מען זאָגען, אונגעשטערט, און מען האָט זיי אין אַלגעמיין ניט פערפאָלגט פאַר זייער גלויבען אפילו אין די קאַ־טאָלישע מלוכות פון פּירענעאישען האַלבאינזעל. זיי האָבען דאַ־רום געשפּיעלט די העכסטע ראָליע צווישען אַלע אידען, און שפּאַ־ניען איז געוואָרען דער מאַטעריעלער, מאָראַלער און גייסטיגער צענטער פון יודענטהום. די גרעסטע רבנים, די טיעפסטע דענ־קערס, די בעסטע שרייבערס און פּאָעטען זיינען ארויס פון די שפּאַנישע אידען.

אָבער זייער לאַגע איז אַלץ ערגער געוואָרען, וואָס מעהר די קאַטאָליקען האָבען געזיעגט אין דעם פייערדיגען קאַמפּף מיט די אַראַבען. דאָס איז געווען צוגלייך אַ נאַציאָנאַלער און אַ רעלי־גיעזער קאַמפּף, און פוןביידע זייטען האָט מען געפיהרט מלחמה מיט פאַנאַטיזמוס. אייגער פון די ערגסטע רעזולטאַטען פון דיע־זען לאַנגען נאַציאָנאַל־רעליגיעזען קאַמפּף איז געווען, דאָס די מאַסען פון שפּאַנישען פאָלק זיינען פאַנאַטיזירט געוואָרען ביז צו דער העכסטער שטופע. די קאַטוילישע קירכע האָט זיך נאַטיר־ליך בענוצט דערמיט צו פערשטאַרקען איהר מאַכט און צו קריעגען די אויבערהאַנד אויך אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. גלחים האָבען געפיהרט די רעדעל פון שטאַאַט און די מענשען־פרעסענדע אינקוויזיציאָן האָט געפונען דעם בעסטען באָדען אין שפּאַניען. די אידען, וועלכע האָבען אין 14טען יאָהרהונדערט געהאָלפען די

שפּאניער געגען די אראבער, האָבען ניט געזעהן, אז זיי גראָבען אַ קבר פאר זייערע קינדער. ווען זיי האָבען זיך ארומגעזעהען, איז שוין געווען צו שפּעט, דען די שפּאניער זיינען געוואָרען צו שטאַרק געגען די אראבען, וועלכע זיינען פערבליעבען נאָר אין עטליכע זידליכע שטעדט און זיינען צופריעדען געווען, ווען מען האָט זיי צו רוהע געלאָזען.

ביז צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט איז נאָך די לאגע פון די שפּאנישע אידען געווען ערטרעגליך אין אלגעמיינען. די דאָמעניקאָנער גלחים, וועלכע זיינען געווען די פינסטערסטע פאנאַטיקער און האָבען געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן פאָלק, האָבען ניט אויפגעהערט צו העצען געגען די אידען און האָבען ניט איין מאָל דורכגעפיהרט פערשיעדענע בעשרענקונגס־געזעצע, אום צו צווינגען די אידען זיך צו טויפען. אַ געוויסער טהייל פון פאָלק איז דאָן געווען פיינדליך צו אידען אוים עקאָנאָמישע גרינדע, בעזאָנדערס אָרימע אדעליגע און הענדלער, וועלכע האָבען ניט פערגונען די אידען זייער רייכטהום און איינפלוס אין קעניגליכען הויף (ספּעציעל האָט מען געפאָדערט, אז מען זאָל ניט ערלויבען אידען צו פערנעהמען עפענטליכע שטעלן). די גלחים, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך פערפאָלגט די אידען צוליעב זייער רעליגיאָן, האָבען זיך געשטיצט אויף דיעזען טהייל פון דער שפּאנישער בעפעלקערונג, אום אויסצופיהרען זייערע שטרעבונגען.

אזוי איז ענטשטאַנען אַ גרויסער קלאַס, וואָס האָט געוואָלט איינפאַך אויסראָטען אָדער פערטריבען פון לאנד אלע אידען און וואָס האָט אונטערגעלייגט די פייער פאר די אויטאָ־דע־פעס, וועלכע האָבען אָנגעפאנגען צו פלאקערן אין 15טען יאָהרהונדערט. נאָר ערשט צום ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט איז עס געקומען אין דער מלוכה פון קאסטיל, וואו די אידען זיינען בעסער בעהאנדעלט געוואָרען, ווי אין די מלוכות פון נאוואַר און אראַגאָן, צו אַזאַ מערדערישען אָנפאַל אויף אידען, ווי אין דייטשלאנד. דאָס איז געשעהען דעם 15טען מערץ, 1391 אין דער שטאָדט סעווילא — אַן אונגליקליכער טאָג פאר די שפּאנישע אידען.

א געוויסען פאנאטישען גלח מיט דעם נאָמען פערנאנדאָ מארטינעץ איז ענדליך געלונגען אויפצוהעצען דעם המון צו אטאַ־קירען די אידען אין סיווילא. טהיילווייז זיינען די אידען אליין שולדיג, דען זיי האָבען ניט נאָר אויפגערעגט די בעפעלקערונג געגען זיך דורך זייער אנטהייל אין דעם ציוויל־קריעג צווישען די אנהענגער פון דעם קעניג פעדרא און פון זיין ברודער הענרי 2, זאָנדערן אויך דורך די שענדליכע ערמאָרדונג פון יוסף פיכאָן. דיעזער איד איז געווען דער טאקס־זאמלער פון קעניג הענרי דעם צווייטען און איז זעהר בעליעבט געווען פון די קריסטען אין סעווילא. אין 1379, גראדע ווען דער יונגער קעניג זשואן דער ערשטער איז געקרוינט געוואָרען, האָט א אידישער געריכט פעראורטהיילט צום טויט דיעזען וויכטיגען מאן אלס א פיינד פון דער אידישער קהילה און אלס א פעררעטהער. מיט וואָס ער האָט ארויפגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון זיינע ברידער, ווייס מען ניט; נאָר זיי זיינען אין זייער האס צו איהם געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבען איהם אפילו ניט געגעבען די מעגליכקייט זיך צו פערטהיידיגען אין געריכט. זיי האָבען אויך אויסגעפיהרט דורך עטליכע אידען, וועלכע האָבען געהאט איין איינפלוס אין קעניגליכען הויף, אז דער קעניג זאָל אונטערשרייבען א בלאנקען טויט־אורטהייל. פי־כאָן'ס פיינדע האָבען געוואוסט, אז דער קעניג וועט ניט דערלאָ־זען איהם אומצובריינגען, און זיי האָבען דארום אונטערגעקויפט די מיניסטערס, אום אָפּצונארען דעם קעניג. גלייך ווי מען האָט געקראָגען דעם קעניג'ס אונטערשריפט, האָבען די בעאמטע פון בית־דין אויפגעוועקט זייער אָפּפער, ווען ער איז נאָך געשלאָפען, האָבען איהם ארויסגענארט פון זיין הויז מיט א פאלשען תירוץ און איהם געקעפּט אָהן שום צערעמאָניעס.

דיעזער מאָרד האָט אין העכסטען גראד אויפגעבראכט די בעפעלקערונג פון סעווילא אויף די אידען. דער קעניג איז געווען אויסער זיך, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, ווי מען האָט איהם אָפּגענארט. ער האָט גלייך געהייסען הינריכטען די שמשים פון בית־דין און איינעם פון די אידישע ריכטער. נאָר דאָס וואָלט

ניט אויסגעמאכט, ווען ער וואָלט צוליעב דעם ניט געוואָרען א פיינד פון אידען. די ניעדערטרעכטיגע ערמאָרדונג פון יוסף פיכאָן האָט געהאַט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען פאר אלע אידען אין שפּאַניען. צוערשט האָט דער קעניג אָבגעשאפט דאָס אלטע רעכט פון אידען צו האָבען זייערע אייגענע קרימינאַל־געריכטען. נאָכ־הער האָט ער אונטערשריעבען אנדערע געזעצע געגען אידען, ווי, צום ביישפּיעל, אז אידען טאָרען ניט האלטען קריסטליכע מאַמ־קעס.

די איינוואָהנער פון סעווילא האָבען זיך געקליבען צו בע־פאַלען די אידען, צו מאכען א פּאָגראָם נאָך דעם מוסטער פון אנדערע לענדער, אָבער עס האָט דאַן געפעהלט א פאנאטישער אָנפיהרער. מיט 12 יאָהר שפּעטער, ווען פערנאַנדאָ מארטינעץ האָט געפּרעדיגט א קרייץ־צוג געגען די „פערשאָלטענע" אידען, האָט מען געמאַכט א סוף פון דער גאנצער אידישער געמיינדע אין סעווילא. דאָרט האָבען זיך דאַן געפונען 7000 אידישע פאמי־ליען, אַן ערך פון 30 טויזענד נפשות. דיא מייסטע פון זיי האָבען זיך געטויפט צום שיין, אום צו רעטען זייער לעבען, 4000 זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, די איבעריגע — זעהר א קליינע צאָהל — איז געלונגען צו אנטלויפען. צווישען די יעניגע, וואָס האָבען זיך גערעטעט דורך א טויפע, איז אויך געווען שמואל אברבנאל, דער זיידע פון יצחק אברבנאל, נאָר ער, אזוי גוט ווי אנדערע מאראנען, האָבען זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט אָבגעטרייסעלט פון קריסטענטהום.

דער שרעקליכער אויסברוך אין סעווילא איז געווען ווי א פונק אין א פאס פּולווער. אין זיעבעציג שטעדט האָט מען גערויבט און געמאָרדעט די אידען און זיי געצוואונגען זיך צו טויפען. אין טאָלעדאָ, די הויפּטשטאָדט פון קאסטיל, איז מען בעפאַלען די אידען גראדע תשעה באב און מען האָט דאָרטען געמאַכט א שרעקליכע שחיטה. דאָרט איז געווען די גרעסטע און וויכטיג־סטע אידישע קהילה, און פיעלע בעוואוסטע רבנים זיינען אומ־געקומען. די גאַסען פון טאָלעדאָ זיינען פערפלייצט געוואָרען מיט

דעם בלוט פון די אידען, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געוועזן פאַר זייער גלויבען. אין איינִיגע שטעדט איז קיין איינציגער איד ניט געבליעבען. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך גערעטעט נאָך פּאָרטוגאַל, גראַנאַדאַ און נאָרד־אַפריקאַ.

זייט דאַן האָבען זיך עס אָנגעפאַנגען די שרעקליכע ליידען פון די מאַראַנאָס (דער וואָרט בעדייטעט: „די פערשאָלטענע", און ער איז פּאַרטרעפליך צוגעפּאַסט צו די אונגליקליכע, וועלכע מען האָט געטויפט מיט געוואַלד און וועלכע האָבען זיך געריסען מיט לייב און זעעלע צו בלייבען אידען). דורך זיי האָבען די יעניגע, וואָס זיינען נאָך אָפען פערבליעבען אידען אין שפאַניען, אויך געהאַט געברענטע צרות.

אייניגע פון די מאַראַנאָס האָבען געוואָלט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דער קאַטוילישער קירכע און זיינען געוואָרען די גע־פעהרליכסטע שונאי ישראל. די נידערטרעכטיגסטע פון זיי זיינען געוועזן רבי שלמה לעווי פון בורגאָס, וועלכער איז בעקאַנט אונטער זיין קריסטליכען נאָמען פּאַול דע־סאַנטאַ־מאַריאַ, און יהושע לאָרקי וועלכער איז געוועזן דער לייב־אַרצט פון דעם אַנטי־פּאַפּסט בענע־דיקט 13טער און האָט אָנגענומען דעם נאָמען יעראָנימוס דע סאַנטאַ־פע.ביידע זיינען געוועזן גוטע תלמודיסטען און פעהיגע מענשען און האָבען שנעל ערדייכט די העכסטע שטעלען אין דער קאַטוילישער קירכע. זיי האָבען אפילו געשטרעבט צו ווערען פּאַפּסטען. פּאַול דע־סאַנטאַ־מאַריאַ איז געוועזן אַ בעוואוסטער רב און זעהר אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקס ביז זיין שמד נאָך די הריגות פון 1391; אָבער גלייך נאָך דער איבערקעהרעניס האָט ער ער־קלערט, אַז ער האָט זיך געטויפט, ווייל ער גלויבט אויפריכטיג אין יעזוס קריסטוס, און האָט נאָכדעם אויסגענוצט אַלע זיינע קענטניסע און פעהיגקייטען צו בעקעהרען אידען צום קריסטענ־טהום און צו פערפאָלגען די יעניגע, וועלכע זיינען געבליבען טריי זייער אַלטען גלויבען. צוזאַמען מיט זיין שילער יהושע לאָרקי האָט ער אָנגעמאַכט די גרעסטע צרות אַלע שפּאַנישע אידען. אום צו בעפריעדיגען זייער אַמביציאָן האָבען זיי ניט נור געפיהרט

ויכוחים מיט אידישע רבנים אין דער אנוועזענהייט פון קעניג און פון די העכסטע בעאַמטע פון שטאַאט און קירכע און גע־שריעבען ביכער, אין וועלכע זיי האָבען איבערגעדראַשען אלע תענות פון קריסטליכע מיסיאָנערען וועגען די ביבלישע בעווייזע, אז יעזוס איז געווען דער ערוואַרטעטער משיח; זאָנדערן האָבען נאָך אויף יעדען שריט אויפגעהעצט צו פערפאָלגען די אידען, אז זיי זאָלען געצוואונגען זיין זיך צו טויפען.

דורך דיעזע משומדים מיט דער הילפע פון דעם פאנאטישען גלח ווינסענט פעררער און דעם לעצטען אוויניאָנער פאפסט בע־נעדיקט 13טער, וועלכער האָט געהאָפט אנערקענט צו ווערען אלס פאפסט אין רוים דורך דעם וואָס ער וועט אויספיהרען אן אלגע־מיינע בעקעהרונג פון אידען צום קריסטענטהום. צו דיעזען צוועק האָט דיעזער אנטי־פאפסט, וועלכער איז שליסליך אראָבגעזעצט געוואָרען (ווי בעוואוסט, האָבען די קאטאָליקען געהאַט א געוויסע צייט צוויי שטעלפערטרעטער פון יעזוס: איין פאפסט אין רוים און אן אנדערן אין אוויניאָן, זיעד־פראנקרייך, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט געטליך ארומגעריסען), — בעשטימט, אז דער משומד לאָרקי זאָל פיהרען א דיספוט מיט אידישע פערטרעטער אין טאָרטאָזא, אום צו בעווייזען, אז אפילו דער תלמוד אנערקענט יעזוס׳ן פאר א משיח.

דאָס איז געווען דער גרעסטער און בעריהמטעסטער פון די אידיש־קריסטליכע ויכוחים אין מיטעלאַלטער. ער האָט זיך גע־צויגען קנאַפּע צוויי יאָהר (1413—1414), די ביטערסטע און שרעקליכסטע אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק. בענעדיקט 13טער האָט געהאָפט, אז איהם וועט געלינגען איבערצוריידען און איינצושרעקען די אונגליקליכע אידישע פערטרעטער, וועלכע האָ־בען ביי דיעזען דיספוט רעזיקירט מיט זייער לעבען (עס איז אי־בעריג צו זאָגען, אז די אידען האָבען שטענדיג געציטערט פאר אזעלכע דיספוטען אונטער די אויגען פון זייערע ביטערסטע פיינד און האָבען געזוכט זיי אויסצומיידען), זיי זאָלען זיך טויפען, דאַן וועלען אלע אידען זיי נאָכפאָלגען. נאָר זעהענדיג, אז די רבנים

האַלטען זיך פעסט, האָט ער אָבגעהאַקט די ווייטערע דיסקוסיאָנען און האָט אויסגעלאָזען זיין צאָרן צום אָרימען תלמוד. די אידען איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען צו לערנען גמרא און אַלע קאָפּיעס פון תלמוד האָט מען געזוכט צו פערברענען. מען האָט נאָך ארויפגעלייגט אנדערע גזרות אויף אלע אידען, אָבער גליקליכערווייזע איז בענעדיקט 13טער באַלד נאָכדעם אראָפּ פון פּאַפּסטליכען שטוהל און איז געשטאָרבען אין 1416.

אין דער זעלבער צייט, ווען מען האָט דיספּוטירט אין טאָרטאָזאַ, האָט דער גלח פּעררער געברויכט געוואלד צו טויפען די אידען. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַרום זיך אַ באַנדע פאַנאַטישע פלאַזשעלאַנטען (מלקות־קלאַפּערס) און פלעגט מיט זיי ארומוואנדערען פון איין שטאָדט צו איין אנדערע, אום צו בעפאַלען סינאַגאָגען. מיט אַ קרייץ אין האַנד פלעגט ער זיך אריינרייסען אין די סינאַגאָגען און דאָרטען האַלטען פייערדיגע דרשות מיט נאָך פייערדיגערע סטראַשונקעס. זיין חברה פלעגט שטעהן אָנגעגרייט צו בעשטעטיגען זיינע פאַנאַטישע געשרייען מיט שווערדען און שטעקענס איבער די קעפּ פון די אונגליקליכע אידען. די קריסטליכע בעפעלקערונג פון יעדער שטאָדט, וואו דיעזער משוגענער פאַנאַטיקער פלעגט זיך בעווייזען, פלעגט געוועהנליך בעפאַלען די אידישע הייזער און דאָרט רויבען און מאָרדען. די אידע־ וואָס האָבען זיך געקענט רעטען אין איין שטאָט פון זיינע ב[illegible] דרשות דורך פליטה, פלעגען איהם טרעפען אין אַן אנדער שטאָרט, דען ער האָט שנעל מארשירט מיט זיין פאַנאַטישער באַנדע איבער שפּאַניען.

אונטער שטרענגסטע שטראָפען איז עס פערבאָטען געוועזן די אונגליקליכע צו אנטלויפען. זיי זיינען געוועזן ווי אין אַ פאַסטקע פון יעגערס, און פיעלע פון זיי האָבען זיך דארום אין זייער טויט־שרעק בעקעהרט צום קריסטענטהום. מען רעכענט, אז פּערדינאַנד פּעררער האָט אזוי געצוואונגען איבער 20 טויזענד אידען זיך צו טויפען. ער האָט קיין אנדער זאַך אין זינען ניט געהאַט אויסער די בעקעהרונג פון אידען צום קריסטענטהום ; אָבער

בענעדיקט 13טער מיט די צוויי אידישע משומדים, סאנטא־מאריא און סאנטא־פע, האָבען אויסגענוצט זיין ווילדען פאנאַטיזמוס צו זייערע פּאָליטישע צוועקען, און אַלע צוזאמען האָבען זיי אומ־געוואנדעלט שפּאניען אין אַ גיהנם פאר אידען.

פּעררער מיט זיין פאנאטישער באנדע האָבען אויך אָנגעמאכט גרויסע צרות די אידען אין אנדערע לענדער, וואו ער איז נאָר צוגע־קומען, אויסער אין פּאָרטוגאַל, וואו מען האָט די אידען נאָך דאַן צורוה געלאָזען. אין שפּאניען איז דער שיקזאַל פון די אידען גע־האנגען אויף אַ האָאָר דעם גאנצען 15טען יאָהרהונדערט, בעזאָנ־דערס נאָך דעם ווי די אינקוויזיציאָן איז ענדליך אויך איינגע־פיהרט געוואָרען צום אונגליק און צו דער שאנדע פון גאנץ איראָפּא.

אַ יאָהר 20 נאָך דער שרעקענס־צייט פון פערדינאנד פּעררער און פון בענעדיקט 13טער מיט זיינע משומדים איז געבאָרען גע־וואָרען יצחק אברבנאל, וועמען עס איז באשערט געווען דורכצו־ליידען דעם לעצטען אַקט אין דער הערצרייסענדער טראַגעדיע פון די שפּאנישע אידען און וועמעס לעבען און טהעטיגקייט מיר וועלען בעשרייבען אין די נעקסטע קאפּיטלאַך.

* * *

.1

אבשטאמונג און ערציהונג. — זיינע ערשטע ווערק. — פינאנצמייסטער פון קעניג אלפאנסא 5. — גליקליכע צייט פאר אידען אין פארטוגאל. — אויסקויף פון געפאנגענע. — פארטוגעזער געזאנדטע צום פאפסט.

יצחק אברבנאל האט געשטאמט פון איינער פון דיא העכסטע און בעריהמטעסטע אידישע פאמיליען אין שפאניען. זיא האט שטאלצירט מיט אן אבשטאמונג דירעקט פון דוד המלך, און וויא עס ווייזט אויס, איז עס ניט געווען א פוסטע גדלות, אום אפצונא־רען דעם עולם. אין זיין פירוש אויף זכריה'ס נביאות בעמערקט ער אין איין ארט: „נאך חורבן בית ראשון האבען צוויי פאמיליען פון דוד המלך'ס הויז זיך אויף בעזעצט אין שפאניען, נעמליך: דיא פאמיליע דאאוד אין לוצען און דיא פאמיליע אברבנאל אין סע־ווילא."

נאר יעדענפאלס, אויב דיזע טראדיציאן פון דער פאמיליע אברבנאל איז בעגרינדעט אויף א פאקט אדער אויף איין איינביל־דונג, נאר איהרע מיטגליעדער האבען זיך שטענדיג אויסגעצייי־כענט מיט רייכטהום, תורה און איבערגעבענהייט צו זייער פאלק. יצחק אברבנאל איז ניט געווען אן אויסנאהמע, זאנדערן איי־נער פון איהרע גלענצענדסטע פערטרעטער. ער איז געבארען גע־ווארען אין 1437, אבער ניט אין שפאניען, נאר אין פארטוגאל, נעמליך אין דער הויפט־שטאדט ליסאבאן, וואוהין זיין זיידע שמואל אברבנאל האט עמיגרירט, הפנים א קורצע צייט נאכדעם וויא מען האט איהם געצוואונגען זיך צו טויפען אין דער צייט פון דעם שוידערליכען אנפאל אויף אידען אין סעווילא אין 1391, וויא דאס איז בעמערקט געווען אין דער איינלייטונג.

דיזער שמואל אברבנאל איז געווען איינער פון דיא דעפוטא־טען, וואס דיא שפאנישע אידען האבען געשיקט נאך רוים צום ניי־ערוועהלטען פאפסט מארטין 5. (ער איז אויסגעוועהלט געווא־רען נאך דיא לאנגע רייסערייען פון פאפסטען און אנטי־פאפסטען אלס דער איינציגער הויפט פון דער קאטאלישער קירכע; דאן איז עס ארעפגעזעצט געווארען דער אנטי־פאפסט בענעדיקט 13, פון וועלכען עס איז גערעדט געווארען אין דער איינלייטונג). צוזאמען מיט פערטרעטער פון איטאליענישע אידען האט ער אויסגעפיהרט, אז דיזער פאפסט זאל ארויסלאזען א מענשליכען בעפעהל, נאך יענער פינסטערער צייט, נעמליך, אז מען זאל ניט טויפען אידען מיט געוואלד, אז מען זאל זיי ניט צווינגען צו פייערן דיא קריסט־ליכע יום־טובים און זיי ניט שטערען אין זייער געשעפטליכע אנ־געלעגענהייטען מיט קריסטען. דיזער בעפעהל, פאר וועלכען דער פאפסט מארטין 5 האט געקראגען א סך טהייערע געשאנקען פון דיא אידישע דעפוטאטען, איז אבער מייסטענס פערבליבען א טויטער בוכשטאב, בעזאנדערס אין שפאניען, וואו דיא דאמיני־קאנער און אנדערע פאנאטישע גלחים האבען געקענט אויספיה־רען אלעס וואס זיי האבען געוואלט.

יצחק׳ס פאטער, יהודה, איז געווען דער שאץ־מייסטער פון א פארטוגעזער פרינץ און האט אויך געהאלפען זיינע ברידער וויא וויים ער האט געקענט. זיין זוהן האט ער געגעבען דיא בעסטע ערציהונג נאך יענער צייט. נאך אלס אינגעל האט יצחק אברבנאל ארויסגעוויזען גלענצענדע פעהיגקייטען. ער האט ניט נאר שנעל אויסגעלערנט אלע געגענשטאנדען, זאנדערן האט אלעס גרינדליך בענומען און פערשטאנען. ער האט געהאט א פילאזאפישען פער־שטאנד, וועלכער איז פערשארפט געווארען דורך א פריהצייטיגע בעקאנטשאפט מיט דיא פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון פארטו־גאל און שפאניען און מיט דיא צרות פון זיינע ברידער. אבער ער איז דאך ניט געווען א טיעפער דענקער און האט נאר אין זיינע שריפטען געצייגט גרויסע קענטניסע אין תורה, שפראכען און פאליטיק.

מיט דעם גרעסטען חשק האָט ער שטודירט דיא תורה, אום נאָכצופאָרשען דיא גרונדלאגען פון אידישען גלויבען און דיא אי־דישע געשיכטע אין דיא עלטעסטע צייטען. נאָך אלס יונגער מאן האָט ער אָנגעשריעבען דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישען בוך „עטרת זקנים“, אין וועלכען ער האָט געזוכט צו ערקלערען דיא געטליכע השגחה אין אלגעמיינען און ספּעציעל אין בעצוג אויף אידען. וויא נאָר ער האָט געענדיגט דיזע ערשטע ווערק, האָט ער זיך גענומען צו א פירוש אויף „דברים“. אין דער הקדמה צו דיזען פירוש, וועלכע ער האָט אָנגעשריעבען, ווען ער האָט אויסגעוואנדערט פון שפּאַניען, בעמערקט ער, אז ווען ער איז נאָך געווען א יונגער מאן און האָט געלעבט אין זיין פאָטער'ס הויז אין ליסאבאָן, האָט ער זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דער פראגע וועגען „דברים“.

„איך האָב געשטעלט דיזע פראגע פיעלע בעוואוסטע גע־לעהרטע, לעהרערס פון ישיבות, אָבער יעדערער האָט מיר געענט־פערט נאָך זיין אייגענע וועלט־בעטראכטונג. קיינער פון זיי האָט ניט ענטשיעדען דיזע פראגע גענוגענד. דאָרום האָב איך זיך אָנגע־שטרענגט און אליין זיך גענומען צו לייזען דיזע פראגע דורך א פירוש אויף „דברים“. אין דיזען פירוש וועל איך צייגען דיא ער־האבענהייט פון דיא לעהרען, וועלכע „דברים“ ענטהאלט, דען דיא אלטע און נייע קאָמענטאטאָרס האָבען ניט גענוג אויפמרקזאם דאָס נאָכגעפאָרשט.“

אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט זיך אזוי פערטיעפט אין דער תורה, האָט ער אויך שטודירט וועלטליכע זאכען, בעזאָנדערס פינאנצען, געשיכטע און פּאָליטיק. ער איז אזוי געוואָרען איינער פון דיא געבילדעסטע מענשען פון זיין צייט. אונטער דער אָנ־ווייזונג פון זיין פאָטער האָט ער גרינדליך זיך בעקאנט מיט דער פערוואלטונג פון שטאאטס־פינאנצען און מיט רעגיערונגס־אנגעלע־גענהייטען. ער איז שנעל בעקאנט געוואָרען אלס איינער פון דיא בעסטע פינאנסיסטען, און אלפאָנסאָ 5, א געבילדעטער און גוט־מוטהיגער קעניג, האָט איהם דאָרום אויסגעקליבען פאר זיין פי־נאנץ־מיניסטער. דיזער קעניג האָט איהם אויך אָנגעפרעגט וועג־

גען דיא וויכטיגסטע שטאאט־פראגען און האט איבערהויפט געהאט צו איהם און צו זיינע קענטניסע גרויס צוטרויען.

אין קעניגליכען הויף האט מען זעהר געגליכען דעם יונגען אידישען פינאנץ־מיניסטער, ווייל ער האט זיך געהאלטען וויא אן ארדעלמאן, האט געגען קיינעם ניט אינטריגירט און האט ניט גע־זוכט רייך צו ווערען אויף דער רעכנונג פון שטאאט. אלע האבען איהם געשעצט אלס אן עהרליכען מאן, קלוגען מיניסטער און גרוי־סען קענער. ער איז געווען בעפריינדעט מיט פיעלע הויכע גראנ־דען (אריסטאקראטען), בעזאנדערס מיט דעם הערצאג פערדינאנד דע־בראגאנזא, וועלכער האט בעזעסען 50 שטעדט און האט געקענט צושטעלען אן ארמעע פון 10 טויזענד אינפאנטעריע און 3 טויזענד קאוואלעריע אין צייט פון קריעג. שטענדיג פלעגט ער געברויכען זיין גרויסען איינפלוס אין קעניגליכען הויף צו בעשיצען זיינע ברי־דער. זיין לעבען אין דיזער צייט, זא לאנג אלפאנסא 5 האט גע־לעבט, בעשרייבט ער אליין מיט דיזע ווערטער:

„רוהיג האב איך געלעבט אין מיין גע׳ירש׳נטע הויז אין פרעכ־טיגען ליסאבאן. גאט האט מיר געגעבען מזל ברכה, רייכטהום און כבוד. איך האב אויסגעבויט פאר מיר הערליכע זאלען און צי־מערן. מיין הויז איז געווען דער זאמלונגס־פונקט פון געלעהרטע און חכמים. איך בין געווען געליעבט אין דעם הויף פון אלפאנסא, א מעכטיגער און גערעכטער קעניג, אונטער וועמעס הערשאפט דיא אידען האבען גענאסען פרייהייט און הצלחה. איך בין געווען נאָ־הענט צו איהם, האב איהם אונטערשטיצט און זא לאנג ער האט געלעבט, האט ער זיך בעראטהען מיט מיר וועגען שטאאטס־זאכען."

דיא אידען האבען דאן ווירקליך געהאט פערהעלטניסמעסיג א גליקליכע צייט אין פארטוגאל. עס האבען אפילו עקזיסטירט בעשרענקונגס־געזעצע געגען זיי; אבער דיזע געזעצע זיינען מייסטענס געבליבען אויפ׳ן פאפיר, טראץ דיא אנשטרענגונגען פון גלחים זיי אפצולעבען און דורכצופיהרען. אידען האבען געטראגען דיא קליידער פון לאנד מיט שווערדען, זיינען געריטען אויף מולען

און פערד, זאָ דאָס מען האָט זיי קוים געקענט אונטערשיידען פון די פּאָרטוגעזער. די גרעסטע צאָהל פון טאַקסען־זאַמלער זיינען געוועזן אידען. אויסער יצחק אברבנאל האָבען נאָך אַנדערע אידען געהאַט אַ צוטריט און אַן איינפלוס אין קעניגליכען הויף. זיי האָבען געהאָלפען און בעשיצט זייערע ברידער. יצחק'ס בעריהמטער זוהן, יהודה לעאָן מעדיגאָ, האָט אַזוי בעשריעבען זיין פאָטער'ס צדקה און ליעבע צו אידען: „ער איז געוועזן אַ שילד און וואַנד פאַר זיין פאָלק, האָט ערלייזט די ליידענדע, פערהיילט וואונדען און געהאַלטען גרויזאַמע לייבען אין צוים."

וויא ווייט ער איז אין דיזער גליקליכסטער צייט פון זיין לעבען געוועזן איבערגעבען צו זיינע אונגליקליכע ברידער, צייגט פאָלגענדער פאַל. דער קעניג אַלפאָנסאָ, וועלכער האָט געפיהרט מלחמה מיט די אראַבען אין מאַראָקאָ, האָט דאָרטען איינגענומען דעם פאָרט ארזילאַ און געבראַכט נאָך פאָרטוגאַל עטליכע טויזענד געפאַנגענע, דאַרונטער אויך 250 אידען, וועלכע זיינען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַווען. אברבנאל האָט ניט געקענט רוהען, דאָס אידען זאָלען זיך מאַטערען אין שקלאַווערייַ, און האָט אויפגעמונטערט אַנדערע רייכע פּאָרטוגעזער אידען צו זאַמלען געלד זיי אויסצוקויפען. נאַכהער איז ער אַרומגעפאָהרען איבער דעם גאַנצען לאַנד, זוכענדיג די אונגליקליכע, אום זיי אויסצוקויפען. פאַר אייניגע פון זיי האָט ער געהאַט צו צאָהלען הויכע פרייזען, אָבער ער האָט דערויף ניט געאַכטעט. ווען מען האָט אויסגעקויפט אַלע געפאַנגענע, האָט מען זיי געשטיצט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבען אויסגעלערענט די פּאָרטוגעזער שפּראַך און זיינען אין שטאַנד געוועזן צו מאַכען אַ לעבען.

אַרום דער צייט האָט דער קעניג געשיקט זיינע פערטרעטער צו בעגריסען דעם ניי־ערוועהלטען פּאַפּסט זאַקסטוס 4 און איהם אויך אָנזאָגען וועגען דעם זיעג פון די פּאָרטוגעזער איבער די מאַהאָמעדאַנער אין מאַראָקאָ. איינער פון די געזאַנדטע איז געוועזן אַ געוויסער סעזורא, אברבנאל'ס אַ זעהר נאָהענטער פריינד. דיזער סעזורא איז אויך געוועזן פריינדליך צו אידען איבערהויפּט

און אברבנאל האָט איהם געבעטען צו זאָגען דעם פּאַפּסט אַ גוט וואָרט פאר דאָס פערפאָלגטע פאָלק. צוגלייך האָט אברבנאל גע־לאָזט וויסען דיא אידען אין איטאַליען, אַז זיי זאָלען אויפנעהמען אַלע פּאָרטוגעזער געזאנדטע וואָס פריינדליכער, אום דערמיט אויסצודריקען זייער דאנקבארקייט דעם גוטען קעניג אַלפאָנסאָ.

אַט אַזוי האָט יצחק אברבנאל שטענדיג געהאַט אין אויג דיא אינטערעסען פון זיין פאָלק און האָט געזוכט צו העלפען זיינע פער־פאָלגטע ברידער.

✿ ✿ ✿

.2

פערדעכטיגט פון קעניג זשואַן 2 אין אַ פערשווערונג. — מוז אַנטלויפען פון פּאָרטוגאַל. — בעזעצט זיך אין טאָלעדאָ. — פירוש אויף דיא ערשטע נביאים. — געגנער פון פרייע קריטיק. — ווערט פינאַנצ־מיניסטער אין שפּאַניען. — פערטהיידיגט זיינע ברידער. — דיא אינקוויזיציאָן און בלבולים אויף אידען.

מיט דעם טויט פון קעניג אַלפאָנסאָ אין 1481 האָט זיך געענדיגט אברבנאל׳ס גליקליכע צייט. אויך האָט זיך אָנגעהויבען אַ שלעכטע צייט פאר זיינע ברידער אין פּאָרטוגאַל. אויפ׳ן טראָן איז אַרויף אַלפאָנסאָ׳ס זוהן זשואַן 2, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער און פאַלשער מענש. דיזער קעניג האָט געזוכט צו פערשטאַרקען זיין מאַכט אויף דער רעכנונג פון דיא אַדעליגע. אום צו האָבען שטיצע געגען דיא אַדעליגע, האָט ער געזוכט צוציהען אויף זיין זייט דיא גלחים און האַנדעלס־לייטע, דיא פיינדע פון אידען. דעם אָנפאַנג האָט ער געמאַכט מיט דעם שטאַרקסטען און רייכסטען פון דיא אַדעליגע, דעם הערצאָג דע בראַגאַנזא, אברבנאל׳ס פריינד. דיזער הערצאָג האָט געהערט צו דער קעניג־ליכער פאַמיליע און איז געווען בעליעבט אין פאָלק מעהר וויא דער קעניג. אין דער צייט, ווען זשואַן האָט געשפּיעלט אין פריינדשאַפט מיט דעם הערצאָג, האָט ער פאַבריצירט געגען איהם בעווייזע אין האָכפערראַטה. דעם הערצאָג האָט מען פערקלאָגט אין פעררעטהערישע פערבינדונגען מיט דעם שפּאַנישען קעניג, אַרעסטירט, פעראורטהיילט צום טויט און הינגעריכטעט. דער קעניג האָט זיך בענוצט דערמיט צו קאָנפיסצירען אַלע מאַיאָנטקעס פון דעם אונגליקליכען הערצאָג.

אזוי וויא אברבנאל איז געוועזן זעהר בעפריינדעט מיט דעם הערצאָג, האָט דער קעניג אויך געוואָרפען אויף איהם א בייזע אויג. דיא שונאים פון אידען אין אַלגעמיינען און אברבנאל׳ס פיינדע בעזאָנדערס האָבען געזוכט איהם אריינצופּלאָנטערן אין א פערשווערונג געגען דעם קעניג, וועלכער איז איבערהויפּט געוועזן א פערדעכטיגער מענש, וויא אַלע טיראַנען זיינען עס. איין מאָל, ווען דער קעניג האָט געשיקט רופען צו זיך דעם אידישען מיניסטער, איז דער לעצטער געוואָהר געוואָרען דורך זיינעם אַ אונבעקאַנטען פריינד, אז זיין לעבען איז אין געפאהר. גראדע ווען אברבנאל האָט זיך געקליבען אָפּצופאָהרען צום קעניג, האָט דער אונבעקאַנטער פריינד איהם געראַטהען וואָס שנעלער צו פערלאָזען פּאָרטוגאַל. אברבנאל האָט וואהרשיינליך אַליין אויך פערשטאַנען, אז ער קען קיין גוטעס ערוואַרטען נאָך דער הינריכטונג פון דעם הערצאָג דע־בראַגאַנזאַ, און האָט דארום זיך אַ לאָז געטהאָן גלייך צום גרענעץ פון שפאַניען. דאָס איז געשעהן אין 1483טען יאָהר.

ווען דער קעניג האָט זיך דערוואוסט, אז אברבנאל האָט געמאכט פּליטה, האָט ער געשיקט רייטערס איהם צו דעריאָגען און צו פאַנגען, אָבער גליקליכער־ווייזע האָבען זיי איהם ניט געקענט כאַפּען, און ער איז בשלום אריבער דעם פּאָרטוגעזער גרענעץ. ער האָט דיא ערשטע זאַך געשיקט א בריעף צום קעניג מיט א לאַנגע ערקלערונג, אז ניט נאָר ער איז אונשולדיג אין אירגענד וועלכער פערשווערונג, זאָנדערן אויך דער הערצאָג דע־בראַגאַנזאַ. נאָר דער פערדעכטיגער קעניג האָט עס ניט געגלויבט און האָט געהייסען קאָנפיסצירען אברבנאל׳ס פערמעגען. זיין צאָרן האָט ער אפילו אויסגעלאָזען צו אברבנאל׳ס עלטערן זוהן יהודה לעאָן, וועלכער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין, דען אויך זיין פערמעגען האָט מען קאָנפיסצירט. דאָך האָט דער קעניג ערלויבט אברבנאל׳ס פרוי און קינדער אָפּצופאָהרען נאָך שפאַניען.

אברבנאל האָט זיך דאַן בעזעצט אין טאָלעדאָ, דיא הויפּט־שטאָדט פון קאַסטיל, וואו דיא אידישע געמיינדע האָט איהם נאַ־

טירליך אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אויך פריידע. ער האט זיך גלייך בעפריינדעט מיט דיא געלערענטעסטע מיטגליעדער. פיעלע נאכפאלגערס און פערעהרערס האבען זיך א לאז געטהאן צו איהם. בעזאנדערס האט ער זיך בעפריינדעט און וואהרשיינליך אויך געשעפטליך פערבונדען מיט א געוויסען אברהם סעניאר, וועלכער איז געוועו דער הויפט־קאלעקטאר פון שטייערען אין דער מלוכה קאסטיל.

זיין פרייע צייט האט ער בענוצט צו נעהמען זיך צו דער פעדער, אום אנצושרייבען דעם פירוש אויף דיא ביכער פון דיא ערשטע נביאים, א ווערק, וועלכע ער האט פערנאכלעסיגט אין פארטוגאל צוליעב זיין פאליטישע טהעטיגקייט. עס האט איהם זעהר געערגערט, וואס ער האט א געוויסע צייט אויפגעהערט צו לערנען תורה, ווען ער איז געוועז פינאנצמיניסטער. ער האט זאגאר געגלויבט, אז צוליעב דעם האט איהם גאט בעשטראפט, זא דאס ער האט געמוזט אנטלויפען פון זיין געבורטשטאדט. ער האט דארום אזוי פלייסיג געשריעבען אין טאלעדא, דאס אין א יאהר צייט האט ער געענדיגט זיין פירוש אויף יהושע, שופטים און שמואל.

אין דיזען פירוש צייגט ער בעזאנדערס ארויס זיין פאליטישען פערשטאנד. ער האט געזוכט צו ערקלערען דיא פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון ארץ ישראל אין יענער צייט. זיין ערפאהרונג אלס שטאאטסמאן און זיין בעקאנטשאפט מיט דער וועלט און מיט פרעמדע שפראכען און ליטעראטור האבען איהם דערביי זעהר פיעל צוגעהאלפען. פריהערע קאמענטאטארס האבען זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט דיא ערשטע נביאים און מיט דיא געשיכטליכע בעריכטען פון דער צייט, ווען דיא בני ישראל האבען איינגענומען כנען און זיך דארטען בעזעצט, און זיין צוועק איז געוועו צו ערקלערען פיעלע דונקעלע פונקטען. דערביי האט ער זיך אויך בענוצט מיט דיא ווערק פון אייניגע קריסטליכע נאכפארשער און זאגאר פון משומדים.

טראץ זיין טיעפען בליק אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק און בעקאנטשאפט מיט פילאזאפישע ווערק, האט ער דאך

געשריעבען זיין פירוש אין א שטרענגען אָרטהאָדאָקסישען זינען. זיין שטאַנדפּונקט איז געוועזען א בלינד רעליגיעזער, ער איז אַרויס־געטראָטען געגען אירגענד וועלכע פילאָזאָפישע פרייהייט מיט דעם בוכשטאַב פון דער ביבעל. אין דיזער בעציהונג האָט ער זיך ווייניג אונטערשיידעט פון אַן אָרטהאָדאָקסישען רב, וועלכער קען קיין אַנדער זאַך אַון וויל קיין אַנדער זאַך וויסען אויסער דעם תלמוד און וועלכער פאָלגט שקלאַוויש דעם געשריעבענעם וואָרט.

דיא ווערק פון אייניגע בעוואוסטע תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיך ערלויבט געוויסע פרייהייטען און געברויכט זייער קריטישען פערשטאַנד, האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע סטריקטע אָרטהאָדאָקסען, פערדאַמט אַלס אפּיקורס׳ישע. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געהאַלטען מיט דיא געגנער פון פילאָזאָפיע, איז געבליבען א שטרענגער אָרטהאָדאָקס, אָבוואָהל זיין פּאָליטישע טהעטיגקייט האָט איהם בעדאַרפט פיהרען אויף א פרייען וועג. ער האָט אויך געגלויבט, אַז דיא שפּאַנישע אידען זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט פערפאָלגונגען פאַר זייער אפּיקורסות.

אָבער באַלד איז ער אונטערבראָכען געוואָרען אין זיין ארבייט אַלס קאָמענטאַטאָר דורך איין איינלאַדונג פון דער קעניגליכער פּאָאָר פערדינאַנד און איזאַבעלאַ איבערצונעהמען דיא פערוואַל־טונג פון דיא שטאַאַטס־פינאַנצען. מיט גרויס בעדויערען האָט ער זיך אָבגעריסען פון זיינע געליעבטע שטודיען און ביבלישע נאָכפאָרשונגען. ער האָט זיך גראַדע געקליבען אָנצושרייבען א פירוש אויף מלכים, ווען ער איז גערופען געוואָרען צום קעניגליכען הויף. דאָס איז געווען אין 1484, מיט 8 יאָהר פאַר דיא אויס־ווייזונג פון אַלע שפּאַנישע אידען.

עס איז א וואונדער וויא אזוי דיא זעלבע קעניגליכע פּאָאָר, וועלכע האָט אזוי אונבאַרמהערציג אַרויסגעיאָגט אַלע אידען און איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער שוידערליכער אינקוויזיציאָן מיט דעם שרעקליך בעריהמטען טאָרקוועמאַדאַ אַן דער שפּיצע, האָט זיך ערלויבט אַנצופערטרויען דיא פינאַנצען צו א איד, נור וואַהרשיינליך האָט מען זיך אַנדערש ניט געקענט העל־

פען. דיא פינאנצען פון דער פעראייניגטער שפּאנישער מלוכה (איזאבעלא איז געווען דיא קעניגין פון אראגאָן און פערדינאנד — דער קעניג פון קאסטיל) זיינען געווען אין א זעהר שלעכטען צו־שטאנד, און אברבנאל׳ס שם אלס גוטער, עהרליכער און פעהיגער פינאנץ־מיניסטער איז געווען אזא גרויסער, אז מען האָט גאָר ניט געאכטעט, וואָס ער איז א איד, און איהם אָנגעשטעלט צו פער־בעסערען דיא לאַגע און אָנצופילען דיא פוסטע קעניגליכע קאסע.

ער איז געווים געווען ניצליך דער קעניגליכער פּאָאָר און דער רעגיערונג, ווען ער איז 8 יאָהר נאָכאנאנד פערבליבען פינאנץ־מיניסטער, און דאָס נאָך אין א צייט, ווען דער שיקזאל פון אלע אידען אין שפּאניען איז געהאנגען אויף א האָאר, ווען דיא אינקווי־זיציאָן האָט געברענט מאראנען און האָט פערביטערט און פעראונ־גליקט דעם לעבען פון יעדען איד אויף יעדען שריט. ער וואָלט נאָך געקענט פערבלייבען מיניסטער אפילו נאכדעם, וויא מען האָט אלע זיינע ברידער ארויסגעיאגט, ווען ער וואָלט עס וועלען, ווען זיין עדעלע נשמה און עהרענגעפיהל וואָלטען עס איהם דערלאָזען. דער קעניג פערדינאנד, וועלכער ווערט גערופען אין דער געשיכטע „קאטאָליק“ און וועלכער האָט פערדיענט דיזען נאָמען פאר זיין איבערגעבענהייט צו דער קאטאָלישער קירכע און צו דער אינקווי־זיציאָן, האָט פון דעסטוועגען גאָר ניט געאכטעט אויף דיא קאָ־נאָנישע (גייסטליכע) געזעצע און אויף דיא בעשליסע פון דיא קאָר־טעסען (פּארלאמענט), אז מען טאָר ניט צולאָזען אידען צו פער־נעהמען אירגענד וועלכע עפענטליכע פּלעצער, און האָט דאָך געהאל־טען אברבנאל׳ן אלס פינאנצמיניסטער און געפרעגט זיין ראטה אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען — אזוי נויטיג האָט ער איהם בע־דארפט האָבען.

אברבנאל האָט אָנגענומען דיזען הויכען און וויכטיגען פּאָסט ניט אזוי צוליעב פּערזענליכע אינטערעסען און כבוד — ער וואָלט צופריעדען געווען צו לעבען און צו שרייבען אין רוהע — וויא צו־ליעב דיא אינטערעסען פון זיינע אונגליקליכע ברידער. אליין האָט ער דאָן געקענט לעבען וויא א פּרינץ. אין איינע פון זיינע

שריפטען דערצעהלט ער, אז ער איז געוואָרען זעהר רייך אין דעם
קעניגליכען דיענסט, האָט געקויפט לאַנד און שלעסער און איז גע־
ווען זעהר אָנגעזעהען אין קעניגליכען הויף און בעפריינדעט מיט
הויכע אַריסטאָקראַטען. ער האָט זיך אָבער גאָר ניט גוט געפיהלט
אין דיזע הויכע פענסטער, ווייל זיינע ברידער זיינען שרעקליך פער־
פאָלגט געוואָרען. וויא ווייט ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיי
געשטיצט און געהאָלפען. ער איז געווען זייער שוץ־וואַנד אין
שפּאַניען, אזוי וויא פריהער אין פּאָרטוגאַל. ווען עס האָט זיך גע־
האַנדעלט צו רעטען א אידען, און ער האָט געזעהען, אַז ער קען
עפּעס אויספיהרען מיט זיין איינפלוס אין קעניגליכען הויף, האָט
ער זיך איין מינוט ניט אָבגעשטעלט און האָט גאָר ניט געאַכטעט
אויף זיינע פּערזענליכע אינטערעסען צו טאָן דאָס, וואָס זיין גע־
וויסען האָט איהם געבאָטען, וואָס ער האָט בעטראַכטעט פאַר זיין
הייליגסטע פּפליכט. ער איז געווען דער מליץ יושר פון זיינע ברי־
דער אין פולען זינען פון דיזען וואָרט.

דיא דאָמיניקאַנער גלחים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דיא
מענשענפרעסענדע אינקוויזיציאָן, און אַנדערע פאַנאַטישע גלחים
האָבען אויסגעטראַכט פערשיעדענע בלבולים צו שעדיגען דיא אי־
דען, וועלכע האָבען זיך אזוי אויך געפונען אין א פערצווייפעלטער
לאַגע. דיזע פּרעדיגער פון דער „ברודערליעבענדער רעליגיאָן"
האָבען זיך ניט געקענט בערוהיגען זאָ לאַנג איין איד איז פערבלי־
בען אין שפּאַניען און זיי האָבען געהעצט דעם עולם מיט געשיכטען
וועגען שענדונג פון קרייץ און וועגען עלילת דם. טאָרקוועמאַדאָ,
דער הויפּט־אינקוויזיטאָר, פלעגט נאָר זוכען פאַנאַנדערצובלאָזען
אַזעלכע בלבולים, אום צו האָבען אָפּפער פאר דיא אָטאָ־דא־פעס,
וועלכע זיינען געוואָרען אַ גאַנץ געוועהנליכער שוישפּיעל אין שפּאַ־
נישע שטעדט.

דיא אידען פון דער שטאָדט לאַ־גאַרדיא זיינען פערלוימדעט
געוואָרען, דאָס זיי האָבען גע׳גנב׳עט און געקרייציגט א קריסטלי־
כעם קינד. טאָרקוועמאַדא האָט גלייך געשיקט זיינע מלאכי־
חבלה נאָכצופאָרשען דיא קלאַגע, און דער רעזולטאַט איז געווען,

דאָס עטליכע אידען זיינען פערברענט געוואָרען נאָך אין אינקוויזיטאָרישען דין ומשפט לשם שמים. אויף די אידען פון וואַלענסיא האָט מען ארויפגעוואָרפען אַ בלבול, דאָס זיי האָבען געוואָלט קרייציגען אַ קריסט, נאָר מען האָט זיי אונטערבראָכען אין מיטען דער ארבייט.

אין אַזעלכע פעלע פלעגט זיך אברבנאל בעזאָנדערס אנשטרענגען צו רעטען פון די בלוטיגע הענד פון דער אינקוויזיציאָן אַזוי פיעל אָפּפער, וויפיעל עס איז נאָר מעגליך געווען. ער האָט געברויכט זיין תורה, חכמה, ענערגיע און איינפלוס צו בעווייזען די פאַלשקייט פון אַזעלכע בעשולדיגונגען. אין אַלגעמיינען האָט ער זיך געסטאַרעט, אַז אַלע אידען זאָלען ניט ליידען דורך זייערע פערבינדונגען מיט די נאָך מעהר אונגליקליכע מאַראַנאָס, וועלכע האָבען געלעבט אין שטענדיגען טויטשרעק דורך די שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציאָן.

❧ ❧ ❧

.3

דער שפּאַניש־אַראַבישער קאַמפּף. — דיא אידען פון מאַלאַגא אויסגע־קויפט. — דער פאַל פון גראַנאַדאַ. — דיא שפּאַנישע הערשער ברעכען דעם אָפּמאַך מיט דעם מאהאמעדאנער קעניג. — דער אויסווייזונג־בעפעהל. — אברבנאל'ס ביטעס און טאָרקוועמאדא'ס סטראשונקעס. — אברבנאל'ס עדעלמוטהיגער ענטפער.

אין דער צייט, ווען אברבנאל איז געוואָרען פינאַנץ־מיניסטער אין שפּאַניען האָט פערדינאנד־קאטאָליק געפיהרט א הייליגע מלחמה מיט גראַנאַדאַ, דיא לעצטע מלוכה פון דיא אראַבען, וועלכע האָבען מיט 700 יאָהר צוריק בעהערשט כמעט דעם גאַנצען פּירע־נעאישען האַלבאינזעל. דיזע מלחמה, וועלכע איז געווען א גרוי־סער אונגליק פאַר דיא אידען, האָט זיך געצויגען צעהן יאָהר. זיא האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1481 און האָט באַלד געקראָגען דעם כאַראַקטער פון א פאַנאַטיש־רעליגיעזען קאַמפּף. דיא שפּאַניער האָבען געקעמפּפט צו מאַכען דעם גאַנצען פּירענעאישען האַלב־אינזעל קאַטאָליש און צו פעריאָגען יעדען מוסולמאַן, יעדען איד און איבערהויפּט יעדען איינעם, וואָס איז ניט אנערקענט געוואָרען פאַר א קריסט פון דער קאַטאָלישער קירכע. דיא נאַציאָנאַלע פער־אייניגונג פון שפּאַנישען פאָלק איז אין דיזער מלחמה פערבונדען געוואָרען מיט דעם לאַנגען קאַמפּף צווישען קריסטענטהום און מאהאמעדאניזמוס, און דיא מאַסען פוןביידע זייטען זיינען פאַנאַ־טיזירט געוואָרען.

אין גראַנאַדע האָבען זיך געפונען א סך אידען. זייער צאָהל איז אַלץ גרעסער געוואָרען דורך דיא מאַראַנאָס, וועלכע פלעגען זיך רעטען דאָרטען פון דיא בלוטהינד פון דער אינקוויזיציאָן. מען קען ניט זאָגען, אז דיא לאַגע פון אידען איז צו דער צייט געווען א

גוטע אין דער מאהאמעדאנער מלוכה; אָבער אין פערגלייך מיט שפּאַניען איז דאָרטען פאר זיי געווען א גן־עדן. זיי האָבען פער־שטאנען, אז דורך דעם פאַל פון גראנאדא וועט זייער לאגע נאָך שרעקליכער ווערען; אָבער זיי האָבען גאר ניט געקענט העלפען דיא מאהאָמעדאנער, וועלכע זיינען אָבגעשוואכט געוואָרען דורך אינערליכע שטרייטען. דיא שפּאנישע רעגיערונג האָט נאָך ארויפ־געלייגט א ספּעציעלען שטייער אויף דיא אידען, אום צו דעקען דיא אויסגאבען פון דיזער אונגליקליכער פאר זיי מלחמה. מען האָט אזוי געצוואונגען דיא אידען אויסצוגראָבען זיך א קבר.

דאָ איז ניט דער אָרט צו בעשרייבען דיזען לעצטען בלוטיגען קאמפף צווישען קריסטען און מאהאמעדאנער אויף דעם פּירענע־אישען האלבאינזעל. נאָך פיעלע שלאכטען האָבען דיא אראבען זיך געמוזט אונטערגעבען. אין 1487 איז דער פאָרט מאלאגא ארייגעפאלען אין דיא הענד פון דיא שפּאניער. אלע ניט־קריסט־ליכע איינוואָהנער זיינען ערקלערט געוואָרען פאר שקלאווען. צווי־שען אזעלכע האָבען זיך געפונען 450 אידען. נאר זייערע ברידער אין שפּאניען האָבען זיך אָנגעשטרענגט זיי צו ערלייזען. יצחק אברבנאל און זיין פריינד אברהם סעניאר, דער הויפּט־זאמלער פון שטייערן אין קאסטיל, האָבען אָרגאניזירט אן אויסקויפס־קאָמי־טעט, און דער יונגער שלמה אבן וירגא, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעשריעבען דאָס היסטאָרישע ווערק „שבט יהודה", איז ארומ־געפאָהרען איבער אידישע געמיינדען אין שפּאניען צו זאמלען נדבות פאר דיא אידישע געפאנגענע. מען האָט אזוי צוזאמענגע־קליבען ביז 100 טויזענד טאלערס און מען האָט אויסגעקויפט אלע אידען פון מאלאגא.

ענדליך איז געקומען דיא רייהע פון דער פּראכטפאָלער הויפּט־שטאָדט גראנאדא ארייגצופאלען אין פערדינאנד'ס הענד. דער לעצטען מאהאָמעדאנער קעניג מולעי אבו־אבדאלאה האָט זיך ארומגעזעהען, אז יעדער ווייטערער ווידערשטאנד איז נוצלאָז, ווייל דיא שפּאניער זיינען צאָהלרייכער און שטארקער, און ער האָט דארום געשלאָסען א געהיימען אָפּמאך אין 1491 מיט דער

קעניגליכער פּאָאר פון שפּאַניען זיי איבערצוגעבען דיא שטאָדט אין פערלויף פון צוויי מאָנאַט. דערפאר האָט ער געקראָגען צימ־ליך גוטע בעדינגונגען פאר דיא מאָהאַמעדאַנער איינוואָהנער: רע־ליגיעזע פרייהייט, אייגענע ציוויל־געזעצע, דאָס רעכט אויסצו־וואַנדערן, א. ז. וו. אויך האָט דער מאָהאַמעדאַנער קעניג אויס־גערעדט, אַז מען זאָל ניט העכערען דיא שטייערען און ניט פער־פּאָלגען דיא קריסטען, וועלכע האָבען זיך בעקעהרט צו דער מאָ־האַמעדאַנער רעליגיאָן אָדער וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון דער אינקוויזיציאָן. דיא אידען זיינען אַריינגערעכענט געוואָרען אין דעם כלל פון דער בעפעלקערונג פון גראַנאַדאַ. נאָר דיא מאַראַנאָס, וועלכע זיינען אָפען געוואָרען אידען, האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד אין פערלויף פון דעם ערשטען מאָנאַט נאָך דער אונטערגע־בונג פון דער שטאָדט. דיא יעניגע, וואָס וועלען פערבלייבען לענ־גער, האָט מען אָפּגעמאַכט איבערצוגעבען אין דיא הענד פון דער אינקוויזיציאָן. אין בעצוג אויף דיא אידען האָט דער מאָהאַמע־דאַנער קעניג נאָר אויסגערעדט, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט אָנגע־שטעלט ווערען אַלס ריכטער, בעפעהלגעבער אָדער טאַקס־זאַמלער איבער דיא אַראַבען אין גראַנאַדאַ.

נאָר דער היפּאָקריטישער און פאַלשער פערדינאַנד־קאַטאָליק האָט גאָר ניט געדיינקט צו האַלטען ריכטיג דיזע בעדינגונגען. ער האָט נאָר אונטערגעשריבען דעם אָפּמאַך, אום צו בעהערשען וואָס גיכער גראַנאַדאַ. רעליגיעזע פרייהייט איז נאָך דאַן אין ערגעץ ניט איינגעפיהרט געוואָרען און דאָס האָט ווייניגער פון אַלץ גע־שטימט מיט דעם כאַראַקטער פון דיא דאַמאָלדיגע שפּאַניער און מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן פון דער שפּאַנישער מלוכה. אַ צייט, ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט געפּייניגט און געברענט לשם שמים טויזענדער מענשען, ווייל מען האָט זיי בלויז חושד געווען אין אפּיקורסות, האָט ניט געקענט דולדען דעם מינדעסטען שיין פון רעליגיעזע פרייהייט. צוערשט האָט מען געבראָכען דיא פּונק־טען פון דעם אָפּמאַך וועגען דיא אידען. זיי זיינען, וויא געוועהנ־ליך, געווען דיא ערשטע כפּרה־הינדעל.

דעם 2טען יאנואר, 1492, זיינען פערדינאנד און איזאבעלא אריין מיט גרויס פּראַד אין גראנאדא. דער לייכטזיניגער מולעי אבו־אבדאלאה האָט געוואָרפען דעם לעצטען בליק אויף זיין פּראַכטפּאַלען פּאַלאַץ, דעם גלאַנץ פון דער מאוריטאנער ארכיטעק־טור, און האָט זיך זיפצענדיג געזעגענט מיט זיין הויפּט־שטאָדט, וואו דיא אראבער האָבען געהערשט קנאַפּע 800 יאָהר. מען האָט איהם אָבגעגעבען א פּאַלאַץ און א סך לאנד אין אלפּונאראס, לעבען גראנאדא; אָבער ער האָט ניט געקענט אריבערטראָגען זיין אונ־טערטהעניגקייט צו שפּאניען און איז אין א קורצע צייט ארום אוועק צוריק נאָך אפריקא, פון וואנען זיינע אורעלטערן זיינען גע־קומען. אזוי איז פערשוואונדען דער לעצטער צייכען פון דער אראבישער הערשאַפט אין שפּאניען.

וויא נור פערדינאנד און איזאבעלא האָבען געקענט אויפהער־גען דעם קריסטליכען פלאַג פון שפּאניען אויף דעם הערליכען אל־האמברא פּאַלאַץ, האָבען זיי שוין געטראכט צו פערטריבען דיא אי־דען. דיא אינקוויזיציאָן האָט עס געפאָדערט, און טאָרקוועמאדא האָט געקוואָלען ביי דעם געדאנקען, וויא ער וועט קענען פערברע־נען א סך מאראנאס און אָנמאכען נאָך מעהר צרות דיא אידען. אום יוצא צו זיין א ביסעל פאר דער וועלט און צו האָבען א תירוץ צו ברעכען דעם אָפּמאַך מיט מולעי אבו־אבדאלאה וועגען רעליגיעזע פרייהייט, האָבען פערדינאנד און איזאבעלא געשיקט געזאנדטע צום פּאַפּסט אינאָסענט 7 מיט אַן ערקלערונג, אז דיא שפּאנישע רעגיערונג איז צופריעדען צו פערטריבען אלע אידען פון לאנד, אויב ער, אלס פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס אויף דער ערד, וועט פריהער דאָס זעלבע טאָן אין זיין לאנד. אָבער דיזער פּאַפּסט, וויא פערדאָרבען ער איז ניט געווען, האָט זיך ענטזאגט צו בעווילי־גען דעם פערלאנג פון דער שפּאנישער אינקוויזיציאָן. דיא אידען אין איטאליען האָבען זיך בעצייטענס דערוואוסט דערפון און האָ־בען ניט גערדרעמעלט ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, אז דער פּאַפּסט זאָל צוריקווייזען דעם שפּאנישען פאָרשלאַג.

דאַן האָבען פערדינאנד און איזאבעלא בעשלאָסען אויסצור־

פיהרען זייער וואונש און דעם פערלאנג פון דער אינקוויזיציאָן אָהן דער צושטימונג פון פאפסט. פערברענגענדיג לוסטיג דיא צייט אין דעם אלהאמברא־פאלאץ, האָבען זיי אונטערשריעבען דעם בארבארישען בעפעהל דעם 31טען מערץ, 1492, אז אין פערלויף פון 4 מאָנאט מוזען אלע אידען פון קאסטיל, אראגאָן, סיציליען און סארדיניען — דאָס הייסט, פון דער גאנצער דאמאָלסדיגער שפאַ־נישער מלוכה — ארויסוואנדערן אונטער א טויטשטראָף. מען האָט זיי נאָר געלאָזען דיא ברירה זיך צו טויפען, ווען זיי ווילען פערבלייבען אין דעם לאנד, וואו זייערע אור־עלטערן האָבען זיך בעזעצט נאָך מיט א 500 יאָהר פאר יעזוס'עס געבורט.

וויא שרעקליך דיזער בעפעהל איז ניט געווען, איז ער נאָך גרויזאמער געוואָרען דורך דעם, וואָס מען האָט דיא אונגליקליכע ניט ערלויבט מיטצונעהמען גאָלד, זילבער געלד און איבערהויפט אזעלכע ארטיקלען, וועלכע עס איז פערבאָטען געווען צו עקספאָר־טירען. אין דער פראָקלאמאציאָן, וועלכע פערדינאנד און אי־זאבעלא האָבען ארויסגעלאָזען, אום צו רעכטפערטיגען זייער גרוי־זאמקייט צו דיא אידען, האָבען זיי קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען דיא געוועהנליכע קלאגען, וויא דיא שענדונג פון קרייצען, עלילת דם, וואוכעריי, א. ז. וו. אלס הויפט־גרונד האָבען זיי אָנגעגעבען, דאָס זאָ לאנג אידען וועלען פערבלייבען אין לאנד, וועט מען ניט קענען מאכען דיא מאראנאָס פאר אויפריכטיגע קריסטען. שוין לאנג האָט מען בעדארפט פעריאָגען דיא אידען, אום דיא מאראַ־נאס זאָלען זיך ניט קענען אָפטרייסלען פון קריסטענטהום — ווערט ערקלערט אין דער פראָקלאמאציאָן — נאָר מען האָט געהאָפט, אז מען וועט דערגרייכען דיזען הייליגען צוועק, ווען מען וועט אויסווייזען דיא אידען פון דער פראָווינץ אנדאלוזמען און מען וועט שטרענג בעשטראָפען דיא שולדיגע; אָבער אזוי וויא דאָס האָט שליסליך ווייניג געהאָלפען, זאָ איז קיין אנדער אויסוועג ניט געבליבען וויא צו פעריאָגען אלע אידען פון לאנד, אום אלע אפיקורסים און מאראנאס זאָלען זיך אומקעהרען צו דער הייליגער קאטאָלישער קירכע.

דער גרונד פון דעם שרעקליכען בעפעהל איז אלזא געווען א רייך־רעליגיעזער. דיא פראקלאמאציאן האט עס גאר ניט געזוכט צו בעהאלטען. אלע אידען האבען אויף דיעזער ווייזע געליטען פאר דיא אונגליקליכע, וועלכע מען האט מיט געוואלד געטויפט און וועלכע האבען זיך נעבעך מוסר נפש געווען אויף יעדען שריט, אום צו בלייבען ביי דער רעליגיאן פון זייערע עלטערן. דיעזע פראקלאמאציאן איז אויך א בעווייז, אז דיא שפאנישע אידען זיינען ניט געווען וואוכערניקעס און האבען זיך מייסטענס בעשעפ־טיגט מיט האנדעל און האנדווערקען. דיא פערבלענדעטע שפא־ניער האבען עס א קורצע צייט נאך דער אויסווייזונג דערפיהלט, דען זייער לאנד איז אלץ ארימער און הינטערשטעליגער געווארען.

דיא קעניגליכע פאאר מיט זייערע ראטהגעבערס, דיא גראנ־דען און פיהרערס פון דער קאטאלישער קירכע, האבען ניט בערע־כענט, ווען זיי האבען אונטערשטיצט דעם פארשלאג פון דער אינ־קוויזיציאן, דאס זיי פעריאגען איינפאך דעם ניצליכסטען און ארבייטסזאמסטען קלאס אין לאנד. אום קיין איד זאל ניט קע־נען פערבלייבען אפילו א קורצע צייט נאך דעם בעשטימטען טער־מין, האט מען שטרענג פערבאטען דיא קריסטען זיי צו העלפען אדער צו בעהאלטען. דיא שטראף דערפאר איז געווען קאנפיס־קאציאן.

דיא לאגע פון דיא אידען איז געווען אזא שרעקליכע, אז מיר קענען זיך עס קוים פארשטעלען. עס איז אמת, אז זיי הא־בען זיך געריכט, דאס דיא אינקוויזיציאן וועט שליסליך צווינגען דיא רעגיערונג זיי ארויסצויאגען; אבער דאך האבען זיי אלץ געהאפט, אז עס וועט נאך לאנג דויערען און האבען גערעכענט אויף דעם, דאס זיי זיינען זעהר ניצליך פאר דעם האנדעל און אויך אלס בעלי מלאכות. יעדענפאלס האבען זיי ניט ערווארטעט, דאס דער גרויזאמער בעפעהל זאל ארויס אין דער צייט, ווען פער־דינאנד און איזאבעלא האבען געפייערט זייער זיעג איבער דיא אראבען, וועלכע זיי האבען פערשפראכען זאגאר רעליגיעזע פריי־

הייט. דער בעפעהל האט זיי דארום געטראפען און נידערשלא־
גען וויא א דונער.

אברבנאל איז גלייך אוועק נאך גראנאדא ביטען דעם קעניג
און דיא קעניגין רחמנות צו האבען אויף זיינע ברידער און צוריק־
צו רופען דעם בעפעהל. ער האט געהאפט עפעס אויסצופיהרען
מיט זיין איינפלוס און זיינע ערקלעהרונגען וועגען דעם שאדען
פאר שפאניען, ווען דיא אידען וועלען אויסוואנדערן. ער איז
פריינדליך אויפגענומען געווארען אין קעניגליכען הויף, וואו פיעלע
גראנדען האבען איהם אונטערשטיצט. אום צו פערשטארקערן
דעם איינדרוק פון זיינע ארגומענטען האט ער אויך פארגעשלאגען
אין נאמען פון אלע אידען א ריזיגע סומע געלט, ווען מען וועט
צוריקרופען דעם בעפעהל.

פערדינאנד, וועלכער האט זיך שטענדיג גענויטיגט אין געלט,
און האט ניט פערשטאנען, וויא פיעל זיין קאסע און זיין לאנד
וועלען ליידען דורך זיין בארבארישען בעפעהל, האט זיך גלייך
אנגעכאפט אן דאס גאלד, וואס מען האט איהם פארגעשלאגען.
דיא אויסזיכט אנצופילען זיין קאסע מיט אידישע געלט האט
איהם שטארק געצויגען נאכצוגעבען אברבנאל'ס ביטעס, און עס
איז מעגליך, אז ער וואלט צוריקגערופען דעם בעפעהל, ווען טארק־
וועמאדא, וועלכער האט זיך צוגעהערט דורך א האלב־אפענע טיר
צום געשפרעך צווישען אברבנאל און דיא קעניגליכע פאאר, וואלט
זיך ניט אריינגעמישט. וויא נאר דיעזער ווילד־פאנאטישער איג־
קוויזיטאר האט דערזעהען, אז דער קעניג איז גענייגט נאכצוגעבען,
האט ער זיך אהן צערעמאניעס אריינגעריסען אין זאל מיט א
צלם אין האנד און האט מיט א דונערנדע שטימע אויסגערופען:
„יהודה איסקאריאט האט פערקויפט יעזוס'ן פאר דרייסיג שטיק
זילבער, און אייערע מאיעסטעטען ווילען איהם פערקויפען פיר
300 טויזענד דוקאטען. אט איז ער, נעהמט איהם, פערקויפט
איהם!" און אוועקלייגענדיג דעם צלם, איז ער ארויס אין גרוים
צארן.

דיעזע ווערטער האבען געמאכט א בעזאנדערם טיעפען איינ־

דרוק אויף דיא קעניגין. זיא האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דער בעפעהל מוז אויסגעפיהרט ווערען אין נאָמען פון גאָט און פון דער קאַטאָלישער קירכע און האָט אויך געווירקט אויף דעם קעניג ער זאָל זיך האַלטען פעסט און ניט אָננעהמען דיא גרויסע געלט, וואָס אברבנאל האָט געהאַט אָנגעגרייט. אברבנאל האָט געמוזט פאַרלאָזען דעם קעניגליכען זאַל אַ געבראָכענער אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. פאַר'ן ארויסגיין האָט איהם פערדינאַנד געבעטען פערבלייבען אין שפּאַניען אלס פינאַנץ־מיניסטער, אָבער דער עדעלער מאַן האָט טרויעריג געענטפערט:

„יעצט אינטערעסירט מיך ניט מיין שטעלע: וואו מיינע ברידער וועלען זיין, דאָרט וועל איך זיין".

.4

דיא אויסוואנדערונג. — רעגיערונג און קירכע פערבונדען צו בערוי־
בען דיא אידען. — טאָרקוועמאדא׳ס מלאכי־חבלה און דיא מאַראַנאָס. —
דיא טויפע פון אברהם סעניאָר. — נאָך אַ שרעקליכער תשעה באב. —
דעפּוטאַציאָן צום פּאָרטוגעזער קעניג. — אברבנאל׳ס אויסוואנדערונג
נאָך נעאַפּעל. — דיא אידישע קללה און שפּאַניען׳ס שטראָף.

ענדע אפּריל 1492 זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען עסטאַפּע־
טען איבער׳ן גאנצען לאנד אָנצוזאָגען דיא אידען דיא ביטערע
בשורה, אז זיי האָבען נור צייט ביז ענדע יולי צו קלייבען זיך
אין וועג און אז ווער פון זיי עס וועט געפונען ווערען שפּעטער
אין שפּאַניען, וועט דערפאר בעצאָהלען מיט זיין לעבען.

מען קען זיך פּאָרשטעלען, וויא דיא שפּאַנישע אידען האָ־
בען זיך געפיהלט, ווען זיי האָבען געהערט דיא טרומייטערס און
געשרייען פון דיא עסטאַפּעטען, אז זיי מוזען אין פיער מאָנאַט
צייט פערלאָזען דאָס לאנד, מיט וועלכע זיי זיינען צוזאמענגע־
וואקסען געוואָרען זייט וועניגסטענס 15 הונדערט יאָהר און וועל־
כע זיי האָבען געליעבט טראָץ אלע אונגערעכטיגקייטען און פּער־
פאָלגונגען נאָכדעם וויא דיא דאָמיניקאנער גלחים האָבען געקראָ־
גען דיא אויבערהאַנד. זייער פערצווייפלונג איז נאָך גרעסער גע־
וואָרען דורך דעם, וואָס אין זעהר וועניגע ערטער אין אייראָפּא
האָבען זיי געקענט האָבען אַ בעסערע בעהאַנדלונג, ווי אין זייער
געבורטסלאנד, שוין ניט ריידענדיג פון אַ פריינדליכע אויפנאה־
מע. אין אלע קריסטליכע לענדער האָבען זיי נאָר געקענט ער־
ווארטען ערנידעריגונגען און פערפאָלגונגען. וואוהין וואנדערט
מען אוים? וואו קען מען קריעגען אַן אָרט זיך אָפּצורוהען? וואו

קען מען האָפען צו בעזעצען זיך אזוי, אז מען זאָל דאָרט זיכער זיין צו פערבלייבען?

דיזע פראגען האָבען זיי אלעמען געלעבערט דיא הערצער. זיי האָבען מיט פערצווייפלונג געקוקט אויף זייער צוקונפט אין פיינדליכע לענדער, וואו זיי האָבען צוערשט געמוזט לערנען דיא שפראך, אום צו קענען דערהאלטען דיא נשמה אין גוף. נאָר זייער פעסטער גלויבען האָט זיי אויפגעמונטערט אריבערצוטראָגען אזעלכע שרעקליכע צרות. זעהר א קליינע צאָהל איז אזוי ווייט געבראָכען געוואָרען, אז זיי זאָלען אָננעהמען דעם גלויבען פון זייערע גרויזאמע פערפאָלגערס, אום צו קענען פערבלייבען אין לאנד אונטער דער שרעקליכער השגחה פון דער אינקוויזיציאָן. זיי האָבען געטרייסט און אויפגעמונטערט איינע דיא אנדערע מיט דיא ווערטער: „פערליערט ניט דעם מוטה און שטארקט זיך. לאָמיר בלייבען טריי דעם גלויבען פון אונזערע עלטערן. ווען מען וועט אונז לאָזען לעבען, וועלען מיר לעבען; ווען מען וועט אונז טויטען, וועלען מיר שטאַרבען וויא אידען. גאָט וועט אונז ניט פערלאָזען!“

מיט דיעזען בטחון אויף גאָט האָבען 300 טויזענד אידען זיך גענומען צום גלות־שטעקען און זיינען אוועק אין אנדערע לענדער. פיעלע זיינען געגאנגען וואו דיא אויגען האָבען זיי געטראָגען. אויסער וויטאָג און הארצקלעמענעס, וואָס זיי מוזען אויסוואנדערען פון זייער אלטע היימאטה, האָבען זיי נאָך געמוזט זיך שלעפען מיט כמעט ליידיגע קעשענעס. אפילו דיא רייכערע זיינען רואינירט געוואָרען דורך דעם קורצען טערמין פון דער אויסוואנדערונג. ווען מען האָט ארויסגעיאָגט אידען פון ענגלאנד צו ענדע פון 13טען יאָהר הונדערט און מיט הונדערט יאָהר שפּעטער פון פראנקרייך, האָט מען זיי וועניגסטענס ערלויבט מיטצונעהמען אלע זייערע זאכען, זייער גאָלד און זילבער. אָבער דיא גרויזאמקייט פון דיא שפּאנישע פאנאטישע הערשער איז אזוי ווייט געגאנגען, אז מען האָט ניט געלאָזען דיא אידישע קויפלייטע און באנקירען מיטנעהמען זייער געלט. דיא אונגליקליכע

האָבען זיך געזוכט צו העלפען דורך וועקסלען, וויא ווייט דיא אומ־שטענדען האָבען עס ערלויבט. דיא מאַראַנאָס וואָלטען נאַטיר־ליך גערן געהאָלפען זייערע ברידער אין נויט און זיי געבען וועקס־לען, ווען זיי וואָלטען ניט געציטערט פאַר דיא אינקוויזיציאָן.

דיא אידען, וואָס האָבען בעזעסען לאַנד און הייזער, האָבען עס געמוזט פאַרקויפען פאַר אַ קלייניגקייט. זיי האָבען זיך געמוזט בעטען ביי דיא קריסטען צו געבען זיי וואָס ניט איז פאַר זייערע מאַיאָנטקעס. שעהנע הייזער זיינען אין אייניגע ערטער אָפּגע־געבען געוואָרען פאַר אַן עזעל, וויינגערטנער — פאַר אַ שטיק ליי־ווענט אָדער טוך... אזוי איז עס צוגעגאַנגען אין קאַסטיל. אין אייניגע טהיילען פון שפאַניען, ספּעציעל אין אראַגאָן און קאַטאַ־לאָניא, האָט מען נאָך פערבאָטען דיא קריסטען אָפּצוקויפען וואָס ניט איז ביי דיא אידען. טאָרקוועמאדא האָט אזוי בעפוילען אין נאָמען פון דער „הייליגער אינקוויזיציאָן“, אום צו טרייבען דיא אידען צום שמד. פערדינאַנד האָט איינפאַך קאָנפיסקירט זייער פערמעגען מיט דעם תירוץ, אז זיי זיינען אויך שולדיג דיא קליים־טערס געוויסע חובות. דער קעניג און דיא קאַטאָלישע קירכע האָבען זיך פערבונדען, אום צו בערויבען דיא אידען אויף דער שענדליכסטער און גרויזאַמסטער אַרט.

רעכענענדיג, אז דיא אידען וועלען דורך אזעלכע אונמענש־ליכע האַנדלונגען זיך טויפען אויס פערצווייפלונג, האָט טאָרקווע־מאדא ארויסגעשיקט דאָמיניקאַנער גלחים צו פּרעדיגען אין דיא סינאַגאָגען און אין דיא אידישע קווארטאַלען, אז זיי זאָלען רע־טען אויף יענער וועלט זייערע נשמות און אויף דיעזער וועלט זייערע פערמעגענס דורך אַ טויפע. דיעזע דרשות האָבען אָבער גאָר ניט געווירקט. דיא אידען האָבען נאָר געקוקט מיט האַס אויף זייערע פּייניגער, וועלכע זיינען געקומען צו זיי מיט האָניג אויף דיא ליפען, זיי האָבען געוואוסט, אז הינטער דיעזע זיסע רייד פלאַקערען שייטערהויפענס, זיי האָבען צו גוט געוואוסט, ווי דיא אינקוויזיציאָן פּייניגט און ברענט דיא אונגליקליכע מאַ־ראַנאָס. אפילו דיא יעניגע, וועלכע וואָלטען ניט אויסגעהאַלטען

דעם נסיון און וואָלטען זיך געטויפט אונטער אנדערע אומשטענדען, האָבען מורא געהאט דאָס צו טהאָן, ווייל דיא מאראַנאָס האָבען זיך געמאַטערט וויא אין אַ גיהנם. אין דער צייט, ווען מען האט געיאָגט דיא אידען, האָט מען געברענט דיא מאראַנאָס. גליקליך זיינען געוועזן דיא יעניגע מאראַנאָס, וועלכע האָבען זיך געקענט ארויסרייסען פון שפּאַניען אָדער וועלכע דיא אינקוויזיציאָן האָט נאָר פעראורטהיילט צו תשובה־שטראָפען.

נאָכדעם וויא גראַנאַדא איז איבערגעגאַנגען צו דער שפּאַנישער קרוין האָט טאָרקוועמאַדא ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אז דיא יעניגע מאַראַנאָס, וואָס ווילען זיך ווידער אומקעהרען צו דער „ליעבענדער קאַטאָלישער קירכע“, וועלען בעגנאַדיגט ווערען, און מען וועט זיי צו רוהע לאָזען. דיא „מוטער־קירכע“ וועט זיי פערגעבען זייער זינד, וואָס זיי האָבען געזוכט רעטונג אין גראַנאַדאַ און האָבען דאָרטען זיך אָפען ערקלערט פאר אידען. עטליכע אזעלכע מאראַנאָס האָבען זיך געלאָזט איינריידען, נאָר וויא זיי זיינען אָנגעקומען אין טאָלעדאָ, האָט מען זיי ארעסטירט און מיט „ליעבע“ פערברענט אויף אַן אָטאָ־דע־פע!...

נאָך אזעלכע שווידערליכע ביישפּיעלען פאר זייערע אויגען איז קיין וואונדער ניט, וואָס נאָר געצעהלטע רייכע אידען האָבען זיך געטויפט. דער בעוואוסטער פון זיי איז געוועזן דער אויבענדערמאָנטער אברהם סעניאָר, אברבנאל'ס פריינד. ער האָט זיך געטויפט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. מען האָט בעהויפּטעט, אז ער האָט עס געטהאָן אויס פערצווייפלונג, ווייל דיא קעניגין איזאבעלאַ, וועלכע האָט איהם געוואָלט אָנהאַלטען פאר אַ שטייערזאמלער און פינאַנץ־מיניסטער, האָט געסטראַשעט, אז אויב ער וועט זיך ניט טויפען, וועט מען נאָך מעהר פערפאָלגען און בערויבען דיא אידען פאר זייער אויסוואַנדערונג. יעדענפאַלס האָט מען זיך אין קעניגליכען הויף שטאַרק געפרעהט, ווען אזא וויכטיגע פאַמיליע איז איבערגעגאַנגען צום קריסטענטהום. דער קעניג זעלבסט און דער קאַרדינאַל פון טאָלעדאָ זיינען געוועזן דיא טויפפאָטערס פון אברהם סעניאָר.

וואָס נעהענטער עס איז געקומען דער פאטאלער טאָג צו פערלאָזען שפאניען, אלץ הערצרייסענדערע יללות האָבען זיך גע־הערט אין דיא סינאגאָגען און בעזאָנדערס אויף דיא בית־עולם׳ס. אין פיעלע שטעדט האָבען זיך דיא אונגליקליכע פערזאמעלט פאר זייער אָפרייזע ארום דיא קברים פון זייערע עלטערן און האָבען אזוי ביטער געקלאָגט און געיאָמערט, אז אפילו קאטאָליקען האָ־בען ניט געקענט איינהאלטען טרערען פון מיטלייד. פיעלע לייב־טערע מצבות האָבען דיא אידען מיטגענומען אין וועג צום אנדער־קען און א טהייל האָבען זיי אָפגעגעבען צו דיא מאורען, וועלכע האָבען צו דער צייט אויך פיעל געליטען פון דער אינקוויזיציאָן.

מען האָט דיא אידען געגעבען דריי טעג גנאדע, זאָ דאָס עס איז גראדע אויסגעקומען, אז זיי האָבען פערלאָזען שפאניען תשעה באב, א טאָג וואָס איז פערצייכענט אין דער אידישער געשיכטע אלס דער אונגליקליכסטער. פון דיא 300 טויזענד אידען, וועל־כע האָבען אויסגעוואנדערט אין 1492 — גראדע אין דעם יאָהר ווען קאָלומבוס האָט ענטדעקט אמעריקא — זיינען דיא מייסטע אוועק נאָך פאָרטוגאל. אברבנאל האָט ניט געקענט קומען אהין בעטען דעם קעניג זשואן פאר זיינע ברידער, דען מען וואָלט איהם ארעסטירט פאר האָכפערראטה. ער האָט דארום געשיקט זיין פריינד, דעם אלטען רב יצחק אבוהב צוזאמען מיט נאָך 30 פאָר־שטעהער נאָך פאָרטוגאל. זשואן דער 2טער האָט זיי אויפגענומען צימליך גוט, און זיי האָבען אויסגעפיהרט, אז מען זאָל ערלויבען דיא שפאנישע אידען צו בעזעצען זיך אין פאָרטוגאל און זיי געבען דיא זעלבע רעכטע, וואָס דיא פאָרטוגעזער אידען האָבען געהאט. וויא אזוי דער קעניג און דיא פאָרטוגעזער רעגיערונג האָבען נאָכ־הער געבראָכען וואָרט און פערפאָלגט דיא אידען, איז ניט דער אָרט צו ריידען דאָ. אָבער אין דער צייט איז פאָרטוגאל ווירק־ליך געוועזען א מקום מנוחה פאר דיא אויסוואנדערער. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דיא שפאנישע אידען, ווען פאָרטוגאל וואָלט זיי ניט אריינגעלאָזען.

א טהייל פון דיא אויסוואנדערער, אונגעפעהר 12 טויזענד

נפשות, זיינען אוועק צום נאָרד און האָבען זיך בעזעצט אין דער מלוכה נאוואַרא, דיא איבעריגע האָבען זיך א לאַז געטהאָן נאָך אפריקא, טירקיי און איטאַליען, ספּעציעל נאָך נעאַפּעל, וואו עס האָט דאַן געהערשט דער זעהר ליבעראַלער קעניג פערדינאַנד דער 1טער, וועלכער האָט געשטיצט דיא וויסענשאַפט און קונסט. צווישען דיא יונגע, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין נעאַפּעל, איז אויך געוועזען יצחק אברבנאל מיט זיין פאַמיליע.

קיין איינציגער איד איז ניט געבליעבען אין שפּאַניען, ווען מען זאָל ניט רעכענען דיא מאַראַנאָס, וועלכע מען האָט אַלץ מעהר פערפאָלגט און געברענט לשם שמים. זייער לאַגע איז געוואָרען טויזענד מאָל ערגער נאָך דער אויסוואַנדערונג פון זייערע אידישע ברידער. זיי האָבען אפילו ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצוגיסען זייערע ביטערע הערצער. ניט ווייניגער וויא צוויי טויזענד מאַראַנאָס זיינען פערברענט געוואָרען אין דיא אויטאָ־דע־פעס פון דער אינקוויזיציאָן אין דיא 14 יאָהר (פון 1485 ביז 1498), ווען טאָרקוועמאַדאַ האָט אויף אַלעמען אַרויפגעיאָגט א שרעק. זיין נאָכפאָלגער דעזאַ האָט נאָך מעהר מענשען פערברענט.

דיא אידען האָבען פערשאָלטען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען אם בעסטען געלעבט אין פערלויף פון ווייניגסטענס טויזענד יאָהר און וואו זיי האָבען אויך דערגרייכט דיא העכסטע שטופע פון בילדונג און קולטור; און דיעזע מדינה איז טאַקע געוואָרען אַזוי ווי א פערשאָלטענע. זייט דיא פעריאָגונג פון אידען הייבט זיך טאַקע אָן דער פאַל פון דער שפּאַנישער אימפּעריע. טראָץ דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, טראָץ דיא מאַסען גאָלד און זילבער פון פּערו און מעקסיקאָ, איז זיא אַלץ שוואַכער און אָרימער געוואָרען. דיא קללה פון דיא אידען איז דיעזעס מאָל מקוים געוואָרען — פון א מעכטיגע אימפּעריע, דיא גרעסטע אין דער וועלט אין 16־טען יאָהרהונדערט, איז זיא געוואָרען דיא שוואַכסטע און אָרימסטע מדינה אין אייראָפּאַ. סינאַגאָגען האָט מען אומגעוואַנדעלט אין קירכען, דיא אידישע האָספּיטעלער און אנדערע אנשטאַלטען האָט מען קאָנפיסקירט; אָבער זייער פּלאַץ אין האַנדעל און אינדוסטריע

האַט קיינער ניט געקענט פערנעהמען. פיעלע שטעדט, וועלכע זיינען בעלעבט געוועזן דורך דיא טהעטיגקייט פון אידען, זיינען אין א קורצער צייט געזונקען צו דער שטופע פון דערפער. דיא גראנדען האָבען זיך בעקלאָגט, דאָס זייערע שטעדט און דערפער זיינען געוואָרען אָרים און האָבען פערלאָרען זייער פריהערע בע־פעלקערונג. ניט איין מאָל האָבען זיי ערקלערט, אז ווען זיי וואָל־טען פאָראויסגעזעהען דיא טרויעריגע רעזולטאטען פון דער אידי־שער אויסוואנדערונג, וואָלטען זיי ארוים געגען דעם קעניגליכען בעפעהל. אלע קעניגע האָבען דאן איינגעזעהען, אז שפאניען רואי־נירט זיך דורך דיא ארויסיאָגונג פון אידען גאָר דיא אינקוויזי־טאָרען האָבען זיך וועגען דעם גאָר ניט געקימערט און דיא הער־שער פון שפאניען זיינען פארבלענדעט געוואָרען פון פאנאטיזמוס. מען זאָגט, אז ווען דער טערקישער סולטאן באיאזעט האָט געהערט, וויא מען לויבט דעם שפאנישען קעניג אלס א מאן מיט שכל און אלס גוטען דיפלאָמאט, האָט ער אויסגערופען: „און איהר רופט איהם נאָך קלוגער קעניג, א הערשער וועלכער האָט אָרים געמאכט זיין לאנד און רייך געמאכט אונזערע!" דיא טערקישע הערשער זיינען דאן זיכער קליגער געוועזן פאר דיא שפאנישע. זיי האָבען פערשטאנען, אז די אידען זיינען זעהר ניצליך פאר זייער אימ־פעריע, און זיי האָבען זיך זיכער ניט גענאַרט, ווען זיי האָבען ברייט געעפענט זייערע פאָרטען און שטעדט פאר דיא שפאנישע אויסוואנדערער.

* * *

.5

אברבנאל בעשיצט אויך זיינע ברידער אין נעאפעל. — זיין אפריוזע מיט'ן קעניג נאך סיציליען. — זיין הויז בערויבט פון פראנצויזישע סאלדאטען. — זיין פאמיליע פערוואגעלט. — דיא ליידען פון זיין עלטסטען זוהן. — זיין אייניקעל געטויפט מיט געוואלט. — אויס־וואנדערונג נאך קארפו. — זיין ליטערארישע טהעטיגקייט אין קארפו און מאנאפאלי. — זיינע לעצטע יאהרען אין ווענעציא.

אין אוגוסט 1492 זיינען עטליכע טויזענד שפאנישע אידען אנגעקומען אין נעאפעל, וואו דיא אידישע געמיינדע האט זיי אמת ברידערליך אויפגענומען. דער קעניג האט געהאלטען ווארט, און האט געזאגט, אז דיא קריסטען זאלען ניט דריקען דיא עמי־גראנטען. יצחק אברבנאל, וועמען פערדינאנד און איזאבעלא האבען נאך א מאל געבעטען צו פערבלייבען, איז נאטירליך פערעהרט געוועז פון אלעמען, ווען ער איז אנגעקומען אין איטאליען. וויא נאר דער נעאפאליטאנער קעניג האט זיך דערוואוסט, אז דער גרויסער פינאנצמיניסטער פון פארטוגאל און שפאניען געפינט זיך אין זיין הויפטשטאדט, האט ער איהם איינגעלאדען צו זיך און איהם פארגעשלאגען א הויכען פאסט. דיעזער קעניג האט דאן געהאט צו פיהרען א מלחמה מיט פראנקרייך און האט געהאפט, אז דער ערפאהרענער אידישער מיניסטער וועט פערבעסערען דיא פינאנצען פון לאנד. א געוויסע צייט האט אברבנאל געקענט זיך אפגעבען צו זיין פירוש אויף מלכים, וועלכען ער האט נאך אנגעפאנגען אין שפאניען, אבער ער האט געמוזט אונטערברעכען צוליעב זיין פאליטישע טהעטיגקייט אלס מיניסטער און פער־טהיידיגער פון זיינע אונגליקליכע ברידער.

אויך אין נעאפעל האָט אברבנאל געהאט א געלעגענהייט צו בעשיצען דיא אונגליקליכע עמיגראנטען. אין דעם פערצווייפעל־טען און עלענדען צושטאנד, צו וועלכען זיי זיינען געקומען דורך זייערע ליידען ביי דער אויסוואנדערונג, האט צווישען זיי אויס־געבראָכען אַ מגפה, וועלכע האט אַ סך פון זיי שנעל בעפרייט פון מאַטערנעסען אויף דער וועלט. אום דיא קריסטען זאָלען ניט ארויסטרעטען געגען דיא אונגליקליכע עמיגראנטען, האט אברבנאל געבעטען דעם קעניג, אז מען זאָל וויא ווייט מעגליך ניט בעקאַנט מאַכען, דאָס אַ מגפה האָט אויסגעבראָכען. דער ליבעראלער קע־ניג האָט עס פערשפּראָכען און האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל יע־דענפאלס בעערדיגען דיא אָפּפער פון דער מגפה ביי נאַכט. נאָר דיא מגפה איז געוואָרען אזוי גרויס, אז מען האָט איהר שוין מעהר ניט געקענט פערדעקען מיט תירוצים. דאַן האָט מען אָנגעפאנגען פון אלע זייטען שרייען, אז מען זאָל פעריאָגען דיא שפּאנישע אידען; אָבער דער קעניג האָט עס אויף קיין פאל ניט געוואָלט נאָכ־געבען. ער האָט געהייסען אויסבויען הינטער דער שטאָדט האָס־פּיטאלען פאר דיא קראנקע פון דער מגפה, און דאָרטען זיינען זיי בעהאנדעלט געוואָרען פון ספּעציעלע דאָקטוירים ביז דיא מגפה איז פאָראיבער.

אברבנאל איז פערבליעבען אין פינאַנץ־מיניסטעריום ביז דעם קעניג׳ס טויט. דער יורש פון טראָן, אלפאָנסאָ דער 2טער, האָט איהם אָנגעהאלטען אויף דעם זעלבען פּאָסטען. דיעזער אלפאָנסאָ איז אזוי געווען צוגעבונדען צו זיין אידישען מיניסטער, דאָס ווען ער האָט זיך צוליעב דיא אַטאַקעס פון דיא פראנצויזען געמוזט אָפּזאָגען פון טראָן צו גונסטען פון זיין זוהן, האָט ער איהם מיט־גענומען נאָך סיציליען. נעאפעל איז דאַן אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא פראנצויזען, און אברבנאל האָט זיך צוריקגעצויגען מיט זיין פאמיליע נאָך סיציליען, וויא דער קעניג אלפאָנסאָ האָט איהם געבעטען. דיא פראנצויזישע סאָלדאַטען האָבען דערפאר בערויבט זיין הויז און צושטערט זיין ביבליאָטהעק, וועלכע איז געווען ביי איהם דיא טהייערסטע זאַך.

אברבנאל׳ס פאמיליע, וועלכע האָט פיעל געליטען דורך דיזע געצוואונגענע וואנדערונגען, איז דאַן צוזעהט געוואָרען. אם ערגסטען האָט געליטען זיין עלטערער זוהן יהודה לעאָן, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען מעדיגאָ, ווייל ער איז געוועזן אַ גוטער דאָקטאָר. מען האָט איהם אזוי געליעבט און אויך געדארפט האָבען אלס דאָקטאָר אין שפאנישען הויף, דאָס מען האָט איהם געוואָלט פערהאלטען מיט געוואלד. אזוי וויא מען האָט ניט געקענט אויספיהרען, דאָס ער זאָל זיך אליין טויפען, האָט מען בעשטימט, אז מען זאָל ביי איהם צונעהמען זיין איין־יעהריגען זוהן און גלייך טויפען. מען האָט גערעכענט, אז דאַן וועט דער פאָטער שוין מוזען פערבלייבען אין שפאניען. אָבער ער האָט זיך בעצייטענס דערוואוסט פון דיעזען פלאַן און האָט גלייך אוועקגעשיקט אין געהיים זיין זוהן נאָך פאָרטוגאַל, און אליין האָט ער זיך אָפּגעטראָגען נאָך נעאַפּעל. ער האָט מורא געהאַט צו בעזעצען זיך אין פאָרטוגאַל און האָט איבערהויפט ניט געטרויט דעם קעניג זשואַן, וועלכער האָט טאַקי באַלד בעוויעזען, אז ער איז געוועזן אַ ניעדערטרעכטיגער טיראַן. דיא אידען, וועלכע האָבען זיך פערלאָזען אויף זיינע פערשפּרעכונגען, האָבען שרעקליך טהייער בעצאָהלט דערפאר. וויא נאָר דיעזער געמיינער קעניג האָט זיך דערוואוסט, דאָס יצחק אברבנאל׳ס אַן אייניקעל געפינט זיך אין זיין לאנד, האָט ער איהם געהייסען פארהאַלטען אלס אַ משכון. דעם איינגעלע האָט מען נאכהער געטויפט און קיין מאָל ניט ערלויבט צו זעהען זיינע עלטערן...

יצחק אברבנאל איז פערבליבען אין סיציליען ביז דעם טויט פון דעם פעריאָגטען נעאפּאָליטאנער קעניג אלפאָנסאָ דער 2טער אין 1495. ער האָט אזוי געטריי געדיענט דיעזען קעניג אָהן אַ טראָן, דאָס ער האָט מורא געהאַט צו פערבלייבען ווייטער אין סיציליען זאָ לאנג דיא פראנצויזען האָבען געהערשט אין נעאַפּעל מיט דער מאכט פון זייערע שווערדען. ער איז דארום אוועקגעפאָהרען נאָך דעם אינזעל קאָרפו אלס דעם זיכערסטען אָרט פאר איהם. דאָרט איז ער נאָר פערבליבען ביז דיא פראנצויזען

האָבען זיך געמוזט צוריקציהען פון נעאַפּעל. נאכהער האָט ער זיך בעזעצט אין דער איטאַליענישער שטאָדט מאָנאָפּאָלי, וואו ער האָט פערבראכט אכט יאָהר.

אין דיזער צייט, ווען ער איז אין גאנצען געווען פריי פון פּאָליטיק און קעניגליכע הויפען, האָט ער זיך אָפּגעגעבען צו זיינע ביבלישע נאָכפאָרשונגען און רעליגיעז־פילאָזאָפישע שריפטען. ער האָט געארבייט אייפריג, אום אָנצוזאָגען דיא צייט, וועלכע ער האָט פערלאָרען אין וועלטליכע אנגעלעגענהייטען. אין קאָרפו האָט ער זיך צוערשט גענומען שרייבען א פירוש אויף ישעיה, נאָר ער האָט באלד אונטערבראָכען דיזע ארבייט, ווען ער האָט צופעליג געפונען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין פירוש אויף „דברים“, וועלכען ער האָט נאָך אָנגעפאנגען בשעת ער האָט געלעבט אין ליסאבאָן און וועלכען ער האָט פערלאָרען, ווען ער האָט געמוזט זיך רעטען אין שפאניען. ער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט דיזע ווערק פון זיינע יונגע יאָהרען, א ווערק, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר פערלאָרען. דאָס איז געווען א טרויסט פאַר איהם נאָך דיא צרות, וואָס ער האָט געליטען צוזאמען מיט דיא פעריאָגטע שפּאנישע אידען. ער האָט יעצט געקענט רוהיג בעארבייטען און אויס־בעסערען דיעזען פירוש אויף דעם וויכטיגסטען טהייל פון דעה ביבעל.

דעם גרעסטען טהייל פון זיינע ווערק האָט ער אָנגעשריעבען אין מאָנאָפּאָלי. אין 1496 האָט ער געענדיגט „מרכבת המשנה“, און אין דעם זעלבען יאָהר פאַר פסח האָט ער אָנגעשריעבען „זבח פסח“. אין דער הקדמה צו דיזער שריפט בעקלאָגט ער זיך זעהר ריהרענד, דאָס זיין פאמיליע איז צושפרייט דורך דיא אונגליקען פון זיין פאָלק, דאָס זיין פרוי און קינדער לעבען אנדערסוואו און ער געפינט זיך אויף דער עלטער (איהם איז שוין געגאנגען דאָס זעכציגסטע יאָהר) אליין אין א פרעמדע מדינה, וואָס איהר שפּראַך פערשטעהט ער ניט. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער געענדיגט „נחלת אבות“, וואָס ער האָט געווידמעט זיין איינגסטען זוהן שמואל, וועגען וועלכען מיר וועלען ריידען שפּעטער. דאן האָט ער אויך אָנגעשריעבען דעם גרויסען און מערקווירדיגען פירוש

אויף דניאל׳ס נביאות און אויף דיא אגדות אונטר דעם נאָמען „מעיני הישועה“. אין 1498 האָט ער אָנגעשריעבען „משמיע ישועה“, „ישועת משיחו“ און האָט געענדיגט דעם פּירוש אויף ישעיה. דיא אנדערע ווערק, וועלכע ער האָט אָנגעשריעבען אין מאָנאָפּאָלי זיינען „שמים חדשים“, „ראש אמונה“, „מפעלות אלהים“.

וועגען דעם כאראקטער און דיא בעדייטונג פון דיזע ווערק וועלען מיר ריידען אין נעכסטען קאפּיטעל. יעצט וועלען מיר פאָרטזעצען זיין לעבענס־בעשרייבונג.

אין 1503 איז יצחק אברבנאל איריבערגעפאָהרען צו זיין צווייטען זוהן יוסף, וועלכער האָט דאָן פּראקטיצירט מעדיצין אין ווענעציא (ווענעדיג). דאָרט איז איהם ווידער אויסגעקומען צו בעשעפטיגען זיך מיט פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען. דיא וועני־ציאנער רעפּובליק האָט דאָן געהאט א שטרייט מיט פּאָרטוגאל וועגען זייערע קאָלאָניעס אין אינדיען און בעזאָנדערס וועגען דעם האנדעל מיט בשמים. דיא פיהרערס פון דער רעפּובליק האָבען זיך געווענדעט צום בעריהמטען פינאנץ־מיניסטער נאָך א ראטה און זייט דאָן האָבען זיי איהם אָנגעפרעגט וועגען דיא וויכטיגסטע שטאאטס־אנגעלעגענהייטען.

נאָר איהם איז שוין ניט לאנג געבליבען צו לעבען. זייט דיא אויסווייזונג פון דיא שפּאנישע אידען האָט ער אזוי פיעל געליטען, אז עס איז א וואונדער וויא אזוי ער האָט געקענט דער־לעבען ביז 71 יאָהר. דיא געצוואונגענע וואנדערונגען און דיא הארצקלעמענעס, וואָס זיין פאמיליע איז פערוואָגעלט געוואָרען אין גלות און וואָס איבעראל איז דיא אידען אזוי שלעכט און ביטער, האָבען געבראָכען זיין געזונד. ער איז שנעל געזונקען אין וועגעציא, וואו ער האָט געהאט דעם פערגעניגען צו לעבען צוזאמען מיט זיינע זיהן יהודה לעאָן מעדיגאָ און יוסף.

אין 1507 האָט זיך א געוויסער שאול כהן פון קאנדיא גע־ווענדעט צו איהם מיט צוועלף פראגען וועגען רעליגיאָן און פילאָ־זאָפיע. דעם נעכסטען בוך האָט ער אָנגעשריעבען זיין „תשובה“

אויף דיזע פראגען. דאָס איז געווען זיין לעצטע ווערק. אין זיין בריעף צו שאול כהן בעקלאָגט ער זיך, דאָס ער איז געוואָרען זעהר אלט און שוואך. זיינע טעג זיינען שוין דאן געווען געצעהלטע. אין 1509 איז דער גרויסער מליץ יושר, שטאאטסמאן און געלעהרטער אויסגעגאנגען. זיין טויט איז בעוויינט געווארען פון אלע אידען איבער דער גאנצער וועלט. אלע האָבען געפיהלט, אז זיי האָבען פערלאָרען אין איהם א פאָטער.

זיין לויה איז געווען א גרויסארטיגע. אויך פיעלע קריסטען און ווענעציאנער אריסטאָקראטען זיינען געקומען איהם אָבגעבען דעם לעצטען כבוד. זיינע זיהן האָבען איהם בעגראָבען אויף דעם אלטען אידישען בית־עולם אין דער איטאליענישער שטאָט פאדוא.

* * *

.6

דיא בעדייטונג פון אברבנאל'ס ווערק. — זיינע פירושים אויך געשעצט פון קריסטען. — געגען פרייע פילאָזאָפיע, אריסטאָטעל און רמב"ם. — זיינע שריפטען וועגען משיח'ס צייטען און זייער איינפלוס אויף דיא פערשפרייטונג פון קבלה און מעסיאניזמוס.

אָבוואָהל מען קען ניט זאָגען, אז יצחק אברבנאל איז געוועזן אַן אָריגינעלער דענקער, א זעהר טיעפער פילאָזאָף, און אז זיינע ווערק ענטהאלטען נייע לעהרען, דאָך האָט ער געהאַט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דיא גייסטיגע טהעטיגקייט פון אידישען פאָלק און אויף דיא אידישע ליטעראַטור אין 16־טען און 17טען יאָהרהונדערט. זיין איינפלוס איז טהיילווייז געקומען דורך זיין ערעלע פאָליטישע טהעטיגקייט, דורך זיין הויכע לאַגע אלס פינאַנץ־מיניסטער אין פאָרטוגאַל, שפאַניען און נעאַפעל, און טהיילווייז דורך זיין ארויסטרעטען געגען פרייע פילאָזאָפיע, וואָס עס האָט גראדע געשטימט מיט דעם גייסט, וועלכער האָט דאַן געהערשט צווישען אפילו די געבילדעטסטע אידען און וועלכער האָט געפיהרט צו דער אלגעמיינער פערעהרונג פון קבלה, צו מיסטיציזמוס (סתרי תורה) און צו אַן אויפלעבונג פון מעסיאניזמוס.

זיינע ווערק קענען צוטהיילט ווערען אין דריי קלאַסען: 1) עקזעגעטאַלע (ערקלערענדע) — דאָס זיינען נעמליך זיינע פירושים אויף דער ביבעל. 2) רעליגיעז־פילאָזאָפישע און 3) אפאָלאָגעטישע (פערטהיידיגענדע) — דאָס זיינען דיא שריפטען, אין וועלכע ער פערטהיידיגט דיא אידישע רעליגיאָן און ספּעציעל דעם גלויבען אין א משיח.

זיינע פירושים אויף דער ביבעל זיינען זיכער זיינע בעסטע

ווערק, דען דאָרטען האָט ער ניט נאָר ארויסגעוויזען זיינע טיפע און גרויסע קענטניסע, זאָנדערן אויך א וועלטליכען גייסט און א פערשטאַנד פון א שטאַאטסמאַן. דיעזע פירושים האָבען בע־זאָנדערס א היסטאָרישען ווערטה. ער האָט געזוכט צו ערקלעהרען פיעלע דונקעלע פונקטען אין דער ביבלישער געשיכטע פון אידישען פאָלק. דאָס וואָס געוועהנליכע רבנים, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט וועלטליכע פראַגען, האָבען דורכגעלאָזען אין זייערע פירושים, דאָס פערנעהמט א וויכטיגען פּלאַץ אין אברבנאל'ס קאָמענטאַרען. מען מעג איהם דערפאַר רעכענען פאר איינעם פון דיא ערשטע גרינדליכע נאָכפאָרשער פון דער ביבעל. דיא הקדמות צו זיינע פירושים ערקלערען זעהר גוט דעם אינ־האַלט. דאָס איז געווען געוויסערמאַסען א נייעס אין זיין צייט.

אברבנאל'ס עקזעגעטישע ווערק זיינען פיעל בענוצט געוואָ־רען ניט נאָר פון אידישע, זאָנדערן אויך פון קריסטליכע קאָמענטאַ־טאָרס און ביבלישע נאָכפאָרשערס. דיעזע ווערק זיינען איבער־זעצט געוואָרען פון קריסטליכע שרייבערס אין לאַטיין און זיינען הויך געשעצט געוואָרען. מען קען זאָגען, אז קיין אידישער קאָ־מענטאַטאָר איז ניט שטודירט און געאַכטעט געווען אזוי פיעל פון קריסטליכע עקזעגעטען וויא אברבנאל. טהיילווייז איז עס געקו־מען דורך דעם, וואָס ער האָט זיך גאַנץ עהרליך און אוּנפּארטייאיש בענוצט מיט דיא פירושים פון איינינע קריסטליכע נאָכפאָרשערס פון דער ביבעל.

זיינע פילאָזאָפישע ווערק זיינען זעהר שוואַכע. ער האָט זיך שטרענג געהאַלטען אָן דעם בוכשטאַב פון דער תורה און איז נאָך ארויסגעטראָטען געגען אלע זיינע פאָרגענגער, וועלכע האָבען זיך ערלויבט מעהר אָדער וועניגער פריי צו פילאָזאָפירען, צו מאַ־כן חקירות. ער האָט עס ניט געוואַגט אָפען ארויסצוריידען, נאָר פון זיינע שריפטען קען מען שליסען, אז אפילו דער רמב"ם איז אָן אפיקורס. זיין בעסטע פילאָזאָפישע ווערק איז „שמים חדשים". אין דיעזען בוך זוכט ער צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אין צייט, אז עס איז דאָ א חידוש העולם. מיט דיזער

מעטאפיזישער פראגע איז ענג פערבונדען דיא עקזיסטענץ פון גאָט, און ניט וויניג טהעאָלאָגען האָבען זיך אויף דעם געבראָכען דיא קעפּ דעם גאַנצען מיטעלאַלטער, ווען מען האָט זיך כמעט אויסשליסליך בעשעפטיגט מיט דיא זאָגענאַנטע חכמת האלהות און מיט פירושים אויף הייליגע שריפטען. דען ווען מען זאָל בעווייזען, דאָס דיא וועלט איז ניט אָהן א׳ן אָנהויב און אָהן א סוף, הייסט אַז זיא עקזיסטירט ניט פון אייביג אָן, בעדייטעט עס דאָך, אַז זיא איז בעשאַפען געוואָרען; און אַזוי וויא אַלעס געשאַפענעס האָט דאָך אַ בורא, איז שוין דערפון געדרונגען, אַז גאָט האָט בעשאַפען דיא וועלט און אַז ער עקזיסטירט.

וויא בעוואוסט האָט אריסטאָטעל, דער גרעסטער און טיעפ־סטער גריכישער פילאָזאָף, וועלכער האָט געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דיא גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט, ערקלערט, אַז דיא וועלט עקזיסטירט אייביג. מאַימאָניד (רמב״ם) וועלכער איז געוועזען א׳ן אָנהענגער פון אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע *) און האָט געזוכט איהר אויסצוגלייכען מיט דעם ביבלישען גלויבען, האָט ערקלערט אין זיין בעריהמטען „מורה נבוכים (וועגווייזער פיר פער־בלאָנדזשעטע)“, אַז מען קען ניט ברענגען ריכטיגע בעווייזע וועגען דיא שעפּפונג פון דער וועלט אין צייט. אַבּרבנאל טרעט ארויס זעהר ענערגיש געגען אַזאַ אפיקורסישע פילאָזאָפיע און לייקענט אָב דיא עוויגקייט פון דער וועלט. ער טרעט אין אַלגע־מיינען ארויס געגען דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע און בלייבט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון בלינדע אמונה ניט נאָר אין דער ביבעל, זאָנדערן אויך אין תלמוד.

זיינע מיינונג וועגען דיא שעפּפונג פון דער וועלט אין צייט ערקלערט ער נאָך גרינדליכער אין „ראש אמונה“ און „מפעלות אלהים“.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין בעטראַכטונגען וועגען

*) דיא לעבענסבעשרייבונגען פון אַריסטאָטעל און פון רמב״ם, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּאַבלישינג קאָ.

דיא אַלטע מעטאַפיזישע (איבערנאַטירליכע) חקירות איבער דיא שעפּפונג פון דער וועלט, אויב אַריסטאָטעל אָדער זיינע געגנער האָבען געהאַט רעכט (אין אונזער צייט פילאָזאָפירט מען איבער־הויפּט אויף אַ גאַנץ אַנדערען וועג); אָבער מען מוז צוגעבען, אַז אַברבנאַל האָט זעהר געשיקט אָנגעוויזען אויף פיעלע שוואַכע פּונקטען פון מאַימאָניד'ס פילאָזאָפיע, וועלכע האָט איבערהויפּט געשטרעבט צו אַ'ן אונמעגליכע זאַך, נעמליך: צו איינשטימונג פון פילאָזאָפיע מיט אמונה, פון קריטישע פערנונפט מיט בלינדען גלויבען.

ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט, דאָס אַברבנאַל איז געווען אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקס אפילו אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק און דאָס דער בוכשטאַב פון דער ביבעל איז ביי איהם געשטאַנען העכער פאַר אַלע חקירות, דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, דאָס ער האָט ניט נאָר פעסט געגלויבט אין משיח'ס צייטען, זאָנדערן האָט אויך אויסגערעכענט, ווען משיח דאַרף קומען. דיא אידען האָבען דאַן אַזוי פיעל געליטען אויף דער וועלט, אַז זיי האָבען זיך אַלץ מעהר גענומען טרייסטען מיט האָפנונגען אויף אַ נאָהענטע ערלייזונג פון משיח, אום זיי צו ערלייזען ענדליך פון זייערע שרעקליכע צרות. אַברבנאַל איז ניט געווען אַ'ן אויסנאַהמע, ער האָט געהאָפט צוזאַמען מיט זיינע ברידער, אַז משיח'ס צייטען זיינען נאָהענט.

גאַנצע דריי ביכער האָט ער אָנגעשריעבען וועגען דיזען גלויבען. דאָס זיינען דיא אַפּאָלאָגעטישע ווערק: „מעיני הישועה", „ישועת משיחו", און „משמיע הישועה".

אין דעם ערשטען בוך בעשעפטיגט ער זיך ספּעציעל מיט דניאל'ס נביאות, וועלכע ער בעטראַכטעט מיט רעכט אַלס דעם פונדאַמענט פון מעסיאַניזמוס. ער זוכט צו ערקלערען דעם אידישען שטאַנדפּונקט וועגען משיח'ן און דערביי קריטיקירט ער זעהר גרינדליך דיא קריסטליכע בעהויפּטונגען.

אין צווייטען בוך ברענגט ער אַרויס זעהר אויספיהרליך דיא שילדערונגען פון תלמוד און מדרש וועגען משיח'ן.

אין דריטען בוך רעכענט ער אויס אַלע פסוקים, וועלכע בעציהען זיך אויף משיח'ן, מיט זיינע ערקלערונגען און מיט אַ שאַרפע קריטיק פון קריסטליכע מיינונגען. ער גיט דאָרטען אויך אַ בעשרייבונג פון משיח'ס צייטען נאָך די אייגבילדונגען פון די רבנים אין מיטעלאַלטער.

שטיצענדיג זיך אויף דניאל'ס נביאות, האָט ער גערעכענט, אַז ער האָט אונבעשטרייטבאַר בעוויעזען, דאָס משיח מוז קומען און דאָס די אידען וועלען האָבען אַ גלענצענדע צוקונפט. דערביי איז ער אַזוי וויט פערקראָכען אין זיין הייסען גלויבען, דאָס ער האָט זיך גענומען אויסצורעכענען אויף דעם שטייגער פון געוועהנ־ליכע קאַבאַליסטען, ווען משיח דאַרף זיך בעווייזען. נאָך זיינע רעכנונגען איז אויסגעקומען, אַז משיח'ס ערשיינונג וועט זיין אין יאהר 5263 (1503 נאָך דער קריסטליכער רעכנונג) און אַז די וועלט וועט אונטערגעהן און אַז רוים וועט פאַלען מיט 20 יאהר שפּעטער.

מיט דיזע ביכער און בעזאָנדערס מיט זיינע משיח'רעכנונגען האָט אברבנאַל ניט־ווילענדיג געשטיצט די קאַבאַליסטען. ער איז ניט געווען אַ פריינד פון דער קבלה, דען ער איז געווען אַ שטרענגער תלמודיסט און אויך צו פיעל פילאָזאָף צו ווערען בעגייסטערט פון אַזאַ ווילד־משונה'דיגע ווערק, וויא דער „זוהר"; אבער ווען ער איז אַרויס מיט זיין „מעיני הישועה", האָבען זיך אַלע אנהענגער פון דער קבלה אָן דעם אָנגעכאַפּט. זיי האָבען זיך בענוצט מיט דעם צו פערשפּרייטען זייערע מיסטישע איינבילדונ־גען און רעכנונגען. אַלע אידען האָבען דאַן און אויך אין שפּעטערע צייטען גערעכענט, דאָס ווען אַזאַ געלאַסענער שטאַאטסמאַן און גרויסער געלעהרטער פערנעהמט זיך מיט אויסרעכנונגען פון משיח'ס צייטען, דאַן דאַרפען אַלע גלויבען אין דעם און זיך פערלאָזען אויף די „סודות" פון דער קבלה.

די ווירקונג פון אברבנאַל'ס ווערק וועגען משיח'ס צייטען איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אין 1502, מיט אַ יאהר פאַר דער צייט, וועלכע ער האָט בעשטימט פאַר משיח'ס ערשיינונג, האָט

זיך אין איסטריא, ניט ווייט פון ווענעציא, בעוויעזען איינער, וואָס האָט זיך ארויסגעגעבען פאַר דעם אַנזאָגער, אז משיח קומט. דאָס איז געווען אשר לעמלין. ער האָט בעקאַנט געמאַכט, דאָס ווען דיא אידען וועלען טאָן תשובה, וועלען פאַסטען און טהיילען צדקה, וועט משיח זיכער קומען אין 6 מאָנאַט ארום. דער עולם איז אזוי פאַרבערייטעט געווען דורך קאַבאַליסטישע פלוידערייען צו גלויבען אין משיח'ס נאָהענטע ערשיינונג, דאָס לעמלין האָט גלייך געפונען א סך נאָכשלעפערס, וועלכע האָבען פערשפרייט זיינע נביאות. אין איטאַליען און דייטשלאַנד האָבען אידען אָנגעפאַנגען צו פאַסטען, זאָגען תפילות און טהיילען נדבות. מען האָט דעם יאהר 1502 א נאָמען געגעבען „תשובה יאהר“. מען האָט שוין גערעכענט, אז אָט־אָט קומט מען אין ירושלים. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דיזער קאָכעריי, ווען לעמלין וואָלט ניט פערשוואונדען אָדער געשטאָרבען פלוצלינג. מען ווייס ניט, וואָס עס איז געוואָרען מיט איהם; נאָר זיין משוגעת איז שנעל אָבגעשטאָרבען מיט איהם. לעמלין האָט געהאַט ווענינער מזל, וויא דער פאַלשער משיח שבתי צבי מיט א 150 יאהר שפעטער. *)

❧ ❧ ❧

*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון שבתי צבי, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פאַבלישינג קאָמפאַניע.

7.

יהודה לעאָן אברבנאל : דאָקטאָר, אַסטראָנאָם און פּאָעט. — ליבאַרצט פון גאָנזאַלוואָ דע קארדאָווא. — זיינע „דיאַלאָגען איבער ליעבע“ אין איטאַליעניש. — זיינע העברעאישע פּאָעזיען צו זיין געטויפטען זוהן.— **שמואל אברבנאל** : אונטערשטיצער פון רבנים און אידישע ליטעראַטור, פינאַנץ־מיניסטער, בעל צדקה און בעשיצער פון אידען אין נעאַפּעל.— זיין עדעלע פרוי. — פערקעהר מיט קריסטליכע געלעהרטע. — דיא אינקוויזיציאָן אין נעאַפּעל. — זיין פרוי׳ס ביטע ביי דעם קייזער קאַרל פאַר דיא אידען. — דיא געצוואונגענע אויסוואַנדערונג פון דיא אידען אוים נעאַפּעל. — שמואל אברבנאל האַנדעלט וויא זיין גרויסער פאטער.

דיא פאַמיליע אברבנאל האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין איטאַליען. יצחק אברבנאל זעלבסט איז שוין געווען צו אַלט און שוואך, ווען ער האָט זיך דאָרטען בעזעצט. דערצו האָט ער נאָך ניט געקענט דיא לאַנד־שפּראַך. זיינע דריי זיהן האָבען זיך דערפאַר שנעל אויסגעצייכענט.

דער פעהיגסטער און געבילדעסטער פון זיי איז געווען דער עלטסטער, דער אויבען־דערמאָנטער יהודה לעאָן מעדיגא. ער איז זאָגאר געווען פעהיגער פאר זיין פאָטער, יעדענפאַלס אַ פיעל טיעפערער און זעלבסטשטענדיגערער דענקער, נאָר אויף דיא אידען דירעקט האָט ער קיין איינפלוס געהאַט, ווייל ער האָט זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט תלמודישע חקירות און רבנישע ליטעראַטור און ווייל ער איז, נאָך דעם מאַסשטאַב פון זיין צייט, גערעכענט פאַר אַ פריידענקער.

אין דער צייט, ווען זיין פאָטער איז אַבגעפאָהרען נאָך דעם אינזעל קאָרפו, איז ער פערבליעבען אין גענוא, וואו ער האָט

פראקטיצירט מעדיצין. ער האָט אבער ניט פיעל פערדיענט פון זיין פּראָפעסיאָן, דען זיין גייסט איז ניט געלעגען אין דער מעדיצין, וועלכע האָט דאן וועניג געקענט בעפריעדיגען א מענשען מיט הויכע פילאָזאָפישע געדאנקען, זאָנדערן אין מאטעמאטיק, אסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. ער איז געוועזען בעקאנט און בעפריינדעט מיט דיא פריינעסטע דענקער פון זיין צייט, דארונטער אויך מיט דעם בעריהמטען איטאליענישען געלעהרטען פיקא־דע־מיראנדאָלא. ער האָט ערפונדען א׳ן אסטראָנאָמישען אינסטרומענט און אָנגעשריעבען א בוך איבער „הימלישע הארמאָניע“, וואָס איז לייד ער פערלאָרען געגאנגען. איבערהויפּט קען מען איהם רעכענען פאר א קינד פון דער רענעסאנס־צייט, וועלכע האָט דאן אָנגעפאנגען אלץ שארפער צו וועקען דיא מוחות פון דעם טיעפען דרעמעל אונטער דעם גייסטיגען שלאָף־טרונק פון דער קאטאָלישער קירכע.

ווען יהודה לעאָן איז נאָך געוועזען אין שפאניען, האָט ער זיך בעפריינדעט מיט פיעלע גראנדען. מיר ווייסען שוין, אז מען האָט איהם געוואָלט פערהאלטען מיט געוואלט אפילו נאָכדעם, וויא מען האָט אלע שפאנישע אידען ארויסגעיאָגט און אז דורך דעם איז זיין ערשטער זוהן אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דעם פּאָרטוגעזער קעניג און איז געטויפט געוואָרען. דיזען פערלוסט פון זיין זוהן, וועלכען ער האָט שוין קיין מאָל ניט געקענט זעהן, האָט ער בעקלאָגט זיין גאנצען לעבען און הארצרייסענד אויסגעדריקט אין זיינע פּאָעזיען.

דורך זיין בעקאנטשאפט מיט שפאנישע גראנדען איז ער געוואָרען דער לייבארצט פון גאָנזאלוואָ דע־קאָרדאָווא, דעם בעריהמטען שפאנישען קריעגספיהרער, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען „גרויסער קאפּיטאַן“. אונטער דער קאָמאנדע פון דיזען קריעגספיהרער, וועלכער איז אויך געוועזען א׳ן עדעלער מענש און פריינדליך צו אידען, האָבען דיא שפאניער איינגענומען נעאפּעל. ער איז געוואָרען דער וויצע־קעניג פון זיד־איטאליען. וויא נור דיא שפאניער זיינען געוואָרען הערשער פון נעאפּעל, האָט פערדינאנד־

קאטאָליק בעפוילען, אז מען זאָל פון דאָרטען פעריאָגען דיא אידען. אָבער גאָנזאלוואָ דע־קאָרדאָוואָ האָט ניט אויסגעפיהרט דיזען באר־בארישען בעפעהל. ער האָט ערקלערט דעם יודענפרעסענדען קעניג, אז אין נעאפעל זיינען אייגענטליך פערבליעבען וועניג אידען, און אז דיא שטאדט וועט זעהר פיעל פערליערען דורך זייער אויסווייזונג, ווייל זיי וועלען זיך דאן בעזעצען אין ווענעציא און פערקלענערען דערמיט דעם האנדעל פון נעאפעל.

פערדינאנד האָט געהייסען איינפיהרען דיא אינקוויזיציאָן, אום צו פערפאָלגען דיא אנטלאָפענע שפאנישע און פאָרטוגעזער מאראנאָס. זיי זיינען זיך דארום באלד צולאָפען אין אנדערע איטאליענישע שטעדט. יהודה לעאָן מעדיגאָ איז פערבליעבען אונגעפעהר 2 יאהר (ביז 1507) אלס דער לייב־ארצט פון דעם וויצע־קעניג, און ווען פערדינאנד איז געקומען בעזוכען זיין נייע קעניגרייך, האָט ער איהם געזעהען אין נעאפעל. באלד נאָך דעם קעניגליכען בעזוך, איז גאנזאלווא דע־קאָרדאָוואָ ענטלאסען געוואָרען, און יהודה לעאָן מעדיגאָ איז געבליבען אָהן בעשעפטיגונג. דאן איז ער עם אוועקגעפאָהרען נאָך ווענעציא, וואו עם האָבען זיך געפונען זיין פאטער און ברודער יוסף, וועלכער האָט אויך פראקטיצירט מעדיצין.

אין א קורצער צייט האָט ער אזוי גוט אויסגעלערנט דיא איטאליענישע שפראך, דאָס זיין בעסטע ווערק „דיאלאָגען איבער ליעבע“ ווערט גערעכענט פאר א מוסטער אין דער איטאליענישער ליטעראטור. דאָס איז א טיעף־פילאָזאָפישער געשפרעך צווישען א מאן און א פרוי וועגען ליעבע און וועגען דיא העכסטע צוועקען פון לעבען. ער ערקלערט דאָרטען, אז דער העכסטער צוועק פון לעבען איז ליעבע, דיא שטרעבונג פון איין וועזען זיך צו פעראייניגען מיט דעם אנדערען. גאָט, זאָגט ער, האָט געשאפען דיא וועלט מיט ליעבע, און דורך ליעבע פערבינדעט זיך דיא גייסטיגע וועלט מיט דער מאטעריעלער. דעם מענשען׳ס נשמה דארף זיך טראָגען מיט ליעבע צו גאָט. ערשט דורך דעם דערגרייכט זיא איהר העכסטעז

צוועק, איהר העכסטער גליק. דיא גאנצע נאטור ווערט ערדלעך און שעהנער דורך ליעבע פון מענשען צו גאָט.

דיעזער בוך האָט גאנץ ווייניג צו טאָן מיט רעליגיאָן אין דעם געוועהנליכען זינען, אָבוואָהל דער פּראָפעסאָר לויבט דיא אידישע רעליגיאָן און סטאַרעט זיך צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָך דער ביבלישער מעשה בראשית און ניט נאָך דער פילאָזאָפיע פון אריסטאָטעל און איבערהויפּט פון דיא גריעכען. יעדענפאלס האָבען קריסטען מעהר געלעזען און געשעצט זיין ווערק און פילאָזאָפי וויא אידען. דיא געבילדעטע איטאַליענער האָבען שטאָלצירט, וואָס אזא ערהאבענעס ווערק איז געשריעבען געוואָרען אין זייער שפּראַך. זיי האָבען מיט פערגעניגען געלעזען דיא „דיאלאָגען איבער ליעבע“, וועלכען איינער פון זיי האָט אָנגערופען „געטליכער דיאלאָג.“ אין פערלויף פון 20 יאהר האָט דיעזער בוך געהאט פינף אויפלאגען. מען האָט איהם באלד איבערזעצט אין פראנצויזיש, און דער איבערזעצער האָט איהם געווידמעט צו דער קעניגין מאריא דע־מעדיטשי. כמעט אין דער זעלבער צייט זיינען ערשיענען איבערזעצונגען אין לאַטייניש און שפּאניש. דער איבערזעצער אין שפּאניש איז געווען א איד און האָט דעם בוך געווידמעט דעם שפּאנישען קעניג זעלבסט.

אויף לשון קודש האָט יהודה לעאָן בעזאָנדערס געשריעבען געדיכטע צו זיין זוהן, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין פּאָרטוגאל אלס קריסט. אין זיי האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטערע הארץ און האָט איהם געבעטען צו געדענקען, אז ער איז א איד, צו שטודירען דיא העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור און ניט צו פערגעסען אָן דיא הארצקלעמענים פון זיין פאטער און מוטער. וואָס עס איז געוואָרען מיט דיזען געטויפטען אברבנאל, ווייס מען ניט.

יצחק אברבנאל'ס איננסטער זוהן, שמואל, איז געווען גראדע דער היפוך פון זיין פילאָזאָפישען און פּאָעטישען ברודער. ער איז געווען א גוטער תלמודיסט און האָט גע־שפּיעלט א גרויסע ראָלע צווישען דיא איטאַליע־

נישע אידען. ער האָט שטודירט תלמוד אין דער דאָן בעריהמטער ישיבה פון סאלאָניק און האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט דאָרטען. אין פיעלע הינזיכטען איז ער געראטהען געווען אין זיין פאטער, בעזאָנדערס אין זיין פעהיגקייט צו געשעפטען און פינאנצען. א געוויסע צייט איז ער געווען דער פינאנצמיניסטער פון דעם שפאנישען וויצע־קעניג אין נעאפעל און האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען פערמעגען. א אידישער פאָעט האָט וועגען איהם געזאָגט: „שמואל אברבנאל איז גרוים אין תורה, אדעלקייט און רייכטהום. מיט זיין רייכטהום איז ער אימער גרויסמוטהיג. ער העלפט זיינע ברידער אין נויט, ערלייזט געפאנגענע, שטיצט יתומים און בעזיצט אלע מעלות פון א נביא.“

זיין הויז איז אימער געווען אָפען פאר אידען, בעזאָנדערס פאר רבנים און תלמודיסטען. ער פלעגט אונטערשטיצען אָרימע תלמודיסטען, אום צו פערשפרייטען דיא אידישע תורה און ליטעראטור.

גראדע וויא זיין פאטער האָט ער זיך אָבגעגעבען צו העלפען זיינע ברידער געגען אונטערדריקונגען און האָט אויך צוזאמען מיט זיי אויסגעוואנדערט פון נעאפעל, ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגען דעם שאנדע־צייכען אויף זייערע קליידער, וויא דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין פיעלע ערטער אין מיטעלאלטער.

אין דיזער בעציהונג, וויא אויך אין צדקה און אין אונטער־שטיצונג פון תלמודיסטען, האָט ער געפונען א ווירדיגע מיט־העלפערין אין זיין עדעלער און ליעבליכער פרוי בענווענידא אבארבאנעלא. אלע אידען אין איטאליען האָבען איהר פערעהרט און אויך קריסטען האָבען איהר געאכטעט. בעזאָנדערס בעפריינ־דעט איז זיא געווען מיט דער טאָכטער פון דעם וויצע־קעניג דאָן פעדרא דע־טאָלעדאָ. דער וויצע־קעניג זעלבסט האָט זיי בעקאַנט געמאכט, אום זיין טאָכטער זאָל זיך נעהמען א ביישפיעל פון דער עדעלער אידישער פרוי. דיזע פריילין האָט נאכהער חתונה געהאט מיט דעם הערצאָג פון טוסקאניא און האָט גערופען בענוועני דא אבארבאנעלא „מוטער“.

אין דער הויז פון דיזער רייכער און עדעלער פּאָאַר פלעגען זיך צוזאַמענקומען ניט נאָר דיא בעסטע פאַרשטעהער פון אידען, זאָנדערן אויך פיעלע געלעהרטע קריסטען. דאָרטען האָט מען געלערנט תלמוד און דיא העברעאישע שפּראַך, דאָרטען האָבען בעוואוסטע קאַבאַליסטען געגעבען ערקלערונגען איבער דעם „זוהר“, און דאָרטען זיינען אויך געווען אזעלכע קריסטליכע געלעהרטע, וויא יאָהאַן ווידמאַנשטאַט, א שילער פון דעם בעריהמטען רייכלין, דעם פערטהיידיגער פון תלמוד. דיזער ווידמאַנשטאַט האָט דאָרטען אויסגעלערנט דיא העברעאישע שפּראַך. אנדערע קריסטליכע געלעהרטע זיינען בעקאַנט געוואָרען מיט דער קבלה דורך זייער פערקעהר מיט אידען אין אברבנאל׳ס הויז.

אונגעפעהר 40 יאהר האָט שמואל אברבנאל רוהיג געלעבט אין נעאַפּעל, העלפענדיג דיא אונגליקליכע מאַראַנאָס, וויא ווייט ער האָט נאָר געקענט. וויא אויבען שוין בעמערקט האָט פערדינאַנד־קאַטאָליק איינגעפיהרט דיא „הייליגע“ אינקוויזיציאָן, ווען זיין ארמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גאָנזאַלוואָ דע־קאָרדאָוואָ האָט איינגענומען נעאַפּעל. א סך מאַראַנאָס האָבען זיך גלייך אָבגע־טראָגען אין אנדערע ערטער, וואו דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן האָט זיי ניט געקענט דערגרייכען, אבער דיא וואָס זיינען פערבליבען, האָבען געליטען אלץ גרעסערע צרות.

דיא אינקוויזיטאָרען אין נעאַפּעל האָבען פערלאַנגט, אז מען זאָל ארויסיאָגען אלע אידען, אום דיא מאַראַנאָס זאָלען קענען ווערען אמת׳ע קריסטען. זיי האָבען זיך געווענדעט צום קייזער קארל דער 5טער, אז ער זאָל נאכפאָלגען דעם ביישפּיעל פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ און פעריאַגען דיא אידען פון נעאַפּעל. דאַן איז בענ־ווענידא אבארבעאַנעלא ארויסגעטראָטען אלס בעשיצערין פון איהרע ברידער און שוועסטער. דורך דער מיטווירקונג פון איהר פריינדין, דעם וויצע־קעניג׳ס טאָכטער, איז זיא צוגעקומען צום קייזער און האָט איהם געבעטען ער זאָל ניט אונטערשרייבען דעם אויסוואַנדערונגס־בעפעהל געגען דיא נעאַפּאָליטאַנער אידען, און

דער קייזער האָט ניט געקענט ענטזאגען דיא ביטעס פון דיזע צוויי ערעלע דאַמען.

אבער דיא אינקוויזיטאָרען האָבען ניט גערוהט און אזוי לאַנג געהעצט ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, אז קארל דער 5טער זאָל אונטערשרייבען א בעפעהל, דאָס דיא נעאפּאָליטאַנער אידען זאָלען טראָגען א ספּעציעלען צייכען אויף זייערע קליידער אָדער פערלאָזען דיא נעאַפּאָליטאַנער פּראָווינץ.

דיא אידען האָבען אויסגעקליבען דאָס לעצטע. שמואל אברבנאל האָט זיי אויפגעמונטערט בעסער אויסצו־וואַנדערען איידער צו לאָזען זיך שענדען. ער און אנדערע אידישע פאָר־שטעהער האָבען פאָראויסגעזעהען, אז דיא אינקוויזיציאָן וועט זיך ניט בערוהיגען מיט דיזער גזרה און וועט זיי נאָך ווייטער פערפאָלגען.

נאָר ווען זיי האָבען גענומען אויסוואַנדערען, האָט מען ארויס־געלאָזען א בעפעהל, אז זיי מוזען פערלאָזען דיא שטאדט און טאָרען זיך ניט צוריקקעהרען. דאָס איז געשעהן אין 1540. דיא מייסטע זיינען אָבגעפאָהרען נאָך טירקיי, און א טהייל האָבען זיך בעזעצט אין דער איטאַליענישער שטאדט פעררארא, וואו עס האָט דאַמאָלס געהערשט א פּרינץ, וועלכער האָט ניט פערפאָלגט אידען. צווישען דיא אויסוואַנדערער, וועלכע זיינען פערבליבען אין פעררארא, איז אויך געוועזען שמואל אברבנאל מיט זיין עדעלער פרוי. דער וויצע־קעניג האָט איהם געבעטען צו פערבלייבען אין נעאפּעל און האָט איהם פערשפּראָכען ספּעציעלע בעשיצונג, אָבער ער האָט ערקלערט אזוי וויא זיין פאטער, דאָס וואו זיינע אונגליקליכע ברידער וועלען זיין, דאָרטען וועט ער אויך זיין.

דיזער עדעלער זוהן פון א׳ן עדעלען פאטער האָט געענדיגט זיינע יאהרען אין פעררארא. ער איז געשטאָרבען אין 1550. זיין ווירדיגע פרוי איז געשטאָרבען מיט עטליכע יאהר שפּעטער.

אייניגע מיטגליעדער פון דיזער פאמיליע האָבען איבערגעוואַנ־דערט נאָך אמסטערדאם אין 17טען יאהרהונדערט.

ענדע

מעיערבעער

דער אָפּערא קעניג.

זיין לעבען, זיינע אָפּערען און
מוזיקאלישע אויפטואונגען.

פון פיליפּ קראנץ

מעיערבער.

איינלייטונג.

דיא דייטשע אידען און דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן.

דער געניאלער קאמפאזיטאר יעקב מעיערבעער איז געבארען געווארען אין דער צייט, ווען די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן האט זיך אריבערגעריסען דעם גרענעץ און האט גענומען שטורמען איבער גאנץ אייראפא. די קלאנגען פון דער מארסאליעזע, וועלכע איז פערפאסט געווארען פון דעם פראנצויזישען אפיציער רוזשע דע־ליל צו בעגייסטערן די רעוואלוציאנערע ארמעען אין דעם קאמפף געגען די מלכים און אלע אונטערשטיצער פון דער מיטעל־אלטערליכער ארדנונג, האבען אלץ מעהר געוועקט די פעלקער און זיי גערופען צו פרייהייט. די אידעען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, וועלכע די רעוואלוציאנערע פראנצויזישע רעפובליק האט געזוכט צו פערווירקליכען אין לעבען, האבען אויפגערודערט די גאנצע וועלט. דער טריקאלאר — די דריי־פארביגע פאהן פון דיזער רעוואלוציאן אלס סימבאל פון די אנגעקינדיגטע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אלע מענשען, פעלקער און ראסען — האט אנגעפאנגען זיין זיעגרייכען מארש איבער אלע אייראפעאישע לענדער.

עס איז געווען די געוואלדיגע געבורט פון א נייער וועלט אין דעם שויס פון דער אלטער, א וועלט, וועלכע האט פערשפראכען אזוי פיעל גליקען און וועלכע האט צוגעצויגען די הערצער פון אלע אונטערדריקטע און ערנידריגטע. עס איז איבריג צו זאגען, אז די

אידען, וועלכע האָבען אזוי שרעקליך געליטען אין פינסטערן מי־
טעלאַלטער און וועלכע זיינען אין ערגעץ ניט אנערקענט געווען
פאר גלייכבערעכטיגטע בירגער, אפילו ווען די פינסטערע וואָלקענס
פון קאַטאָליציזמוס זיינען צויאָגט געוואָרען דורך די פרייע פילאָ־
זאָפיע, רעפאָרמאַציאָן און ענטוויקלונגען פון קונסט און וויסענ־
שאַפט, האָבען בעזאָנדערס סימפּאַטיזירט מיט די שטרעבונגען פון
דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. פאַר זיי איז געווען אַן אמת'ע
ישועה, מען קען זאָגען, משיח'ס צייטען. עס איז געגוג צו ווארפען
א קורצען בליק אויף דער לאַגע פון אידען פאר דעם שטורם פון
דער באַסטיליע און נאכדעם, אום צו פערשטעהן וואָס פאר אַן
אונגעהייערע איבערקעהרענים דיזע רעוואָלוציאָן האָט ארויסגערו־
פען ניט נאָר אין די בעציהונגען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער צו
אידען, זאָנדערן אויך אין אידישען פאָלק גופא.

פון די רייהען פון די ניעדערגעשלאָגענע, פערפינסטערטע און
אונטערדריקטע אידען האָבען זיך באלד ארויסגעהויבען פיעלע, ווע־
מעס נעמען זיינען וועלטבעריהמט געוואָרען, וועלכע האָבען ניט נאָר
געגלאַנצט אין קונסט, ליטעראטור און פילאָזאָפיע, זאָנדערן האָבען
אויך בעזאָנדערס קרעפטיג פערקערפּערט אין זיך די פרייהייטליכע
שטרעבונגען פון דער נייער צייט. ספּעציעל האָבען אויפגעלעבט די
אידען אין דייטשלאַנד אונטער דער פרייהייטס־גלאָקע, וועלכע האָט
אָבגעקלונגען פון פראַנקרייך. דערצו זיינען זיי פאָרבערייטעט גע־
ווען דורך די טהעטיגקייט פון משה מענדעלסזאָהן און לעססינג *)
דער אָנפאַנג פון 19טען יאהרהונדערט איז געווען די גלענצענדסטע
רענעסאַנס (אויפלעבונג)־צייט פון דייטשע אידען, זייער גייסטיגער
תחית המתים. פון פערשפרייטער פון תלמוד און בלינדע
אָרטאָדאָקסיע, ווי זיי זיינען געווען אין מיטעלאַלטער, זיינען זיי
געוואָרען די פערשפרייטער פון אייראָפּעאישע בילדונג און השכלה
צווישען זייערע ברידער אין הינטערשטעליגע לענדער. דער פריי־

*) זעהט זייערע ביאָגראַפיען, ארויסגעגעבען פון דער אינטער־
נאַציאָנאַלער לייברערי פּאָבלישינג קאָמפּ.

הייטס־גייסט, וועלכער איז איינגעפלאנצט און איינגעוואָרצעלט געוואָרען דורך די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט געפונען אין זיי די טרייעסטע, גלענצענדסטע און איינפלוסרייכסטע קעמפפערס. מיט זייערע געניאלע קעפּ און מעכטיגע פעדערס האָבען זיי גע־האָלפען צו צוטרייסלען די זיילען פון דער אלטער געזעלשאפט און אויפצושטעלען די זיילען פון דער נייער געזעלשאפט.

איינער פון דיזע מערקווירדיגסטע זשעניעס, וועלכע זיינען אין יענער צייט אַרוים פון די דייטשע אידען, איז יעקב מעיערבעער. דאָס וואָס היינע איז געוועזען אין דער פּאָעזיע, בערנע אין דער פּובלי־ציסטיק, דאָס איז ער געוועזען אין דער מוזיק, בעזאָנדערס אין דע־אָפּערן־מוזיק. ער איז געוועזען, קען מען זאָגען, א רעוואָלוציאָנער אויף דעם מוזיקאלישען וועג, ניט נאָר ווייל ער האָט מיט זיין גלענ־צענדען זשעניע איינגעפיהרט פיעלע וויכטיגע ענדערונגען אין אָפּע־רעס, זאָנדערן ווייל ער האָט זיי געדיכטעט, ווי א מענש מיט א פרייען גייסט, ווי א מענש, וואָס האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון פאָר־אורטהיילע, ווי א וועלטמענש צו דער גאַנצער וועלט.

ריכאַרד וואגנער און אנדערע אנטיסעמיטישע מוזיקאנטען האָבען איהם בעשולדיגט, דאָס אין זיינע קאָמפּאָזיציאָנען האָט ער אריינגעצויגען אידישע מעלאָדיען; אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. מעיערבעער איז אייגענטליך נאָר געוועזען א איד מיט'ן נאָמען. די אומשטענדען, אונטער וועלכע ער איז ערצויגען געוואָרען, האָבען גאַנץ וועניג געקענט פיהרען צו דער ענטוויקלונג פון אידישע גע־פיהלען און שטרעבונגען אין איהם. עס איז איבערהויפּט געוועזען די צייט, ווען די געבילדעטע אידען האָבען זיך געוואָלט וואָס ענגער אסימילירען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע עס איז זיי אויסגע־קומען צו לעבען. אין דעם ענטהוזיאזמוס, וואָס די ניי־געבאָרענע פּאָליטישע פרייהייטען האָבען ארויסגערופען, האָט מען פערגעסען אָן די נאַציאָנאלע און רעליגיעזע פּאָראורטהיילע, וועלכע האָבען שפּעטער געפונען א ביטערן און זעהר טרויעריגען אויסדרוק אין אנ־טיסעמיטיזמוס. מען האָט דאַן געטרוימט, אז עס איז גאָר נאָ־הענט די צייט, ווען אלע מענשען וועלען זיין פריי און לעבען ווי

ברידער, ווען קאָסמאָפּאָליטיזמוס וועט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון נאַציאָנאַליזמוס.

דאָס זיינען געווען די קינדער־יאהרען פון פּאָליטישע פרייהייטען. עס האָט געשיינט, אז מען דארף נאָר זיי איינפיהרען, אום עס זאָל קומען א סוף צו אַלע אַלטע צרות און פּאַראורטהיילע; עס האָט זיך געדוכט, אז עס איז גענוג צו ערקלערען רעליגיעזע פרייהייט, אום עס זאָל ווירקליך הערשען טאָלעראַנץ; עס האָט זיך געדוכט, אז מען דארף נאָר ערקלערען פּרעס־פרייהייט, פערזאמלונגס־פרייהייט און גלייכהייט פון יעדען מענשען פאר׳ן געזעץ, אז אַלע זאָלען געהאָלפען ווערען, אז אַלע זאָלען זיין צופריעדען, אויב ניט גליקליך אויף דיזער זינדיגער וועלט. זעהר וועניגע האָבען דאַן פאָראויסגעזעהן די ביטערע ענטטוישונגען פון די נעכסטע דורות, ווען פּאָליטישע פרייהייטען זיינען שוין ערוואָרבען געוואָרען נאָך בלוטיגע קעמפּפע און ווען מען האָט געמוזט אָנפאַנגען א קאמפּף אויף פיר עקאָנאָמישע גלייכהייט.

דער קלאַס אידען, צו וועלכען מעיערבעערס עלטערן האָבען געהערט, זיינען געווען בעזאָנדערס פערבלענדעט מיט אזעלכע האָפנונגען. זיי זיינען געווען זיכער, אז די צייטען פון אינטאָלעראַנץ, פון יודענפערפאָלגונגען זיינען פאַראיבער. זיי האָבען דארום געפּרעדיגט אַסימילאַציאָן ביז צו די ווייטעסטע גרענצען און האָבען אַזוי ערצויגען זייערע קינדער, אז אויסער אידישע נעמען איז ביי זיי גאָר נישט געבליעבען פון יודענטהום. א טהייל האָבען זיך איינפאַך געטויפט, אום זייער אסימילאַציאָן זאָל זיין א פאָלשטענדיגע.

מעיערבעער האָט ניט דורכגעמאכט דיעזע אַסימילאַציאָנס־טויפע, ווי מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי, דער אַנדערער אידיש־דייטשער מוזיקאַלישער זשעניע, נאָר אין אַלע הינזיכטען איז ער געווען א קינד פון זיין צייט און פון זיין קלאַס, ווי מיר וועלען עס זעהען אין די נעכסטע קאַפּיטלעך.

1.

זיין פאַמיליע און ערציהונג.

זעלטען ווען עס טרעפט, אז א זשעניע ווערט געבאָרען אין א גאָלדענע העמדעלע. געוועהנליך איז די נויט זיין צווייטע מוטער, און ער מוז פיעל ליידען אין זיינע יונגע יאָהרען איידער איהם געלינגט זיך דורכצוברעכען א וועג אין דער גרויסער וועלט און צו צייגען וואָס ער קען. ניט איין זשעניע איז פריהצייטיג אריינגעיאָגט געוואָרען אין קבר אָדער איז צו גרונדע געגאַנגען אין דעם שווערען און ביטערען קאמפף מיט ארמוטה און אונוויסענהייט. מיר ווייסען נאָר פון די טאַלענטען און זשעניען, וועלכע זיינען אין שטאַנד בייצוקומען אלע שטערונגען אויף זייער וועג און ווערען בעריהמט; אָבער פון די געפאַלענע, צובראָכענע, בעזיעגטע — ווער ווייס פון זיי אויסער זייערע נאָהענטסטע קרובים און פריינד?

מעיערבעער איז ערשיענען אויף דער וועלט אונטער אַ גליקליכען שטערן. ער איז געווען דאָפּעלט מזל׳דיג. ניט נאָר האָבען זיינע עלטערן געהערט צו די רייכסטע אידישע פאמיליען אין בערלין, זאָנדערן זיין מוטער איז געווען א זעלטען עדעלע און הויך־געבילדעטע דאמע. אין דיזער בעציהונג קען זיך מיט איהם פערגלייכען נאָך איין אידישער זשעניע, אויך א מוזיקאנט — מענדעלסזאהן־באַרטהאָלדי.ביידע האָבען פערבראכט אזא גליקליכע יוגענד, ווי נאָר קינדער פון זעהר רייכע עלטערן קענען עס האָבען. קיין זאך האָט זיי ניט געפעהלט, קיין זאך איז ניט שווער געווען צו שאַפען פאַר זיי, אבי זיי זאָלען קענען ענטוויקלען זייערע איינגעבאָרענע טאַלענטען און זיך אָבגעבען מיט ליב און זעלע צו זייער געליעבטע קונסט. מענשען מיט מיטעלמעסיגע פעהיגקייטען און געוועהנליכע טאַלענטען וואָלטען געקענט ווערען גרויס

אונטער אזעלכע העכסט גינסטיגע אומשטענדען, בפרט נאך זשעניען.

מעיערבעער׳ס פאטער איז געווען א באנקיר און דערצו האט ער נאך געהאט א גרויסע צוקער־פאבריק. דער פאמיליען־נאמען איז געווען בעער, אבער מען האט געמוזט צוזעצען דעם נאמען מעיער, נאכדעם וויא א רייכער פערוואנדטער, א געוויסער מעיער, איז גע־שטארבען, איבערלאזענדיג זיין פערמעגען מיט דער בעדינגונג, אז זיין נאמען זאל פערבונדען ווערען מיט דער פאמיליע בעער. מע־יערבעער׳ס פאטער איז אלזא נאך רייכער געווארען דורך די ירושה. וואס אנבעלאנגט צו זיין מוטער, איז זי געווען די טאכטער פון דעם רייכסטען בערלינער איד, ליפמאן מעיער וואלף, און האט זיך אויס־געצייכענט מיט איהר בילדונג, שעהנהייט און פילאנטראפיע.

אין זייער הויז פלעגען זיך צוזאמענקומען די גרעסטע קינסט־לער, שרייבער און געלעהרטע פון בערלין. זיי האבען געהערט צו דעם נייעם דור און האבען מייסטענס געזוכט צוציהען פריינעזא־נענע קריסטען. וועגען מעיערבעער׳ס מוטער שרייבט היינריך היינע, וועלכער האט בעזוכט איהר רייכען סאלאן, אזוי: „עס געהט ניט אוועק א טאג, אז זי זאל ניט העלפען אן ארימאן. עס שיינט אזוי ווי זי קען ניט רוהיג איינשלאפען אהן צדקה. זי שטיצט יעדען איינעם, אידען, קריסטען, טערקען און אפילו אונגלויביגע פון דעם ניעדריגסטען סארט. זי איז אונערמיעדליך אין וואהלטהעטיגע זאכען און בעטראכט עס הפנים אלס דעם העכסטען ציעל אין איהר לעבען.“

בעזאנדערס האט זי, ווי אויך איהר מאן, וועלכער איז געווען א ליידענשאפטליכער ליעבהאבער פון מוזיק, געשטיצט מוזיקער און פאעטען. זייער הויז, קען מען זאגען, איז געווען פול מיט מו־זיק, זא דאס דער צוקינפטיגער קאמפאזיטאר פון „הוגענאטען“ האט פון זיינע אינגסטע יאהרען, פשוט גערעדט, זיך געבאדען אין מוזיק. מען האט איהם נאטירליך געגעבען די בעסטע ערציהונג, וואס רייכטהום אין א גרויסער ציווילי־זירטער שטאדט קען צושטע־לען. זיין מוטער פלעגט אליין גוט און קלוג אויפפאסען אויף די

ערציהונג פון איהרע קינדער. זי איז קיינמאָל ניט געווען אזוי פערטאָן אין מאָדעס, בעלער און אַלע אנדערע פערגניגענס פון רייכע און אריסטאָקראטישע דאמען, אז זי זאָל פערגעסען אָן איהרע פפליכטען צו איהרע קינדער, וועלכע זיינען אַלע געווען געראָטענע.

יעקב מעיערבעער, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין 1791, איז געווען דער עלטסטער זוהן. פון זיינע דריי ברידער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט ווילהעלם אלס מאטעמאטיקער און אסטראָנאָם. דער לעצטער האָט זיך אויסגעבויט אין זיין פאָ־טער'ס הויז אן אָבסערוואטאָריע, וואו ער האָט זעהר פלייסיג גע־לערנט און געשריעבען די רעזולטאטען פון זיינע אָסטראָנאָמישע בעאָבאכטונגען. דער אינגסטער ברודער מיכעל האָט געהאט א זעהר פּאָעטישע נאטור. נאָך אַלס אינגעל האָט ער ארויסגעצייגט גרויס טאלענט אין דיכטונגען. אבער לײדער איז ער געשטאָרבען יונגער־הייט פון א היצקריינק. אויף איינע פון זיינע בעסטע פּאָעמען, „סטרוזענע", האָט יעקב מעיערבעער נאכהער אָנגעשריבען מוזיק. דערמיט האָט ער אויך אונשטערבליך געמאכט זיין ברודער.

ווי דאָס איז געוועהנליך דער פאַל מיט זשעניען, האָט מעיער־בעער בעזאָנדערס ליעב געהאַט זיין מוטער. ער האָט איהר איינ־פאך פערגעטערט. אפילו ווען ער איז שוין געווען אן עלטערער מאן, פלעגט ער קיין וויכטיגע זאך ניט אונטערנעהמען אָהן איהר ראַטה און צושטימונג. איהר הסכמה אויף זיינע ווערק האָט ער גע־שעצט מעהר פון אַלעס. איין בריעף איהרען, אין וועלכען זי האָט איהם געוואונשען ערפאָלג, ווען מען האָט אויפגעפיהרט זיין אָפּערע „ראָבערט דער טייוועל", פלעגט ער שטענדיג ארומטראָגען מיט זיך אזוי ווי א קמעה.

זעהר יונג האָט מעיערבעער ארויסגעוויזען א מערקווירדיגען מוזיקאלישען טאלענט. ווי נור מען האָט איהם געצייגט צו שפּיע־לען אויף דער פיאנאָ, האָט ער גלייך אָנגעפאנגען צוזוקלייבען טע־נער צו די מאָטיוון, וועלכע ער האָט געהערט, און פלעגט נאָך אליין צוזאמענשטעלען אן אקאָמפּאנימענט. ווען ער איז אלט גע־ווען פיער יאהר, האָט ער צוזאמענגעשטעלט פון זיינע חברים א מין

אָרקעסטער, וועלכען ער פלעגט דיריזשירען און פאר וועלכען ער פלעגט זאָגאר פערפאסען אייגענע מוזיק. מיט זיינע מערקווירדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען האָט ער אלעמען איבערראשט, און זיינע עלטערן האָבען גלייך בעשלאָסען איהם צו געבען א גרינדליכע מוזי־קאלישע ערציהונג. מען האָט איהם באלד איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם בעוואוסטען מוזיק־לעהרער פראנץ לאוסק. אונטער די לייטונג פון דיזען לעהרער האָט ער געצייגט ווירקליך וואונדער. זיין זשעניע האָט זיך ארויסגעצייגט אזוי פריהצייטיג ווי ביי מאָ־צארט'ן, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען מוזיקאלי־שען זשעניע. ווען ער איז געוואָרען זיעבען יאָהר אלט, האָט ער שוין געשפיעלט ווי א קינסטלער און האָט אויך ערשטוינט מוזיקער מיט זיינע קאָמפּאָזיציאָנען.

צו ניין יאָהר איז ער ארויסגעטראָטען אין אן עפענטליכען קאָנצערט. ער האָט געשפיעלט, צווישען אנדערע שטיקער, אויך מאָצארט'ס קאָנצערטען, און אלע צייטונגען זיינען פול געווען מיט איהם אלס א וואונדער־קינד. די גרעסטע קריטיקער האָבען ער־קלערט, אז אין איהם וואקסט איינער פון די גרעסטע מוזיקער וואָס עס איז ווען געבאָרען געוואָרען. דאָס פובליקום איז ענטציקט גע־ווען פון זיין שפיעלען אויף דער פיאַנאָ און פלעגט איהם אויפ־נעהמען מיט בעגייסטערונג. דער יונגער פיאניסט האָט געמאכט אזעלכע גלענצענדע פאָרטשריטע, דאָס ער האָט איבערשטיגען זיינע לעהרער, און מען האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם דאמאָלס בעריהמטען מוזיקער קלעמענטי. דער גלח פאָגלער, וועל־כער האָט געהאַט א שם אלס א מוזיקאלישער טעאָרעטיקער און זיך אויסגעצייכענט אלס דירעקטאָר פון א מוזיק־שולע אין דארמ־שטאדט, האָט גענומען דעם קליינעם קינסטלער אויפ'ן פערהער, ווען ער איז אָנגעקומען אין בערלין, און האָט נאכהער געזאָגט צו איהם: „אויב איהר וועט זיין פלייסיג און וועט ניט אויפהערען צו אַרביי־טען, וועט איהר ווערען איינער פון די בעריהמטעסטע מענשען אין אייראָפּא.“ דער גלח האָט איהם אויך רעקאָמענדירט א גוטען לעה־רער פון מוזיקאלישע טעאָריע. אזוי ווי געלד האָט ניט געפעהלט,

זיינען די שוויריגקייטען נאָר בעשטאַנען אין קריגען אמת גוטע לעהרער. זיין מוזיקאַלישע ערציהונג האָט געקאָסט די רייכע על־טערן אוצרות, אָבער זייער געלד איז ניט געווען ארויסגעוואָרפען. זיי האָבען געוואוסט, אז זייער קינד איז א מוזיקאַלישער זשעניע, און האָבען זיך געסטאַרעט, אז ער זאָל זיך וואָס בעסער און שנעלער ענטוויקלען און ברענגען די בעסטע פריכטע.

זיין דיכטונגס־קראַפט איז אויך אזוי שנעל געשטיגען ווי די טעכניק פון זיין פּיאַנאָ־שפּיעלען. צו צעהן יאָהר, ווען ער האָט נאָך ניט געלערנט די רעגעלן פון קאָמפּאָזיציאָן, האָט ער אָנגעשריעבען צוויי קאַנטאַטען לכבוד דעם געבורטסטאָג פון זיין פאָטער. אין דער צייט, ווען ער פלעגט שפּיעלען, פלעגט ער אויך אָפט קאָמפּאָנירען און נאָכהער עס פערשרייבען, זאָ דאָס ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאָהר, האָט ער שוין געהאַט פערפאַסט א סך מוזיקאַלישע שטיקער.

אין דער צייט, ווען מען האָט איהם אויף דער בעסטער אַרט צוגעגרייט צו זיין מוזיקאַלישע קאַריערע, האָט מען איהם אויך געגעבען אַן אויסגעצייכענטע אַלגעמיינע בילדונג. די בעסטע לעה־רער האָבען איהם געגעבען אונטערריכט אין שפּראַכען, געשיכטע, מאַטעמאַטיק, פיזיק, א. ז. וו. ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט מען מיט איהם שטודירט די געשיכטע פון ליטעראַטור און די ווערק פון קלאַסיקער. אזוי ווי ער איז געווען א פלייסיגער אינגעל און האָט אויך געשטרעבט צו קענען וואָס מעהר, בעזאָנדערס שפּראַכען, האָט ער ניט נור אויסגעלערנט די פראַנצויזישע און איטאַליענישע שפּראַכען אזוי ווי דייטש, זאָנדערן האָט אויך פריי געקענט לעזען לאַטיין, גריכיש און העברעאיש. מען האָט געהאַלטען פאַר איהם און אויך פאַר זיינע ברידער א בעקאַנטען אידישען לעהרער, אָבער ניט אזוי אום זיי זאָלען ערלערנען די אידישע רעליגיאָן, ווי די העברעאישע שפּראַך, און איבערהויפּט ניט פערגעסען, אז זיי שטאַ־מען פון אידען. אין דעם איז אייגענטליך בעשטאַנען מעיערבעער׳ס יודענטהום. אזוי ווי ער האָט געקענט א סך שפּראַכען, איז ער אין שטאַנד געווען צו לעזען די קלאַסיקער און די ווערק פון די בעסטע

שרייבער אין אָריגינאַל, וואָס עס האָט איהם שפּעטער זעהר פיעל געהאָלפען, ווען ער האָט געלעבט אין איטאַליען און פראנקרייך און ווען ער האָט זיך א נעהם געטאָן צו אָפּערעס.

ער איז געווען זעהר בעלעזען אין דער געשיכטע און ליטעראַ־טור פון אלע ציוויליזירטע פעלקער, און אין געשפּרעכען האָט ער ארויסגעוויעזען אַזוי פיעל קענטניסע, אז די צוהערער פלעגען איהם בעוואונדערען. אין דיעזער בעציהונג איז ער געווען, קען מען זאָ־גען, א זעלטענהייט צווישען מוזיקאַנטען. געוועהנליך האָבען מוזי־קאַנטען וועניג צייט צו שטודירען אַנדערע זאכען אויסער דאָס, וואָס געהערט צו זייער פּראָפעסיאָן. אויסער דעם האָבען זיי אויך ניט די מיטלען צו ערלערנען שפּראַכען און איבערהויפּט צו ווערען גע־בילדעטע לייט אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. דער גרעסטער טהייל פון מוזיקער זיינען ליידער גאַנץ וועניג געבילדעט, ניט זעל־טען איינפאַך אונוויסענדע מענשען, וואָס קענען גאָר ניט אויסער זייערע נאָטען און אינסטרומענטען. די אָרימע פון זיי, און זיי זיי־נען מייסטענס קינדער פון אָרימע עלטערן, האָבען נעביך געגוג צרות איידער זיי קענען עפּעס דערגרייכען אין זייער פּראָפּעסיאָן. מיט דער הילפע פון זיין פאָטער׳ס געלד, וואָס עס האָט איהם בע־פרייט פון אירגענד וועלכע זאָרגען, איז מעיערבעער ניט נור געוואָרען א גרויסער מוזיקאַנט און קאָמפּאָזיטאָר, זאָנדערן אויך א העכסט גע־בילדעטער מאָן.

אין 1810 האָט מען איהם געשיקט אין דער דאמאָלס בעריהמ־טער מוזיק־שולע פון דעם גלח פאָגלער אין דארמשטאדט. דאָס איז געשעהען נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעשריעבען א פוגע (דאָס איז א געוויסע קאָמפּאָזיציאָן וואָס ווערט גערעכענט פאר זעהר א שווערע אין דער מוזיקאַלישער קונסט). זיין לעהרער פון הארמאָניע איז אַזוי ענטציקט געוואָרען פון דיזער פוגע, דאָס ער האָט איהר אריבערגעשיקט צום גלח פאָגלער, אום צו צייגען וואָס פאר א גוטער לעהרער ער איז. א לענגערע צייט האָט דער גלח ניט געענטפערט, און דער לעהרער האָט געמיינט, אז דאָס קומט דורך דעם, וואָס דער גלח איז איהם מקנא אזא גוטען שילער, אָבער דער גלח האָט דיעזע

צייט בענוצט אָנצושרייבען א גאנצע ערקלערונג, ווי מען דארף שרייַ־
בען פוגעס נאָך דער טהעאָריע, און האָט דערביי אָנגעציינט אויף
אַלע פעהלער, וועלכע מעיערבעער האָט געמאכט. דער לעהרער, וועל־
כער איז געווען א שוואכער טהעאָרעטיקער, איז דאַן געווען אויסער
זיך פון ערגערנים; אָבער מעיערבעער האָט מיט פריידע געלעזען און
איבערגעלעזען דעם גלח'ס ערקלערונגען, האָט יעדען פונקט קריטיש
בעטראכט און אויספּרובירט ביז ער איז אימשטאנד געווען אָנצו־
שרייבען א פוגע נאָך אַלע רעגעלען. דיזע פוגע האָט ער אליין גע־
שיקט צום גלח און האָט געקראָגען פאָלגענדע אנטוואָרט: „קומט
צו פאָהרען צו מיר. איך וועל אייך אויפנעהמען ווי א זוהן און וועל
אייך העלפען צו שעפּען קענטניסע פון די ריכטיגע קוואַלען פון ווי־
סענשאפט."

זיינע עלטערן האָבען איהם אָנפאנגס ניט געוואָלט שיקען נאָך
דארמשטאדט, אָבער אייגענטליך ניט ווייל זיי איז ניט געפעלען גע־
וועזן, דאָס זייער זוהן זאָל לערנען אין א קאטוילישער שולע; זאָנ־
דערן איינפאך, ווייל זיי האָבען איהם צו שטארק געליעבט צו שיי־
דען זיך מיט איהם אפילו אויף א קורצע צייט. נאָר ער איז אזוי
צוגעשטאַנען צו זיי, אז זיי האָבען געמוזט נאָכגעבען זיין וואונש.

אין דיזער שולע האָט מעיערבעער ניט נאָר פלייסיג געלערנט,
ווי צו שרייבען קאָמפּאָזיציאָנען, אַלע קונצען פון קאָנטראַ־פּונקט
און פוגע, זאָנדערן האָט זיך אויך בעפריינדעט מיט זיינע קריסטלי־
כע חברים. ער איז ניט געווען דער איינציגער מוזיקאלישער
זשעניע אין דיזער שולע, וואוהין די בעסטע טאלאנטען פלעגען קו־
מען לערנען פון אַלע עקען דייטשלאַנד. דאָרט האָט שטודירט קאַרל
וועבער, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אונשטערבליך געמאכט מיט
זיין אָפּערע „פריישיץ".ביידע צוקינפטיגע בעריהמטהייטען האָבען
זיך זעהר בעפריינדעט. וועבער איז אויך געווען א פּאָעט און האָט
איינמאָל אָנגעשריעבען א געדיכט לכבוד זייער לעהרער'ס געבורטס־
טאָג, און צוזאמען מיט מעיערבעער'ן האָט ער פערפאסט די מוזיק
דערצו. אויסער זיי זיינען נאָך אין דער שולע געווען עטליכע אַנ־
דערע זעהר טאַלאנטפאָלע שילער, וועלכע האָבען זיך שפּעטער ער־

װאָרבען גרױסע נעמען אין דער מוזיקאַלישער װעלט. אַלע שילער האָבען זעהר ליעב געקראָגען זײער אײנציגען אידישען חבר ניט נאָר פאַר זײן סימפּאַטישען כאַראַקטער, זאָנדערן אױך פאַר זײן גוטסקײט. ער איז געװען דער אײנציגער גביר צװישען זײ און פלעגט זיך ברידערליך טהײלען מיט זײ, װען ער פלעגט קריגען קאָנפעקטען און אַנדערע נאַשערײען פון זײנע עלטערן. אױך פלעגט ער זײ אױסבאָרגען זײנע ביכער. אין דיזער שולע האָט ער געקענט אין גאַנצען פערגעסען, אַז ער איז א איד, נאָר שפּעטער, װען ער איז אַרױסגעטראָטען אױף דער װעלט־ביהנע מיט דעם גרעסטען גלאַנץ, האָט מען עס איהם ניט אײן מאָל זעהר עמפּפינדליך דערמאָנט.

געלערנט האָט מען דאָרטען נאָר מוזיק. די לעהר־צײט פלעגט זיך אָנהױבען מיט א קאַטױלישען מאָרגען־געבעט. דער גלח פאַגלער פלעגט פראָװען די צערעמאָניע מיט די הילפע פון זײן שילער װע־בער. נאכהער פלעגט ער זײ געבען אױפגאַבען צו שרײבען קאָמפּאָ־זיציאָנען אױף קאַטױלישע תפילות, װי „סאַנקטוס“, „אװע מאַריא“, „קיריע עלעיסאָן“, א. ז. װ. יעדען זאָנטאג און יעדען פעסט־טאָג פלעגען אַלע שילער זיך צוזאַמענקלײבען אין דער קאַטהעדראַל־קירכע, װאו דער גלח פלעגט אָנשפּיעלען מאָטיװען אױף אײן אָר־גאַן און די שילער פלעגען ענטװיקלען דיזע מאָטיװען און מאַכען װאַריאַציאָנען נאָך זײער געשמאַק. דאָ האָבען אַזעלכע זשעניען װי מעיערבעער און װעבער געקענט אַרױסצײגען זײער קראַפט און לאָזען פליהען זײערע רײכע פאַנטאַזיעס. אײן שילער האָט געזוכט איבערצושטײגען דעם אַנדערען אין קענטשאַפט און אָריגינאַליטעט. א מוזיקאַנט, װעלכער האָט בעשריעבען דיזע שולע, בעמערקט װע־גען דיזע מוזיקאַלישע געפעכטען פאָלגענדעס: „װען דיזע גלענ־צענדע יונגע מוזיקער פלעגען זיך א לאָז טאָן פרײ צו פאַנטאַזירען נאָך זײער פאַטישער בעגײסטערונג, זוכענדיג אַלע קלינגענדערע מעלאָדיען און קינסטליכערע װאַריאַציאָנען, פלעגט דער גוטער לעה־רער בלײבען זיצען װי א צוגעשמידטער. ער האָט שױן ניט דער־קענט אין זײ זײנע געהאָרכזאַמע שילער. ער האָט זיך ניט געבײ־זערט, נאָר איז געװען אומעטיג, װײל זײער שפּיעלען האָט אָנגעװיזען

אויף אזעלכע קוועלען פון פּאָעטישע בעגייסטערונג, אוים וועלכע ער אַליין האָט ניט געקענט שעפּען. ער האָט פערשטאַנען, אַז זיי זיינען מעהר פון איהם בעגאַבט פון דער נאַטור און ער מוז בלייבען אויף דעם שוועל, וואו עס עפענט זיך פאר זיינע שילער א גלענצענדער און בליהענדער וועג."

אין פערלויף פון צוויי יאָהר, וואָס מעיערבעער האָט פערבראכט אין דיזער שולע, האָט ער אויסגעלערנט די גאַנצע מוזיקאַלישע תורה און איז פערטיג געוועזן ארויסצוטרעטען אַלס מייסטער פאר דעם גרויסען פּובליקום. צו פיערצעהן יאָהר האָט ער אַלזאָ גרינדליך אויסגעלערנט די קונסט פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען; איהם איז נאָר געבליעבען צו פּראַקטיצירען און דיכטען נאָך זיין טאַלענט און געשמאַק.

2.

זיינע ערשטע קאָמפּאָזיציאָנען און אָפּערעס און זיין פּיאנאָ־שפּיעלען.

ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרט מוזיק, פאַר וועלכער ער איז ווי געשאַפען געוואָרען, נעמליך: צו אָפּעראס. עס האָט איהם געצויגען צו דראמע, צו דער טהעאַטער ביהנע. ער האָט זיך אזוי אָבגעגעבען צו אָפּעראס, דאָס ער האָט געשריעבען פערהעלט־ניסמעסיג גאַנץ וועניג אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען. אין פערגלייך מיט די שוואכסטע פון זיינע אָפּערעס, זיינען די מייסטע פון זיינע אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען גאַנץ געוועהנליכע ווערק.

נאָך זייענדיג אין פאָגלער׳ס שולע האָט ער קאָמפּאָנירט אַ׳ן אָפּערע אונטער דעם נאָמען „פּראָצעס“. אין אונגעפעהר דער זעל־בער צייט האָט ער אָנגעשריעבען די קאנטאטע „גאָט און נאַטור“, וועלכע איז מיט גרוים ערפאָלג אויפגעפיהרט געוואָרען אין דארמ־שטאדט. מען האָט איהם דערפאַר בעעהרט מיט דעם טיטול האָף־קאָמפּאָזיטאָר פון דעם דארמשטאַטער הערצאָג. אַזוי ווי אין דעם גלח׳ס שולע האָט ער בעזאָנדערס פּראקטיצירט אין רעליגיעזע מוזיק, זיינען זיינע ערשטע ווערק געשריבען געווען אין דיזען גייסט. ער האָט זיך געסטאַרעט נאָכצופאָלגען די טהעאָרעטישע רעגעלען און די טרוקענע סיסטעם פון זיין לעהרער, נור זיין זשעניע האָט זיך אָפט געגען זיין ווילען דורכגעריסען און האָט אריינגעהויכט אַ דראַמאַטישען עלעמענט.

אין אַלע זיינע ערשטע קאָמפּאָזיציאָנען, ביז וואַנען ער איז אַוועק נאָך איטאַליען, דאָס לאַנד פון מעלאָדישע און דראַמאטישע מוזיק, האָט ער זיך ארויסגעוויזען אַלס פאָגלער׳ס שילער. ער איז געווען איינגעשלאָסען אין די רעגעלען פון קאָנטראַ־פּונקט און אין דער קאַטויליש־רעליגיעזער מוזיק ווי הינטער אייזערנע גראַטעס. דארום

האָבען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען וועניג ערפאָלג געהאַט, ווען איהם איז אויסגעקומען זיי אויפצופיהרען פאַר'ן פובליקום אין קאָנצערט־זאַאלען אָדער אין טהעאַטערס.

זיין ביבלישע אָפּערע „יפתח'ס נדר" איז געשפּיעלט געוואָרען אין מינכען. זיינע שול־חברים און נאָהענטע פריינד זיינען געוועזן ענטציקט פון איהר, אָבער זי איז דאָך דורכגעפאַלען, אָבוואָהל ער אליין האָט געמאַכט רעפּעטיציעס מיט די ארטיסטען און דירי־זשירט דעם אָרקעסטער, ווי אויך ניט געזשאַלעוועט קיין געלד אויף גוטע דעקאָראַציאָנען און סצענישע עפעקטען. די גרויסע קאַסע פון זיינע עלטערן איז געווען אָפען פאַר איהם און ער האָט דאַרום געקענט גלייך אויפפיהרען זיינע אָפּערעס, וועהרענד כמעט אלע אנדערע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען לאַנג געמוזט נאָכלויפען די טהעאַטער־דיר־רעקטאָרען און זיך איינבעטען ביי די ארטיסטען ביז זייערע ווערק האָבען דערלעבט צו זעהען דעם שיין פון דער ביהנע.

מעיערבעער האָט זיך נאַטירליך געערגערט, וואָס זיין אָפּערע האָט גאָר ניט אויסגענומען. ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָרום דאָס איז אזוי און האָט בעשלאָסען, אז די שולד איז געלעגען אין א שלעכטער ליברעטאָ. ער האָט זיך דאַרום געווענדעט צו איי־נעם פון די בעסטע ליברעטיסטען אין דייטשלאַנד און האָט אָנגע־שריבען א נייע אָפּערע. אבער שוין ניט אויף א ביבלישען סיוזשעט, זאָנדערן אויף איינע פון די געשיכטען פון „טויזענד און איין נאַכט". די ליברעטאָ איז געווען זעהר א לעבעדיגע, גייסטרייכע, פול מיט וויצען, און מעיערבעער האָט זיך אָנגעשטרענגט גוט צוצו־פּאַסען די מוזיק צום אינהאַלט, אָבער ער איז ווידער דורכגעפאַלען. דיזעס מאָל איז די אורזאַכע געווען, וואָס ער האָט זיך גענומען צו א קאָמישע אָפּערע, וואָס איז גאָר ניט געווען אין זיין גייסט. זיין מוזע האָט איהם נור בעגייסטערט פאַר ערנסטע מוזיק און גרויסע דראַמען מיט גלענצענדע עפעקטען און ריהרענדע סצענען.

דיזע קאָמישע אָפּערע, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „אלימעלעך, דער ווירטה און דער גאַסט", איז געווען זיין שוואַכסטע ווערק. מען האָט איהר צוערשט אויפגעפיהרט אין שטוטגאַרט,

וואו זיין פריינד קארל וועבער האָט איהם פיעל מיטגעהאָלפען, אָבער זי האָט גאָר קיין ערפאָלג ניט געהאַט. מען האָט דיזע אָפּערע נאכהער געשפּיעלט אין וויען, וואו זי האָט אויך ניט אויסגענומען. מעיערבעער איז דאַן איינפאַך פערצווייפעלט געוואָרען. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, ווי צו ערקלערען זיין דורכפאַל.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך זיך ארומגעזעהען, אז ער איז גאָר ניט צופריעדען מיט זיך אלס פּיאַניסט. דאַן האָט זיך בע־זאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיין שפּיעלען א פּיאַניסט הוממעל. ווען מעיערבעער האָט איהם געהערט אויף א קאָנצערט, איז ער ענט־ציקט געוואָרען פון זיין שפּיעלען און האָט געמוזט צוגעבען ביי זיך אין הארצען, אז איהם אליין פעהלט נאָך טעכניק צו זיין אזא קינסט־לער. דאָס האָט איהם ניט ווייניג געערגערט, אָבער ער האָט גלייך בעשלאָסען זיך צו נעהמען צו דער ארבייט און אזוי לאַנג צו פּראַק־טיצירען אויף דער פּיאַנאָ, ביז ער וועט ארויסצייגען נאָך מעהר קונסט ווי הוממעל. ער איז געווען אזוי פלייסיג ווי עהרגייציג, און ווען ער האָט עפּעס בעשלאָסען אויסצופיהרען, פלעגט ער עס טאָן מיט חשק און ענערגיע. דארום האָט ער ניין מאָנאַט פּראַקטיצירט שטונדען־לאַנג יעדען טאָג. ער האָט אין דער צייט גאָר ניט קאָמ־פּאָנירט און נור געארבייט מיט די פינגער ביז ער האָט געפיהלט, אז ער קען שוין ארויסטרעטען געגען הוממעל'ן און צייגען זיין קונסט. ער האָט זיך ניט גענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען. ווי מיר ווייסען עס שוין, האָט ער פון קינדווייז אָן געשפּיעלט פּיאַנאָ און איז נאָך אלס אינגעל גערעכענט געווען פאר א ווירטואָז; נאָר אין פאָגלער'ס שולע און נאכהער, ווען ער האָט זיך אָבגעגעבען צו קאָמפּאָזיציאָנען, האָט ער פערנאכלעסיגט זיין שפּיעלען. יעצט אָבער האָט אין איהם אבגעלעבט דער ווירטואָז און אויף א קאָנצערט האָט ער אויסגענומען מעהר ווי זיין געגנער. אויסער א זעלטענע טעכניק האָט ער אויך ארויסגעוויזען גרעפיהל. מיט זיין שפּיעלען פלעגט ער איינפאַך בעגייסטערען די צוהערער.

אין וויען האָט ער זיך צוזאמענגעטראָפען מיט בעטהאָווען, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען קאָמפּאָזיטאָר, וואָס

איז ווען געשאפען געוואָרען. דיזער קעניג פון קלאסישע מוזיק האָט דאן אָנגעשריעבען די סימפאָניע „וועלינגטאָן'ס זיעג". די גרעסטע מוזיקאנטען האָבען אנטהייל גענומען אין דעם אָרקעסטער. מעיער־בעער'ן איז אויסגעקומען צו קלאפען אין פויק. אזוי ווי ער איז ניט געוואָהנט געווען צו דיעזען אינסטרומענט און האָט זיך גאָר ניט היימליך געפיהלט, האָט ער ניט געקלאפט אין טאקט און דערמיט ארויסגערופען בעטהאָווען'ס אונצופרידענהייט. ער האָט דערפאר געכאפט א פּאָרציע פון דעם אלטען געניאלען קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער האָט נאכהער געזאָגט: „איך בין גאָר ניט געווען צופריעדען מיט מעיערבעער'ן. ער איז אלץ געווען צו שפּעט, זאָ דאָס איך האָב איהם טאקי גוט אויסגעזידעלט. מיט איהם איז גאָר ניט צו מאכען, עס פעהלט איהם ארויסצוטרעטען אין צייט." ווען מעיערבעער איז געווען דער אנערקענטער קעניג פון אָפּערע, האָט ער ליעב גע־האַט צו דערצעהלען ווי בעטהאָווען האָט זיך געבייזערט אויף איהם און איהם ערקלערט פאר א שלעכטען באראבאנשטשיק.

אין 1812 האָט ער קאָמפּאָנירט א קאנטאטע לכבוד דעם גע־בורטסטאָג פון זיין געליעבטער מוטער און אויך א פּאטריאָטישע שטיק וועגען די דייטשע בעוועגונג געגען נאפּאָלעאָנען. די לעצטע קאָמפּאָזיציאָן איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין בערלין מיט א צימ־ליך גוטען ערפאָלג. אין אלגעמיינען אָבער איז דעם יונגען קאָמפּאָ־זיטאָר, וועלכער האָט געטרוימט צו שוועבען הויך און ברייט ווי אן אָדלער, נאָך ניט געלונגען צו צייגען זיין מאכט דעם פּובליקום, טראָץ דעם וואָס ער האָט אויספּראָבירט פערשיעדענע סאָרטען פון מוזיקאלישע דיכטונגען. דאָס פּובליקום איז אלץ געבליבען גלייכ־גילטיג צו זיינע קאָמפּאָזיציאָנען. ער איז דורך דעם אזוי נידערגע־שלאָגען געוואָרען, אז ער האָט אפילו ניט געגלויבט זיינע פריינד, וועלכע האָבען איהם אויפגעמונטערט און פערשפּראָכען א גלענ־צענדע צוקונפט. בעזאָנדערס האָט איהם ניט פערלאָזען זיין חבר קארל וועבער, וועלכער האָט איהם אויך געגלויבט אין צייטונגען אין זיינע מוזיקאלישע איבערזיכטען. וועבער האָט צו גוט געוואוסט, וואָס פאר א מעכטיגער טאלענט עס שטעקט אין זיין פריינד, און ער

האַט עס גרויסמוטהיג געזוכט צו ערקלערען דעם פּובליקום. אין איינער פון זיינע שריפטען האַט וועבער איהם פאַרגעשטעלט אַלס א העכסט געבילדעטען מאַן, אַלס דעם גרעסטען פּיאַניסט פון זיין צייט און אַלס א קאָמפּאָזיטאָר, וואָס צייכענט זיך אויס מיט א לעבעדיגע, ריכטיגע אויפפאַסונג פון כאַראַקטערען, נייאיגקייטען און רייכטהום פון האַרמאָנישע דיכטונגען און א קונציגע אָרקעסטרירונג.

דיזע כשר־פּערדיענטע שבחים פון אַזאַ מוזיקאַלישען זשעניע ווי וועבער האָבען אָבער ווייניג געווירקט אויף דאָס פּובליקום, און מעיערבעער׳ס פערצווייפלונג איז אַלץ גרעסער געוואָרען ביז דער בעוואוסטער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר סאַליערי האָט איהם גע־ראַטהען צו פאָהרען נאָך איטאַליען און זיך צוקוקען, ווי מען פיהרט דאָרטען אויף אָפּערעס. „אין אייערע קאָמפּאָזיציאָנען,“ האָט סאַליערי געזאָגט צו איהם, „איז צופיעל אונשולד. זיי זיינען צו פרום און צו טרוקען. אייער קונסט איז נאָך בתולה׳דיג. איהר דאַרפט אונטערפייערען אייער מוזע מיט א קוש.“ ווייטער האָט ער איהם ערקלערט, אַז ער פערשטעהט נאָך ניט ווי צו קאָמפּאָנירען פאַר שטימען און אַז דאָס קען ער נאָר ערלערנען אין איטאַליען, וואו די קאָמפּאָזיטאָרען קימערען זיך ניט אַזוי פיעל וועגען קאָנטראַפּונקט און טרוקענע טהעאָריע, ווי אין דייטשלאַנד, און זוכען צו שאַפען קלינגענדע און לעבעדיגע מעלאָדיען.

מעיערבעער האָט געפיהלט, אַז דער איטאַליענער האָט רעכט. ער האָט דאַרום גלייך אָנגענומען זיין ראַטה. נאָר זיין פאָטער האָט געוואונשען, ער זאָל פריהער בעזוכען פּאַריז, און דאָרטען זיך בעקע־נען מיט גרויסע קינסטלער. דער יונגער און רייכער קאָמפּאָזיטאָר האָט נאַטירליך געהאַט די בעסטע רעקאָמענדאַציאָנען און איז אויפ־גענומען געוואָרען פריינדליך אין די רייכסטע און בעסטע אַריסטאָ־קראַטישע סאַלאָנען פון פּאַריז. ער האָט דאָרטען זעהר לוסטיג פערבראַכט א יאָהר, אָבער די פערגניגען האָבען איהם ניט געקענט אָפּרייסען אין גאַנצען פון זיין געליעבטע קונסט און אויך פון ליטע־ראַרישע שטודיען. ער האָט זיך בענוצט מיט דיזער צייט נאָך גרינד־ליכער צו ערלערנען די פראַנצויזישע שפּראַך און ליטעראַטור.

.3

זיין רייזע נאָך איטאַליען און זיינע איטאַליענישע אָפּערעס.

איטאַליען האָט מעיערבעער בעזוכט, ווען איהם איז געוואָרען 25 יאָהר. ער האָט דאָרטען פערבראַכט די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען און איז פון דאָרטען ארויסגעטראָטען אלס א קעניג פון אָפּעֿרעס. איטאַליען איז נאָך דאַן געווען דער איינציגער צענטער פון דער מוזיקאַלישער וועלט. די איטאַליענישע אָפּערע האָט איבעראַל געהערשט. פון אַלע לענדער פלעגען אהין קומען מוזיקאַנטען ניט בלויז צו מאַכען לוסט־רייזען און זעהען, ווי די קונסט האַלט דאָרטען, זאָנדערן איינפאַך צו לערנען און בעסער נאָכצומאַכען די איטאַליעֿנישע מייסטערס, צו קאָמפּאָנירען נאָך זייער מוסטער. די הויפּט אנציהונגס־קראַפט פון דער איטאַליענישער מוזיק איז בעשטאַנען אין איהרע מעלאָדישע קאָמפּאָזיציאָנען און אין דער שטרעבונג צו געבען די זינגערס וואָס מעהר מעגליכקייט צו צייגען זייערע שטיֿמען און קונסט. אפילו אין דייטשלאַנד, וואו בעטהאָווען און מאָֿצארט, די צוויי אונפערגלייכליכע ריעזען אין דער מוזיק־קונסט, האָבען אויפגעהויבען די נאַציאָנאַלע מוזיק און געלייגט דעם פונדאַֿמענט צו דער דייטשער אָפּערע, וועלכע האָט שפּעטער פערנומען כמעט אין גאַנצען דעם פּלאַץ פון דער איטאַליענישער — אפילו אין דייטשלאַנד האָט מען מעהרסטענס געזונגען איטאַליענישע מעֿלאָדיען און נאָר געשעצט איטאַליענישע אָפּערעס.

דער קעניג פון דער איטאַליענישער אָפּערע איז דאַן געווען ראָסיני, וועלכער איז אויפגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אויף דער סצענע פון פאָלקס־טהעאַטערס. זיין פאָטער און מוטער זיינען געווען וואַנדערענדע זינגער, און זייער זוהן, איינער פון די גרעסטע איטאַליענער מוזיק־מייסטערס, איז נאָך אלס קינד ארויסגעטראָטען אלס זינגער אויף די פאָרשטעלונגען פאַר'ן פאָלק אין דער צייט פון יארידען און פאָלקס־פעסטליכקייטען. ווי פערשיעדען איז געווען

זיין יוגענד פון מעיערבעער׳ס! ראָסיני איז געוואקסען אין ארמוטה און אונוויסענהייט אלס פאָלקס־קינד, וועהרענד מעיערבעער האָט זיך געבאָדען אין וואוילטאָג. אָבער ראָסיני איז געווען אזא ריעזי־גער זשעניע און האָט זיך אזוי גלענצענד אויסגעצייכענט מיט זיינע לעבהאפטע קאָמפּאָזיציאָנען צו 18 יאָהר, דאָס ער האָט זיך שנעל דורכגעבראָכען א וועג און גענומען דאָס איטאליענישע פאָלק און דורך דעם די גאנצע מוזיקאלישע וועלט מיט שטורם. דיזער וואונ־דערבארער זשעניע איז אין פיעלע הינזיכטען געווען דער היפוך פון מעיערבעער׳ן. ער האָט כמעט גאָר ניט געקענט אויסער מוזיק, און דאָס האָט ער אויך ניט שטודירט נאָך אלע רעגעלען פון דער טהע־אָריע. ער האָט געדיכטעט פריי ווי א נאטור־קינד, ווי זיין אייגענע פאנטאזיע האָט איהם געטראָגען, און ער האָט קאָמפּאָנירט מערק־ווירדיג שנעל. אין פערלויף פון אונגעפעהר צעהן יאָהר האָט ער אָנגעשריעבען א דרייסיג אָפּערעס, פון וועלכע אייניגע ווערען נאָך ביז היינט געשפּיעלט, ווי, צום ביישפּיעל, „ווילהעלם טעלל“, און וועלכע וועלען נאָך לאנג־לאנג ניט אראָפּגעהן פון דער אָפּערן־סצענע.

מעיערבעער איז אָנגעקומען אין איטאליען, ווען ראָסיני׳ס אָפּע־רעס האָבען געהערשט. ער אליין איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון זיי, דאָס אייניגע האָט ער געקענט אויסווייניג מיט אלע איינצעלהיי־טען. וואָס פאר א גרויסען איינפלוס איטאליען און ראָסיני האָבען געהאט אויף איהם, ערקלערט ער אָפען אליין אין א בריעף צו זיינעם א פריינד אין דייטשלאנד.

„גאנץ איטאליען,“ שרייבט ער, „האָט זיך דאן געפונען אין א גליקליכען צויבער. עס האָט געשיינט ווי די גאנצע נאציאָן האָט דערגרייכט איהר געוואונשענעם גן־עדן און אז זי קען נאָר גליקליך זיך פיהלען דורך ראָסיני׳ס מוזיק. איך בין ניט ווילענדיג ארומגע־רינגעלט געוואָרען מיט דיזע וואונדערליכע נעצען פון קלאנגען און בין אריינגעפאלען אין א בעצויבערטען גאָרטען, פון וועלכען איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט ארויסגעהן. אלע מיינע געפיה־לען און געדאנקען זיינען געוואָרען איטאליעניש. נאכדעם, ווי איך האָב דאָרטען פערבראכט איין יאָהר, האָט זיך מיר געדוכט, אז איך

בין א געבארענער איטאליענער. אז אזא פאלשטענדיגע אומענ־דערונג פון גייסטיגען לעבען מוז האבען א ווירקונג אויף מיין דיכ־טונג — איז זעלבסטפערשטענדליך. איך האב ניט געוואלט נאכמאן ראסיני'ן און שרייבען נאך דעם איטאליענישען מוסטער, ווי מען בעהויפטעט עס, זאנדערן איך האב גע מוזט אזוי שרייבען, ווי איך האב געשריעבען, איינפאך דורך אן אינערליכע נייגונג."

אין אן אנדער בריעף שרייבט ער וועגען דיזע צייט פון זיין לעבען אזוי: „דער פאקט, דאס איך בין אין דעם צווייטען פעריאד פון מיין מוזיקאלישער דיכטונג מעהר געניינט געווען צו איטאליע־נישער מעלאדיע, איז גאנץ נאטירליך, ווען מען זאל נור נעהמען אין אנבעטראכט, דאס איך בין צו שטרענג געשולט געווארען פון לעה־רערס אין קאמפאזיציאנען, וועלכע האבען נור געפאדערט אן אנ־שטרענגונג פון פערשטאנד, און דאס די לעבעדיגע געפיהלען, וועל־כע זיינען אונטעדריקט געווארען דורך טרוקענע מוסטערס, זיינען אויפגעוועקט און אויפגעלעבט געווארען פון איטאליען'ס ווארימ־קייט און פון איהרע נאכטיגאלען. עס פערשטעהט זיך, איך בין צו וויט פערקראכען אין דיזער ריכטונג, וועלכע איז ארויסגערופען געווארען פון די אומשטענדען און פון לעבען זעלבסט."

אין דעם איטאליענישען גייסט, מיט וועלכען ער איז אזוי שנעל דורכגעדרונגען געווארען, ווייל ער איז איבערהויפט געווען אן עמפפינדליכע נאטור, האט ער אין 1818 אנגעשריעבען די אפערע „ראמילדא און קאנסטאנציא", וועלכע איז אויפגעפיהרט געווארען אין פאדוא מיט א צימליך גוטען ערפאלג. נאכהער האט ער אנגע־שריעבען אויף דער זעלבער ארט עטליכע אפערעס, פון וועלכע דער „קרייץ־ציגער" האט געהאט דעם גרעסטען ערפאלג. מען האט אויך דיזע אפערע אויפגעפיהרט אין די פעראייניגטע שטאאטען און אנ־דערע לענדער פון דער נייער וועלט, און דער בראזיליאנער קעניג האט דערפאר בעעהרט דעם קאמפאזיטאר מיט א'ן ארדען.

.4

זיין לעבען אין איטאַליען.

אָבער נאָך מעהר ערפאָלג האָט ער דאָן געהאַט ביי איטאַליע־נער פרויען. ער איז ניט נור געווען יונג, טאַלענטפאָל און רייך, זאָנדערן אויך שעהן, עלעגאַנט און העכסט אנציהענד. יעדען טאָג פלעגט ער קריעגען פעק מיט ליעבע־בריעף, און וואו נאָר ער פלעגט זיך בעווייזען, פלעגט ער באָמבאַרדירט ווערען מיט פלאַמענדע בלי־קען פון איטאַליענער שעהנהייטען. ניט־ווילענדיג איז ער געוואָרען א דאַמען־העלד. נאָר ער איז צופיעל פערטיעפט געווען אין מוזיק און איבערהויפט אין קונסט, לעזענדיג נאָך דערצו זעהר פיעל די ווערק פון די בעסטע איטאַליענער פאָעטען און שריפטשטעלער, אום זיך אָפצוגעבען אין גאַנצען צו פערגעניגען און ראָמאַנען. פער־העלטניסמעסיג האָט ער גאַנץ ווענינ געזינדיגט. ער האָט געלעבט זעהר איינפאַך און בעשיידען, הגם ער האָט געהאַט גענוג מיטעל צום גרעסטען לוקסוס. אָפט פלעגט ער פערברענגען גאַנצע טעג אין דיכטען, שפּיעלען און בעטראַכטען די הערליכע איטאַליענישע נאַ־טור, פון וועלכער ער פלעגט שעפּען בעגייסטערונג.

נאָר טראָץ דעם, וואָס ער פלעגט אויסמיידען צו פערפיהרען ראָמאַנען און ענטפערען אויף די ליעבע־בריעף, איז ער ניט איין מאָל ארויסגערופען געוואָרען אויף א דועל פון זיינע געגנער. אזוי ווי ער איז אָבער געוועהנליך געווען גאַנץ אונשולדיג, האָט ער זיך שטענדיג געקענט ארויסדרעהען פון דועלען. מיט אריסטאָקראַטישע דאַמען און פרימאַדאָנעס, וועלכע האָבען געזוכט ארייננצוציהען איהם אין זייער נעץ, האָט ער זיך בעזאָנדערס געהיט צו פערפיהרען א ראָמאַן, און דערפאר האָבען אייניגע פון זיי זיך אָבגערעכענט מיט איהם אויף זייער פאַסאָן. וועגען איינעם פון אזעלכע פעללע האָט ער דערציילט אין א בריעף צו זיינעם א פריינד אזוי:

„ווען איך האָב געשטעלט מיין אָפּערע „ראָמילדאָ און קאָנ־סטאַנציא“ אין פאַדוא, האָט זיך די פרימאַדאָנא, וועלכער איך האָב געצייגט איהר ראָלע, זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז זי זאָל מיט מיר

חתונה האָבען נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג, אָבוואָהל איך האָב איהר קיין געלעגענהייט ניט געגעבען צו אזעלכע האָפנונגען. ווען איך האָב בעמערקט, וואָס זי בעצוועקט, בין איך נאָך פאָרזיכטיגער געוואָרען. מיר האָט זיך גאָר ניט גע׳חלום׳ט, וואָס פאַר טרויעריגע רעזולטאַטען דאָס וועט האָבען פאַר מיין אָפּערע. איך האָב ערוואַרטעט א גרויסען ערפאָלג. אָבער ווען עס איז געקומען די נאַכט פון דער פאָרשטעלונג — א זעהר הייסע נאַכט — און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען בין איך א צוציטערטער געוואָרען. שטעלט זיך פאָר מיין לאַגע, ווען די זינגערס האָבען געזונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ערשט אַראָב פון א קראַנקען־בעט און אַז דער אָרקעסטער האָט ניט אָנגעהויבען צו שפּיעלען ריכטיג. דאָ האָט דער טרומייטער דורכגעלאָזען א נויטיגע נאָטע און מיט א מאָל א בלאָז געטאָן אין רעכטען מיטען פון אַן אריע, אַז עס האָט געדונערט אין די אויערען; דאָ האָט דער באַראַבאַן געקלאַפּט אַזוי ווי ער וואָלט געוועקט מתים; דאָס איז די פּלייטע פערקראָכען אין בויבעריק. דאָס פּובליקום האָט זיך אָנפאַנגס קראַנק־געלאַכט פון דיזע „קונצען“, אָבער צולעצט זיינען אַלע אין כעס געוואָרען. ווען איך בין צוגעלאָפען צום דירעקטאָר און צו די אַרטיסטען, האָב איך געקראָגען די אַנטוואָרט: „עס איז צו הייס, מען קען גאָר ניט אָטהעמען.“ צו אַלע צרות האָבען נאָך די איטאַליענישע צייטונגען פערשפּרייט א בעריכט, אַז מיין אָפּערע איז דורכגעפאַלען און האָבען געמאַכט בייסענדע בעמערקונגען אויף מיין רעכנונג. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז די זינגערס און דער אָרקעסטער האָבען זיך פערבונדען געגען מיר, אָבוואָהל איך האָב זיי גאַנץ גוט בעהאַנדעלט און זיי זיינען געוועזען פריינדליך צו מיר ביי די רעפּעטיציעס. אָבער ערשט מיט א צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון איניגע מוזיקאַנטען, אַז די אורזאַכע פון גאַנצען סקאַנדאַל איז געווען די פּרימאַדאָנאַ, וועלכע האָט געהערשט אין טהעאַטער און האָט אַלעמען געצוואונגען צו שפּיעלען, ווי איהר האָט זיך געוואָלט, אום זיך אָפּצורעכענען מיט מיר פאַר מיין גלייכגילטיגקייט צו איהר ליעבע. דאָס איז געווען איהר ווייבערשע ראַכע.“

.5

פערלאָזט בערלין און בעזעצט זיך אין פאַריז.

אין 1822 האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך בערלין מיט אַ נאָמען פון אַן ערפאָלגרייכען קאָמפּאָזיטאָר אין איטאַליען. דאָן איז אויך געקומען אַ סוף צו זיינע ראָמאַנען אָדער גיכער צו די ליעבע־אַטאַקעס פון פיעלע שעהנהייטען אויף איהם, דען ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע מינע מאָססאָק.

ער האָט גערעכענט, אַז יעצט, ווען ער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין איטאַליען, וועט ער נעהמען בערלין מיט שטורם; אָבער ער האָט גאָר אַ ביטערען טעות געהאַט. פון אַלע זייטען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן אויף איהם פיינדליכע קריטיקען. מען האָט איהם ערקלערט פאַר אַן איינפאַכען שקלאַוו פון דער איטאַליענער אָפּערע און פאַר אַ פעררעטהער צו דער דייטשער מוזיק, וועלכע איז דאָן ארויסגעטראָטען אַלץ קרעפטיגער אויף איהר זיעגרייכען וועג. פיעלע האָבען געשריען, אַז ער איז ראָסיני'ס נאָכשלעפּער און אַז ער איז אין גאַנצען פערלאָרען פאַר די דייטשע מוזיק. אַפילו זיין גרויסער פריינד קאַרל וועבער, וועלכער האָט איהם געהאָלפען אויפצופיהרען די אָפּערע „עמא ראָזבור“ אין דרעזדען, האָט נאָך דער פאָרשטעלונג געשריעבען צו אַ פריינד: „מיין הארץ ווערט בעגאָסען מיט בלוט, ווען איך זעהע, דאָס אַ דייטשער קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ ריעזיגען טאַלענט ערניעדריגט זיך נאָכצומאַכען צוליעב אַ קלעגליכען ערפאָלג ביי דער מענגע.“

דיזע אַלגעמיינע אַטאַקעס פון דייטשע מוזיקאַנטען און קריטיקער האָבען איהם נאַטירליך שרעקליך געקרענקט. ער האָט אָנפאַנגס זיך ניט געקענט ערקלערען, וואָרום מען איז אַזוי בייז אָנגעפאַלען אויף איהם; אָבער ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די ערנסטע קריטיקער, האָט ער זיך ארומגעזעהען, דאָס ער איז ווירקליך געווען צופיעל אונטער דעם איינפלוס פון דער איטאַליענער מוזיק און אַז ער האָט כמעט פערלאָרען זיין זעלבסטשטענדיגקייט. דאָרום האָט ער זיך אָבגעזאָגט צו שרייבען ווייטער איטאַליענישע אָפּערעס,

אבוואהל ער האט געקראגען פיעלע בעשטעלונגען פון טהעאטער־דירעקטארס.

צו די צרות, וואס ער האט געהאט פון די דייטשע קריטיקערס, זיינען נאך צוגעקומען פאמיליען־אונגליקען. זיין פאטער, וועלכען ער האט היים געליעבט, איז געשטארבען, און ניט לאנג נאכדעם, זיינע ערשטע צוויי קינדער. דאס האט אויף איהם אזוי שמערצליך געווירקט, אז א פאר יאהר האט ער גאר ניט געקענט אונטערנעהמען. זיין דיכטונגס־קראפט איז ווי אבגעשטארבען געווארען. אויסער רעליגיעזע מוזיק האט ער גאר ניט געקענט קאמפאנירען.

ווען מעיערבעער איז שוין געווען אן עלטער מאן, פלעגט ער ניט קענען רעדען וועגען דיזע צייט אהן טרערען אין די אויגען.

נאר מיט דער צייט זיינען די וואונדען ביסלעכווייז פערהיילט געווארען, און ער האט זיך געקענט נעהמען צו דער ארבייט. אין דייטשלאנד אבער, וואו די מוזיקאלישע וועלט איז אזוי העפטיג ארויסגעטראטען געגען איהם און האט איהם בעטראכט אלס א פעררעטהער צו דער דייטשער מוזיק, האט ער ניט געקענט האפען אויף אן ערפאלג, און ער האט דארום בעשלאסען צו פרובירען זיין גליק אין א'ן אנדער לאנד. ער האט ניט פיעל בעדארפט טראכטען, אום אויסצוקלייבען פראנקרייך, וואו ברייטע פעלדער זיינען געווען אפען פאר אלע טאלענטען און וואו אלע פרייהייטס־קעמפפער, אלע גרויסע גייסטער האבען געפונען וואס זיי האבען געזוכט און דערצו נאך פרייהייט און זיכערהייט. פאריז איז דאן געווען דער צענטער פון דער ציוויליזירטער וועלט נאך מעהר ווי אין אונזערע טעג. קונסט און ליטעראטור האבען דארט בעזאנדערס געגלענצט און געפונען א פרייען וועג. קינסטלער, פאעטען, פאליטישע עמיגראנטען, געלעהרטע — יעדערער האט דארטען געהאט זיין קרייז און האט געקענט אויף פערברענגען די צייט מיט פערגניגען. דאס לעבען האט דארטען געקאכט, און דער פאליטישער קאמפף, וועלכער האט זיך געענדיגט אין יולי 1830 מיט א נייער רעוואלוציאן, האט געברענט.

אבער מעיערבעער איז געווען צו פיעל פערטיפט און פערטאן אין זיין קונסט, אום זיך צו בעשעפטיגען מיט פאליטיק. קינסטלער

נעהמען איבערהויפט זעהר זעלטען אנטהייל אין א פּאָליטישען קאַמפּף, זייער קונסט פיהרט זיי אין א גאַנץ אנדער ריכטונג; זיי אינטערעסירען זיך מעהר מיט א בילד, א סטאַטוע, א דראַמע, אָפּערע, א. ז. וו., ווי אפילו מיט א רעוואָלוציאָן. מעיערבעער איז אין דיזער בעציהונג ניט געווען אַן אויסנאַהמע, ער איז געבליבען פרעמד צו די פּאָליטישע בעוועגונגען אין פראַנקרייך ניט נאָר ווען ער האָט זיך דאָרט בעזעצט, זאָנדערן אויך ווען ער איז געוואָרען א פראַנצויז און איז, זאָ צו זאָגען, צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען מיט זיין צווייטען פאַטערלאַנד. זיין פרייהייטס־גייסט האָט ער נאָר אויסגעדריקט אין זיינע אָפּערעס, מיט וועלכע ער האָט ערשטוינט און ענטציקט די וועלט. דער פרייער, לעבעדיגער און דראַמאַטי־שער גייסט פון די פראַנצויזען האָט זיך אויסגעגאָסען אין זיין מו־זיק. אָהן פראַנקרייך וואָלט זיך מעיערבעער׳ם זשעניע ניט ארויס־געצייגט מיט אזא פראַכט און גלאַנץ.

גראַדע ארום דער צייט, ווען ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָ־זען זיין אונדאַנקבאַרע פאַטערלאַנד, איז ער איינגעלאַדען געוואָרען פון דעם אָפּערן־דירעקטאָר ראָסיני אין פּאַריז צו דיריזשירען זיין אָפּערע „קרייץ־ציגער", וועלכע האָט אין א קורצער צייט גענומען די איטאַליענער מיט שטורם אַן האָט אויך געמאַכט א רייזע איבער דער ציוויליזירטער וועלט. דיזע אָפּערע איז זיכער געווען די בעסטע פון די יעניגע, וועלכע ער האָט געשריבען אין איטאַליען נאָך דעם איטאַליענישען מוסטער. פריהער האָט דיזע אָפּערע גראַדע ניט אויסגענומען אין פּאַריז, אָבער דיזעס מאָל איז דער ערפאָלג געווען א ריעזיגער. אזא טריאומף האָט ער נאָך ביז דאַן ניט געהאַט. פּאַריז, די וועלט־שטאָדט פון קונסט, איז איינפאַך געלעגען צו זיינע פיס. מען האָט איהם געטראָגען אויף די הענד און בעשאָטען מיט בלומען. אפילו זיין גליקליכע מוטער, וועלכע איז געקומען זעהען איהר זוהן׳ס נצחון, האָט מען בעשאָטען מיט בלומען. פּאָעטען האָבען איהר געלויבט אלס די מוטער פון אזא געניאַלען זוהן. ראָסיני זעלבסט, דער גרויסער איטאַליענישער מייסטער, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער פּאַריזער אָפּערע, האָט איהם

ערלמוטהיג געשטיצט, ווי איבערהויפט אַלע יונגע טאַלענטען.

דאָס האָט פּאַסירט אין 1827טען יאָהר. נאַטירליך, די טירען פון די אריסטאָקראַטישע סאַלאָנען זיינען געווען פאַר איהם אזוי אָפען ווי די טעמפּלען פון קונסט. אין די סאַלאָנען פלעגט ער זיך צוזאמענטרעפען מיט די גרעסטע פּאָעטען און קינסטלער פון יענער צייט, ווי היינע, אַדאַם מיצקיעוויטש, וויקטאָר הוגאָ, לאַמאַרטין, שאַטאָבריאַן, האַלעווי, אָבער, א. ז. וו. ווען ער האָט זיך אין גאַנ־צען אריבערגעצויגען אין זיין וואָהנונג אין פּאַריז, איז דאָרט געוואָ־רען אַ צענטער פאַר די גרעסטע מענער פון דער וועלט־שטאָדט. דער גרויסער פערמעגען פון זיינע עלטערן האָט איהם ערלויבט צו לעבען ווי אַ מאָנאַרך און צו געבען הערליכע אונטערהאַלטונגען פאַר די געסט, וועלכע פלעגען האַלטען פאַר אַן עהרע צו זיין ביי איהם. ער זעלבסט האָט געלעבט זעהר איינפאַך, אָבער ער איז געווען זעהר גאַסט־פריינדליך און האָט ליעב געהאַט צו פערברענגען די צייט אין דער געזעלשאַפט פון זיינע אינטימע פריינד, וועלכע זיינען כמעט אַלע געווען קינסטלער און פּאָעטען. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט ער שנעל פערגעסען אָן די קריינקונגען און פאַמיליען־שמערצען, וואָס ער האָט געהאַט אין בערלין, און זיין מוזע האָט אויפגעלעבט מיט אַ נייער קראַפט, אַ קראַפט, וועלכע האָט שנעל בעצויבערט די וועלט.

די יעניגע, וועלכע האָבען געמיינט, אז מעיערבעער האָט אין דעם גערויש און אין די פערגניגען פון אַ רייכען לעבען אין פּאַריז פערלאָרען זיין פריהערען חשק צו ארבייט, האָבען אַ גרויסען טעות געהאַט. זיין קינסטלערישע נאַטור האָט איהם קיין מאָל ניט דער־לאָזען זיך אָבצוגעבען צו ניעדריגע ליידענשאַפטען, צו תאוות; זי האָט איהם געטריעבען צו גייסטיגע פערגניגען, צו דאָס שעהנע און ערהאַבענע. אין דעם קרייז פון רייכטהום, גלאַנץ און עלעגאַנץ, אין וועלכען ער האָט געלעבט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו לעזען, שטודירען דעם כאַראַקטער פון פראַנצויזישען פאָלק און בעזאָנדערס פון די פראַנצויזישע מוזיק. ביסלעכווייז איז ער דורכ־געדרונגען געוואָרען מיט'ן פראַנצויזישען גייסט, ווי פריהער מיט

דעם איטאַליענישען. וואָס מעהר ער האָט שטודירט די פראַנצויזישע מוזיק, האָט ער זיך אַלץ שטאַרקער איבערצייגט, אַז זי פּאַסט אַם בעסטען פאַר זיין כאַראַקטער, פאַר זיין זשעניע. „איך האָב לאַנג געזוכט און קאָמפּאָנירט,“ האָט ער ערקלערט, „ביז איך האָב אויסגעפונען, צו וואָס איך בין מעהר געניינט און געשאַפען. איך האָב לאַנג פּרובירט ביז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז געשיכטע און שטאַרקע דראַמאַטישע כאַראַקטערען זיינען מיין עלעמענט.“

ער האָט דאַן בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע אויף דיזען נייען וועג; נאָר צוערשט האָט ער בעדאַרפט אויסגעפינען אַ פּאַסענדען ליברעטיסט. ער האָט גלייך געזעהן, אַז פאַר אַן אמת דראַמאַטישע מוזיק דאַרף מען האָבען אַזאַ אינהאַלט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו איהר און זאָל זיין געשריעבען פון אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ער האָט לאַנג געזוכט אַ גוטען ליברעטיסט. ער האָט זיך געווענדעט צו פיעלע בעוואוסטע שריפטשטעלער און זיי פערשפּראָכען די בעסטע בעלוינונג; אָבער ער האָט געקראָגען ווייניג בעלנים אויף אַזאַ שווערע און אויך אונדאַנקבאַרע אַרבייט. אַ גוטע ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערע איז אַ העלפט פון ערפאָלג. ניט איין מאָל זיינען אָפּערעס פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען דורכגעפאַלען צוליעב שלעכטע און נאַרישע ליברעטאָס. פון דעסטוועגען קימערט זיך דאָס פּובליקום גאָר ניט וועגען דעם פערפאַסער פון אַ ליברעטאָ. מען קומט זעהן אַן אָפּערע, און געוועהנליך אינטערעסירט מען זיך ניט צו וויסען דעם ליברעטיסט׳ס נאָמען. דאַרום ענטזאָגען זיך בעוואוסטע דראַמאַטורגען און שריפטשטעלער פון אַזאַ אַרבייט. ווי מעיערבעער האָט אַליין דערצעהלט, האָט ער בעשטעלט ביי פיעלע פּאָעטען ליברעטאָס, נאָר ער האָט זיי געמוזט אָבגעבען צוריק זייער אַרבייט, נאַכדעם ווי ער האָט בעצאָהלט דערפאַר. אין אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינד האָט ער זיך בעקלאָגט, וואָס די פּאָעטען האָבען געקוקט אויף אַן אָפּערע ווי אויף אַ שפּיעלכעל, אויף אַ „קיצלען פון אויערן“, און האָבען ניט געוואָלט צוגעבען, דאָס מען קען מוזיקאַליש **אויסדריקען אַ כאַראַקטער פון אַ פּערזאָן.**

.6

די אָפּערע „ראָבערט־טייוועל“.

ענדליך האָט מעיערבעער געפונען א פּאַסענדען ליברעטיסט אין דער פּערזאָן פון דעם בעריהמטען סקריב. זיי זיינען געוועזן ווי געבאָרען איינער פאר דעם אַנדערען. סקריב האָט ליעב געהאַט גלענצענדע עפעקטען, דראַמאַטישע סצענען, און זיין פאַנטאַזיע איז געוועזן רייך און אָפט ווילד. צו זיינע ליברעטאָס האָט מעיערבעער לייכט געקענט פערפאַסען אַזאַ מוזיק, אז זיא זאָל זיין גלענצענד און דראַמאַטיש.

די ערשטע ליברעטאָ, וואָס סקריב האָט אָנגעשריעבען פאר מעיערבעער'ן, איז געוועזן „ראָבערט־טייוועל“. דער אינהאַלט איז בעגרינדעט אויף א לעגענדע אין נאָרמאַנדיען וועגען א פּרינץ ראָ־בערט, וואָס איז געבאָרען געוואָרען מיט אַלע צייהנער און האָט אויס שלעכטסקייט געביסען די ברוסט פון זיין מוטער. דערפאר האָט מען איהם א נאָמען געגעבען: „טייוועל“. אין דיזער פאַנטאַסטישער געשיכטע ווערט פאָרגעשטעלט דער קאַמפּף צווישען שלעכטעס אין דער פּערזאָן פון דעם פערקערפּערטען טייוועל בערטראַם, און גוטעס אין דער פּערזאָן פון אליסא. ראָבערט טייוועל מאַכט אָן אזוי פיעל צרות, פערפיהרט פרויען און טויטעט זייערע מענער, פאָטערס און ברידער, ביז מען פעריאָגט איהם און ער הויבט אָן צו וואַנדערן אי־בער דער וועלט, זוכענדיג דעם טויט אין שלאַכטען און דועלען. זיין פאָטער, בערטראַם, וועלכער האָט פערפיהרט די שיינע און שטאָלצע בערטהאַ, די טאָכטער פון דעם נאָרמאַנער פּרינץ, פערטהיידיגט איהם איבעראַל און רעטעט איהם פון טויט. ער האָט ליעב זיין זוהן און שטרעבט נור איהם אָנצורייצען צו אַלעם בייזעס, אום איהם נאָכהער אריינצוקריגען אין גיהנום. אין די אונטערהעצונגען פון דעם טייוועל בעשטעהט דער גאַנצער דראַמאַטיזמוס פון דער ליב־רעטאָ. די איינצעלהייטען זיינען פאַנטאַסטישע אין העכסטען גראַד. ראָבערט בעגעהט פיעלע פערברעכען, ער וויל זאָגאר בע־געהן א גרויסע גאָטעס־לעסטערונג, נעמליך אראָבצרייסען די אייביגע

גרינע צווייג אויף דעם קבר פון דער הייליגער ראָזאַליאַ. בערטראַם רעדט איהם ענדליך צו צו פערקויפען זיין נשמה צום טייוועל, אָבער ראָבערט ווערט גערעטעט אין דער רעכטער מינוט פון דער גוטער אַליסאַ און האָט שליעסליך חתונה מיט זיין געליעבטער פּרינצעסין איזאַבעלאַ פון סיציליען. דאָס גוטע בעזיעגט דאָס שלעכטע, ווי דאָס פּאַסירט אַזוי אָפט אין טהעאַטער און אַזוי זעלטען אין ווירקליכען לעבען...

עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו דערצעהלען דעם גאַנצען אינ־האַלט פון „ראָבערט־טייוועל“, ווי פון אַנדערע אָפּערעס, וועלכע מעיערבעער האָט נאָכדעם קאָמפּאָנירט אויף אונגעפעהר דעם זעל־בען וועג. פון די אָנגעצייגטע אַלגעמיינע שטריכען פון „ראָבערט־טייוועל“ זעהט מען גענוג, אַז מעיערבעער האָט געהאַט די מעגליכ־קייט צו געבען ווירקליך דראַמאַטישע מוזיק, צו ריהרען דעם עולם מיט הארמאָנישע קלאַנגען, וועלכע זאָלען ענטשפּרעכען די מאָנאָלאָ־גען און ווערטער. ווי ווייט דאָס איז איהם געלונגען, האָט געצייגט דער אויסעראָרדנטליכער ערפאָלג פון דיזער אָפּערע, וועלכע איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1830 און וועלכע פערבלייבט נאָך ביז יעצט אַלס אַנציהונג אין יעדער אָפּערן־הויז.

זעלטען ווען אַן אָפּערע האָט אַזוי אויפגערודערט א וועלט און האָט גלייך אַזוי שטאַרק אויסגענומען, ווי „ראָבערט־טייוועל“, מעיערבעער האָט קיין מיה און געלד ניט געשפּאָרט צו געבען אַזאַ גלענצענדע פאָרשטעלונג, ווי עס איז נור מעגליך געווען אין יענער צייט. ער האָט אויסגעקליבען די בעסטע זינגערס און דעם בעסטען אָרקעסטער. דער בעריהמטער נורי האָט געשפּיעלט די ראָלע פון ראָבערט טייוועל, און מאַדאַם פאַלקאָן, וועלכע האָט געגלאַנצט מיט איהר זיסער שטימע אַזוי ווי מיט איהר שעהנהייט און יוגענד, האָט געשפּיעלט די פּרינצעסין איזאַבעלאַ. מען האָט געמאַכט אַזאַ רעש מיט די גרויסע פאָרבערייטונגען, דאָס ווען מען האָט נאָך רעפּעטירט די אָפּערע, האָט שוין דער עולם געוואַרט מיט דער גרעסטער אונ־געדולד אויף איהר. די ערשטע פופציג פאָרשטעלונגען האָבען גע־געבען אונערהערטע אין יענער צייט איינגאַהמען. אין זיין בע־

גייסטערונג האָט דער עולם פערגעסען אפילו אָן אזעלכע געליעבטע קאָמפּאָזיטאָרען ווי ראָסיני און אָבער. אין דער פּאריזער געזעל־שאפט האָט זיך איינפאך געקעהרט א וועלט מיט „ראָבערט־טייוועל“. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דעם איינדרוק, וואָס דיזע אָפּערע, וועלכע איז ניט נאָר רייך מיט הערליכע מעלאָדיען, זאָנדערן איז אויך פּערפאסט געוואָרען אין א נייעם גייסט און מיט געוואלדיגע דראמאטישע עפעקטען, האָט דאן געמאכט אויף די צוהערער.

פון פּאריז האָט זי געמאכט א שנעלע רייזע איבער דער וועלט און האָט אויך אריבערגעשפּרייזט דעם אטלאנטישען אָקעאן. מען האָט די פראנצויזישע ליברעטאָ באלד איבערזעצט אין אלע שפּראַ־כען פון דער ציוויליזירטער וועלט און איבעראל איז „ראָבערט־טיי־וועל“ אויפגענומען געוואָרען מיט אזעלכע שטורמדיגע אפּלאָדיסמענ־טען, ווי אין פראנקרייך. אין איינצע שטעדט האָט מען געשפּיעלט „ראָבערט־טייוועל“ אין צוויי טהעאטערם מיט א מאָל.

אָט דאָס איז געווען דער ערפאָלג, וועגען וועלכען מעיערבעער האָט אזוי לאנג געטרוימט. יעצט האָט ער שוין קיין צווייפעל גע־האט, אז ער האָט געטראָפען דעם ריכטיגען וועג, אז ער האָט גע־עפענט א נייעם וועג אין דער אָפּערע־מוזיק. פון אלע זייטען האָט מען איהם געלויבט ביז׳ן הימעל און ערקלערט פאר דעם גרעסטען אָפּערן־קאָמפּאָזיטאָר. די מאָטיווען פון „ראָבערט־טייוועל“ האָט מען געקענט הערען אין פּאריז און שפּעטער אין אנדערע שטעדט אויף יעדען ווינקעל, און זאָגאר יעצט — ווער האָט ניט געהערט זינגען אָן אריע פון דיזער פּאָפּולערער אָפּערע? נאָר אין דייטשלאנד האָט מען איהם נאָך אלץ ניט געוואָלט אנערקענען און מען האָט אויף איהם געגאָסען פעך און שוועבעל. דער ערפאָלג פון „ראָ־בערט־טייוועל“ האָט נאָך מעהר אויפגעבראכט די דייטשע קריטי־קער. זיי האָבען נאָר געזוכט אָנצוצייגען אויף די פעהלערען און די שוואכע זייטען פון דיזער אָפּערע, און מען דאַרף ניט זיין א מוזי־קאנט אָדער א מוזיקאלישער קריטיקער, אום צו געפינען דאָרטען חסרונות; אָבער זיי האָבען ניט פערשטאנען אָדער ניט געוואָלט

פערשטעהן איהרע גוטע זייטען און ספּעציעל דעם דראַמאַטיזמוס פון דער מוזיק.

מעיערבעער'ס ביטערסטע געגנער אין דייטשלאַנד זיינען גע־ווען שומאַן און מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי,ביידע גרויסע זשעניען. זיי האָבען איהם ניט געקענט פערגעבען וואָס ער האָט זיך אָבגע־טרייסעלט פון דער דייטשער מוזיק. זייער מוזיק האָט געטראָגען א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. שומאַן האָט זיך בעזאָנדערס בעריהמט געמאַכט מיט זיינע ליעדער; מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי מיט זיינע קאָנצערט־שטיקער און אָראַטאָריעס. זייער מוזע איז יעדענפאַלס ניט געשאַפען געוואָרען פאַר אָפּערעס. מענדעלסאָהן־באַרטהאָלדי, וועלכער איז טריי געבליבען צו דער דייטשער שולע, האָט אַזוי גע־שריעבען וועגען „ראָבערט־טייוועל“:

„דאָ געהט יעצט שטענדיג מעיערבעער'ס „ראָבערט־טייוועל“ מיט גרויס ערפאָלג. דער טהעאַטער איז פול, און די מוזיק געפעלט אַלעמען. דיזע אָפּערע איז אַ געמישעכץ פון אַלערליי סצענען, וואָס אַזעלכע האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן. ווער עס קען נאָר טאַנצען, זינגען און שפּיעלען אין פּאַריז, טאַנצט, זינגט און שפּיעלט דאָרטען. דער סוזשעט איז א ראָמאַנטישער, דאָס הייסט, דער טייוועל בעווייזט זיך, (דאָס איז גענוג פאַר דעם ראָמאַנטיזמוס און די פאַנטאַזיע פון די פּאַריזער). אָבער ער איז דאָך זעהר א שלעכטער, און ווען ניט די צוויי סצענען פון פערפיהרונג, וואָלט ער אויך קיין עפעקט ניט געמאַכט. דיזער טייוועל איז א קלעגלי־כער טייוועל, ער ערשיינט אין דעם קאָסטיום פון א ריטער און הייסט בערטראַם. אויף אַזאַ קאַלטע און אויסגעקוועטשטע פיגור קען איך מיר גאָר ניט פאָרשטעלען אירגענד וועלכע מוזיק, דאַרום געפעלט מיר ניט דיזע אָפּערע. זי איז דורכאויס קאַלט, אָהן א נשמה. איך האַלט זאָגאַר, אז זי איז ניט עפעקטפאָל. פיעלע ליבען די מוזיק, אָבער דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין אמת און געפיהל, דאָרטען קען איך קיין מאָס ניט געפינען.“

דער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר פון „ליעדער אָהנע וואָרטע“ האָט דאָ געזאָגט א גרויסע וואהרהייט; אָבער ער האָט פערגעסען, אז ניט

אלע מענשען זיינען גלייך אין זייערע געפיהלען און שטרעבונגען און אז דער גרויסער עולם זוכט ניט די וואהרהייט אין אָפּערעס. בערטראַם און ראָבערט־טייוועל זיינען פאַנטאַסטישע פּערזאָנען, און די גאַנצע ליברעטאָ האַלט ניט אויס די מינדעסטע ערנסטע קריטיק; אָבער די אריען זיינען דאָך מערקווירדיג דראַמאַטיש און מעלאָדיש. דאָס פּובליקום איז ענטציקט געוואָרען פון דיזער אָפּערע גראַדע צוליעב דיזע דראַמאַטישע מוזיק און האָט זיך אין אַלגעמיין גאַנץ וועניג געקימערט אויב דער סוזשעט האָט עפּעס א טיעפען זינען.

מעיערבעער האָט יעדענפאַלס אויך געהאַט דעם פערגניגען צו זעהען, ווי זיינע דייטשע קריטיקער האָבען געקריצעט מיט די ציי־נער אין מאַכטלאָזען כעס, ווען „ראָבערט־טייוועל" איז אין 1832 אויפגעפיהרט געוואָרען אין בערלין מיט גרויס ערפאָלג. ער אַליין האָט דיריזשירט, און אין טהעאַטער האָט עס געדונערט מיט אַפּלאָ־דיסמענטען נאָך יעדען אַקט, נאָך יעדער אריע, נאָך יעדען דועט. דער קעניג האָט איהם בעעהרט מיט דעם טיטול האָף־קאָמפּאָזיטאָר. נאָר איהם איז דאַן געווען צו ענג אין בערלין, עס האָט איהם געריסען נאָך פּאַריז, און ווייטער האָט ער ניט געקענט פערטראָגען די אַטאַקעס פון זיינע קריטיקער, וועלכע האָבען ניט גערוהט. דאַרום האָט ער זיך אין א קורצער צייט נאָך דער פאָרשטעלונג ווידער גע־זעגענט מיט זיין געבורטס־שטאָדט.

7.

„די הוגענאָטען“.

„ראָבערט-טייוועל“ האָט מיט אזא צויבערקראפט געצויגען דעם עולם, דאָס די דירעקציאָן פון דער פאַריזער אָפּערע האָט באלד בע־שטעלט ביי מעיערבעער'ן אַ נייע אָפּערע אויף סקריב'ס א ליברעטאָ אונטער דעם נאָמען „די הוגענאָטען“. ער האָט נאַטירליך גלייך אָנ־גענומען דעם פאָרשלאַג און האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו דער ארבייט מיט גרויס בעגייסטערונג. ער האָט זיך דאן געפיהלט דער גליק־ליכסטער מענש אויף דער וועלט. זיין גרויסער עהרגייץ איז בעפרי־דיגט געוואָרען. זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. זיין מוזע האָט דערגרייכט ביז צום הימעל, און דער ריעזי־גער ערפאָלג פון „ראָבערט טייוועל“ האָט איהם געגעבען מוטה און בעלעבט. דערצו נאָך איז די ליברעטאָ פון „די הוגענאָטען“ ניט דער ערך בעסער ווי די ליברעטאָ פון „ראָבערט-טייוועל“. סקריב האָט אויך געפיהלט, אז ער דארף שאַפען אזא ליברעטאָ, וואָס זאָל ווירקליך זיין היסטאָריש, דראמאטיש און שפּאַנענד פאר'ן פּובליקום.

ניט אומזיסט האָט ער אויסגעקליבען די טראגישע צייט פון דער בארטהאָלאָמעער נאַכט פאר די מעכטיגע טענער פון מעיער־בעער'ס מוזיק. דאָ האָט ער געקענט אָנשרייבען א ריהרענדע דראמא און בלייבען אויף א ווירקליך היסטאָרישען באָדען. אין „ראָבערט-טייוועל“ איז פון דער געשיכטע ניט געווען מעהר, ווי דער נאָמען פון דעם העלד; אָבער אין „די הוגענאָטען“ איז פאָרגע־שטעלט א ריכטיגע היסטאָרישע צייט. דאָרט ווערט איבערגעגע־בען דער געוואַלטיגער און בלוטיגער קאמפף צווישען די קאטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען אין פראנקרייך אין 16טען יאהרהונדערט. א קאמפף, וועלכער האָט ארויסגערופען איינע פון די שרעקליכסטע בלוטפערגיסונגען אין דער געשיכטע — די אויסשלאכטונג אין דער נאַכט פון 24טען אויגוסט, 1572, גענאַנט לכבוד דעם קאטאָלישען הייליגען בארטהאָלאָמעאוס: „בארטהאָלאָמעער שחיטה“.

אזוי ווי אין „די הוגענאָטען“ האָט מעיערבעער בעזאָנדערס

ארויסגעוויזען זיין זשעניע, און אזוי ווי דיזע אָפּערע איז ניט נור זיין בעסטע און גלענצענדסטע ווערק, זאָנדערן אויך איינע פון די בעסטע אָפּערעס אין דער וועלט, אַזעלכע וואָס וועט וואהרשיינליך קיין מאָל ניט אראָבגעהן פון דער סצענע, ווילען מיר אין קורצען איבערגעבען איהר אינהאַלט.

די טראגעדיע איז ענטוויקעלט ארום דער ליעבע פון דעם הו־גענאָט (פּראָטעסטאנט) ראאול צו דער טאָכטער פון דעם פאנאטי־שען קאטאָלישען פיהרער, גראף סען־ברי.

דער ערשטער אקט פאנגט זיך אָן מיט א פעסט אין דעם שלאָס פון דעם קאטאָלישען גראף נעווער, וועלכער האָט אויך איינ־געלאדען ראאול'ן אלס צייכען פון פריעדען מיט די הוגענאָטען. די געסט פערברענגען די צייט זעהר לוסטיג און דערצעהלען געשיכ־טען, בעזאָנדערס פון זייערע ראָמאנען. ראאול דערצעהלט דאן, אז גראדע ניט לאַנג צוריק האָט ער שפּאצירענדיג בעגעגענט א טראָג־בעטעל, וועלכע איז בעפאלען געוואָרען פון א באנדע יונגע בויאנעס. ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו הילפע און האָט פּעריאָגט די בויאנעס. נאָר ווי גרויס איז געוועזען זיין ערשטוינונג, ווען ער האָט אויף דעם טראָג־בעטעל דערזעהן א יונגע מיידעל פון בלענ־דענדע שעהנהייט. זי האָט אין איהם אויך גלייך אָנגעצונדען א פלאַם פון ליעבע; אָבער ביז יעצט וויים ער נאָך ניט ווער זי איז. נאָר דיזע ליעבעס־געשיכטען ווערען אונטערבראָכען דורך א דיענער, וועלכער זאָגט אָן דעם בעל־הבית, אז אַן אונבעקאנטע וויל איהם זעהן אין גאָרטען. ער לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען. ער האָט שוין ניט איין מאָל בעזיעגט ווייבערשע הערצער און ער איז זיכער, אז דאָס איז א נייער ראָמאן. די געסט לויפען צו די פענסטער א קוק טאָן אויף דער אונבעקאנטער דאמע, צווישען זיי אויך ראאול, וועל־כער דערקענט צו זיין שרעק און פערצווייפלונג, אז דאָס איז די רייי־צענדע מיידעל, וועלכע ער האָט געראטעט פון די בויאנעס. אָבער ער האָט ניט פיעל צייט צו טראכטען וועגען דעם, דען באלד קומט אָן א פּאזש פון דער קעניגין מארגאריטע מיט א בריעף, אין וועלכען מען לאָזט איהם וויסען, דאָס פאר זונען־אונטערגאנג וועט קומען נאָך

איהם איהרער א שליח און וועט איהם אוועקפיהרען מיט פערבונ־
דענע אויגען אין איהר פּאַלאַץ. די געסט זיינען איהם זעהר מקנא,
רינגלען איהם ארום און בעגריסען איהם מיט אזא גליק. זיי מיי־
נען, אז די קעניגען זעלבסט האָט זיך אין איהם פערליעבט. בעזאָנ־
דערס פרעהט זיך זיין דיענער מאַרסעל, וועלכער איז א פערברענטער
הוגענאָט און איז זעהר צוגעבונדען צו זיין יונגען הערר. דיזער
מאַרסעל שטעלט פאָר א טיפּ פון א פייערדיגען הוגענאָט, וואָס איז
בערייט צו געהן אין פייער און וואַסער פאר זיין גלויבען און זיין
פּאַרטיי. דער אקט ענדיגט זיך מיט דער סצענע, ווי פערמאַסקיר־
טע מענשען קומען נאָך ראַאול'ן, פערבינדען איהם די אויגען און
פיהרען איהם אוועק צו דער קעניגין.

די געסט האָבען אָבער געהאַט א טעות, ווען זיי האָבען גע־
מיינט, אז די קעניגין האָט געוואָלט פערפיהרען א ליעבע מיט דעם
יונגען הוגענאָט. דער צוועק פון דער זאָנדערבאַרער איינלאַדונג,
וועלכע שטימט מיט די פיהרונגען פון יענער צייט, איז געווען פון
איהר זייט נאָר אַ פּאָליטישער. דאָס ערקלערט זיך אין צווייטען
אַקט, וועלכער פאַנגט זיך אָן מיט א לוסטיגע סצענע אין דעם גאָר־
טען פון דער קעניגין'ס פּאַלאַץ אין שענאָנסאָ. איינינע האָפדאַמען
באָדען זיך, אנדערע לויפען ארום און שפּיעלען זיך אין גאָרטען. די
קעניגין פיהרט אין דער צייט אָן ערנסטען געשפּרעך מיט איהר
געליעבטע האָף־פריילין וואַלענטינע, וועלכע גיסט אוים איהר הארץ
וועגען איהר ליעבע צו ראַאול'ן. זי דערצעהלט, אז זייט זי איז
גערעטעט געוואָרען פון דעם יונגען הוגענאָט, האָט זי אויפגעהערט
צו ליעבען איהר חתן גראף נעווער. זיא איז דארום אוועק צו איהם
אין שלאָס בעטען איהם ער זאָל איהר בעפרייען פון איהר וואָרט.
די קעניגין פערשפּרעכט איהר הילפע, דען זי וויל פערבינדען די
קאַטאָלישע פריילין מיט אַ הוגענאָט, אום דורכדעם אָבצושוואַכען
דעם פּאַרטיי־קאַמפּף צווישען די קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען.
דארום הייסט זי עס ברענגען דעם העלד אין איהר פּאַלאַץ. באַלד
ווי ער ערשיינט פאר דער קעניגין, ערקלערט זי איהם איהר צוועק,
און ווען ער שטימט איין חתונה צו האָבען מיט א קאַטאָלישער פריי־

ליין, רופט זי צוזאמען איהרע האָף־קאוואלירען, דארונטער אויך די גראפען נעווער און סען־ברי. דער לעצטער שטעלט פאָר זיין טאָכטער ראאול'ן, וועלכער טרייסעלט זיך אָב פון איהר, ווייל ער האָט איהר געזעהען אין נעווער'ס גאָרטען. ער ענטזאגט זיך מיט איהר חתונה צו האָבען, און וואלענטינע, וועלכע פערשטעהט ניט די אורזאכע, פאלט אין אָהנמאכט. איהר פאָטער און גראף נעווער פערלאַנגען אַן ערקלערונג. זיי זיינען העכסט אויפגעבראכט פאר אזא בעליידיגונג. ראאול ענטזאגט זיך אָבער און שווייגט. ער ווייס ניט, אז וואלענטינע איז געווען נעווער'ס כלה, און ער וויל איהר ניט ארויסגעבען. זיי רופען איהם דאַן ארויס אויף א דועל; אָבער די קעניגין מישט זיך אריין און האלט אָב דעם דועל דורך דעם, וואָס זי הייסט ארעסטירען דעם יונגען הוגענאָט. אין דערזעלבער צייט זאָגט זי אָן די צוקאָכטע גראפען, אז דער קעניג פערלאַנגט זיי זאָלען דעמזעלבען טאָג קומען אין פאריז. זיי ווילען ניט פאָהרען. אָבער זיי האָבען מורא ניט צו פאָלגען. זיי פערלאָזען דארום די קעניגין, נאָר זיי שווערען זיך אָבצורעכענען מיט דעם הוגענאָט.

דער דריטער אַקט קומט פאָר אין פאריז. וואלענטינע, וועלכע האָט פערלאָרען די האָפנונג אויף ראאול'ס ליעבע, לאָזט זיך איינרעדען פון איהר פאָטער חתונה צו האָבען מיט איהר פריהערען חתן גראף נעווער. אויף דער סצענע בעווייזט זיך א חתונה־פראָצעסיאָן, וועלכע קומט אריין אין א קירכע. וואלענטינע בעט גראף נעווער צו לאָזען איהר אליין אין קירכע נאָך דער צערעמאָניע, דען זי וויל בעטען ביי גאָט טרייסטונג און בערוהיגונג. אין הארצען האָט זי נאָך אלץ ליעב ראאול'ן, אָבוואָהל זי דענקט, אז ער האָט איהר אָבגענאַרט און בעליידיגט. גראף נעווער גיט נאָך איהר ביטע און געהט ארויס פון קירכע צוזאמען מיט זיין שווער, גראף סען־ברי. נאָר ער שטויסט זיך באַלד צוזאמען מיט מאַרסעל'ן, וועלכער איז געקומען נאָך פאריז מיט זיין הערר ראאול. מארסעל דערלאַנגט דעם גראף סען־ברי א בריעף פון זיין הערר און ווערט א צוציטערטער, ווען ער דערוויסט זיך פון דעם גראף, אז דאָס איז אַן אויפפאָדערונג צו א דועל. ער בעשליסט גלייך אויפצופאַסען, אז דער

דועל זאָל ניט געפּאַכטען ווערן. גראף סען־ברי זאָגט גאָר ניט זיין אויי־
דים וועגען די אויפפאָדערונג, אום ניט צו שטערען זיין גליקליכע
חתונה. ער געהט אריין מיט זיינעם א מיטהעלפער אין דער קירכע,
וואו זיי בעשליסען אומצובערענגען ראאול'ן. וואלענטינע דערהערט
זייער געשפּרעך און לויפט ארויס אין שרעק פון דער קירכע. דער־
זעהענדיג מאַרסעל'ן, דערצעהלט זי איהם וועגען די פערשווערונג
אויף דעם לעבען פון זיין הערר, אוןביידע מאַכען אָפּ איהם צו רע־
טען. דערווייל קומט אָן ראאול און באלד נאָך איהם א באַנדע
בעוואפענטע מענשען, וועלכע רינגלען איהם ארום און זיין טרייען
דיענער מאַרסעל. דאַן הויבט מאַרסעל אָן צו שרייען און צו רופען
צו הילפע די הוגענאָטען, וועלכע קומען צולויפען און פאנגען אָן א
געפעכט מיט די קאַטאָליקען. נאָר אין רעכטען מיטען פון דיזען
אַלגעמיינעם קאמפּף בעווייזט זיך די קעניגין מיט גראף נעווער,
וועלכער איז געקומען אָבנעמען זיין פרוי וואלענטינע. אוים אכ־
טונג צו דער קעניגין הערען די געגנער אויף זייער געפעכט און צו־
געהען זיך מיט סטראשונקעס און פיינדליכע אויסרופען.

אין פיערטען אקט ווייס שוין ראאול, אז וואלענטינע ליעבט
איהם. ער גנב'עט זיך אריין אין איהר פּאַלאַץ, אום איהר צו ער־
קלערען די אורזאַכע פון דער מיספערשטענדנים, צוליעב וועלכע זיי
זיינען ביידע אונגליקליך געוואָרען. זיי האָבען אָבער קיין צייט ניט
פאַר ליעבע, דען גראדע קומען אָן פיעלע קאַטאָלישע אדעליגע צו־
זאַמען מיט די גראַפען סען־ברי און נעווער. סען־ברי ערקלערט
זיי דעם פּלאַן ווי אויסצושעכטען אלע הוגענאָטען. גראף נעווער
ענטזאגט זיך אנטייל צו נעמען אין אזא ניעדערטרעכטיגע פערשווע־
רונג. ער ערקלערט, אז זיין עהרע ערלויבט איהם ניט צו בעגעהן
אזא געמיינעם פערברעכען. ראאול, וועלכער ליגט די גאַנצע צייט
בעהאַלטען און הערט פון דעם פּלאַן פון דער „בארטהאָלאָמעער
שחיטה", וויל ביי די ערשטע געלעגענהייט אוועקלויפען אָנזאָגען
זיינע ברידער הוגענאָטען פון דער געפאַהר און קעמפּפען מיט זיי
צוזאַמען אויף לעבען און טויט. וואלענטינע לאָזט איהם אָבער ניט
געהן, זי בעט איהם רחמים, מיט טרערען אין די אויגען, ער זאָל ניט

געהן אויף א זיכערען טויט. ער בלייבט שטעהן א מינוט, ניט ווי־סענדיג וואָס צו טאָן, נאָר ווען ער דערהערט פון גאַס געשרייען פון אטאַקע און קרעכצען פון די בעפאלענע אָפּפער, שפּרינגט ער ארויס דורך א פענסטער און לאָזט איבער זיין געליעבטע אליין.

דער פינפטער און לעצטער אקט שטעלט פאָר די שרעקליכע באַרטהאָלאָמעער נאַכט. וואלענטינע פאָלגט נאָך ראאול'ן און גע־פינט זיך דארום אין די רייהען פון די הוגענאָטען. איהר עדעלער מאָן פאַלט אין א געפעכט, ווען ער וויל פערטהיידיגען מארסעל'ן, וועלכער קעמפּפט ווי אַ לייב. גראַף סען־ברי איז דער אָנפיהרער פון א באַנדע קאטאָלישע פאַנאַטיקער, וועלכע שעכטען הוגענאָטען אָהן ערבאַרמען. ער הייסט זיי שיסען אויף אלע הוגענאָטען, און איינע פון די ערשטע קוילען טרעפט גראדע זיין טאָכטער, וועלכע פאַלט אַ טויטע.

דאָס איז א גרויסע דראמע, וועלכע ווערט מיט אנדערע איינ־צעלהייטען אויך געשפּיעלט אָהן מוזיק. מעיערבעער האָט זיך מיט בעגייסטערונג אָנגעכאַפּט אָן אזא געלעגענהייט צו בעווייזען זיין דראמאַטישע קראַפט אין מוזיק. ער האָט געארבייט ליידענשאַפט־ליך, און דער אונגעהייערער ערפאָלג פון דער אָפּערע איז געווען זיין פערדיענטע בעלוינונג. ווען מען וויל ריכטיג אורטהיילען מעיערבעער'ן און זיין מוזיק, דאַרף מען שטודירען דיזע אָפּערע, וועלכע איז זיין קרוינונגס־ווערק. ווען ער וואָלט מעהר גאָר ניט קאָמפּאָנירט, וואָלט ער זיך אונשטערבליך געמאַכט בלויז מיט „די הוגענאָטען", אזוי ווי גונאָ מיט זיין בעסטע אָפּערע „פאוסט". דאָס זיינען אמת'ע בעגייסטערטע ווערק פון צוויי גרויסע מוזיקאלישע זשעניען.

די פראנצויזישע צייטונגען זיינען פול געווען מיט איינצעל־הייטען און בעריכטען וועגען דיזע גלאַנץ־אָפּערע נאָך לאַנג איידער מען האָט איהר איבערגעגעבען די ארטיסטען צום שטודירען. אין דער צייט, ווען מעיערבעער האָט שוין אויסגעקליבען די ארטיסטען, נאַטירליך, די בעסטע און פאַסענדסטע, האָט עס גראדע געטראָפען, אז זיין פרוי איז ערנסט קראַנק געוואָרען און האָט געמוזט אוועקגע־

פיהרט ווערען אין א קורבאד. מעיערבעער האט געהאט אויסצו־קלייבען צו צאהלען 30.000 פראנק שטראף פאר ניט שטעלען די אפערע אין צייט אדער לאזען זיין פרוי אין פרעמדע הענד. ער האט בעשלאסען בעסער צו פערלירען 30.000 פראנק צו דער גרעסטער אונצופריעדענהייט פון דער אפערע־דירעקציאן. זיין פרוי האט זיך, צו אלגעמיינער צופריעדענהייט, שנעל ערהאלט, און אין פעברואר, 1836, האט מען ענדליך געקענט געבען די ערשטע פארשטעלונג פון „די הוגענאטען". דער דירעקטאר, וועלכער האט פאראויסגעזעהען א גרויסען פערדיענסט, איז געווען גרויסמוטהיג גענוג אומצוקעהרען די 30.000 פראנק דעם איבערגליקליכען קאמפאזיטאר.

דער בעסטער און ערפאלגרייכסטער נומער פון דיזער גלענ־צענדער אפערע איז דער דועט פון ראאול און וואלענטינא אין פיער־טען אקט. דאס ווערט אנערקענט פון אלע מוזיקאלישע קריטיקער. אבער ערשט נאך דער פארשטעלונג האט מען זיך דערוואוסט, אז דיזער דועט איז געשאפען געווארען אין א הייסער מינוט גראדע מיט א טאג פאר דער פארשטעלונג.

דאס האט פאסירט אזוי: נאך דער לעצטער אלגעמיינער רעפעטיציע איז מעיערבעער געקומען צו זיין נאהענטען פריינד הוען זעהר א דערשלאגענער און בלייכער.

— אה, די אפערע וועט דורכפאלען, האט ער אויסגעשריען אין פערצווייפלונג און האט זיך אראבגעלאזען אויף א שטוהל אן אוים־געמאטערטער. — אלעס געהט קאפויר. נורי ערקלערט, אז ער וועט קיינמאל ניט זיין אין שטאנד צו זינגען דעם לעצטען נומער פון פיערטען אקט, און אלע גיבען עס צו. וואס זאל איך יעצט טאן?

— ווארום זאלט איהר ניט אנשרייבען א נייע אריע? האט דער פריינד געפרעגט.

— דאס איז אונמעגליך. סקריב ענטזאגט זיך צו ענדערן יעצט אפילו איין ווארט אין דער ליברעטא.

— אזוי גאר! וויפיעל ווערזען דארף מען האבען?

— ניט פיעל, בלויז פיר די אנדאנטע.

— גוט, ווארט נאָר דאָ עטליכע מינוט. איך וועל שוין אויפ־זוכען א פּאָעט.

עס איז שוין געווען 11 אוהר ביי נאכט, אָבער מעיערבעער׳ס טרייער פריינד האָט זיך א לאָז געטאָן צום פּאָעט עמיל דעשאַן, וועמען ער האָט גראדע געפונען צו הויזע און האָט איהם גלייך מיטגעבראכט. דער פּאָעט האָט זיך א נעהם געטאָן צו דער פעדער, און דער קאָמפּאָזיטאָר צו דער פּיאַנאָ. אין אונגעפעהר פיער שטונדען איז אזוי געשאפען געוואָרען א נייער דועט. מעיערבעער האָט אָן אויג ניט צוגעמאכט דיזע נאכט, און ווי נאָר עס האָט אָנגעפאנגען צו טאָגען, האָט ער זיך אריינגעריסען צום זינגער נורי מיט׳ן דועט אין האנד.

— פּרובירט נור זינגען, פיעלייכט וועט אייך דיזער דועט געפעלען ווערען בעסער ווי דער ערשטער — האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג אויסגעשריען.

דער פערשלאָפענער נורי האָט איבערגעקוקט דעם דועט, גענומען זינגען, און ווי נור ער האָט געענדיגט, האָט ער ארומגעכאפּט דעם קאָמפּאָזיטאָר און אויסגעשריען:

— אָט דאָס איז וואָס מען דארף! דאָס הייסט אָן אונגעהייערער ערפאָלג! איך פערזיכער אייך, איך שווער עס! לויפט גלייך אָנשרייבען אלעס וואָס איז נויטיג פאר דעם אָרקעסטער. פערליערט ניט א מינוט!

דיזער דועט איז אָזוי געזונגען געוואָרען דעם זעלבען אבענד. איידער דער פאָרהאנג האָט זיך אראָבגעלאָזען נאָך דעם פיערטען אקט, איז דער קאפּעלמייסטער גאבענעק ארויפגעשפּרונגען אויף דער ביהנע אונטער די דונערנדע אפּלאָדיסמענטען פון פּובליקום און האָט ארומגענומען ראאול׳ן (נורי) און וואלענטינע (מאדאם פאלקאָן). אלע צוזאמען, די זינגערס, די כאָריסטען און מוזיקאנטען, האָבען ארויסגעטראָגען דעם קאָמפּאָזיטאָר אויף דער ביהנע און איהם מיט דער גרעסטער פריידע בעגריסט אין דער צייט, ווען דאָס גאנצע פּובליקום האָט געשטורמט מיט אפּלאָדיסמענטען און בראוואָס.

אין דער גאַנצער וועלט האָט עס אין אַ קורצער צייט אָבגעקלונ־גען מיט די אריעס פון „די הוגענאָטען“. דיזע אָפּערע איז שנעל געוואָרען פּאָפּולער אין אַלע לענדער, אפילו אין דייטשלאַנד, וואו די קריטיקער זיינען געקראָכען פון הויט אָבצוקיהלען די בעגייסטע־רונג פון פּובליקום. דיזע קריטיקער האָבען וויעדער נור געזוכט פעהלערען און שוואכע זייטען, אָבוואָהל זיי האָבען געמוזט צוגעבען, אז עס איז שווערער צו געפינען אזעלכע ווי אין „ראָבערט־טייוועל“.

אין זייער האָס צום „פּעררעטהער“, וועלכער האָט מיטגעריסען אַ וועלט פאר זיין מוזיק, האָבען זיי ניט געוואָלט זעהען, אז די אריען פון די הויפּט העלדען אין „די הוגענאָטען“ זיינען ניט נור מעלאָדיש און ריהרענד אין העכסטען גראַד, זאָנדערן ענטשפּרעכען אויך זייער כאַראַקטער. מען דאַרף ניט וויסען, צום ביישפּיעל, ווער מארסעל איז, מען קען איהם פערשטעהן נאָך די טענער און אריעס, וואָס מע־יערבעער האָט איהם אַריינגעלייגט אין מויל. דאָס נעמליכע קען מען זאָגע וועגען וואַלענטינע, סען־ברי און ראַאול. וואָס אנבעלאַנגט צום אויבען־דערמאָנטען דועט אין 4טען אקט, זאָ האָט אַ בעוואוסטער מוזיקאנט און קריטיקער ערקלערט, אז „דאָס איז איינער פון די בעסטע שירים פון ליעבע. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט עס ארויסגעריסען פון זיין הארצען און אַ שליידער געטאָן צאַפּלענדיג אויף דער סצענע.“

שוין באַלד 60 יאָהר זיינען פאַראיבער נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „די הוגענאָטען“, און דאָך בלייבט דיזע אָפּערע איינע פון די אנציהענדסטע און בעליעבטעסטע אין אַלע לענדער. ווער ווייסט וויפיעל מאָל זי איז שוין אויפגעפיהרט געוואָרען אין דער וועלט?

8.

זיין מוזיקאלישע טהעטיגקייט אין בערלין.

א קורצע צייט נאָך דער אויפפיהרונג פון „די הוגענאָטען" האָט מעיערבעער בעזוכט זיין מוטער אין בערלין און האָט אויסגעפונען א סיוזשעט פאר א נייע גרויסע אָפּערע. נאָך דיזען סיוזשעט האָט סקריב אָנגעשריעבען „די אפריקאנערין". נאָר דיעזעס מאָל האָט מעיערבעער פערלאַנגט אזוי פיעל ענדערונגען, אז סקריב האָט פער־לאָרען די געדולד און האָט זאָגאר געסטראשעט מיט א פראָצעס.

זיי וואָלטען זיך אין גאנצען צוקריעגט, ווען מעיערבעער וואָלט ניט איינגעלאדען געוואָרען פון פריסישען קעניג פריעדריך וויל־העלם צו פערנעמען דעם פלאַץ פון גענעראל־מוזיק־דירעקטאָר. אין דערזעלבער צייט האָט איהם דיזער קעניג אויך בעעהרט מיט א גרויסען אָרדען. מעיערבעער האָט אָנגענומען דיזע הויכע שטעלע, נאַטירליך ניט צוליב די געהאלט (דאָס האָט בעטראָפען סך הכל 4000 טהאלער, און מעיערבעער האָט עס געשאָנקען דעם אָרקעס־טער), נאָר אום צו ערגערען זיינע בייזע קריטיקער. ער האָט עס מיט רעכט בעטראכטעט פאר א זיעג נאָך די אונאויפהערליכע אטאַ־קעס פון די דייטשע קריטיקער און קאָמפּאָזיטאָרען.

אין בערלין איז ער צו דער צייט געווען א ליעבלינג פון קעניג און פון גאנצען פובליקום. דער קעניג פלעגט איהם אָפטמאָל איינ־לאַדען צו זיך אויף א מאָהלצייט און זיי פלעגען זעהר אנגענעהם פערברענגען די צייט. די פרינצען, פרינצעסינען און פיעלע העפ־לינגע זיינען דאן גראדע געווען ליעבהאָבערס פון מוזיק און זיי האָ־בען אויף איהם געקוקט ווי אויף א גאָט.

דאָך האָט עס איהם געצויגען נאָך פאריז, וואו דער קלימאט האָט אויך געשטימט מיט זיין נאטור. ער איז אימער געווען א שוואכער, און אין בערלין האָט ער זיך פיעל ערגער געפיהלט ווי אין פאריז. דערצו נאָך איז ער ניט געווען געשאַפען פאר א לעבען אין א קעניגליכען הויף, וואו אינטריגען ווערען א צווייטע נאטור. ער האָט זיך דארום אָבגעזאָגט פון דעם אמט, אָנהאַלטענדיג נאָר דעם

טיטול, ווי דער קעניג האָט עס געוואונשען. ער האָט זיך ווידער בעזעצט אין פּאַריז, נאָר אויף א קורצע צייט פּלעגט ער קומען נאָך בערלין צו דיריזשירען זיינע אייגענע אָפּערעס אָדער וויכטיגע קאָנ־צערטען אין קעניגליכען הויף. מען האָט איהם געהאַלטען פאר אַן אויסגעצייכענטען קאַפּעלמייסטער, נאָר ער האָט פיינט געהאַט אַוועקצונעהמען צופיעל צייט און די רעפּעטיציעס פּלעגען איהם אויף זעהר ערגערן. „די רעפּעטיציעס פּלעגען מיך אָפּט קראַנק מאַכען,“ האָט ער ערקלערט. דערצו האָט ער געפיהלט, אַז ער איז א צו ווייכער מענש צו האַלטען אין צוים די ארטיסטען. ער האָט פּראָטעסטירט געגען די בעהויפּטונג, אַז א קאַפּעלמייסטער מוז זיין גראָב צו די ארטיסטען; אָבער ער האָט צוגעגעבען, אַז מען מוז זיך אַזוי פיהרען, דאָס זיי זאָלען אכטען און ליעבען דעם קאַפּעלמייס־טער, אָבער אויך מורא האָבען פאר איהם.

ער איז געווען צו גוטהערציג און העפליך, אז מען זאָל פאר איהם זיך שרעקען. דערפאר האָט מען איהם זעהר שטארק גע־ליעבט. די מוזיקאַנטען האָבען איהם איינפאַך פערגעטערט, ווייל ער האָט זיי אויך פינאַנציעל געהאָלפען. ער האָט איבערהויפּט גרויסמוטהיג געשטיצט אַרטיסטען, קאָמפּאָזיטאָרען און דראַמאַ־טורגען, אַפילו זיינע געגנער. ער האָט, צום ביישפּיעל, אויסגע־פיהרט, אז די קאָמפּאָזיטאָרען און פערפאַסערס זאָלען קריעגען צעהן פּראָצענט פון די איינגאַהמען און אם וויינינגסטענס דריי נייע דייטשע אָפּערעס זאָלען געשטעלט ווערען יעדען יאָהר. ער פלעגט אויך אָפּט געבען קאָנצערטען פאר וואָהלטהעטיגע צוועקען.

ארום דער צייט האָט ער צום אנדענקען פון זיין פערשטאָר־בענעם ברודער קאָמפּאָנירט מוזיק צו דער טראַגעדיע „סטרוענזע“. דאָס איז געווען איינע פון די בעסטע פּאָעטישע ווערק פון זיין אונ־גליקליכען ברודער, און ער האָט אויך געוואָלט דערפרעהען זיין מוטער מיט פּאַסענדע מוזיק צו דיזער היסטאָרישער טראַגעדיע. (סטרוענזע איז געווען א ליבעראַלער הויפּט־מיניסטער פון דענע־מאַרק, האָט געקעמפּפט געגען די יעזואיטען און איז געקעפּט געוואָרן אין 1772טען יאָהר.) דיזע מוזיקאַלישע שטיק איז אויפגעפיהרט

געוואָרען אין בערלין אין 1846; אָבער מעהר ווי די אָוועראורע ווערט יעצט ניט געשפּיעלט אויף קאָנצערטען. דיזע אָוועראורע געהערט צו די בעסטע אין דער מוזיק.

דער קעניג פריעדריך־ווילהעלם האָט איין מאָל געבעטען מעיער־בער׳ן קאָמפּאָנירען מוזיק צו א גריכישע טראגעדיע. דער קאָמ־פּאָזיטאָר האָט געמאכט א פּראָבע, אָבער ער האָט עס באַלד אויפ־געגעבען, דען ער האָט קיין לוסט געפיהלט דערצו. דאָס איז ניט געווען אין זיין כאַראַקטער. אין א בריעף צו זיינעם א פריינד שרייבט ער וועגען דעם אזוי: „ניין, איך האָב קיין חשק צו שריי־בען מוזיק צו קלאסישע טראגעדיען און סיוזשעטען, ווי מענדעלס־זאָהן. אריינגעבען אונזערע מאָדערנע מוזיק די העלדען פון די אַלטע צייטען איז, נאָך מיין מיינונג, אַן אונזין. די יעצטיגע פּאָעטען און קאָמפּאָזיטאָרען, וואָס האָבען פּרובירט זייערע קרעפ־טען אין קלאַסישע סיוזשעטען, האָבען אונז ניט פאָרגעשטעלט גריע־כען, רוימער און אַלט־דייטשע העלדען, זאָנדערן אזעלכע מאָדערנע מענשען, ווי מיר זיינען. ווען מען וויל שאַפען אזא מוזיק, ווי די גריכען און רוימער האָבען געהאַט, איז עס איינפאַך לעכערליך און צייגט נאָר אויף אונוויסענהייט וועגען די געשיכטע פון קולטור. די אַמאָליגע פעלקער האָבען ניט געהאַט אזא מוזיק, וועלכע מען זאָל ווי ניט איז קענען פערגלייכען מיט אונזערע.“

מעיערבעער איז דאָ געווען אזוי איינזייטיג, ווי מענדעלסזאָהן און שומאַן, וועלכע האָבען איינפאַך ניט געקענט פערטראָגען זיין מוזיק. ער האָט ניט געוואָלט נעהמען אין אַנבעטראַכט, אז דער פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר דריקען שטענדיג אויס אין זייער ווערק דאָס, וואָס זיי פיהלען אליין. ווען מיר הערען מענדעלסזאָהן׳ס אַן אראַטאָריע, צום ביישפּיעל, „אליהו הנביא“, פערשטעהען מיר גאַנץ גוט, אז אליהו מוז אויסדריקען זיינע געפיהלען אין מוזיקאַלישע טענער אַנ־דערס, ווי ראַאוּל אין „די הוגענאָטען“. מיר פערלאַנגען נאָר, **אז דער קאָמפּאָזיטאָר זאָל ווי ווייט מעגליך זיין טריי צו דעם כאַ־**ראַקטער פון זיינע העלדען און אונז עס מאַכען פיהלען. מעיער־בעער׳ס גייסט איז איינפאַך געווען ווייט פון קלאַסישען און עס

האָט איהם געצויגען פאַרצושטעלען מאָדערנע כאַראַקטערען און בילדער.

צו דער צייט האָט ער קאָמפּאָנירט די אָפּערע „דער לאַגער אין סילעזיען", וועלכע איז געשפּיעלט געוואָרען ביי דער ערעפנונג פון נייען אָפּערן־טהעאַטער אין בערלין. די ליברעטאָ איז געשריעבען געוואָרען פון א דייטש און די מוזיק איז קאָמפּאָנירט געוואָרען נאָך דער דייטשער שולע. דאָרום האָט דיזע אָפּערע, וועלכע בעציהט זיך אויף געוויסע פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון פריעדריך דעם גרויסען, וויינינגער ערפאָלג געהאַט אויסערהאַלב דייטשלאַנד. שפּעטער האָט מעיערבעער איהר געענדערט אזוי, אז פון פריעדריך דעם גרויסען איז געוואָרען פּעטער דער גרויסער, און די דייטשע העלדען זיינען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין רוסישע. מען האָט דאַן אויפגעפיהרט די אָפּערע אין פּאַריז און אין פיעלע אנדערע ערטער אונטער דעם נאָמען „נאָרד־שטערן".

אין 1847 האָט ער בעזוכט לאָנדאָן, וואו ער האָט דיריזשירט זיינע אָפּערעס, און נאָכהער האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין בערלין, וואו ער האָט געהאָלפען אויפפיהרען ריכאַרד וואגנער'ס אָפּערע „ריענזי". טראָץ דיזע געפעליגקייטען האָט איהם שפּעטער דיזער יודענפיינדליכער קאָמפּאָזיטאָר ניט נאָר אונגערעכט קריטיקירט, זאָנדערן אויך געמיין געזידעלט.

9.

„דער פּראָפעט“.

נאָך דער פאָרשטעלונג פון וואַגנער׳ס „ריענזי“ אין בערלין איז מעיערבעער אוועק נאָך פּאַריז צו שטעלען זיין אייגענע אָפּערע. דאָס איז געווען דער „פּראָפעט“, וואָס ווערט מיט רעכט אָנגענומען אלס זיין בעסטע אָפּערע נאָך „די הוגענאָטען“. די ליברעטאָ איז אָנגעשריעבען געוואָרען פון סקריב׳ן, מיט וועלכען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשלאָסען שלום. די ליברעטאָ פון „פּראָפעט“ איז געשריעבען נאָך סקריעב׳ס געשמאַק און דראַמאַטישער קונסט. דער אינהאַלט איז א דראַמאַטיש־היסטאָרישער. איינע פון די מערקווירדיגסטע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד ווערט דאָרטען געשילדערט. דאָס איז נעמליך דער אויפשטאַנד פון די בויערן געגען די פּריצים אונטער דער פיהרונג פון דער רעליגיעזער סעקטע אַנאַבאַפּטיסטען אין 16טען יאהרהונדערט. זיי זיינען געווען פּאַנאַטיקער מיט סאָציאַל־פּאָליטישע שטרעבונגען. ספּעציעל האָבען זיי אונטערגעהעצט די בויערן געגען די פּריצים אום אַליין צו ווערען הערשער.

אונטער דער לייטונג פון זייער הויפּט־פיהרער אָדער פּראָפעט מאַטהעאוס האָבען זיי איינגענומען די שטאָדט מיונסטער און פערטריבען פון דאָרטען דעם קאַטוילישען ביסקופּ. נאָך זיין טויט איז דער פּראָפעט פון די אַנאַבאַפּטיסטען געוואָרען א געוויסער יאָהאַן, וועלכער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען יאָהאַן פון לעידען, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט לעידען. מען ווייס ניט אויף זיכער, אויב ער איז פריהער געווען א שענקער אָדער א שניידער; נאָר אין די רייהען פון אַנאַבאַפּטיסטען האָט ער זיך אזוי אויסגעצייכענט, אז ניט נאָר האָבען זיי איהם אנערקענט פאר זייער הויפּט־פּראָפעט, זאָנדערן איהם נאָך ערלויבט צו זאלבען זיך אלס קעניג. מיט די גרעסטע צערעמאָניעס איז ער געקרוינט געוואָרען אין מיונסטער, וואו ער האָט געהערשט ווי אַן אזיאַטישער דעספּאָט. ער האָט געפּרעדיגט קאָמוניזמוס ניט נאָר

פון אייגענטהום, זאָנדערן אויך פון פרויען. זיינע אנהענגער האָבען זיך צולאָזען איבער אלע שטעדט און דערפאַר ארום צו פּרעדיגען די רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָמוניסטישע שטרעבונגען פון זייער סעקטע.

דער פעריאָגטער בישאָף האָט צוזאַמענגעקליבען א מחנה און בעלאַגערט די שטאָדט. יאָהאַן פון לעידען האָט מוטהיג געקעמפפט און איז איינמאָל פערגעטערט געוואָרען פון די אַנאַבאַפּטיסטען און איבערהויפּט פון פּראָסטען פּאָלק. ענדליך איז ער פערראַטהען געוואָרען פון איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטען און איז אויסגעגאַנגען נאָך שרעקליכע פּייניגונגען אין 1536טען יאָהר.

די גאַנצע בעוועגונג איז נאַכהער אונטערדריקט געוואָרען אין טייכען בלוט. וועגען זיין פּערזאָן ווייס מען גאַנץ ווייניג. זיינע געגנער האָבען איהם זיכער ניט ווייניג פערלוימדעט. זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט אלס אַ אויסוואורף און דערצעהלט, אז ער האָט אין זיין פּאַלאַץ איינגעפיהרט א גרויסען הארעם אזוי ווי א טערקישער סולטאַן. עס איז גיכער אָנצונעהמען, אז ער איז געווען א פאַנאַטישער אַנאַבאַפּטיסט, וואָס האָט געוואָלט פערבעסערען די לאַגע פון די אונגליקליכע בויערן דורך די איינפיהרונג פון רעליגיעז-קאָמוניסטישע געמיינדען.

יעדענפאַלס האָט זיך סקריב זעהר פיין בענוצט מיט דיזע מערקווירדיגע היסטאָרישע פּאַסירונגען פאַר זיין ליברעטאָ און מעיערבעער נאָך בעסער פאַר זיין מוזיק. צוליעב סצענישע עפעקטען האָט זיך סקריב אָפּט אָבגעזאָגט פון היסטאָרישע וואהרהייט און איז פערקראָכען אין פאַנטאַזיעס. בעזאָנדערס דער לעצטער אַקט, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט, ווי יאָהאַן פון לעידען ווערט געטויטעט אונטער די חורבות פון זיין פּאַלאַץ אין רעכטען מיטען פון א לוסטיגען פעסט, שטימט גאָר ניט מיט די געשיכטליכע פאַקטען. דערפאַר איז אָבער די סצענע זעהר עפעקטפאָל און „נעהמט דאָס פּובליקום“.

מעיערבעער האָט ווידער ארויסגעצייגט זיין זשעניע אין דראַמאַטישע מוזיק; אָבער טראָץ דעם, וואָס פיעלע שטעלען זיינע

בריליאנט און די אריעס זעהר ריהרענד און כאראקטעריסטיש, פיהלט מען דאָך, אז די מוזע האָט אין אלגעמיינען ניט אזוי בעגייסטערט דעם קאָמפּאָזיטאָר ווי ביי „די הוגענאָטען". די מערקווירדיג גלענצענדע סצענישע עפעקטען פערדעקען אָפט שוואכע מוזיקאלישע טהיילען אין דיזער אָפּערע.

יעדענפאלס האָט דער „פּראָפּעט" ניט וויינינגער ערפאָלג געהאָט ווי „די הוגענאָטען". אין צייטונגען, אין קאפעס, אין סאלאָנען האָט מען אזוי פיעל גערעדט וועגען מעיערבעער'ס נייע אָפּערע וואָס וועט נאָך איבערטרעפען אין גלאַנץ „די הוגנאָטען", אז דאָס פובליקום האָט געשטורמט דעם טהעאטער צו קריגען בילעטען.

10.

ראַסיני׳ס קנאה, „קלאַקערס“ און „גענעצערס“.

זיין רייכטהום האָט געגעבען מעיערבעער׳ן די מעגליכקייט צו שטעלען זיינע אָפּערעס מיט אזא גלאַנץ און לוקסוס, וועלכע זיינען געווען גאַנץ אונגעוועהנליך אין יענער צייט. ער פלעגט זיך לאָזען קאָסטען א סך געלד ניט נאָר צו קריגען די בעסטע ארטיסטען און דעקאָראַציאָנען, זאָנדערן אויך צו האָבען זיינע זשורנאַליסטען, וועלכע פלעגען פערנאַנדערפּויקען בעצייטענס, וואָס ער האָט נור געוואָלט. מיט דער הילפע פון זשורנאַליסטען און מוזיקאַלישע קריטיקער פלעגט ער שטענדיג קענען געווינען דאָס פּובליקום אויף זיין זייט און שאַפען דיא עפענטליכע מיינונג. מען זאָגט, אז ער האָט אָרגאַניזירט א גאַנצע קאַנצעלאַריע צו רעקלאַמירען זיינע אָפּערעס. היינריך היינע, וועלכער האָט איהם פערעהרט פאר זיין טאַלאַנט, מאַכט פון דעסטוועגען שפּאַס וועגען דיזע זיינע שוואַכע זייט. „מעיערבעער,“ שרייבט ער, „איז ניט נאָר דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר, זאָנדערן אויך דער קאַפּעלמייסטער פון זיין שם. ער דערלאַנגט נאָר א מאַך מיט׳ן קאָפּ, און אלע טרומייטערס פון די גרויסע צייטונגען בלאָזען זיינע שבחים; ער גיט נאָר א מאַך מיט׳ן אויג, און אלע פידלען שפּיעלען איהם א לויב־געזאַנג; ער דערלאַנגט נאָר א שמייכעל, און אלע פּויקעלאַך פון די פּעליטאָניסטען פערהילכען די וועלט מיט זיין נאָמען.“

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס זיינע אָפּערעס האָבען איבעראַל געצויגען מאַסען מענשען און זיינען איבעראַל באַלד געשפּיעלט געוואָרען, ווערהענד אַנדערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען געמוזט אויסשטעהן פיעל צרות און לאַנג ווארטען ביז זייערע אָפּערעס פלעגען דערלעבען צו זעהען דעם שיין פון דער ביהנע. נאַטירליך, זיי האָבען איהם מקנא געווען, און פיעלע פון זיינע פריינדזיינען געוואָרען זיינע ביטערע שונאים, ווען זיין שטערן האָט איבערגעגלאַנצט זייערע. אפילו דער געניאַלער ראָסיני האָט ניט געקענט פערטראָגען, וואָס זיין „שילער“ האָט איהם אריבערגעיאָגט, און ביי

יעדער געלעגענהייט פלעגט ער איהם זוכען קליין צו מאכען און זא־גאר צו זידלען. ראסיני האט דערביי געצייגט, אז זיין פראסטע אב־שטאמונג רופט זיך אב אין איהם. דער גוטהערציגער און אריסטא־קראטישער מעיערבעער האט זיך געהיט צו זאגען א בייז ווארט ווע־גען ראסיני. ער פלעגט איהם שטענדיג אבגעבען דעם גרעסטען כבוד. ער פלעגט איהם אין געשפרעכען און בריעף רופען: „געטלי־כער“ אדער „אונשטערבליכער מאעסטרא“.

נאר דאס האט פון דעסטוועגען איהם ניט אבגעהאלטען אונ־טערצושיקען „גענעצערס“, ווען מען פלעגט שפיעלען ראסיני'ס אפע־רעס. ווי בעוואוסט, איז אין פאריזער טהעאטערס איינגעפיהר־ט צו האלטען געדונגענע בראווא־קלאפערס, גענאנט „קלאקערס“, אום אויפצומונטערן די ארטיסטען און ארויסהעלפען די פערפאסערס. מעיערבעער האט אויפגעהאלטען א סך „קלאקערס“ ניט נאר, אום ארויסצורופען וואס מעהר אפלאדיסמענטען פון פובליקום, זאנדערן אויך צו בעזיעגען די „גענעצערס“, וואס זיינע געגנער פלעגען דינ־גען. ארום יענער צייט האט מען אנגעפאנגען צו געברויכען חברה, וועלכע פלעגען „גענעצען“ ביי פארשטעלונגען, פאר א בילעט אדער א פאר פראנק אן אבענד, אום דורכצוברענגען א דראמע, א קאמעדיע אדער אן אפערע. צווישען די „קלאפערס“ און „גענעצערס“ פלעגט אפט געפיהרט ווערען א לעבהאפטער קאמפף, וועלכער פלעגט זעהר אמוזירען דאס פובליקום.

מען דערצעהלט, אז איין מאל, ווען מען האט אויפגעפיהרט ראסיני'ס אפערע „סעמיראמידא“, איז מעיערבעער אליין געקומען שפיעלען די ראלע פון א „גענעצער“. אין דער צייט, ווען די אר־טיסטין באזיא האט געזונגען די בעריהמטע אריע פון „סעמיראמי־דא“, האט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין לאזשע מיט'ן רוקען צו דער סצענע און האט אנגעפאנגען צו אפלאדירען, אום צו צייגען, אז ער מיינט נאר צו בעעהרען די פיינע זינגערין. נאכהער האט ער זיך געמאכט, אזוי ווי ער איז איינגעשלאפען פון דער מוזיק. איינער האט דאן בעמערקט אין שפאס: „בעטראכט נאר ווי מעיערבעער שפארט זיך איין א „גענעצער“.

ראָסיני איז שליסליך אזוי אין כעס געוואָרען, אז ער האָט מעיערבעער׳ן גערופען יודע. איינמאָל, ווען דער דירעקטאָר פון דער פאריזער אָפּערע האָט געבעטען ראָסיני׳ן אָנצושרייבען א נייע אָפּערע, אום איהם צו טרייסטען נאָך מעיערבעער׳ס אונגעהויערען ערפאָלג, האָט ער אויסגערופען: „ניין, איך וועל בעסער אָבוואַרטען ביז די אידען וועלען ענדיגען זייער טייוולישע חתונה.“ מען בעהויפּטעט, אז מעיערבעער האָט זיך צו־וויינט, ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען ראָסיני׳ס ווערטער. ער איז איבערהויפּט געווען זעהר עמפּפינדליך, און יעדע בעליידיגונג, בעזאָנדערס וועגען זיין אידישע אָבשטאַמונג, פלעגט איהם זעהר קריינקען און מאַנכעס מאָל אויך ארויסרופען טרערען אין זיינע אויגען.

נאָר אלע זיינע קריטיקער און געגנער זיינען געוועזען מאַכטלאָז געגען איהם. ווען ער וואָלט ניט געוועזען אזוי עמפּפינדליך צו יעדען וואָרט געגען איהם, וואָלט ער זיך איינפאַך געקענט אויסלאַכען פון זייער צאָרן, וועלכער איז מייסטענס ארויסגערופען געוואָרען פון קנאה. דאָס פּובליקום האָט פעסט געהאַלטען מיט איהם. מען האָט איהם געטראָגען אויף די הענד, בעשאָטען מיט בלומען, פערגעטערט. וואָס קען דען נאָך מעהר צופריעדענשטעלען אַן ארטיסטישע נשמה? ערפאָלג, א גרויסער נאָמען, פערעהרונג, וועלכע ברענגט אויך רייכטהום — דאָס איז די העכסטע, אויב ניט די איינציגע שטרעבונג פון אלע קינסטלער.

קיין קאָמפּאָזיטאָר האָט ניט געהאַט אזוי פיעל עהרע ביים לעבען, אפילו ניט ראָסיני, ווי מעיערבעער. מען האָט איהם אויך בעשאָטען מיט אָרדענס פון אלע לענדער. דער אוניווערזיטעט פון יענא האָט איהם נאָך בעעהרט מיט דעם טיטעל דאָקטאָר פילאָזאָפיע פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען אין דער מוזיק. מיט דיזען טיטעל האָט ער בעזאָנדערס שטאָלצירט.

.11

זיין מוטער'ס טויט און זיינע לעצטע ווערק.

די צייט האָט זיך גערוקט און האָט ארויפגעלעגט איהר שווע־רען און אונפערמיידליכען שטעמפעל ניט נור אויף מעיערבעער'ס ווערק, זאָנדערן אויך אויף זיין קערפער און געזונד. די אויפרעגונג פאר און נאָך יעדע אָפּערע, זיין אונערזעטליכע יאָגענעס נאָך וואָס מעהר ערפאָלג און בעריהמטהייט האָט זיך גאָר ניט פרעהליך אָבגע־רופען אויף זיין שוואכען גוף. ער האָט געמוזט אָפט פאָהרען זיך קורירען אין בעדער און זיך אויסרוהען. זיין ליעבלינגס קור־אָרט איז געווען ספּא אין בעלגיען. פון איין אָפּערע ביז צו דער אַנדערער פלעגט אַלץ פאָראיבערגעהן א לענגערע צייט. דאָס איז אָבער ניט געקומען בלויז דורך די נאַטירליכע אָבשוואכונג פון זיין מוזע מיט די יאָהרען, זאָנדערן אויך דורך פערשיעדענע אומשטענדען. ער האָט אייגענטליך קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו ארבייטען, ער איז אימער געווען בעשעפטיגט. אויב ער האָט ניט קאָמפּאָנירט, האָט ער די־ריזשירט זיינע אָפּערעס און אויך געגעבען קאָנצערטען.

נאָך די ערשטע פאָרשטעלונג פון „פּראָפעט" האָט ער ביס־לעכווייז געארבייט צו ענדיגען די אָפּערע „אפריקאַנערין", וועלכע ער האָט מיט לאַנגע יאָהרען צוריק אָנגעפאנגען און וועלכע איז ערשט אויפגעפיהרט געוואָרען נאָך זיין טויט. עס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען צו קאָמפּאָנירען דיזע גרויסע אָפּערע אין די על־טערע יאָהרען. די מוזע, וועלכע האָט איהם אזוי קרעפטיג בעגייס־טערט, ווען ער האָט געשריעבען „די הוגענאָטען", האָט איהם אַלץ מעהר פערלאָזען. ער האָט געשריעבען מיט די לעצטע קרעפטען „די אפריקאנערין".

אין דער זעלבער צייט האָט ער קאָמפּאָנירט פערשיעדענע מו־זיקאַלישע שטיקער, געוועהנליך פאר קעניגליכע פעסטליכקייטען אין פּרייסען. צום ביישפּיעל: צו דער חתונה פון דער פּרייסישער פּרינצעסין קריסטינע האָט ער אָנגעשריעבען דעם „פאַקעלטאַנץ"; צו דער זילבערנער האָכצייט פון קעניג ווילהעלם דער 4טער — א

קאַנטאַטאַ; צו דער עפנונג פון פריעדריך דעם גרויסענס מאָנומענט — א געוויסע מוזיקאַלישע שטיק, וועלכע איז נאָכהער אויפגעפיהרט געוואָרען אין פערשיעדענע שטעדט מיט גרויס ערפאָלג אונטער דעם נאָמען „אָדע צו יופיטער“.

דעם 87טען געבורטסטאָג פון זיין מוטער האָט ער בעעהרט מיט מוזיק אויף דעם 31טען קאַפּיטעל תהלים. דיעזע קאָמפּאָזיציאָן איז געשפּיעלט געוואָרען אויף א קעניגליכען קאָנצערט אין פאַלאַץ פון פּאָטסדאַם. אין 1854 האָט ער פערלאָרען זיין הייסגעליעבטע מוטער, און דאָס האָט זיך זעהר שמערצליך אָבגערופען אויף זיין געמיטה און געזונד. דיזע עדעלע פרוי איז בעערדיגט געוואָרען מיט גרויסע צערעמאָניעס. קינסטלער, ליטעראַטען און אויך שטאָדט־בעאַמטע האָבען אנטהייל גענומען אין דער לויה פּראָצעסיאָן, וועלכע איז געשלאָסען געוואָרען פון א מאַסע אידען און אָרימע לייט פון אלע נאַציאָנען.

אום צו צערשטרויען זיין טרויער, האָט ער זיך גענומען צו רעליגיעזע מוזיק. דאָס פלעגט ער געוועהנליך טאָן, ווען ער פלעגט פיהלען שלעכט און טרויעריג. אין רעליגיעזע מוזיק פלעגט ער געפינען א טרייסט, אָבוואָהל ער איז דערצו ניט געשאַפען געוואָרען און האָט זיך דערמיט גאַנץ ווייניג אויסגעצייכענט.

ווען ער האָט זיך בערוהיגט און געפיהלט בעסער אין געזונד, האָט ער זיך גאָר א נעהם געטאָן אָנצושרייבען א לייכטע אָפּערע נאָך א גאַנץ אַנדער מוסטער. דער רעזולטאַט פון דיזער ארבייט איז די אָפּערע „דינאָרא, אָדער דער יום טוב פון פּלאָערמעל“, וועלכע ווערט נאָך אויך יעצט געשפּיעלט, בעזאָנדערס ווען א גרויסע פּריי־מאַדאָנאַ וויל צייגען איהר שטימע אין קאָלאָראַטור. די שווערע ראָלע פון דינאָרא איז געווען ווי געמאָסטען פאַר אדעלינא פּאַטטי, וועלכע פלעגט איהר ליעב האָבען צו שפּיעלען.

דיזע אָפּערע אונטערשיידעט זיך זעהר שטאַרק פון אלע מעיערבעער׳ס ווערק. ניט נאָך דער מוזיק און ניט נאָכ׳ן אינהאַלט איז זי עהנליך צו זיינע גרויסע היסטאָרישע אָפּערעס. דער סוזשעט איז א פאַנטאַסטישער, ארויסגענומען פון א דאָרפישע לעגענדע. די

העלדין דינאָרא איז א דאָרף־מיידעל, וועלכע איז ניט נאָר אָרים, נאָר ליידעט אויך פערשיעדענע צרות. איהר הייזעל ווערט פער־ברענט פון א בליץ אין דער צייט, ווען זי געהט אוועק מיט איהר געליעבטען צו א היילינען קלויסטער. זי ווערט אזוי אָרים, אז איהר געליעבטער ווארפט זי אוועק און טראָגט זיך אָב מיט אַן אַלטען מאַן, וועלכער פערשפּרעכט איהם אין א יאָהר ארום צו ציי־גען דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך א גרויסער אוצר. פון האַרץ־קלעמענעס געהט זי אַראָב פון זינען, בלאָנדזשעט מיט א ציגעלע איבער די פעלדער, וועלדער און בערג, טאַנצט מיט איהר שאטען, זינגט משוגענע ליעדער און וואַרט אַלץ אויף איהר געליעבטען. גראדע ווען ער קומט אויסגראָבען דעם פערשפּראָכענעם אוצר, ברעכט אוים א שטורם, און דינאָרא לויפט זוכען איהר ציגעלע אי־בער א בריק, וועלכער פאַלט איין. איהר געליעבטער רעטעט איהר אין דער רעכטער מינוט, און די מעשה ענדיגט זיך גליקליך. דינאָרא ווערט קלאָר און האָט חתונה מיט איהר געליעבטען.

די מוזיק ענטשפּרעכט דיזער פאַנטאַסטישער ליברעטאָ. איי־ניגע אריעס זיינען זעהר שעהן און גלענצענד. בעזאָנדערס אנצי־הענד איז די ראָלע פון דינאָרא. מעיערבעער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע קונסט צו שאַפפען א פּראַכט־ראָלע פאַר א פיינע קאָלאָראַ־טור־סאָפּראַנאַ, און דאָס איז איהם געלונגען. צוליעב דעם האָט דיזע אָפּערע געהאַט א זעהר גרויסען ערפאָלג. דאָס פּובליקום האָט איהר אויפגענומען מיט אזא פריידע ווי אַלע אנדערע ווערק פון דעם בעליעבטען קאָמפּאָזיטאָר.

נאָך דיזען נייעם ערפאָלג האָט זיך מעיערבעער ווידער גענו־מען ענדיגען „די אפריקאנערין“. אין דער זעלבער צייט — דאָס איז געווען אין 1859 — האָט ער אויך פערפאַסט מוזיקאַלישע שטי־קער צו עהרע פון די גרעסטע דייטשע פּאָעטען שיללער און געטהע. אין פּאַריז האָט מען דאַן אָרגאַניזירט א הערליכע פעסטליכקייט צו שיללער׳ס אנדענקען און מען האָט זיך געווענדעט צו מעיערבעער׳ן אָנצושרייבען די מוזיק צו די ווערטער פון דעם פּאָעט פּ ע י. ער האָט עס אָנגענומען מיט דעם גרעסטען פערגניגען, און האָט קאָמ־

פֿאָנירט א קאנטאטא און א שיללער־מארש, וועלכער איז נאכהער געשפּיעלט געוואָרען אין דער גאנצער וועלט. נאָך דיזען בעריהמ־טען מארש האָט ער זיך מיט גרויס בעגייסטערונג, אזוי ווי ער וואָלט געווען א יונגערמאַן, גענומען צו קאָמפּאָנירען א רייהע מוזיקאלישע בילדער אלס אַן אָווערטורע צו דער דראמא „געטהע׳ס יוגענד“, וועלכע איז אָנגעשריעבען געוואָרען פון דעם פראנצויזישען דראמא־טורג בלאַז־דע־ביורי און וועלכע האָט געהאַט אַן ערפאָלג אין פּאַריז. ער האָט געוואָלט שאַפען א גאַנץ אָריגינעלעם ווערק און א מוזיקאַ־לישע פאַנטאַזיע אויף געטהע׳ס פּאָעזיען. ער האָט געוואָלט פאָר־שטעלען, אזוי ווי פאוסט, מארגאריטע, מיניאָן, דער וואלד־קעניג א. ז. וו. טראָגען זיך פאר דעם פּאָעט׳ס אויגען. אָבער ביז יעצט האָט מען נאָך דיזע קאָמפּאָזיציאָנען ניט געשפּיעלט. מעיערבעער האָט זיך ענטזאגט איהר איבערצוגעבען דעם דירעקטאָר פון אָדעאָן טהע־אטער, וואו מען האָט אויפגעפיהרט „געטהע׳ס יוגענד“. זי איז פערבליבען צוזאמען מיט דער אָפּערע „יהודית“ און אייניגע ניט געענדיגטע קאָמפּאָזיציאָנען צווישען די דאָקומענטען, וואָס מעיער־בעער האָט איבערגעלאָזען.

אין 1863 האָט מעיערבעער ענדליך אָנגעפאנגען צו מאַכען פּאָרבערייטונגען צו שטעלען „די אפריקאנערין“, אויף וועלכע ער האָט פיעל מעהר געארבייט ווי אויף אירגענד וועלכע פון זיינע גרעסטע ווערק. מיר ווייסען שוין, אז דיזע אָפּערע איז פערצויגען געוואָרען יאָהרען לאַנג. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געוואָלט שאַפען אַן אָפּערע, וואָס זאָל נאָך איבערטרעפען „די הוגענאָטען“; אָבער די קרעפטיגע מוזע מיט דער יוגענדליכער בעגייסטערונג האָט איהם שוין לאַנג פערלאָזען, און ער האָט געמוזט אָפט ענדערן און איבער־ענדערן די אריעס. עס איז בעוואוסט, אז ער האָט געארבייט מיט גרויס חשק און פריידע צו שענקען דער וועלט אַן אָפּערע, וואָס זאָל בלייבען זיין קרוינונגס־ווערק; אָבער ער האָט ניט דערלעבט איהר אליין צו שטעלען. וויסענדיג גאַנץ גוט, אז נאָך א גרויסע אָפּערע וועט ער שוין ניט זיין אים שטאַנד צו שאַפען אויף דער עלטער, ווען ער איז נאָך דערצו אָפט קראַנק געוואָרען, האָט ער געוואָלט

אויפפיהרען „די אפריקאַנערין“ מיט דעם גרעסטען גלאַנץ. כמעט א גאַנצען יאָהר האָט ער געזוכט פּאַסענדע ארטיסטען. ווען ער האָט אזעלכע געפונען, און מען האָט שוין אָנגעפאַנגען צו שטודירען און רעפּעטירען די אָפּערע, האָט ער איהר געשאָנקען זיין צווייטען פאַטערלאַנד צום אנדענקען. „די אפריקאַנערין“ איז אזוי געוואָרען דאָס אייגענטהום פון פראַנצויזישען פאָלק.

.12

זיין טויט און גלענצענדע טרויער־פּראָצעסיאָן אין פּאַריז און בערלין.

נאָך אין רעכטען מיטען פון די לעצטע רעפּעטיציעס איז ער אַזוי קראַנק געוואָרען, אַז די דאָקטוירים האָבען באַלד אויפגעגעבען די האָפנונג אויף זיין ערהאָלונג. ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט; אָבער אפילו אַ פּאָר טעג פאַר'ן טויט האָט ער נאָך דערצעהלט, וואָס פאַר מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען ער וועט אויספיהרען, ווען ער וועט געזונד ווערען. די דאָקטוירים האָבען איהם אויפגעמונטערט און געטרייסט מיט האָפנונגען, אָבוואָהל זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז זיינע שטונדען זיינען געצעהלטע. כמעט ביז דער לעצטער מי־נוט איז ער געבליבען ביי'ן פולען פערשטאַנד. דעם 2טען מאַי, 1864, האָט ער פערלאָזען די וועלט, וועלכע ער האָט בעצויבערט מיט זיין מוזיק. טראָץ זיינע פיזישע שוואַכקייטען, אָפטע קראַנק־הייטען און שטענדיגע אויפרעגונג, האָט ער דערלעבט ביז אַן אַלטער פון 73 יאָהר. לעבען זיין טויטענבעט האָט ער איבערגעלאָזען אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט געבעטען, אַז זיין קערפּער זאָל בלייבען ליגען פיער טעג ביז די בעערדיגונג, ווייל ער האָט זעהר מורא גע־האַט, טאָמער וועט מען איהם גאָר בעגראָבען לעבעדיגערהייט. זיין לעצטען ווילען האָט מען הייליג אויסגעפיהרט, און די איינוואָהנער פון פּאַריז האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען דעם אויסגע־צעהרטען גוף פון דעם אונשטערבליכען קאָמפּאָזיטאָר. מאַסען מענ־שען זיינען געקומען אָבגעבען דעם לעצטען כבוד זייער געליעבטען אָפּערען־קעניג.

אַ הערליכע לויה האָט מען געמאַכט אין פּאַריז. דער ברייטער און פּראַכטפאָלער בולוואַר שאַן־זעליזע (עליסעער פעלדער) איז פער־נומען געוואָרען פון דעפּוטאַציאָנען פון קאָנסערוואטאָריעס, טהע־אַטערס, מוזיקאַלישע געזעלשאַפטען, און ריעזיגע מאַסען האָבען פערנומען די טראָטוארען פון אַלע גאַסען, דורך וועלכע די טרויער־פּראָצעסיאָן האָט זיך געצויגען ביז דעם נאָרד־וואָקזאַל, פון וואַנען

מען האָט דעם קערפּער אָבגעפיהרט נאָך בערלין, ווייל מעיערבעער האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל איהם בעערדיגען לעבען דעם קבר פון זיין געליעבטער מוטער. דער טרויער־וואָגען איז געווען בעציערט מיט שטערען און אָרדענס, וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געקראָגען פון אלע מלכים אין דער ציוויליזירטער וועלט. עטליכע קארעטען פול מיט די טהייערסטע בלומען האָבען זיך געצויגען נאָך דעם טרויער־וואָגען.

פאָראויס איז געגאַנגען דער גראַנד־ראבינער פון פאַריז מיט מיטגליעדער פון דער אידישער קאָנסיסטאָריע. נאָך דעם טרויער־וואָגען האָבען געפאָלגט דעפּוטאַציאָנען מיט זייערע פלאַגען, קינסטלער, שריפטשטעלער, אַ מאַסע פערעהרער און מיליטער מיט אָרקעסטערס, וועלכע האָבען געשפּיעלט די מאַרשען פון מעיערבעער'ס אָפּערעס. אין איין אָרט פון די גרויסע פאַריזער בולוואַרען איז צוגעקומען אַ דעפּוטאַציאָן פון דאַמען און האָט ארויפגעלייגט אויפ'ן ארון בלומענקראַנצען. דער ריעזיגער וואָקזאל איז געווען בעצויגען אין טרויער. אין מיטען פון דעם גרויסען זאַאל איז אויפגעשטעלט געוואָרען א מזבח מיט א ברענענדען פאַקעל. די ווענד זיינען געווען בעציערט מיט שילדען, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשריעבען געווען די נעמען פון מעיערבעער'ס ווערק. אַרום דעם מזבח זיינען אויפגעבויט געוואָרען טריבונען מיט פלעצער פאר די העכסטע בעאַמטע פון שטאָדט, פאר מיניסטערס, סענאַטאָרען, דעפּוטאַטען און די נעהנטסטע פריינד פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, דאַרונטער אויך זיין פרוי און טעכטער. נאָך תפילות אין העברעאיש און פראנצויזיש האָבען פערטרעטער פון דער רעגיערונג און אקאַדעמיעס געהאַלטען ריהרענדע רעדעס. דער הויפּטרעדנער איז געווען דער מיניסטער און אקאַדעמיקער עמיל אָליוויע.

„די פראנצויזישע נאַציאָן בעוויינט דאָ איהר אָנגענומענעם זוהן, מיט וועלכען זי האָט זיך אזוי פיעל יאָהרען געפרעהט,“ האָט ער געזאָגט. „לאָמיר פון גאַנצען הארצען בענשען די בעגייסטערטע מענשען, וועלכע פערטיעפען זיך אין זייער קונסט און טראָגען זיך אוועק אין די העכסטע קרייזען, פון וואַנען זיי שיקען אראָב ליעדער

פון פריידען און טרייסט אין דער צייט, ווען מיר מאכען דורך אַ ביטערען קאמפף פאר עקזיסטענץ. ניט נאָר בעגיסען זיי אונזער אָבגעמאַטערטען גייסט מיט ערפרישענדע טוי, זאָנדערן דיענען אויך אַלס פערמיטלער צווישען נאַציאָנען. אינטערעסען צוטהיילען פעל־קער, פערעהרונג פון זשעניען פעראייניגט זיי. פראַפעטישע מעלאָ־דיען זאָגען פאראויס דעם זיעג פון מענשליכקייט..."

ווען דער קערפער פון דעם אונשטערבליכען קאָמפּאָזיטאָר איז געבראכט געוואָרען אין בערלין, האָבען מאסען מענשען בעלאגערט דעם וואָקזאל. בערלין האָט ניט געוואָלט אָבשטיין פון פאריז אין אָבגעבען כבוד דעם אָפּערן־קעניג, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין איהר שויס. די בעערדיגונגס־צערעמאָניעס זיינען דארום אויסגע־פיהרט געוואָרען מיט גרויסע פאראדען און לוקסוס. פון גאנץ דייטשלאַנד זיינען געקומען דעפוטאציאָנען פון אַלערליי מוזיקאַלישע געזעלשאפטען. צווישען די פערעהרער אין דער טרויער־פּראָצעסיאָן זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע און געזאַנדטע פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג האָבען זיינע ביטערסטע דייטשע קריטיקער געמוזט שוויי־גען. יעצט האָבען זיי שוין קיין אינטערעס געהאט איהם צו בע־קעמפפען און פיעלע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דעם כאָר פון לויבגעזאַנגען אין אַלע לענדער, וואו זיינע אָפּערעס זיינען נאָר גע־שפּיעלט געוואָרען.

אַ קורצע צייט נאָך דער בעערדיגונג האָט מען צו מעיערבעער'ס עהרע אראנזשירט א גרויסארטיגען קאָנצערט מיט לעבעדיגע ביל־דער פון אַלע העלדען און העלדינען פון זיינע אָפּערעס. אין מיטען פון דער סצענע איז געשטאַנען זיין ביוסט מיט קראַנצען פון לאָרי־בער־בלעטער. אין פיעלע שטעדט, אויסער פאריז, בערלין און מיי־לאַן, האָט מען געמאכט עקסטרא פאָרשטעלונגען צו זיין אנדענקען.

.13

„די אפרעקאנערין“.

ערשט א יאהר נאך זיין טויט האט מען אין פאריז אויפגעפיהרט „די אפריקאנערין“. זי האט געהאט אזא ביעזיגען ערפאלג, ווי די „הוגענאטען“ און „דער פראפעט“. ניט נאר אין פראנקרייך און איטאליען האט זי גענומען דעם עולם, זאנדערן אויך אין דייטשלאנד און ענגלאנד. אין א קורצע צייט האט זי געמאכט א רייזע איבער דער וועלט מיט א זעלטענעם טריאומף.

מעיערבעער האט ניט געקענט ערווארטען א גלענצענדערן ערפאלג פאר זיין לעצטע אפערע, וועלכע ער האט זיך געקליבען צו ענדיגען אין פערלויף פון אונגעפעהר צוואנציג יאהר. ווידער האט זיך זיין מוזיקאלישער זשעניע פערבונדען מיט סקריב׳ס האלב־היסטארישע, האלב־פאנטאסטישע, אבער שטענדיג דראמאטישע און לעבהאפטע ליברעטאס. דער היסטארישער פאקט פון „דער אפריקאנערין“ איז די רייזע פון דעם פארטוגעזער ים־פאהרער וואסקא־דע־גאמא צו ענטדעקען א וועג נאך אינדיען. ווי בעקאנט, האט ער דיזען וועג ענטדעקט ארומפאהרענדיג גאנץ אפריקא אין 1598. אבער אלע אנדערע איינצעלהייטען אין סקריב׳ס ליברעטא האבען גאר ניט צו טהאן מיט דער געשיכטע. עס איז א פאנטאסטישער ראמאן. סעליקא, א קעניגין פון אן אינזעל לעבען אינדיען, שטעלט עס פאר די אפריקאנערין. צוזאמען מיט נעלוסקא, איהרען אן אונטערטהאן, וועלכער ליעבט זי מיט א ווילדע ליידענשאפט, ווערט זי אויף אן אונבעקאנטען אופן פערשלעפט נאך אפריקא, וואו זיי פאלען אריין אין וואסקא־דע־גאמאס הענד אלס שלקאווען. אזוי ווי זיי זיינען גאר ניט עהנליך צו די נעגערן, זא דענקט דער פארטוגעזער ים־פאהרער, אז זיי קומען פון אינדיען. דאס פערשטארקט זיין גלויבען, אז מען קען צוקומען צו אינדיען מיט א שיף אויף א גאנץ אנדערן וועג ווי קאלאמבוס האט געפלאנעוועט, ווען ער האט זיך א לאז געטאן איבער דעם אטלאנטישען אקעאן און האט אין מיטען וועג זיך אנגעשטויסען אויף א נייע וועלט — אמעריקא.

וואסקא־דע־גאמא קומט דאַן צוריק נאָך ליסאבאָן מיט זיינע צוויי זאָנדערבארע שקלאַווען פון אַן אונבעקאַנטע לאַנד און ווענדעט זיך צו דער רעגיערונג מיט א ביטע מען זאָל איהם געבען שיפען פאר זיין געוואַגטע רייזע; נאָר אַנשטאָט שיפען קריגט ער א פּלאַץ אין די פינסטערע קעלערען פון דער אינקוויזיציאָן, וועלכע ערקלערט זיין פּלאַן פאר א גאָטלאָזען, א טייוועלשען. מען שפּארט איהם איין צוזאמען מיט זיין פּאָאר שקלאַווען. דערביי צייגט זיך ארוים, אַז די אַפריקאַנערין סעליקא איז שטערבליך פערליעבט אין איהר הערר, וועלכער ליעבט גאָר די שעהנע אינעסע, די טאָכטער פון א פּאָרטוגעזער אדעליגען.

אין דער צייט, ווען ער האָט געמאַכט זיינע רייזען אין אפריקא, האָט מען אין פּאָרטוגאַל פערשפּרייט א קלאַנג, אז ער איז אומגעקומען און זיין שיף איז געזונקען. דארום האָט אינעסע'ס פאָטער ביי איהר גע'פּועל'ט, אז זי זאָל חתונה האָבען מיט א געוויסען דאָן פּעדראָ. אָבער זי האָט איהם אזוי ליעב, אז זי ווענדעט אָן אלע איהרע קרעפטען איהם ארויסצורייסען פון דער אינקוויזיציאָן. דאָס געלינגט איהר ענדליך און זי געהט אוועק צוזאמען מיט איהר מאַן אין דער תפיסה, וואו וואסקאָ־דע־גאמא שמאַכטעט, אום איהם אָנצוזאָגען די פרעהליכע בשורה. ווען זי דערזעהט די שווארץ־חן'עווריגע סעליקא, ווערט זי אייפערזיכטיג; נאָר וואסקא־דע־גאמא שענקט איהר זיין פּאָאר שקלאַווען, אום איהר צו בערוהיגען. אין דער זעלבער צייט דערוויסט ער זיך, צו זיין גרעסטער פערצווייפלונג, אז זיין אינעסע איז שוין א פערהייראַטהע פרוי.

איהר מאַן בענוצט זיך דערווייל צו קריגען וואסקאָ־דע־גאַמא'ס פּלענער און קאַרטען, און אזוי ווי ער האָט א גרויסען איינפלוס אין קעניגליכען הויף, קריגט ער דריי שיפען און אַן ערלויבניס צו זוכען א וועג נאָך אינדיען. ער נעהמט מיט זיין פרוי און די געשאָנקענע פּאָאר שקלאַווען אין וועג. נאָר נעלוסקא, וועלכער פיהרט די שיפען, ווייל ער ווייס דעם וועג, זוכט נאָר אומצוברענגען די אייראָפּעער, אום סעליקא זאָל פערגעסען אָן איהר געליעבטען. ער קירעוועט אזוי די שיפען, אז צוויי פון זיי געהען אונטער ניט

ווייט פון די ברעגעס פון זיין פאטערלאנד. די איבערגעבליבענע דריטע שיף בעשליסט ער צו פיהרען צו זיין היימאטה, אום זי זאל אונטערגעהן ניט ווייט פון א שטורמדיגען ארט, וואו עס וועט איהם ניט שווער זיין צו רעטען זיך און זיין געליעבטע סעליקא.

אבער אין דער מינוט, ווען די שיף געהנטערט זיך צום גע־פעהרליכען ארט און נעלוסקא מיינט שוין, אז אט איז ער בע־פרייט פון די איינראפעער און וועט בלייבען מיט זיין סעליקא, בע־וויזט זיך פלוצלונג וואסקא־דע־גאמא'ס שיף. ווי נאר ער איז בעפרייט געווארען פון דער אינקוויזיציאן, האט ער אויספערקויפט זיין גאנצען פערמעגען און אויף אייגענע הוצאות איינגעריכטעט א שיף, מיט וועלכער ער איז אבגעפאהרען שנעל, אום איבערצויאגען זיין געמיינעם געגנער. דאך, ווען ער דערזעהט, אז דאן פעדרא'ס שיף איז אין געפאהר צושלאגען צו ווערען אן די שטיינער אונטער'ן וואסער אין דעם שטורמדיגען ארט, וואוהין נעלוסקא פיהרט איהר, לאזט ער זיין שיף שנעלער, אום אנצוזאגען זיין געגנער וועגען די געפאהר; אבער עס געלינגט איהם ניט צוצוקומען אין צייט, און די שיף קריכט ארויף אויף א שטיין. אין דער זעלבער מינוט כאפען זיך ארויף א סך אינדוסען אויףביידע שיפען און פאנגען אלע איינראפעער.

ווען זיי דערקענען זייער קעניגין סעליקא, ווערען זיי מלא שמחה. אום צו רעטען וואסקא־דע־גאמא, ערקלעהרט זי איהם פאר איהר מאן. גראדע ווען מען פראוועט אין איהר פאלאץ די חתונה צערעמאניע, דערהערט וואסקא־דע־גאמא טרויעריגע טענער. דאס זינגט אינעסע, וועלכע איז פעראורטהיילט געווארען פון די בראמי־נען פאר א קרבן צו די געטער. ער ווערט פערצווייפעלט, זיין ליעבע צו אינעסען ווערט אויפגעפלאמט, און סעליקא, וועלכע בע־מערקט עס, ווערט מיט א מאל אזוי גוטהערציג, אז זי אפפערט אויף איהר אייגענע ליעבע און הייסט בעפרייען אינעסען. אנ־פאנגס וויל זי נעהמען בלוטיגע ראכע פון וואסקא־דע־גאמא, אבער שליסליך הייסט זי איהר טרייען נעלוסקא אוועקפיהרען דעם פאר־טוגעזער קאפיטאן מיט אינעסע'ן, וועמעס מאן איז געטויטעט גע־

וואָרען פון די אינדוסען, אויף א שיף, אז זיי זאָלען קענען צוריק־פּאָהרען נאָך זייער פּאַטערלאַנד. נאַטירליך, נעלוסקא טהוט עס מיט דער גרעסטער פרייד, האָפענדיג, אז יעצט וועט סעליקא גע־הערען צו איהם; אָבער ער האָט א ביטערען טעות. זי פיהלט זיך אזוי נידערשלאָגען, איז אין אזא פערצווייפלונג, אז זי זעצט זיך אונטער א גיפטיגען בוים אויף א בארג, פון וועלכען זי קען זעהען די אָפּפאָהרענדע שיף, און אָטהעמט דעם גיפטיגען גערוך פון בוים, ביז זי פאַלט טויט גראדע אין דער מינוט, ווען פון דער שיף הערט זיך א קאַנאָנען־שיסעריי אלס צייכען, דאָס מען איז ארויס פון פּאָרט.

אָט דאָס איז דער מעלאָדראמאטישער אינהאַלט פון מעיער־בעער'ס לעצטע אָפּערע. סקריב איז געצוואונגען געווען אזוי פיעל מאָל צו ענדערען די ליברעטאָ, אז פיעלע ערטער קלעפּען זיך אפילו ניט. די סצענישע עפעקטען, די גלענצענדע מוזיק און בעזאָנדערס אייניגע מערקווירדיג פיינע און ריהרענדע אריען האָבען פערדעקט און פערדעקען נאָך ביז יעצט פיעלע חסרונות פון „דער אפריקאנע־רין". דארום האָט דיזע אָפּערע שטענדיג אַן ערפאָלג, ווען און וואו מען שפּיעלט איהר. זי איז אָנפאַנגס געווען אזוי לאַנג, אז מען האָט איהר ניט געקענט ענדיגען שנעלער ווי אין זעקס שטונדען צייט. מען האָט איהר דארום געמוזט פערקירצען און אויפפיהרען אין דער פאָרמע ווי מען קען עס יעצט זעהען אין א גוטען אָפּערן־טהעאַטער. אָבער צוליעב דעם האָט זי פערלאָרען א סך אין דעם צוזאמענהאַנג פון איהרע טהיילען, וועלכע זיינען אזוי אויך געווען שוואַך צוזאמענגעפלאָכטען.

דער פאַקט, אז „די אפריקאנערין" ציהט נאָך יעצט א גרויסען פּובליקום, בעווייזט אם בעסטען, וואָס פאר א קראַפט מעיערבעער האָט געהאַט אין דראמאטישע מוזיק און וואָס פאר א גרויסער מייסטער ער איז געווען אין אָפּערעס.

מעירבעער אלס מענש און אלס קאמפאזיטאר.

צום שלום וועלען מיר זאגען א פאאר ווערטער וועגען זיין צואה, ווייל זי צייגט, אז דער געניאלער קאמפאזיטאר איז אויך געוועזען אן ערלער מענש. זיין פערמעגען איז ניט געוועזען אזוי גרויס, ווי מען האט עס גערעכענט, ווייל זיינע אפערעס האבען איהם געקאסט א סך געלד און זיין פאמיליע האט געלעבט זעהר רייך. דאך האט ער איבערגעלאזען 10.000 טהאלער אלס א פאנד פאר יונגע קאמפאזיטארען צו בעזוכען איטאליען. פאר די ליעבהאבער פון דראמאטישע קונסט אין פאריז און פאר די פאריזער מוזיקאלישע געזעלשאפט האט ער אבגעזאגט צו 10.000 טהאלער. פיעלע האספיטאלען און וואהלטהעטיגע אנשטאלטען האט ער געשאנקען צו 1000 און 500 טהאלער. ביי'ן לעבען האט ער ניט איינמאל געהאלפען ארימע ארטיסטען און שרייבערס. אויף זיך זעלבסט האט ער געזשאלעוועט, און פיעלע האבען איהם דארום געהאלטען פאר א קארגען; אבער ער האט זיך קיינמאל ניט אבגעזאגט צו העלפען נויטבעדירפטיגע, בעזאנדערס פאעטען.

ווען מען פלעגט איהם פרעגען, ווארום ער האלט ניט א קארעטע פאר זיך און קימערט זיך אפילו ניט וואס זיין פאלטא איז אויסגעטראגען, פלעגט ער ענטפערן: „פריהער פאר אלץ בין איך אן ארטיסט און בין אויך שטאלץ, וואס נאך אלס 7-יעהריגער אינגעל וואלט איך געקענט זיך ערנעהרען מיט מיין קונסט. אין בערלין האב איך א וואהנונג נאך מיין פערמעגען און דא וויל איך ניט איבערגלענצען מיינע ארימע קאלעגען דורך שפיעלען די ראליע פון א גביר.“

ווי ווייט ער איז אין גאנצען געווען אבגעגעבען צו מוזיק, קען מען זעהן פון פאלגענדע ווערטער פון היינריך היינע:

„די ליעבע צו קונסט איז געווארען אזא ליידענשאפטליכע ביי אונזער גרויסען מאעסטרא, אז זיינע פערעהרער האבען מורא פאר זיין געזונד. צו דיזען קאמפאזיטאר איז ווירקליך צוגעפאסט די

אריענטאַלישע מעשה וועגען די וואקסענע ליכט, וואָס געהט אַליין אוים, ווען זי שיינט פאַר אַנדערע. ער איז אָבער דער ביטערסטער פיינד פון פאַלשע קלאַנגען, גערויש, געוואַלדען. מען דערצעהלט זעהר קאָמישע געשיכטען וועגען זיין האס צו קעץ און זייערע קאָנצער־טען. ווען א קאַץ וואָלט נור אריינגעקומען אין זיין וואָהנונג, וואָלט ער אַנטלאָפען אָדער געפאַלען אין אונמאַכט. איך בין זיכער, אז מעיערבעער וואָלט זיך מקריב געווען פאַר א מוזיקאַלישע נאָטע, ווען מען וואָלט עם דארפען, גראדע ווי אַנדערע פאַר זייער רעליגיאָן. איך דענק נאָך, אז ווען ביי דעם לעצטען געריכט אין הימעל וואָלט א מלאך דערלאַנגט א פאַלשען טרומייטער, וואָלט מעיערבעער גע־בליבען ליגען אין זיין קבר און ניט אויפגעשטאַנען צו תחית המתים.״

וועגען זיין מוזיק קען מען אין אַלגעמיין זאָגען, אז זי געהערט ניט צו קיין שולע און צו קיין נאַציאָן. זי איז דער פּראָדוקט פון אַן אַלוועלטליכען זשעניע מיט אַלע איהרע מעלות און חסרונות. ער וואָלט פּיעלייכט געבליבען א דייטשער קאָמפּאָזיטאָר, ווי ער האָט עס אָנגעפאַנגען, ווען ער וואָלט ניט עטליכע מאָל פּעריאָגט געוואָ־רען פון זיין פאַטערלאַנד דורך די ביטערע אַטאַקעס פון די קריטי־קער. די פראַנצויזען רעכענען איהם פאַר זייער קאָמפּאָזיטאָר און שטאָלצירען מיט איהם. געוויסער מאָסען האָבען זיי רעכט, דען נאָר אין פראַנקרייך, וואָס איז געוואָרען זיין צווייטעס פאַטערלאַנד, און אונטער דעם איינפלוס פון פראַנצויזישע מוזיק, קונסט און לעבען האָט ער אין פולסטען גלאַנץ ארויסגעוויזען זיין טאַלאַנט; אָבער זיין ערציהונג איז דאָך געווען א דייטשע און ער האָט לאַנג געלעבט און געשטודירט אין איטאַליען, שוין ניט ריידענדיג פון דעם, דאָס אין זיינע אָדערן האָט געפלאָסען אידישע בלוט.

פיעלע פון זיינע געגנער, בעזאָנדערס ריכארד וואַגנער, וועלכער איז זיכער געווען א גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, אָבער אויך א זעהר מיאוס׳ער כאַראַקטער, האָבען איהם געזוכט אויך צו ערנידריגען דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיינע אָפּערעס אידישע מוזיק. ווען דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט זיך מעיערבעער גאָר

ניט געדארפט שעהמען מיט אידישע מוזיק. שעהמען האָט זיך געדאַרפט דער אנטיסעמיטישער וואגנער, דען אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געגויטיגט אין מעיערבעער׳ס אונטערשטיצונג, האָט ער צו איהם געשריעבען: „האָכגעשעצטער מאַעסטראָ“ און האָט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט גענומען ביי איהם די רעקאָמענדאַציאָנען, און נאָכהער, ווען ער איז געוואָרען אונאבהענגיג, האָט ער איהם אויף דער נידריגסטער ארט אויסגעזידעלט אין זיין אנטיסעמיטישען בי־כעל: „דאָס יודענטהום אין מוזיק“. ער האָט עס אויך געטהאָן ווי א פייגלינג, דען ער האָט מורא געהאַט צו דערמאָנען מעיער־בעער׳ס נאָמען.

מיר וועלען ענדיגען מיט די ווערטער פון אנטאָן רובינשטיין, דעם געניאַלען אידישען קאָמפּאָזיטאָר אין רוסלאַנד:

„מעיערבעער איז געוואָרען א טיפּ פון דער גרויסער פראנצוי־שער אָפּערע. דיזער קאָמפּאָזיטאָר איז צו פיעל אויפגעהויבען גע־וואָרען ביז׳ן הימעל אין פראנקרייך און צו פיעל ערנידריגט געוואָרען פון ערנסטע קריטיקער אין דייטשלאַנד. עס איז אמת, ער איז ניט אָהן פעהלערען אין זיין קונסט; אָבער פיעלע מוזיקאַנטען, וואָס טרעטען ארויס געגען איהם, וואָלטען זעהר צופריעדען געווען, ווען זיי וואָלטען אין שטאַנד געווען איהם נאָכצומאכען.“

ע נ ד ע.

קאטאלאג
פון די
אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פּרייז

פּיליפּ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד .... 75.
〃 〃 פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען 1.00
〃 〃 אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... 50.
〃 〃 יציאת מצרים, פּאַפּיער .... 15.
〃 〃 וואָס הייסט נאַציאָן .... 10.

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער,
פּאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער 1.25

מאָריס ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00
〃 〃 〃 〃 〃 〃 2 〃 1.00
〃 〃 〃 〃 〃 〃 3 〃 1.00
〃 〃 נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25
〃 〃 〃 〃 〃 〃 〃 5 〃 1.25
〃 〃 〃 〃 〃 〃 〃 6 〃 1.25

	פרייז
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באנד	.75
" אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
דר. קאספע, מעכאניקע	.10
" " כעמיע	.15
" " אסטראנאמיע	.15
יהואש, געזאמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גארדין, ערצעהלונגען, געבונדען	.75
" " סאפפהא	.25
" " גאט, מענש און טייפעל	.25
" " אלישע בן אבויה	.15
" " דער אונבעקאנטער	.20
" " די אמת'ע קראפט	.20
מאקסים גארקי, ערצעהלונגען	.15
" " אינטערוויוס	.15
ליעוו טאלסטאי, איינציגער מיטעל	.5
" " פאטריאטיזמוס און רעגירונג	.5
" " צום ארבייטער פאלק	.15
דר. ח. זשיטלאווסקי, דער סאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען	.75
מ. בארונאוו, דער מענש און די נאטור	.10
לעאפ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא	.20
הענריק איבסען, די גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס........................	.5

	פרייז
דזשאהן סטוארט מילל, פרייהייט, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען אָריגינאַל מיט אַ ביאָגראַפּיע פון פּערפאַ־סער, פון דר. י. א. מעריסאָן, מיט אַן הקדמה פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, געבונדען	.75
דר. פּאול עלטצבאַכער, דער אַנאַרכיזם, איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, געבונדען	1.00
מיכל קאַפּלאַן, גהעטאָ־קלאַנגען	.25

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

א פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען
דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען
ליעסינג'ס געזאַמעלטע ליעדער
יודישע פאָלקס-ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן
דער מטורף, דראמא אין 4 אַקטען, פון יעקב גאָרדין
ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאַפעריי פון אונזער צייט
" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט
" " די אויפשטעלונג פון גיהנם
" " וועגען דער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד
" " תחית המתים
היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי
געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין

אַדרעסירען:

The International Library Pub. Co.
102 & 104 W. 38th ST.
NEW YORK.